STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10735

# DER YUDISHER FAR-PEYSEH

M. A. Schatzkes

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

# דער יודישער פאר-פסח

אדער

## מנהג ישראל

א ספור נפלא פון דעם ארט לעבען פון אונזערע יודען, און ביותר אין דער ליטא, וויא אזויא עס פאסירט זיך אין דער צייט פון פורים ביז פסח, אינטרעסנע סצענעס, און וואונדערליכע מעשיות, וואס זענין באמת הפלא ופלא, קריטעש בעטראכט אלע מנהגים, און אלע פאראדקעס, בעשריבען איז דאס אללעס אביסעל סאטירעש, אפט מיט א רעכטע מלתא דבדיהותא, מהיכא תיתי זאלען טאקי דיא לעזער נחת האבען פאר זייערע עטליכע גראשען, און אביסעל לאכען אויך.

ממני

המרמ״ז רמוז ומגלה טמירין אזרח ותושב מארץ הנגב.

והמנהג כמנהג יהוא בן נמשי
כי בשגעון ינהג (מ״ב ט׳ כ׳).

בהוצאות בית מסחר הספרים של מרדכי קאצאנעלענבויגען בווילנא.

ווארשא

דרוק פאן אלעקסאנדער גינז, נאייע זיעלנא שטראססע № 47

תרנ״ו

# „ДЕРЪ ИДИШЕ ФАРЪ ПЕСАХЪ.“

## ЕВРЕЙСКОЕ ПРЕДЪ ПАСХИ.

состав.

М. Зеликовичомъ.

IIое изданіе по С.-Петербургскому
М. Каценеленбогена въ Вильнѣ.

ВАРШАВА.

ВЪ ТИПОГРАФІИ АЛЕКСАНДРА ГИНСА.

Новозельная № 47 (1064 D)

1896

ISIDOR HURWITZ LIBRARY OF THE J. C. R. S.

3

Дозволено Цензурою.
Варшава, 18 Октября 1895 г.

ISIDOR HURWITZ
LIBRARY
OF THE
J. C. R. S.

— 681 —

# פאררעדע.

אין כח בעט, עס איז נישט דא קיין קראפט אין דער פעדער, צו פארשטעלען ריכטיג דיא גרויסע שמחה און פערגעניגען, וואס דער שטארקער ליבהאבער, פון געשיכטע, האט בשעת ער געפינט דיא גרויסע מציאה, וואס זיא איז ביא איהם טייערער פון כל סגלת מלכים, וואס איז דאס? נאר איין אלטער מאנוסקריפט (כתב יד), אין וועלכען עס זענען בעשריבען דיא מדות, און דאס לעבענסארט, חקים ומשפטים, מנהגים וסדרים, פון דיא פאריגע דורות, דאס איז גוט באקאנט דער געלערטער וועלט, מען דארף אין דעם ניט פיעל מאריך זיין.

דעריבער ליבע לעזער! וויא מען זעהט ארויס גאר דייטליך און קלאהר, אז אונזערע יודען אין רוסלאנד ווערען נשתנה פון טאג צו טאג, טרעטען אפ מיט ריזען שריט, פון דעם אלטען וועג, רעפארמירען זיך אין פיעל הינזיכטען, קאן מען זיך לייכט פארשטעלין וויא דיא שפעטיגע דורות וועלען זיך געוויס קיין בעגריף ניט קאנען מאכען פון דיא יעצטיגע פארמעס און פאראדקעס פון דיא יודען, זייא וועלין גאר ניט וויסען דאס לעבען וואס זייערע עלטערען האבין נעביך פאר בראכט גאר זייערע יאהרען אין צרות, און אין דחקות.

פרעגט איך בעט אייך, איבער וואס? נאר איבער דומהייט און שטותים, פון נארישע און שעדליכע מנהגים, וואס קיין יוד וייסט ניט, ווער עס איז גיוועהן דער ערשטער משוגע, וואס האט געוויס גיהאט א בלבול המוח, און האט אזעלכע שטותים אריינגעבראכט אין דער יודישער געמיינדע, — כמעט ניט אפילו איינעם פון טויזינד, איז גאר פאר געקומען אופן מוח א קלעהר צו טאהן „הא? געוואלד געשריגען!“ אפשר זענען מיר גאר נארראנים? נאך וואס זאלען מיר האלטען אזעלכע פוסטע צערעמאניעס פאר דינים הלכה למשה מסיני? אפשר איז גאר א סברא, אז מיר ווערען פאר שווארצט און פאר פינסטערט אומזיסט? חלעבען עס וואלט אפשר גאר ניט קרים געוועהן אביסעל מבטל זיין אזעלכע קינדערשע

שפילעכלך

שפילעכלך, געניג זיך שוין נאך שלעפען וויא דיא שעפעלעך נאך דעם בלינדען פאסטוך.

נאר חס ושלום אזעלכע חקירות ודרישות, האט קיינער קיין העזה גיהאט זיך פארנעמען, דער ניט בעקלערטער זאך „מנהג ישראל תורה" האט פאר זיגעלט מיט א היילינער חתימה, אלע שטותים, הבלים און פוסטע זאכען, און האט זייא געשטעלט אויף איין מדרגה מיט דיא דינים וואס „יהרג ואל יעבור" – נא לאמיר באמת פארשטעהן דיא ווערטער „אידישער מנהג איז א תורה?" וואס איז דאס א מנהג? דער עלטער זיידע אדער יענער אלטער מאן האט אזוי געטאהן, נא דאס איז דער פשט פון דעם ווארט „מנהג" נא לאמיר קלעהרען וואס איז געוועהן דער אלטער מאן? אפשר א נביא, אדער א חכם, וואס איז חשובער פון א נביא? דאכט זיך ניין, נא, קאן דאך זיין אז ער איז אפשר א שוטה ופתי און א מאמין לכל דבר? אי וואס? ער האט דאך דאס אויך בקבלה געהאט פון זיינע עלטערין, אט דאס איז טאקי א קלאץ קשיא, איך האב פיינד צו זאגען, איהר מיינט בוודאי אז א זיידע איז שוין גאר א גרויסער תקיף, אבער גאר לא, דער גאנץ עלטערער מאן האט אויך גיקענט זיין א גרויסער נארר, און איין עם הארץ אויך דער צו, עס איז נאר שווער גיוועהן, און אפשר גאר גרינג דעם ערשטען נארר צו פאלען אויף א רעכטען נארישקייט, דער נאך איז דאס שוין איבער גיגאנגען וויא א מזמור, פון איין נארר צום אנדערען, פון שוטה לשוטה, ביז עס איז גיווארין א מנהג ישראל, און אגב אורחא גאר א תורה.

איך ווייס אז א פריהמער יוד וועט זיך ניט קאנען אויפהאלטען, און וועט געווים א פרעג טאהן, נאך דער שיטה, זענען מיר דאך ניט זיכער מיט אלע דינים, וואס מיר האבין זייא אויך נאר בקבלה איינער פון דעם אנדערען? אבער אויף דער שטארקער קשיא, וועל איך איהם ענטפערען קורץ און שארף, א מנהג איז ניט קיין דין, א דין האט דאך א מקור און א שורש אין דער תורה, אבער צום ווייניגסטען אין דער גמרא, אבער א מנהג, איז דאך דער פשט: דער עולם פיהרט זיך אזויא, חאטש אפילו מע ווייסט ניט קיין שום מקור דער צו, קאן דאך זיין אז דאס איז אפשר גאר א שטות, וואס האט זיין גלייכען נישט.

א מופת דער צו, איז דער „מנהג פון כפרות שלאגען", וואס עקסעסטירט בייא אלע יודען גאנץ שטארק פון א לאנגער צייט, און האט שוין גאר א פנים בייא אונז וויא א דין תורה ממש, מע פרעגט שוין דאך גאר שאלות, וואס זאל טאהן א אשה מעוברת? וויא אזויא זאל זיא שלאגען כפרות?, פיללאייכט טראגט זיא א צווילינג, אדער אפשר גאר דרייא נפשות? א קשיא אויף א מעשה!

נא דיא פוסקים אחרונים האבען זיך אפשר קיין צייט ניט גענומען, אפילו אין אזעלכע פארשימעלטע געשעפטען אויך געבען געזעצע? אונ טאלקעווען אזויא שטארק, אשטעהגער וויא דיא כפרות שלאגען וואלט באמת געוועהן א פסוק מפורש אין דער תורה הקדושה, — פון דעסטוועגען האט דער בית יוסף בפירוש געזאגט אין שלחן ערוך: (אין דיא יעצטיגע דרוקען, האט מען שוין דאס ארויס געווארפען, עס לוינט ניט פאר דער טאקסע) „אז דאס איז א מנהג שטות" דער פון קאן מען שוין גוט ארויס זעהן אז א מנהג וואס ער איז אפילו גאנץ אלט, קאן דאס אויך זיין פון דעסטוועגען א מנהג שטות והבל, וואס האט גאר קיין שום ממשות ניט.

איך וויים אז אונזערע לייט קאננען זיך איין עצה געבין (דאס קעפיל איז חריף) אונ זאגען אז היטען דיא מנהגים, איז איין ארט „כבוד אב" מילא נאך דעם גאנג, מוז מען נאך טאהן אונזערע עלטערען, טאטש אויב טאטש, הא? א סברא? וויא זאגט איהר? חלעבען א גוטער פלאן, זיין א טיפש, א חסר דעת, אונ גלויבען אז יעדער מענש מוז נאך טאהן אלע צערעמאניעס וואס זיינע עלטערען האבין געטאהן, חאטש ער זעהט אונ פארשטעהט, אז דאס איז תוהו ובוהו, אונ גאלע שטותים, „כבוד אב" איז נאר אין וועלט געשעפטען, אבער ניט אין רעליגיאנס זאכען.

קומט נאר אהער, איהר נארישע פריהמע לייט! איך וועל אייך יא פרעגען א קלאטץ קשיא, זאגט מיר, איהר זענט אפשר פריהמער פון אברהם אבינו? א קשיא אויף אייך, נאר מיר דאכט אז איהר אליין וועט אויך מודה זיין, אז מיר זענען אקעגען איהם, אי אין שכל, אי אין מוסר, וויא א פליג געגען א העלפאנד, — נא וואס איז געוועהן דיא מעשה מיט איהם? פאר וואס האט אברהם אב געטרעטין פון זיין דור'ס וועג? פאר וואס האט ער אוועק געווארפען אלע מנהגים, אלע צערעמאניעס פון זיינע עלטערען?

איהר מיינט אפשר אז תרח האט גאר קיין צער געהאט פון זיין זוהן אברהם, וואס אין זיינע אויגען איז ער נחשב געוועהן געוויס פאר א בן סורר ומורה? גאנץ געוויס האט נאך דער תרח טאג טעגליך געשטראפט זיין טייערען זוהן מיט אזעלכע ווערטער: „זעה אברמיל, קוק זיך ארום, ווארף אוועק דיינע שטותים, דוא געהסט ניט בדרך הישר, דוא ווילסט זיין קליגער וויא דיין טאטע אונ דיין זיידע אונ דיא גאנצע וועלט, דוא מיינסט אין אמת אז דוא ביסט שוין גאר א גרויסער פילוסוף, דוא מאכסט חוזק פון דער גאנצער אמונה, פרעגסט אלעם קשיות, דוא ווילסט אלעם פארשטעהן מיט דיין קינדערשען שכל, פרעגסט וויא קאן דאס זיין?, דוא האסט א שטאלץ צו פרעגען פון וואננען ווייסט מען דאס אלעם?, אי געוואלד אברמיל! זעה וואס פאר א שלעכטען שם דוא האסט געקריגען אין

שטעטיל

שטעטיל, אלע דייטען דאך אויף דיר מיט דיא פינגער „אט געהט אברמיל תרח׳ס, אט געהט דער אפיקורס״ ווער וועט וועלען זיך מיט דיר משדך זיין? עס איז מיר פשוט א חרפה אופן גאס ארויס צו געהן, גאטט ווייסט צו וואס דוא קאנסט קוממען״ 1).

נא אדרבה פרעג איך אייך: וואס איז באמת געוועהן דיא געשיכטע מיט אברהם אבינו? וויא איז מען דאס אזוי מורד געגען אזוי פיעל עלטערע מענשען, געגען אלטע מנהגים, אונ געגען דער גאנצער אמונה? פאר וואס האט ער ניט געלעגט כבוד אויף זיינע עלטערען? נאר דיא מעשה איז גאר פשוט, מען דארף דער צו גאר קיין גרויסע פילוסופיא האבין, דאס שטיקעל שכל הישר איז פיעל וויכטיגער וויא דער אלטער מאן.

איינער א קליגער תלמודיסט ר׳ אביהו, האט זיך אין איין ארט זעהר גוט אויסגעדרוקט, בשעת אז ר׳ ירמיה האט איהם געזאגט: „פשיטא דהלכתא כוותין״ עס איז זעכער דער דין וויא מיר זאגען, „דקשישנא מינייכו״ ווארום מיר זענען עלטער פאר אייך, „ולאו הלכתא כוותייכו״ אונ דער דין וועט ניט זיין וויא איהר, „דרדקי אתין״ ווארום איהר זענט נאך יונגע מענשען, נא אויף דעם האט איהם ר׳ אביהו גיגעבען א קליגע תשובה בזה הלשון: „מידי בקשישותא תליא מלתא? בטעמא תליא מלתא! (ב״ב קמ״ב) עס הייסט: יעדער זאך איז נאר דאמאלס וויכטיג, ווען דיא סברא איז דער צו מסכים, אבער ניט אז יענער אלטער מאן איז דער צו מסכים.

על כן אז אונזער פאטער אברהם דער ערשטער וואס האט דערקענט דעם אמתין איינציגען גאטט, וואס אחוץ דעם אלעמען איז ער געוועזן דער שטארקער בעל שכל, אונ דער גלייכער בעל סברא, דער גרויסער קריטיקער מיט א געזינדען מענשען פארשטאנד, האט בעטראכט דיא גאנצע געצינ־דינערייא פון זיין דור, וויא זיא איז דורך הבל הבלים, איין שטות גרעסער פון דעם אנדערען, גאללע שקרים וכזבים, פון חלומות, מתים, לחשים אונ קמיעות, פון שדים, רוחות, לצים אונ מזיקים, מכשפים אונ מכשפות, — האט ער א קלעהר געטאהן, בייא אזוינע וויכטיגע ענינים גיבט מען ניט קיין כבוד דיא אלטע לייט מיט זייערע נארישע איינבילדיגען, איך מוז געבען כבוד מיין אייגענעם שכל וואס דאס איז א מתנה פון גאטט.

אי וואס וועט איהר זאגען, דיא גאנצע וועלט איז דאך ניט משוגע,

דער

---

1) אזויא וויא עס האט זיך טאקי אויס געלאזט דער סוף, אז נמרוד האט איהם טאקי געוואלט ממש אומברענגען פון דער וועלט, אונ פאר וואס? ניט חס ושלום פאר קיין שום פאר ברעכען, נאר איבער רעליגיעזע ענינים, נאר איבער דיא אלע זייערע נארישע מנהגים.

דער גאנצער כלל קאן דאך קיין נארר ניט זיין ? זיין דאס איז א נארישע חקירה, לאמיר גוט פארשטעהן, פון וואס בעשטעהט א כלל ? ווער איז דיא גאנצע וועלט ?? נאר פון אסך איינציגע מענשען ווערט א כלל, פארשטעהט מען דאך אז אויב יעדערער איינציגער מענש קאן זיין א נארר קאן דאך שוין א כלל אפילו פון טויזענדער מענשען אויך זיין דורך נארנים, ווארום באמת איז דאך „אין בכלל אלא מה שבפרט" דער כלל בעשטעהט דאך נאר פון דיא פרטים, נא איז פון פיעל איינצעלע טפשים געווארין א כלל דורך אוים פון שוטים ופתאים, דער פסוק זאגט אויך דאס זעלבע „לא רבים יחכמו" מיינט ניט א סך מענשען אין איינעם מוזען זיין קליג, איין קליגער מענש איז פיעל וויכטיגער וויא דיא גרעסטע געמיינדע נארנים — מע זעהט דאך אז אללע סיסטעמען אין דער וועלט, זענען דאך נאר ארוים פון איינצעלע מענשען, דער כלל ווייסט גאר ניט, ער טראכט גאר ניט — אט מיט אזא קליגען גאנג האט אברהם אבינו אפגעטרעטען פון דעם נארישען רעליגיאן פון זיין דור, חאטש זיינע עלטערין זענען געוועהן פון דער מעקטע.

באמת, האבען בעדארפט אונזערע יודען נאך געהן נאך אונזער טייערען פאטער אברהם, יעדע זאך בעקלערען מיטין שכל הישר, זעהן בעטראכטען יעדער מנהג, יעדער פאראדאק, צו האט ער עפים א ממש, אדער ניין ?, צו איז ער באמת א דין תורה, אדער גלאט א שטיקעל חומרא פון א פוסק א פאנאטיגער, וואס האט קיין חס ניט אויף יודעש געלד זייערע מיהע און מאטערניש, ער מיינט אז דיא גאנצע קונסט פון א פוסק איז נאר אלעס מחמיר צו זיין, ער פאר געסט אז „כחא דהיתרא עדיף" (קידושין דף ס') דער קונסט און קראפט פון מתיר זיין, איז פיעל בעסער און פיעל נייטיגער, מע דארף א מאהל גאר א קלעהר טאהן, אפשר איז דאס גאר א מנהג פון אלטע נארישע ווייבער ? נא ! נא ! פון אזעלבע שגעונות איז אויך כדאי אפשר פאר שווארצט צו ווערען ? דער פאר וועט מען אויך האבען עולם הבא ? וויא קלעהרט איהר יודען ? א מענש וואס האט נאר א שטיקעל קלעפקע אין מוח, וואס ער איז נאך ניט גוט משוגע געווארען, קאן גלויבען אז פאר כפרות שלאגען, געהן צו תשליך, שמייסען דיא סטענדערעם מיט דיע הושענות, שלאגען זיך מלקות בלומערשט פון שמש ערב יום כפור, (וואס דאס איז שוין גאר א כבוד געווארען, און דער געשמיסענער האט גאר דער פון נחת ניט קיין צער חלילה), פאר קויפען המץ דעם באד גוי ערב פסח אויף געלעכטער, פון אזעלבע מצות זאל מען אויך האבען עולם הבא ? — נאר אויף אזעלבע שטותים און הבלים וואס מאבען דעם יודען קיין ענגשאפט אין לעבען, קאן נאך דער עקשן דער שוטה זאגען : וואס מאך איך דא קאליע ? לאז זיך מיר דאכטען אז דאס איז גלאט

א שפילכען

א שפילכען, אין וויניג נארישקייטען פאר ברענגט מען דען א מאהל דיא טייערע צייט?

נא זאלל שוין זיין אזויא, דוא ביסט גערעכט, אבער וואס זאגסטו צו דיא שטותים וואס מאכען געבאך אונגליקליך דעם יודען?, דאכט זיך אז עס וואלט שוין צייט געוועהן זיך ארומקוקען, אונ מבטל זיין אזויגע געפעהרליכע פאראדקעס כעפרא דארעא, — וויא פיעל איז דער שיעור זיין א נארר? וואס פאר גליקען האבען מיר דער לעבט פון אונזערע נארישע גענג? זעהט איהר, דאס האבען מיר יא דער לעבט: צרות, דחקות, ניט עסען, ניט טרינקען, קריג, שלעק, חרפות אונ בישות.

נא וואס שוואגען מיר?, דער יוד וויל זיך ניט ריהרען פון דעם ארט, ער איז אונטער געדריקט אונטער דער משא פון דיא אללע פארמעס, אונ ער קאן זייא פון זיך ניט אראפווארפען, פאר וואס? ווער האט דאס אויף אונז ארויף געלעגט? ווער לאזט אונז ניט זיך לויז מאכען פון דיא דאזיגע הבלים?

ווייסט איהר ליבע לעזער, וואס פאר א פנים דאס האט? דאס איז אקוראט וויא מען לייגט ארויף אויף איין הינדיק (וואס אין דער נאטור געשיכטע האלט מען איהם נעבאך פאר א גרויסען שוטה) א שטרויא אופן קעפיל, זיצט ער אונ ריהרט זיך ניט פון דעם ארט, איהם דאכט זיך אז אויף איהם ליגט א משא פון כמה פוד, אי דיא פתי טיהע זיך נאר א ריהר וועסטו זעהן? ניין ער האט מורא, אי וואס וועסטו אנווערען, דיא מעגסט דאך מאכען א פראבע, אפשר וועט דאס דיר אפגילטען, אונ דיא משא וועט אראפ פאלען דורך דיין בעוועגונג? ניין! ער איז אבער במחילה אזויא א נארר אז ער מיראכט גאר אז אפילו פרובען זיך איז אויך איין עבירה.

אט אזוי ריכטיג זענען אונזערע יודען להבדיל, מיר רעכינען דיא אלע שטותים וועלכע זענען גרינג וויא שטרויא פאר וויכטיגע ענינים, אונ דאריבער ליגען זייא אויף אונזער קאפ וויא גרויסע משאות, אבער אין גרונד ווען מיר וואלטען זיך נאר איין טרעסקע געגעבען, וואלטען זייא אללע פון אונז אוועק געפלויגען כמוץ לפני רוח, וויא א פאלאווע פארען ווינד.

אבל לכל עת, אויף אלעם קומט א צייט, דער הינדיק מיטן שטרויא אופן קעפיל זיצט אויך ניט שטענדיג אויף זיין ארט, ווען ער אליין האט טאקי קיין שכל ניט זיך צו העלפען, קומט א פרעמדער אונ טרייבט איהם אוועק פון זיין ארט, דער וויל פליהעט אראפ דער שטרויא פון דעם קעפיל, — אונ אזויא קלעהר איך וועט זיין מיט אונז: ווען מיר אליין האבען זיך מורא א ריהר צו טאהן, וועלען אנדערע סבות אויף העבען אונז, ביז מיר וועלען פון זיך אפ טרעסקען דיא שטרויענע מנהגים, אונ מיר וועלען אויפהערען זיין בבחינת „הינדיק".

עס

עס ווייזט אויס (אפשר האב איך א טעות הא ?) אז מיר ריהרען זיך שוין עטוואס, מיר פיהלען שוין אז אויף אונזער קאפ ליגט ניט אזעלכע שווערע משאות, וואס איז ניט בכח לויז צו ווערען פון זייא, מע דארף זיך נאר שטארק ריהרען, אונד מאכען בעוועגונג, וועלען דיא אלע שטרויענע דינים ומנהגים, אוועק פליהען פון אונז וויא דיא רוחות.

אשר על כן קוראים יקרים! זעה איך דאס פאר א חוב, צו לאזען למזכרת עולם, דעם גאנצען פאראדאק פון פורים ביז פסח, וויא עס האט זיך געפאסירט ביי אונזערע יודען, וביותר אין דער ליטא. איך בין זעכער אז דיא שפעטיגע דורות וועלען מויל אונ אויערען אויף שטעלען, צו הערען דיא צרות אונ דעם שווערען שעבוד, וואס זייערע עלטערען האבין געליטען אין דער דאזיגער צייט, א סך פיעל ערגער אונ שווערער וויא דיא יודען אין מצרים, ווארום דאמאלס איז דאך לכל הפחות געוועהן וואס צו עסען, וויא מען זעהט ארויס פון דעם וואס דיא יודען האבען גזאגט אין דער מדבר: „זכרנו את הדגה, בשבתנו על סיר הבשר (במדבר י"א ה') באכלנו לחם לשובע (שמות י"ו ג')" נא זעהט מען דאך אז לכל הפחות עסען איז געוועהן פלייש אונד פיש, אפילו ציבאלים, קנאבעל, אונ קאוואנעס אויך, אבער יעצט איז דאך ב"ה פון פלייש קיין רעדע ניט, אפילו דער פאר פלוכטער קרופניק איז אויך נישט דא אין דער צייט, אזוי וויא איהר וועט דא הערען.

שרעקליך אונ שודערהאפט וועט זיין צו הערען, וויא מענשען פלעגען זיך מאטערן א גאנצען חודש אין קאטערזשנע ארבייט, אונ זייט אדרבה א בעלן צו פרעגען פאר וואס? צו ליעב וואס? ווער האט אזוי אויפגעהאנגען אזא גרויסען לינג אונ לעבער אויף דער נאז?, נאר ווער וועט איך ענטפערען? ווער ווייסט? אונ ווער וויל גאר וויסען? אט אזוי האבען דיא פאר פלוכטע נארישע מנהגים אונז נידער געשלאגען, אונ פאר שטאפט דיא מוחות, דיא אויגען גוט פאר קלייבט, ביז עס האט זיך אויס געראבט אז אזא ליבער סדר, אונ אזא פאראדאק עקסעסטירט ביי יודען נאך פון מתן תורה אן עד היום הזה. —

אפילו אין יעצטיגער צייט, איז נאך אפשר דער ספור ניט אזוי נייטיג, ווארום אין דיא קליינע שטעדטלעך, זיצט נאך דער עולם, גאנץ רוהיג וויא דיא הינדעקעס מיט דיא שטרויענע מנהגים אויף דיא קעפלעך, אונ ריהרען זיך ניט פון דאנען אהין, זייא רעכענען גאנץ שטארק אז זייא זענען בעשווערט מיט גרויסע משאות, וואס מע קען פון זייא בשום אופן ניט פטור ווערען, אונ אפילו אין דיא גרעסערע שטעדט, וויא פיעל מענשען ריהרען זיך שוין יא אביסעל, אונ פיהלען שוין אז מע קען טאקי א שאקעל טאהן מיט דעם קאפ, אונ דיא שטרויא וועט אוועק פליהען אין אלדע רוחות, אבער אין דיא אונטער גאסען, זענען נאך אלע אמתע הינדעקעס, (מיינע רייד זאל זייא

ניט

ניט צו שווער זיין) , נא וואלט דאך אפשר א פלאן געוועהן גאר ניט דרוקען יעצט , בעסער לאזען דעם ספור אין א מאנוסקריפט , אונ דיא שפעטערע חוקרי קדמוניות , זאלען דאס געפינען , אונ מאכען דער פון א גאנצען וועזען .

נאר איך קלעהר אבער , אפשר וועט דאס יעצט אויך העלפען אחד מן אלף , אונ ער וועט אביסעל דורך דעם ספור קליגער ווערען , אונ ווערען אוים היגדיק , אפ שאפען אביסעל ארבייט אין זיין שטוב , אונ וועט מיט עטליכע טויזענד קללות וויניגער הערען , פון זיין ליטוואטשקע איבער דעם חודש , נא דאכט מיר אז עס איז פארט כדאי דאס אפ צו דרוקען , הא ? וואס זאגט איהר , חלעבען איך וויל זיך טאקי מיט אייך מישב זיין , היינטיגע צייטען איז דאס קערביל זעהר שוועהר , א קונץ זיך אריין ריקען מיט עטליכע גילדין אין דרוק ? אונ דער נאך שרייא חי וקים .

איך קלעהר אפילו , אז דאס בעדארף א סך מעהר נוטצען ברענגען , וויא למשל ספרי פלפול , וואס דרייען א מוח אויף אזעלכע פרעדמעטען , וואס איז גאר באמת קיין מענשען ניט נוגע , צום ביא שפיעל : איינער א גרויסער געוויסער גאון , פיהרט א גאנצען פלפול , נאר אוים ווייזען , אז דער (מעיל) ראק פינ'ם כהן גדול איז געוועזין נאר דווקא מיט איין ארביל , א קוק איז דאס , איך האב פיינד צו זאגען , קיינער האט נאך ניט בעמערקט , נאר זאלל שוין זיין אז ער איז גירעכט , בלייבט דאך גלאט דיא קשיא פון דער גמרא , „מאי דהוה הוה" וואס עס איז געוועהן איז געוועהן , וויא איינער רעדט : וועמעס באבעס דאגה איז דאס ? אונ ווידער וואס איז דער תכלית פון אזא פלפול ? דער פון וועט אפשר ווערען פלייש בילליגער ? דיא ערציהונג אפשר וועט זיך דער פון פאר בעסערין ? אפשר מבטל זיין איניגע חומרות , וואס דיא פוסקים אחרונים האבען גוזר געוועהן מיט זעהרע פאנאטיזמוס ? דאכט זיך געווים ניין , והא ראיה , דער ספר איז שוין ארוים פון דרוק כמה יאהרען , אונ וויא עס ווייזט אוים , האבין אלע גדולים באין ברירה מסכים געוועהן אז דער כהן גדול האט טאקי געטראגען א ראק מיט איין ארביל (חלעבען ניט מיאום ?!) , אונ פון דעסטוועגען האט זיך נאך אין דער ליטא קיין שום פערבעסערונג נישט גמאכט פון דאנען א היען .

שוואגט נאר ! פון וואס דען קאן מען פארט געהאלפען ווערען ? , אפשר פון ספרי שאלות ותשובות ? א קשיא אויף א מעשה , עס קאן זיין אין אמת , וואס טוהט מען פארט אז עס פעהלט א מאהל איינער צום מנין ? , הא ? דארף מען דאך וויסען דעם דין , צו מצרף זיין א גולם — אדער אשטייגער : ערב תשעה באב צו דער סעודה המפסקת , צו מעג מען עסען לאקשען מיט מילך ? אפשר הייסט דאס חס ושלום שני תבשילין ? , — צו מעג מען לייגען קריאת שמע , פאר דיא (צואה) אונציכט , פון א גר ? אפשר וויל א גר האט דאך א דין וויא א קטן וואס איז ערשט געבוירען געווארען ,

איז

איז זיין אונציכט על פי דין ניט מסריח, כאטש דער גר איז שוין ב״ה א בן ששים: מהיכא תיתי, דאס איז שוין אביסעל נוטצליכער וויא די חקירה מכח דעם ראק פינ׳ם כהן גדול — נאר פון דעסטוועגען, איז דאס אויך ניט שטארק נייהטיג, ווארום ווען טרעפט זיך דאס אז מען זאל דארפען לייגען קריאת שמע דווקא געגען דעם גר׳ס צואה, דאס קאן אפשר טרעפען איין מאהל אין טויזנד יאהר, אדער אשטייגער וויא קריגט מען א גולם מצרף זיין איהם צום מנין: לאמיר זעהן אז פון דעם אמורא רבא וואס די גמרא דערצעהלט אויף איהם, אז ער האט באשאפען א מענשען, האט זיך שוין ניט געטראפען קיין גולם, ביז דעם מהר״ל מפראג, און דער נאך ביז דעם ווילנער גאון, און אויף די דרייא גולמ׳ס איז אויך דא א סך חקירות ודרישות, אנדערע ווילען זייא גאר אן פייפען, זייא זאגען אז דאס איז גאר א משל, נא א משל קען מען אויך מצרף זיין צום מנין:.

נא אדרבה, וואס דען פארט פאר א ספרים קאנען ברענגען נוטצען דעם עולם: אפשר דרוש ספרים: מוסר ספרים: א שפאס, מע זעהט ניט דאס פרומקייט אין אלע זאכען וואס די מוסר ספרים האבין געמאכט: נא, נא, וואלט נאר געוועהן וויא עפעס צו קריגען די רעכטע אפותיקא, כאטש דורך גניבה, גזלה, השגת גבול, מרמה ושקר, הערט מען אזוי די אלע דרושים מיט די מוסר ספרים, וויא דעם שווארצין קאטטער.

דאריבער ווייזט עס אויס אז דער ספר „ערב פסח מארץ ישראל״ קאן דאך אפשר פארשאפען אביסעל נוטצען, נא בלייבט מעהר ניט נאר די פראגע, צו וועל איך קאנען ארויס געמען די הוצאות הדפוס: צו וועט דאס דער עולם שטארק קויפען, מילא אז איך זאל איהם קאנען דרוקען אין דעם פארמאט פון א האלבען בויגען, אדער לכל הפחות אויף 2 פערטיל, וואלט איך געוויס געלייזט שטיקער געלד, מחמת דער עולם נעמט ניט אן פאר וויכטיג נאר אויף אזעלכע פארמאטען, וואס בעדארפט איהר מעהר, אפילו א גמרא אז זיא איז נאר א פערטילדיגע האט זיא שוין ניט אזא חן, עס איז דאך גמרא: אבער פארט ניט דאס, נאר עס איז אבער זייער שלעכט צו דרוקען אויף אזא גרויסען פארמאט, עס וועט זיין דער ספר טשאחאטעטשנע, דין, און דאר וויא גרוגרת דר׳ צדוק, איך האב גאר ניט אזויא פיעל שרייבעראיי אז עס זאל קאנען ארויס קומען א דיק ספר און א לאנגם, עס זאל זיין אויף וואס צו קוקען, און ווידער איז עפים נאך כמעט ניט דא אין דעם זשארגאן אזעלכע פארמאטען, חוץ דער נחלת צבי האט געהאט א זכיה, און איז געדרוקט געווארען גאר מעשה גמרא, און דער שבחי בעש״ט, מעשה משניות, און ווייטער זענין אלע פערטילדיגע, אדער נאך קלענערע.

נא וואס טוהט מען פארט: דרוקען: קאן זיין דער פון א שטארקער חסרון כיס, דרוק ניט: שפארט דער נארר, איך זאג אייך מע קאן משוגע

ווערען

װערען טראַכטענדיג , בְּאֱמֶת ! ראַיים איך אויף מיר דיא האָרר , צו װאָס האָב איך גאָר דאָס אויף געשריבען ! עס איז עפּיס אַ כִּשּׁוּף אויף דיא מְחַבְּרִים , װיא זייא שרייבען עטװאָס אויף , אַהַא , זייא קאָנען שוין ניט שװײַגען אין דעם , זייא מוזען שוין אָפּ דרוקען , חָאטְש זייא װײסען דאָך דיא צָרוֹת װאָס זייא װעלען האָבּען אײדער זייא װעלען אַרױס קריגען דאָס ביסעל מִינְץ , אונ װער בעט זייא אין אֱמֶת צו דרוקען זייערע נאַרישע געננ , אונ האָבּין דער נאָך אַ טַעֲנָה צו דער װעלט , פאַר װאָס געהט מען ניט אַרױס אַנְקעגען מְקַבֵּל פָּנִים זיין דעם מְחַבֵּר ! פאַר װאָס זאָל יעדערער ניט נעמען אַ סֵפֶר ! .

אַיי װערשױע נייט אַיך ? , צו װאָס האָט איהר אין אֱמֶת פאַר בּראַכט דיא צייט מאַכען אַ סֵפֶר ! — נאָר דער אֱמֶת איז , דער נאַרר שפּאַרט צו שרייבען , דער נאָך גיט ער קיין רוּהַ אונ שרייעט : נאָר דרוקען .

אונ מֵחֲמַת מיין גרױסע תְּשׁוּקָה צו זעהן מיין שרייבעראיי אין געדרוקטע בּוּכשטאַבען , האָב איך זיך בּאַטראַכט , איך װעל דרוקען מיין סֵפֶר מיט דעם „מַכָּה נַפְשְׁךָ“ װאָס איינער אַ געװיסער נאַשער פון מִילִיךְ , האָט געקױפט אַ בְּהֵמָה , ער האָט אויך פריהער גוט געטראַכט , צו זאָל ער קױפען , צו ניין ! דער נאָך האָט ער זיך מְיַשֵּׁב געװעהן ער מעג זיא קױפען גאָר מיט אַ „מַכָּה נַפְשְׁךָ“ נאָר מיט קאָפּ צו געהערט , עס איז זייער טיף אונ שפּיציג , ער האָט גוט פאַר בּױגען דעם גראָבען פינגער , אונ האָט אַזױא אָנגעהױבען פירען דעם „מַכָּה נַפְשְׁךָ“ : „װעט זיא געבּין מִילִיךְ איז בְּװַדַּאי גוט , אֶלָּא װאָס ! (הערט אַ שֵׂכֶל) אֶפְשָׁר װעט זיא חַס וְשָׁלוֹם ניט געבען ? ניין , עס קאָן ניט זיין , זיא װעט געװיס געבען“ .

אָט מיט דעם אייגענעם „מַכָּה נַפְשְׁךָ“ װעל איך דרוקען מיין סֵפֶר , איך פאַרשטעה אֲפִילוּ אַז אַ גרױסער מְפַלְפֵּל , קאָן מיט זיין גרױסען פִּלְפּוּל , צו שלאָגען אַזאַ „מַכָּה נַפְשְׁךָ“ נאָר אויך דיא אייגענע מַעֲשֶׂה , אַז עס װיל זיך זיין אַ נאַרר אונ דרוקען , איז אַזאַ „מַכָּה נַפְשְׁךָ“ אויך גוט , הַלְוַאי איך זאָל קיין חֲרָטָה ניט האָבּין — בְּקִיצוּר דער פאַלשער „מַכָּה נַפְשְׁךָ“ האָט מיך געשטאַרקט איך זאָל דאָס אָפּ דרוקען אונטער דעם נאָמען „דער יודישער פּאַר פֶּסַח“ , הערט נאָר גוט מיט קאָפּ , עס איז דאָ חֶלְעבען װאָס צו הערען .

# דֶער אִינְהַאלְט פוּן דִיא קַאפִּיטְלֶען ·

1 אַ לִיטְוִושֶׁע הויז אִין דִיא פָארִיגֶע צַייטֶען ·
2 דֶער עֶרְשְׁטֶער שַׁבָּת נָאךְ פּוּרִים תֵּיכֶף נָאךְ שָׁלֹש סְעוּדוֹת ·
3 דֶער צְוֶוייטֶער שַׁבָּת נָאךְ פּוּרִים בֵּין הַשְּׁמָשׁוֹת ·
4 דֶער אַהֵיים קוּמֶען פוּן דִיא שְׁכֵנִים פוּן דֶעם בֵּית הַמֶּדְרָשׁ ·
5 דִיא גְרוֹיסֶע אֲסִיפָה ·
6 פוּן דֶער אֲסִיפָה צוּרִיק אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אַרֵיין ·
7 אֵיין גֶעשְׁפְּרֶעךְ אִין דֶער מִיהֶעל ·
8 שַׁבָּת הַגָּדוֹל נָאךְ מִיטָאג אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ
9 אַ שְׁמוּעֶס אוּנְטֶער דֶעם אוֹיוֶוען ·
10 דֶער דְרוּשׁ פוּן בְּדִיקַת חָמֵץ ·
11 עֶרֶב פֶּסַח לְמַזָּל טוֹב ·
12 דֶער עֶרְשְׁטֶער סֵדֶר ·
13 דֶער דְרוּשׁ פוּן דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁוֶועסְטֶערִיל ·
14 נָאךְ אַ מָאהְל אַ שְׁמוּעֶס אוּנְטֶער דֶעם אוֹיוֶוען ·
15 דֶער גֶעוִויסֶער הָאבֶער ·
16 אִין דֶער מִיט אַ שְׁמוּעֶס פוּן אֵיין עֶדְעלֶען בַּעַל הַבַּיִת ·
17 דֶער לֶעצְטֶער גֶעשְׁפְּרֶעךְ ·
18 אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח ·
19 אַ מַחֲלוֹקֶת לְשֵׁם שָׁמַיִם ·
20 אִסְרוּ חַג

1.

# אַ ליטווישע הויז אין די פאריגע צייטען

אַ נידעריגע שטיעב, די פאדוואלעס איינגעגראבען אין דער ערד, אַלע פענסטער פאר שמירט מיט לעהם, גאנצע לאדענס וועדליג די גרויס פון דעם פענסטער, אַ פריזבע פון ערד ארום דער שטיעב, בעוואקסען מיט גראז, איין אַלטער דאך אַ צערבראכענער פאר וואקסען מיט מאך, די פענסטער אַ ביסעל מיט גלאז, אַנדערע מיט ברייטלעך, איינינע מיט שמאטעס פאר שטעקט — דאס איז דאס געזיכט פון דעם הויז אויסענווייניג, ניט מיאוס חלעבען, קוקט דאס גוט ארום, און לאמיר זיך ניט פוילען און אַריין געהן אינעווייניג אויך — אַ גרויסע שטיעב מיט עטליכע קליינע חדרים, אין יעדען חדר וואהנט אַ שכן: אַ מאן מיט אַ ווייב, מיט עטליכע קינדערליך, איין אַלטע מוטער, אָדער אַ שוויגער, אַ צו גאב, מיט היהנער און העהנער.

אין דער גרויסער שטיעב זיצט דער בעל הבית אַליין, אויך ניט קיין בעזדיעטניק חלילה, ניט צו פאר זינדיגען, מיט היבשע עטליכע קינדערליך, און מיט פארשידיגע עופות, אַ בהמה מיט אַ קעלבעל אויך ב״ה, אין איין ווינקעל פון דעם שטיעב שטעהט דעם בעל הבית׳ס צווייא בעטען מיט אַ וויג בעטעל, אַ קאסטען אויף ריידלעך, אַ שלאף באנק, — אין צווייטען ווינקעל געגען איבער שטעהט אַ גאנץ לאנגער טיש ניט קיין געפארבטער, ארום מיט לאנגע און שמאהלע בענקלעך, ביי דעם טיש קנעלט אַ ברדקיר מלמד, אַ חומשניק, מיט אַ היבש ביסעל תלמידים, אין דעם אייגענעם ווינקעל, הענגט אויפן וואנט אַ ראניצע פון אַ סאלדאט, וועלכער שטעהט דארטען קוואטיער, — אין ווינקעל נעבען דער טיהר שטעהט דווקא נאר איין בעט, דאס איז פאר אַ מיטעלע יודענע, וואס מע רופט זיא „שרות״ דאס הייסט: זיא צאהלט ניט קיין דירה געלד, נאר דער פאר וואס זיא טוהט אַ מאהל אַ שטיקעל מלאכה אין שטיעב — איהר טייערע לעזער קאנט גאר לייכט אַ טעות האבין און רעכענען אַז די שרות איז גאר אַ פנויה, אָהן אַ מאן און אָהן קינדער, און דערום איז מעהר ניט דא וויא איין בעט, ניין דאס געהט ניט, זיא האט דווקא אַ מאן און קינדער אפילו נאך מעהר וויא

אַ האַלבען מנין, נאָר דער מאַן פֿאַר שטעהט איהר מיך, איז במחילה אַ (שומר) סטאַרזש, קומט ער נאָר אָפּ עסען, שלאָפֿען קומט ער נאָר משבת לשבת, עופות פֿאַרמאָגט זיא אויך איהר אויף איהר אייגענעם חשבון, אַ ציג זאָל ניט אויסגערעדט זיין, מוז זיא זיך האָבען — אין דעם אַנדערען ווינקעל שטעהט אַ גרויסער אויווען מיט אַ שוואַרצען לאָך צום קאָכען, דער בייא שטעהט אַ היפּשע פּאָמיניצע וויא דער ים של שלמה, וואָס אַלע שכנים גיסען אין איהר אַ גאַנצע וואָך, און דיא קינדערלעך במחילה קאָן מען דאָך ניט אַרויס לאָזען אופֿען גאַס בייא דער נאַכט אויך.... — דער בייא שטעהט פֿאַרשידענע וועשטשעס: ווילקעס, קאָטשערעס, לאָפּעטעס, העק, זאַסטופּעס, בעזימער, אַ לאַנגע באַנק אַ ברייטע שטעהט אַרום דעם אויווען, פֿאַר שטעלט מיט כל הקאַרטען טעפּלעך, אויך מיט טעפּ פעדערין, וואָס אַלע שכנים פֿליקען בייא נאַכט, וואָרום קיין שכן ברענט ניט קיין ליכט אין זיין חדר, אַלע זיטצען אין שטיעב, דאָס איז איין אַלטער מנהג, — אונטער דיא באַלקענס פֿון דער סטעליע, וואָס ליגען אין דער לענג פֿון שטיעב, ליגט אַ גראָבער באַלקען איבער דער ברייט פֿון דער סטעליע, צווישען דעם באַלקען און דער סטעליע, געפֿינט זיך טאַקי ממש פֿון פֿויגעל מיליך, אַ רעכטע ביבליאָטעקע פֿון ספרים, היינו: מחזורים, סליחות, קינות, נחלת צבי, צאינה וראינה, אַ היפּש פּעקיל תחנות, אַלטע לוחות, בבא מעשה, צענטורע וועגטורע, שבחי בעש"ט, אַ אַלטער קרבן מנחה, גם האַלטען זיך דאָרטען אויף זומערדיגע קאַפּעלישען, לולבים, אַ זעקיל מיט קמח שמורה, טריקענע קעזליך, — אַלע עופות פֿון אַלע שכנים אפילו פֿון דער שרות, מאַכען דאָרטען זייערע סיעדעלעס, — אַלע טיהערען און פֿענסטער פֿון שטיעב, זענען אַרום געשלאָגען מיט פֿאַרשידענע שיר המעלות'ן, פֿון זכרים און פֿון נקבות, מחמת קינפּעטאָרינס געהן ב"ה ניט אויס, איין שכנה שטעהט אויף דיא אַנדערע לייגט זיך, מהיכא תיתי יעדעס קינד מיט זיין מזל, צו גאָט דער לייגט מען ניט, — דאָס מיסט פֿון אונטער דיא בעטען און דיא שאַפֿעס מיט דיא קופּערטען, ווערט אַ גאַנץ יאָהר ניט אויס געקעהרט, דיא אַרבייט געהער צו ערב פּסח, פֿאַר בדיקות חמץ.

אַ גאַנצע וואָך איז נאָך כּיאַק טאַק, געוויס קריגט מען זיך כּמה מאָהל יעדער טאָג, און אָפּט שלאָגט מען זיך אויך אַביסעל, דיא שטיעב איז שטענדיק פֿיל פֿון קולות און קללות, געוויינען פֿון דיא חדר יונגלעך, וואָס שטעהן מיט דיא הוילע אָחור'ס אַרום דעם טיש, און דער מלמד דער פֿעלד גזלן פּיצקעט מיט אַ ריט גאָר אָן אַ חשבון, דאָס משוגענע קעלביל טאַנצט, דיא ציג מעקיט, דיא עופות פֿליהען, דיא שכנות שלאָגען און שעלטען דיא קינדער, דער סאָלדאַט זידעלט אויף רוסיש, זאָגט דעם רעכטען פֿון [illegible] שרייעט עסען.

הא ? וויא מיינט איהר, א רוהיגע דירה ? מע דארף גאר ניט בעסער ; גאר דער גרעסטער טוהמעל אונ ליארעם איז ערב שבת, אלע באקען חלה, מע דארף ריקען טשאלענט, מע דארף אויך קאכען אויף פרייטוג צו נאכט לכבוד שבת, אט דא עקט זיך דיא וועלט — עס איז געוואלדען איבער געוואלדען, אין שטיעב איז חושך ואפילה, אנגעגאסען אונ אנגעפאצקעט אויף וואס דיא וועלט שטעהט, דיא פאמיניצע גיסט זיך אריבער, אלע קינדער וועלכע זענען דאמאלס פרייא פון חדר, קעהרין אום דיא שטיעב קאפויער, אלע ווייבער שעלטען אונ קאראניען איינס דאס אנדערע, אונ מע רופט זיך אויס וואס אין קארט שטעהט ניט, „א קלאג א בראך „מיינע חלות זענען גאר פארברענט" קוויטשעט א שכנה מיט דיא לעצטע קרעפטען", איך בין דא עפעס אין איינגעבעטענע ? הא ?" — דיא מאכט געשרייען „מיין יויך האט מען אויסגיקעהרט" — א רעש א געפילדער „דיא קאטץ האט ארויס געהאפט דאס בעסטע שטיקעל פיש פון דער פאן" — „עס איז שוין נאכט, ריקט שוין דעם טשאלענט, איהר ווילט נאך מחלל שבת זיין ? איך וועל האבין דעם טויט פון דיא שכנים, א צייט אהן א צייט וועט מיר זיין" שרייעט דיא בעל הביתטע", — „א גריב האט זיך איהם געוואלט, בעגראבען זאל ער ווערען, וויא ער האט מיר בעגראבען" — ווער האט דאס דיא בהמה אריין געלאזט אין שטיעב ? זיא וועט דאך דיא פאמיניצע אויס קעהרען, געוואלד וויא ווערט מען שוין פטור פון מיין לעבען.

אט אזויא קאכט וויא אין א קעסעל א גאנצע טאג, קולות וברקים פון אלע זייטען, קללות וחרמות, געזידעלט אונ געוואשען איינער דעם אנדערען — נא עס איז שוין נאכט, מע ווערט שוין ב"ה שלום, אלע שכנים מיט דער שרות נעמען זיך אויס גיסען דיא גרויסע פאמיניצע, ווייטער וויא איבער דער שוועל, איז מען ניט אונשטאנד זיא אריבער טראנספארטירען, דארטען קעהרט מען זיא תיכף אויס מיטען דנא ארויף, א גרויסע לוזשע מיט א ריח רע לעבין טיהער, פיל חזירים קלויבען זיך ארום, אונ שטעהן אזוי לאנג ביז זייא האפען ארויס וואס פאר זייא איז וויכטיג, — אין שטיעב שיט מען אויס דעם פאל, דאס הייסט : דיא הוילע ערד מיט זאמד, אונ עס ווערט צו מזל שבת, אט אין אזא טוהמעל לעבט מען אפ דאס גאנצע יאהר, הא ? ניט שלעכט ? וויא זאגט איהר ליבע לעזער ?.

אונזערע חכמים האבין גערעכענט דרייא זאכען ; וואס מאכען דעם מענשען ער זאל אויפגעלעגט זיין : א דירה נאה, א אשה נאה, אונ כלים נאים, אונ דיא אלע זאכען איז מען אין דער ליטא דווקא ניט זשעדנע, וואס ניט וואס ? דאס איז דא, אבער דער פאר דיא אכילה אין דער ליטא איז גרויס ארטיג, איהר ווילט געווים וויסען דעם ארט עהען, דארף איך קיין סאך ניט שרייבען, איין געריכט איז דא אין דער ליטא מע רופט איהם „קרופניק" ער

קאכט

קאכט א גאנצע וואך אין אלע הייזער וויא דער סמבטיון, דרייא מאהל אין טאג ווערט ער גקאכט גאר אהן איין אויפהערונג, אפשר ווייסט איהר ניט וואלינער אונ גאליציאנער יודען, וואס דער קרופניק איז פאר א מין מאכל ? וועל איך אייך דער צעהלען, דאס איז גאר אהן חרפה, גאלע וואסער מיט גראפען, א מאהל מיט קארטאפעל, אונ א מאהל איז אהן דעם אויך נישט קשה, מען טאהר זיך ניט געוואהנען נאך געבען דעם האלז — דיזער קרופניק ווערט גקאכט אהן פלייש, דען ווער פאר מאגט דאס צו קויפען פלייש פאר 15 אדער 16 קאפיקעס א פונט ? דער פאר אבער, טוהט מען אריין אין גאנצען טאפ פאר א גראשען שמאלץ אדער פוטער, אונ אט דאס עסט מען דיא גאנצע וואך. הא ? מע קען האבין כח דיא פיס צו שלעפען פון אזעלכע אכילות ?

אבער דער פאר שבת עסט מען שוין צו זעטערהייט, אין דעם יו״ך פרייטאג צו נאכט, געפינט זיך געווים א גוטער האלב פונט פלייש, אמת ניט קיין פעטע, נא מילא וואס ? דיא יו״ך איז טאקי ניט אזויא פעט, עס פאר־שטעהט זיך, דאס ביסעלע שמאלץ וואס עס איז געוועהן אויף דעם פלייש האט דיא ליטוועטשקע אראפ געגנבעט אויפען קיגעל, דאס איבריגע פעטקייט איז אויס געלאפען אין דעם גרויסען רעש אונ מהומה, נא וואס איז ? דאך פליישעקס, חלעבען פארט ניט קיין קרופניק — דער פאר אין טשאלענט זעהט איהר, איז שוין קיין פלייש גאר ניט דא, נאר גאלע ביינער, וואס דער פון דארף על פי יושר דער טשאלענט אן זידען, נאר באופן אז עס ברענט ניט אויס, א רעכטער טשאלענט טרעפט ניט שטענדיג, ווארום דעם רעכטען סוד פון טשאלענט זענען נאך דיא ליטוועטשקעס ניט דער גאנגען עד היום הזה, אלע שבת איז אנאנדערע סבה, נאר וואס מאכט דאס אויס ? וועמענס דאגה איז דאס ? אבי עס איז ב״ה נישט דא וואס צו עסען.

איהר ווילט אפשר קאנען דיא מוטער וואס האט געבוירען אונז דעם קרופניק ? דאס איז דיא ארורה דיא טאקסע. געוואלד ברידער ! פאר וואס קומט קיינער ניט צוריק פון יענער וועלט אונז דער צעהלען וואס מען טוהט דארט דעם ערשטען רוצח וואס האט אויס געקלעהרט דיא ביטערע טאקסע פון פלייש ? מיט וואס איז מען איהם דן ? איך וואלט א בעלן געוועהן אפילו צו גלויבען אין גלגול, אונ אבי דעם גזלן מגולגל זיין אין א ליטוואק אונ קארמעווען איהם האטש א יאהר פופציג מיט גאלע קרופניק דרייא מאהל אין טאג.

נא נא ער ימח שמו האט דאס אביסעל אוועק געקוילעט אלע יודען אהן א מעסער, מע פרעהט זיך אלע פורים אויף דעם נס וואס מען איז נצל געווארען פון המן הצורר, וואס איז ? ער האט געוואלט קוילען יודען, אבער ער האט דאך ניט געקוילעט ? נא אז דער המן דער בעל טאקסע (דיא ערד

זאל איהם ארויס ווארפען) האט דאך יא אוים געפיהרט און האט טאקי אויס געקוילעט, זיין גזירה ווערט אלע יאהר שטארקער און ערגער, דיא דעה אין קהל האבען גאר אזעלכע וואס עסען גאר ניט קיין כשר פלייש, וואזשע הארט זייא אז א ארימער מאן דער יוד, ווערט אויס געבארט און עסט געבאך ביינער? אט האבען זייא זיך א טאקסע, און שאפען מיזאל נאך אוועק געבין עפעס א רוח א שד, (אבי זייער גלייכען) עטליכע מויזינד רובל פון דער טאקסע, צו אזעלכע זאכען וואקסען זייא אוים, פארשטעלען זיך און ווערען כלומערשט יודען.

נא וואס שווייגט מען אין דעם? געוואלד געשריגען! מע דארט און מע קווארט געבאך אין דער ליטא (און דעסטגלייכען אין אלע ערטער וויא דיא טאקסע עקסעסטירט) גאר אויף אנאנדער אופן, מע האט שוין גאר קיין כח ניט עפענען דעם מוח קלעהרען מכח דעם, א שפאס אז מע עסט ניט?

גוט האט גיגעבען א תשובה איינער פון אונזערע חכמים (אין ירושלמי) אז מע האט בייא איהם געפרעגט עפעס א שאלה וועגען א דין, האט ער זיך אויס געדריקט מיט דיא ווערטער „איך בין יעצט ניט בייא מיין רעכטען פארשטאנד, איך האב נאך היינט קיין אקסען פלייש גיגעסען", איהר פאר שטעהט דיא תשובה? נאך איינער פון זייא האט געזאגט: „אוי לו לבית שהלפת עובר בתוכו" שלעכט איז דעם בויך וואס ער איז פול מיט קרויט.

שווייגט! וואס בעדארפט איהר מעהרער, דער דור המדבר וואס ער איז געוועהן א דור דעה (ווערליג דיא דרשנים בעהרימען זיך און טומלען א קאפ) נא האבען זייא אויך אפשר געבעטען קרופניק מיט שמאלץ? ניין זייא האבען געשריגען „געוואלד גיב אונז פלייש, דער מן איז אונז שוין נמאס געווארען" — נאך מעהר פארדרוס, דער מן האט דאך א טעם געהאט פון אלע מאכלים (ווערליג דיא דרשנים דער צעהלען, מן הסתם ווייסען זייא דאך דאס קלאהר צו וואס זאלען זייא פאר פיהרען איין עולם? עס שטייט זייא עפעס דער פון רייך צו ווערען?) האבען זייא דאך דעם טעם פון פלייש אויך געפיהלט 1) פון דעסטוועגען האבען זייא געזאגט: וואס טויג אונז דער טעם

פון

---

1) איך וואלט א בעלן געוועזען זיך אריין לאזען טיף אין א שטארקען פלפול און ערקינדיגען זיך דורך פיל חריפות, וואס איז דאזמאלס אין דער מדבר געוועזען דער דין פון דעם טעם פון פלייש וואס מען האט געפיהלט אין דעם מן? צו האט מען פאר דעם טעם אויך געצאהלט טאקסע? נא דאס ווענדעט זיך שוין אין דעם: „צו טעם איז כעיקר" און אויב עס בלייבט בייא דיא חריפים אז דער טעם איז אקאראט וויא דער עיקר אליין, נא האט דאך

דער

פון פלייש, מיר ווילען זיך בעסער זעהן מיט דעם פערטעל גאנז אליין, אט דער פון נאר אליין זענען דיא דרשנים גערעכט, אז דער דור המדבר איז געוועהן א דור דעה, וואס דען? זיין אזעלכע טפשים וויא דיא ליטוואקעס אונד עסען קרופניק? וועו אז דיא אללע 12 שבטים וואלטען גיגעסין קרופניקען דיא גאנצע פערציג יאהר אין דער מדבר, וואלטען טאקי גיקאנט מיט

---

דער טעם פון פלייש געהאט דיא אייגענע זנאטשעניע וויא פלייש אליין, האט מען דאך בעדארפט צאהלען טאקסע דער פין, היינט פאר שטעה איך ניט פון וואנען האט אבער דער בעל טאקסע געהאט א ידיעה אז יענער בעל הבית האט יעצט געפיהלט אין מן א טעם פון פלייש? עס קאן אפשר זיין אז דאס איז געוועהן געמאכט מיט א חרם, נא ווער וויל זיך דאס זאטשעפען מיט א חרם, מן הסתם האט יעדער געהאט בייא זיך אין שטיעב א פישקע אונ וויא באלד אז ער האט געוואלט פיהלען אין מן א טעם בשר האט ער תיכף בעצאהלט טאקסע געלד.

אבער דאס איז מיר גאר א פלא, וויא פיל למשל האט מען גיקאנט שטעלען דעם מקח פון דעם פיהלען א טעם? איינער עסט למשל א פערטיל שעה מן אונ פיהלט דעם טעם פון פלייש, אונ דער צווייטער עסט מן צווייא גאנצע שעות אונ איז אויך מרגיש דעם טעם בשר, קאן דען זיין דער מקח פון דיא ביידע גאר גלייך? נאר וואס קאנען מיר יעצט קלערהן, עס איז אוודאי געוועהן אין הלכות טאקסע כמה מאות הלכות, נאר זייא זענען דער נאך פאר געסען געווארען — נאר באמת ווייזט אויס, אז אין דער מדבר איז נאך דיא טאקסע ניט געוועהן אונ דעריבער האבין דיא יודען געשריגען „מי יאכילנו בשר?" ווארום וויא באלד אז עס איז דא א טאקסע עסט מען שוין ביינער ניט קיין פלייש — איי וואס האבען זייא באמת געשריגען? זייא האבען דאך גיקאנט פיהלען אין מן א טעם בשר? נייו פארשטעהט איהר, אין דער מדבר איז נאך ניט געוועהן דער מנהג פון דרשנים איינגעפיהרט, נא פון וואנען האבען געבאך דיא מדבר בעלי בתים גיקאנט ווייסען דעם סוד אז מע קאן פיהלען אין מן דעם טעם פון פלייש.

אונ דעריבער האבען זייא געזאגט: „זכרנו את הדגה אשר נאכל במצרים חנם, את הקשאים ואת האבטחים ואת החציר ואת הבצלים ואת השומים, ועתה נפשנו יבשה אין כל, בלתי אל המן עינינו" (במדבר י"א ה' ו') זעהט מען דאך דער פון, אז זייא האבען ניט געפיהלט אין מן קיין שום טעם פון דיא אלע מינים וואס זייא האבען דא אויס גערעכינט — עס קאן זיין ווען זייא וואלטען אין דער מדבר געהערט מגידים וויא אין דער ליטא אונ וואלטען זיך ערקינדיגט דעם סוד פון מן, וואלטען זייא גאר ניט געשריגען

אונ

מיט זייא געהן זיך שלאגען אין ארץ כנען? איך וויים אז א בעל טאקסע וועט לעזען דיא ווערטער וועט ער זאגען מיט געלעכטער: "ער מעג לאבען מיט בלוט, דער שרייבער איז א פנים גוט אין כעס" עס איז איהם א פנים שוין

---

און וואלטען גאר פאר שפארט צו עסען דיא שלוים (פערעפיאלקעס) פון דעם ים, און שטארבען דער פון אן א צייט.

וואס דען מיינט איהר? מע נארט זיך מיט דעם מגיד? פון איהם דער געהט מען פון אלעם וואס עס איז געוועהן און וואס עס וועט זיין, אין אמת געשמועסט אז דער יוד וואס האט געגעסין מן נאר על דרך הפשט און ער האט געפיהלט נאר דעם טעם פון גוטען בוימאייל, אדער לשד השמן, חלעבען אויך ניט שלעכט, אין דער ליטא וואלט מען דער פון דיא פינגער געלעקט, אבער דער מגיד אז ער האט געגעסען מן על דרך הדרש, נא נא, איז שוין אין מן געוועזען טאקי פון פויגעל מילך, האט ער געוואלט פיש איז דאס געווארען דורך א רמז, פלייש דורך א סוד, ציבעלעס און קנאביל גאר דורך א גימטריא, קשאים און אבטיחים קאן מען גאר א מאהל אז מע וויל נאר, דורך א"ת ב"ש אויך ארוים בעקומען פון דעם ווארט מן, נאר מיט פשט איז שלעכט, דער גראבער פשטן מיינט אז עס איז מעהר ניט דא נאר וואס ער זעהט, אבער פאר א דרשן איז טאקי ניט צו לייגען און ניט צו שטעהלען, ער דער געהט אייך וואס איז פאר גראבען אין אלע שפאלטען, ער קריכט אייך אין אזוינע ערטער וואס דעם פשטן לייגט זיך גאר ניט אופן מוח דארטען אפילו א שמעק צו טאהן.

דער כלל איז, איך זאל אייך וועלען דער צעהלען וואס זייא זענען געוואר געווארען וואלט איהר משוגע געווארען, בקיצור זייא דער געהען וואס אונטער דער ערד טוהט זיך, זייא האבען ידיעות (איך וויים ניט דורך וועמען) פון גיהנם און פון גן עדן, אפשר מיינט איהר גלאט א ידיעה בדרך כלל, גיין מיט אלע פאדראבנאסטען, פינקט וויא זייא וואלטען דארטען גיוועהן הויז מענשען, פאר זייא איז גאר קיין פארגענע זאך ניט דא.

מיט איין ווארט זייא זענען קינסטלער, נישקשה ליטא פאר שטעהט איין עסק, און דארום פארברענגען זייא כמעט דיא יאהרען מיט דיא טעג נאר מיט דיא מגידים, מע ווערט פון זייא אבער טאקי א מענש טאקי שטארק ענטוויקעלט, חלעבען מע ווערט געניטה כמעט אין אלע חכמות, עס קומט דאך פאר אפט און אפט אין זייערע דרשות פארשידענע געגענשטענדע פון וויסענשאפט פון געלד געשעפטען, א מענש איז דאך ניט קיין בהמה, חלעבען עס קלייבט זיך צו צו ביסלעך וויים, אט קאן מען שוין ניט פארפאלען ווערען הא? וויא זאגט איהר? דער אמת איז דאך אזויא. —

שוין גוט נמאס געווארען דער קרופניק? נאר ווער הערט איהם זעהט איהר! דאס איז ער געדעכט, ער ווייסט מיט וועמען ער האט צו טאהן, ער האט איין עסק מיט הינדיקעס, דיא שטרויענע טאקסע האט מען ארויף געלייגט אויף זייערע קעפליך אונ זייא האבען זיך מורא א ריהר צו טאהן פון דעם ארט אפשר וועט חס ושלום אראפ פליהען דיא שטרויא, פון דעסט וועגען הערט צו יודען, איהר וועט זיך שוין ריהרען עס געהט שוין דער צו, דיא צייט וועט אייך מאכען אוים הינדיקעס, נאר מען מוז נאך אביסעל געדולד האבען, עסט דער וייל מיט חשק דעם קרופניק מיט דער האפענונג אז איהר וועט א מאהל אוים געלייזט ווערען אונ זיך קאנען נוקם זיין אן דעם בעל טאקסע, וויא אין המן דעם צורר.

נא טהייערע לעזער! האט איהר שוין א שטיקעל בעגריף פון א ליטווישען הויז? יעצט וועט איהר שוין גוט קאנען זיך פארשטעלען דיא שרעקליכע סצענע וואס עס האט זיך פאסירט למשל אין אזא הויז פון פורים ביז נאך פסח, לענגט צו גוט דעם מוח וועט איהר ערשטוינט ווערען.

---

## 2.

## דער ערשטער שבת נאך פורים תיכף נאך שלש סעודות.

נאך שלש סעודות, עס איז גאנץ רוהיג אונ שטיל, אין שטיעב איז פינסטער, דיא קינדערלעך שפילען זיך אופן אויווען, אין קאשעקע מאמקע אונ שלעפע באבע, דיא עופות שלאפען זיך אויף דער סידעליע, אלע מאנען זענען אוועק גיגאנגען דאווענען מעריב, דא האט זיך אנגעהויבען א שמועס גאר א שטארקער אונ א טיפער צווישען דיא ווייבער, וועגען דעם פסח וואס ריקט זיך צו אלע מאהל נעהנטער.

איינע א שכנה א פיסקעוואטע אונ אשטיקעל זאגערען, מיטען נאמען „געלע דיא גלאטשערקע” האט אנגעפאנגען צו האלטען איין רעדע בזה הלשון: „הערט נאר צו איהר ווייבערליך, איך וויים גאר ניט עס זאל מיך אזויא קיין שלעכטעץ ניט וויסען אונ אייך אויך אונ אלע יודען, וויא איך וויים ניט וויא עס וועט דא אין שטיעב ווערען פסח? אהן עין הרע יודישע קינדער זאלען גימעהרט ווערין, פיניף געזינדעלעך, הלעבען דיא שרות איז אויך א געזינדעל וויא זאגט מען עפעס איין אויג דארף אויך שלאפען אונ בפרט וואס זאל מען זיך דא נארען טאקי עטליכע מענשין, זאל מיך אזויא וויסען בייז אונ שלעכטץ וויא איך וויים פון וואנען אנציהויבען, נישטא דיא כוחות,

אז איך בין א ביסעל יונגער געוועזען איז תיכף נאך פורים טאקי אויף מארגען האב איך שוין די שפייז שאפע אויס געוואשען און כשר געמאכט, און יעצט איז שוין באנקען דעם וואס לעבט עוויג, וואס איך בין ניט ווערט איהם צו דער מאנען, אוועק געגאנגען נאך פורים עטליכע טעג און עס הייבט זיך מיר גאר ניט די הענט. איך זאג אייך דעם אמת, איך שרעק זיך א ביסעל פאר דאנטיגען פסח, נא הלוואי זאל איך בעסער ליגען זאגען, איך וויים ניט וואס מען מאכט דא מיט מארגענדיגען מארק, מע ברויכט אוים געבין שיינע עטליכע גילדען, א שטיקעל הינדיטשקע מוז מען דאך אוודאי קויפען, איך בין זיך אזויא נוהג אלע יאהר, וואס דען? פון דעם שטיקעל גאוויאדענע גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר די רייד, קאן עפעס א טעם האבען די יויך? היינט פארגעסט ניט, דאס ביסעל שמאלץ פון איהר, מע מעג זיך לאבען, איך האב פיינד צו קויפען פרעמדע שמאלץ אויף פסח, איהר מיינט אפשר אז איך בין אזויא פרים? ניין אסור, זאל דאס מיר צו קומען וואס מיר פעהלט, נאר גלאט אגאנץ יאהר וויא אגאנץ יאהר, פסח האב איך ליעב צו מאכען בכשרות, נא היינט קארטאפלעס, אייער, ציבאלעס, חריין? דאס אלעס מוז מען איינקויפען דעם ערשטען מארק, איך האב א מאהל שוין גיצאהלט רבי געלד דער פאר, איך בין שוין פראקטעש אין דעם. — נא הויבט זיך אן איין עסק, בעטען געלד ביי מיין טייערען מאן, זאל איהם אזוי ליעב זיין דאס לעבין וויא מיר איז ליעב ביי איהם געלד צו נעמען, פאר געלט און פאר גרינט זאל ער ווערען. — מיינט איהר אפשר אז ער וויל ניט פרעסען? וואלט איהר נאר זעהן וויא ער בעטראכט אייך דאס שטיקעל פלייש, דאס פלייש זאל נאר פון איהם פאלען לעבעדיגערהייט, קיין זאך געשוועלט איהם ניט, צווישען זיך ריידענדיג איז ער ניט שטארק אונגערעכט, ווארום וואס פאר א טעם קאן דא זיין פון אזא שטיקעל הינדיטשקע? נאר פאר מיר איז אלעם גוט, אט מע טוהט אריין א ציבאלע א קארטאפעל, ניט פאר זינדיקען אבי געזינדערהייט עסען, קארפאטקעס דארף איך ניט, פון מיינעט וועגען וואלט איך מארגען אז גאט וועט שענקען דאס לעבען, גאר ניט גיקאכט. חלעבען דער מארק וועט ביי מיר אוועק נעמען דעם גאנצען טאג, איך וויים גאר ניט, אנדערע מאכען דאס עפעס טאץ מאץ, געגאנגען און געקומען, מן הסתם איז ביי זייא דא גרינגע געלד אהן עין הרע, הערט איהר, איך זאג מיינס, אכשערער גראשען געהט ניט אזוי גרינג פון דער האנד, אט דעריבער בין איך טאקי ניט קיין בריה, געשווינד קאן איך ניט קויפען, איך קום אייך פון דעם מארק לא עליכם גאר קראנק, צו גריזעט, איבער געפרוירען, אהן געלד און טאקי במחילה אהן סחורה אויך, עס איז ב״ה גיווארען א וועלט מע טאהר ניט זינדיגען, נאר מיין צרה אז עס וועט חס ושלום איהם ניט דער געהן זיין געשמאדטער האלז וועט זיין אדום אויף, ביי איהם איז אלעם גלייך,

צו אין מיטען יאהר, צו ערב פסח, ער מוז פרעסען, צו איהם האט דאס גאר ניט, איך האב הנאה אז דער אנדערער זאגט: ער האריוועט גענבאך" פרעגט אויף וועטען? אויף זיך אליין מיט זיינע ממזרים, אזויא איין עולם הבא זאל ער האבין וואס פאר איין עולם הזה איך האב בייא איהם. —

אט אין אזעליכע שמועסען האט מען פארבראכט ביז דיא מענער זענען געקומען פון דעם דאווענען, „א גוטע וואך! א גוטע וואך!" פאר וואס צינדט מען שוין ניט אן א ליכט? נא עס איז גאר שטיל געווען ביז נאך הבדלה, תיכף דער נאך האט זיך אנגעהויבען א שמועס יעדער ליטוואטשקע מיט איהר מאן וועגען געלד צום מארק. — „וואס איז אויף אייך דיא בייזע היילעניש?" האבין זיך אן גערופען דיא מאנען, עס איז נאך ניט ערב פסח" מע וועט נאך קריגען דיא מציאות, נא, נא, דא איז געווארען שרעקליכע קולות, קללות פון כל הסארטען איז געפלויגען פון אלע זייטען, „איך בין גאר א נאר" האט זיך איינע אן גערופען „איך באדארף אוודאי מיט איהם טענען, שדים זאלען מיט איהם ריידען, איך וועל איהם גאר אפ טרעטען, זאל ער זיך שלאגען קאפ אן דער וואנט מיט זיינע ממזרים, ווייסט איהר אפשר ניט, איך וועל זיך אוודאי איבער עסען פון אלעמען? אין וועמעס האלז וועט דאס אלעס אריין קריכען, אז ניט אין איהם? נא בעדארף איך נאך דאס בייא איהם בעטען, אוים בעטען זאל מען איהם שוין אין גיכען זיין קבר, אז איך וועל איין אלמנה בלייבען וועט מיר אפשר ערגער זיין? א קאטאוועס א שארפער פארצעדינער? מען זעהט ניט זיינע פארדינסטען? מע קאן טאקי לעבין אין פריידען מיט דיא 10 גרילען וואס ער גיט מיר א וואך? גרילען זאל איהם אין מוח וויא ער פארגרילט מיר דיא טעג מיט דיא יאהרען, ער האט שטענדיג צייט, פרעסט אונ זויפט דאס שענסטע אונ דאס בעסטע, אונ געהט אום שלינג אונ שלאנג איבער דיא גאסען, אונ וועט קומען „ניט דער לעבען זאל ער" צו אגרייטען פסח — ער פאר געסט גאר אז עס איז שוין קארגע פיער וואכען צו פסח, ארבייט איז דא וויא פיעל האר אויפען קאפ, מען איז דאך אויף צרות א שטיקעל בעל הבית'טע, אלעס צו וואשען, אפ וואשען זאל מען איהם טויטערהייט, אלעס צו שאייערען, קאליכען, וויין מאהלען אונ באקען מצה, א נארישקייט אויף דיא וויין, גייעהן זאל מען איהם שוין תכריכים אין גיכע צייטען — נא וואס זאגט איהר צו אזא טרפה ביין? איין אנדערער וואלט דאך געשטומט, נאר וואס רעדט מען? צו זיינע אלע מעלות איז ער נאך איין אפגעריסענער נאר, ער מיינט אין אמת אז איך וועל איהם קאכען? קרענק פון אלע יודען וועסטו בייא מיר עסען, נישקשה פאר פסח קאנסטו אביסעל דארען, דוא ביסט גאנץ געזונד, איך בין געווען א נאר ביז אהער, שטענדיג זיך שלאגען קאפ אין דער וואנט, מיט איטליכען געקריגט זיך, וואס איז? מיינער זאל הנאה האבין פון דעם קרופניק, ער זאל

ניט

ניט אויסלויפען, ניט פאר רייכערט ווערען, זאל זיין געדיכט מיט קארטאפעל פארבראקט, אט איז איהם אפ גיגאנגען דיא בייגער, אט בישעוועט ער. —

אין אזעלעכע קולות אונ קללות האט מען פארבראכט ביז האלבע נאכט, דיא שרות מיטען וועלכעטער האבען אויך ניט געשוויגען, הגם זיא צאהלט ניט קיין דירה געלד האט זיא ניט אזויא א העזה צו מאכען שטארקע געפילדערס וויא דיא שכנות, נאר אין אזא צייט וואס עס איז נוגע אין יודישקייט, קאן מען אויף דער שרות אויך קיין שטארקען פאראיבעל האבין, חלעבען עס נעהמט אן ביא דעם הארצען, חאטש אפילו דיא שרות האט דאך גאר ווייניג כלי בית (מעביל), נא איז דאך באמת א קשיא, וואס וויל זיא? נאר פארקעהרט ריידענדיג, אליין טוהט זיך ניט, איין בעט בעדארף מען אויך אויס בריהען אונ כשר מאכען, מצה דארף מען באקען? אזעקעל מוז מען צו גרייטען? אהין אונ אהער עס געפינט זיך ארבייט, עפעס א שפאס פסח? ווער וויל דאס האבין כרות יאהרען?

בקיצור נאך דיא אלע קולות וברקים ווערט אביסעל שטילער, יעדער מאן גיט זיין ווייב עטליכע גילדען אויף מארגען צום מארק, אונ מען לייגט זיך שלאפען — אט האט מען שוין געהאט א גוטען פאטשין אויף דער פילער וואך. —

גאנץ פריה זענען אלע ליטוואטשקעס אויף געשטאנען אונ אוועק מארש אופן מארק, יעדער יודענע איז געווארען טריקען אין האלז, דינגען זיך מיט דיא גוים, געניג קללות האט גיגעבען איינע דער אנדערער ביא יעדען איינ־קויף, ביז נאכט האט זיך ערשט גיקאנטשעט דער מארק, אבער דער פאר זענען זייא אהיים געקומען מיט כל טוב, מיט א הינדיטשקע בשותפות מיט דער אנדערער שכנה, א זעקעל קארטאפלעס, א קרענציל ציבאלעס, א בינדעל חריין, אונ א פענזיל אויף קאליכען דיא שטיעב אויך. —

דער מאן האט אויך שכל אין קוטשמעלע אונ ווייסט דרך ארץ, ער האט אביסעל געהארט ביז זיין ווייב האט זיך גוט אפ גערוהט, א שפאס אזא פאקופקע? דער נאך האט ער א פרעג געטאהן מיט א גאנץ שטילען טאנן, „אפשר איז דא עפעס וואס צו עסען? איך האב אגאנצען טאג אין מיין מויל ניט געהאט" — אט דא האט ער שוין געהאט זיין פסק וויא המן, „מיין כח זאלסטו האבין, רבונו של עולם", האט זיך ארויס געהאפט איינע א שמאהלע אונ א הויכע אביסעל פאנפעוואטע ליטוואטשקע, „וואס עס האט געזאלט זיין מיר אונ אלע גוטע יודען, זאל אויס געהן צו דיין קאפ", וויא געפעלט איך אזא שפיעל! הלעבען ניט קרים, ערב פסח וויל ער גאר פרעסען? געהן איהם אין מארק, געהן זאל מען שוין נאך זיין מטה, קאכען איהם ווארעמעס, קאכען זאל איהם אין הארצען וויא מיר, וואלט ער שוין ניט געוואלט פרעסען. איך זאג אייך דעם אמת, אזויא א פורעניות וויא מיר האט איינגעשלאגען.

מע טאהר ניט זינדיקען, מן הסתם בין איך אזויא ווערט, האט נאך קיין יודישער טאכטער ניט געטראפען, איינעם זאל גאר ניט אארען פון דאנען אהין, נאר דיא טרפה קישקע אנשטאפען וויא עשו, אט דאס איז זיין גאנצער עסק. נא, נא, האט דאס מיך דער טאטע בעגראבען מיט א שטייגער, א פינצטערער מכה, לכבוד איז ער? איך וועל פון איהם עולם הבא האבין? וואס זיין? ווייבערלעך! איהר מעגט זיך לאכען, איך האב אין דעם ווייניג אמונה, וויא זאגט מען עפעס „אז מע שמירט פארט מען", אט אז מען וועט עפעס אן גרייטען אליין וועט מען האבין, נאט אייך א שאג פאר דיא עולם הבא וואס מע קאן שוין האבין פון דיא מאגען, פון דעם עולם הזה קאן מען שוין חאפען א פרימער אויף דעם עולם הבא. —

אט אזעלעכע לעקציאנען האבין דיא ווייבער אפ גיגעבען דיא מאנען נאך דעם מארק אופן ניכטערען הארצען, דאס אלעס איז ערשט א שטיקעל הקדמה צום גוף הספר, דאס הייסט: צום פסח זעלבסט וואס ער קומט אהין און ווארפט ארויף א אימה ופחד אויף אלע יודען, ווארום מע האט דאך נאך באמת גאר ניט געטאהן מען האט דאך ערשט נאר געפאטערט דעם ערשטען מארק. —

פון דעסטוועגען מיינט איהר אפשר אז עס ווערט חס ושלום א שנאה צווישען דיא ליטוואקעס מיט דיא ליטוואטשקעס נאך אזא שטארקי מחלוקת, נאך אזא חרטה אויף דעם גאנצען שידוך, — פע חלילה! שרעקט אייך ניט, דער מאן אליין פארשטעהט דאך אויך אז זיא איז אביסעל גערעכט, עס איז דאך פארט ערב פסח, אויף דעם איז מען דאך א יוד, דערום איז ער באמת ניט שטארק ברוגז, זיא ווידער, אז זיא האט זיך אביסעל נאך גיגעבען, דאס הארץ זיך אב געקיהלט, האט זיא זיך אויך מישב געוועהן אז עס איז טאקי א רחמנות, עסען מוז מען דאך עפעס, אין א שענק וועט ער דאך באמת ניט געהן וויא דער אנדערער.

נא איז געבליבען א הסכם, בייא אלע ווייבער, אז מע זאל קאכען וועטשירע, נאר וויא עס איז שוין שפעט, דארף מען קאכען א גרינגע זאך, טרעפט וואס קאן דאס זיין? איהר קאנט אוודאי טראכטען א פראזשעניצע פון א צווייא צעהנדליג אייער און דער צו טריפלאך אין הוילע מיליך? א קשיא אויף אייך וואלינער יודען, זיין אין דער ליטא געהט דאס ניכט אן, צו וואס טויג דאס איינעם, קריגען א שם פאר א זולל וסובא? פאר א געלד פרעסער? ווארום ווער עסט דאס באמת אזוינע מאכלים אין דער ליטא? נאר א פאדראטשעק, דער בעל טאקסע, דער איזבארשיק, א גלאסנע פון דער דומע, איין ארץ ישראל משולח, און דיא משולחים פון וואלאזשינער און מירער, ישיבות, אבער א פראסטער יוד וואס איז זיך מפרנס פון זיין הארעוואניע, וועט זיך אזא ראסקאש ניט נאך געבען, נא אדרבה, וואס דען

איז

איז דאס ? ניט אַזאַך גיקלעהרט , דאס איז פשוט אַ „קרופּניק" , וואַסער מיט רעטשעניע גרויפּען , נאר אַן קאַרטאָפּלעס , עס זאל ניט דויערען דאס קאָכען — בקיצור אַלע עסען וועטשערע , עס איז שלום ושלוה , דער עולם שלאָפט ווי נאך אַ חתונה . —

ויהי ערב ויהי בוקר . עס איז געוואָרען טאָג , האָט זיך אָן געהויבען אַ פרישער יום הדין , די הינער מיט די הענער האָבען דער זעהן די פרישע אורחים : די הינדיקעס מיט די הינדיטשקעס , אַ דאָ איז געוואָרען אַ טוהעמעל מיט אַ געפּילדער , די עופות האָבען אָנגעהויבען פליהען און האָבען אַראָפּ געוואָרפען אַלע טעפּ פון דער פּאַלעצע , די הינדיטשקעס האָבען געקוויטשעט און די הינדיקעס האָבען געהאַלדערט , די קינדער האָבען באַלד באַמערקט , אַז דער הינדיק מאַכט „האַלדער", ווען די הינדיטשקע קוויטשעט , זענען זיי געפאַלען אויף אַ נייער המצאה , זיי האָבען נאך געמאַכט די הינדיטשקעס , כדי צו נאַרען דער מיט די הינדיקעס , קאָרץ טאָג און נאַכט האָבען די קינדער געפּייפט און די הינדיקעס האָבען געהאַלדערט אָהן איין אויפהער , עס פּאַר שטעהט זיך אַז די קינדער האָבען געלייזט פּעטש און קולאַקעס , שטורכעס און ציפּעס , קללות און חרמות גאר אָהן אַ חשבון , אָבער עס האָט גאר ניט געהאָלפען . — אין דעם פריה מאָרגען נאך דעם מאַרק איז געבליבען ביי די ווייבער , אַז מע זאל זיך מאַכי תיכף נעמען צו די שפּייז שאַפעס כשר מאַכען , יעדע שכנה האָט אַרויס געבראַכט די כלים פון שאַפע צו איהר אין חדר , יעדע פרויא האָט זיך גענומען צו איהר שאַפען וואַשען און שאָבען , אין שטיעב זאל מען גאר בעשירימט ווערען , איז גאר ניט אַריין צו געהן , קולות פון אַלע זייטען , די קינדער פּייפען , די הינדיקעס האַלדערען גאר אָן רחמנות , די עופות פליהען אַרום אַהין און אַהער און טהוען שאַדען , דער גאַנצער פּאַל איז פאַר שטעלט מיט די כלים פו די שאַפעס .

די קינדער האָבען זיך דער מאָנט און האָבען אָן געהויבען צו שרייען עסען , דער חאַפּט אַ פּאַטש , דער אַ קולאַק , ניט געזשאַלעוועט עטליכע הערצליכע קללות , און איין וועגם דער מאָנט מען דעם מאַן אויך : „אַ מיתה משונה זאלסטו איינגענעמען מיט דיין טאַטען אין איינעם , ניחאַיי וואָלט ער געוועהן אויס געשווימען און אויס געריגען פון דער מוטערס בויך , איידער איך האָב איהם דער קאָנט , נעמט און עסט מיך אויף לעבעדיגערהייט וועל איך פּטור ווערין פון אייך און פון אייער טאַטען". —

אַז די מאַנען זענען געקומען אַהיים פון דעם דאַווינען , און האָבען געטראָפען אַזאַ סצענע , האָבען זיי געחאַפּט צו עטליכע קללות , אַבי ניט אַוועק געהן גאר ניכטער און האָבען תיכף געמאַכט פּיס , — לויף ממזר ! לויף משומד ! האָט איין יעדענע געשריגען שאָבענדיג די שאַפע , לויפען זאלסטו

שוין

שוין אהן א העמד, רבונו דעלמא כילא, ארויס לויפען זאל פון איהם דיא טרפה'נע זעעל, וויא עס יאגט פון מיר דיא נשמה, איך וויים ניט וואס פריהער צו טאהן, צו קאנטשען דיא שאפע ריין מאכען, אדער עפעס פארט אויף קאכען פאר דיא קינדערליך זאלען לעבען, נאך מיין קאפ זאלען זייא בלייבען. — מע דארף דיא הינדיטשקע אויך אנשטאפען, העלפען א רחמנות א שטיממע צונג, דער שווארצער יאהר האט מיך אויך אריין געטראגען מיט דער שותפות, אגרויסע יחסן'טע! מען וויסט ניט? זיא מיינט אז עס איז אין אמת בייא מיר אגרויסע זכיה אז זיא האט מיט מיר בשותפות איין הינדיטשקע? זיא איז קראנק אויך אמאהל זעהן עסען געבען? עפעס דיא העזה פון לייטען איז טאקי גאר ניט צו דער האלטען.

איהר ווייסט ווייבערלעך אז פון מארגען אן איז שוין מעהר ניט וויא דרייא וואכען צו פסח, בנאמנות! אז דיא האר שטעלט זיך מיר קאפויער, עס איז דאך ב"ה ניט דאס ערשטע יאהר, איך בין שוין דאנקען גאטט א בעליבאסטע פאר זיך שוין 15 יאהר, הלוואי וויא פיל עס איז מיר באשערט נאך לעבען מיט מיין מאן זאל געזינד זיין, זאל ניט זיין קיין ערגערע פסח'ן וויא ביז יעצט, נאר הערט איהר, היינטיגער פאר פסח שטעהט מיר אט דא, (זיא צייגט אופן הארצען).

אט אין אזעליכע שמועסען גייט איבער דער גאנצער טאג, מען האט קאם גיקאנטשעט דיא שאפעס, דיא ווייבער נעבאך וואס זענען אגאנצין טאג געקאליעט געווארין פון קעלט, געבליבען אהן כח פון האריוואניע אונ פון גריזאטע, האבין זיך קאם אריין געחאפט אין דיא בעטען אונ האבין נעבאך שטארק געקרעכצט, — דיא הינדיקעס מיט זייערע ווייבער האבין זיך איבערען טאג אויס געקיקט א מקום מנוחה אויף נאכט לעגער, איז זייא געפעהלען אויף דיא ווייבערשע הימעל בעטען אונ דווקא מיט'ן אחור צום בעט, נא וויא מיינט איהר, עס איז עפעס געשמאק צו ליגען אין בעט אונ הערען דאס לאקסירען פון דיא לייט אויף דעם איבערבעט, — דיא מאנען וואס זענען אין בית המדרש גיוועהן בייא זיך גרויסע מיוחסים, וועדליג דער מגיד האט אויס געשווינדעלט פון "שיר השירים", וויא דיא "שכינה" האט גאר ניט וואס צו טאהן, נאר זיא בעריהמט זיך מיט דיא כנסת ישראל אונ האלט פון זייא איין עולם ומלואו, חאטש זייא האבין זיך אביסעל ניט גוט בעשריבען מיט'ן מעשה עגל, פון דעסטוועגען האט געזעהן דער דרשן צו קוועטשען איינינע פסוקים, ביז זייא האבין געמוזט מסכים זיין אז דער "נעשה ונשמע" וואס דיא יודען האבין געזאגט בייא קבלת התורה, (וואס נאכען מגיר'ס ווילען, איז ער אונ דיא אלע שכנים אויך געוועהן בייא קבלת התורה, ער האט חשק ?!) איז געשטאנען פאר א מליץ יושר, אז דעם חטא פון עגל זאלען דיא כנסת ישראל אויס צאהלען אין ראטעם.

נָא אַוַודַאי אַז דִיא שְׁכֵנִים הָאבִּין דֶער טַאפְּט אַזוֹי אַ שְׁמוּעֶס, זֶענֶען זֵייא בַּייא זִיךְ אַבִּיסֶעל תַּקִיף גֶעוָואֹרִין, זֵייא הָאבֶּען גָאר כִּמְעַט אִין זֵייעֶרֶע צָרוֹת פַאר גֶעסֶען, אַ שְׁפַּאס מֶענְשֶׁען וָואס זֶענֶען תַּקִיפִים בַּייא דֶער שְׁכֵינָה, הַא? אַז זֵייא זֶענֶען שְׁוַוארְץ וִויא „אָהֳלֵי קֵדָר“, דֶער פַאר זֶענֶען זֵייא שֶׁעהְן וִויא „יְרִיעוֹת שְׁלֹמֹה“ מִיט מַעֲשִׂים טוֹבִים; —

— פוּן דֶעסְטְווֶעגֶען נָאךְ דֶעם גַאנְצֶען תְּקִיפוֹת, הָאבִּין זֵייא זִיךְ בַּייא דֶער נַאכְט וִויא דִיא גַנָבִים אַרַיין גֶעחַאפְּט אִין שְׁטִיבּ אַרַיין, וֶוער עֶסֶען, וָואס עֶסֶען? דִיא הִינְגֶערִיקֶע שִׁיר הַשִּׁירִים מְיוּחָסִים הָאבִּין זִיךְ מִיט גְרוֹיסֶע צָרוֹת אוּנ נָאךְ פִיעֶל שְׁאֶרֶענִם, קָאם קָאם צוּ גֶעשְׁלָאגֶען זִיךְ צוּם בֶּעט אוּנ אַנִידֶער גֶעלֶעגְט.

— אָבֶּער אַ הִינְגֶערִיקֶען גֶעמְט קֵיין שְׁלָאף נִיט אוּנ עֶס פַאר שְׁלָאגְט אִיהְם דֶער אָטֶעהֶם פוּן דִיא שְׁלֶעכְטֶע רֵיחוֹת פוּן דֶעם הִינְדִיק וָואס פְּרַאוֶועט נְקִיוֹת גֶעגֶען זַיין בֶּעט, עֶר לִיגְט אִין גֶעהַאקְטֶע ווִינְדֶען אוּנ קְלֶעהֶרְט וָואס פַאר אַ טָאלְק מַאכְט מֶען דָא? „נָאךְ דְרַייא וָואכֶען בִּיז פֶּסַח, דָאס גַאנְצֶע צִימְמֶער אִיז פַאר שְׁטֶעהֶלְט מִיט כֵּלִים, עֶס אִיז נִישְׁטָא פָּשׁוּט וִויא אַ נָאז אוֹיס צוּ שְׁנַאצֶען“, נָאר וָואס אִיז דִיא פְּעוּלָה? קְלֶעהָר הַיינְט קְלֶעהְר מָארְגֶען, עֶס אִיז שׁוֹין ב״ה טָאג, מֶע בְּרוֹיכְט ווַייטֶער גֶעהְן דַאוֶוענֶען, אִין הַארְצֶען הָאט עֶר גֶעטְרַאכְט דַאכְט זִיךְ הַיינְט אִיז שׁוֹין אַבִּיסֶעל רוּהִיג וֶועט מֶען דָאךְ פָארְט עֶפֶּעס קָאכֶען, נָאר רֵיידֶען טָאהָר מֶען נִיט, גֶעחַאפְּט דֶעם טַלִּית אוּנ גֶעמַאכְט פִּיס.

דִיא ווַייבֶּער הָאבִּין אָן גֶעהוֹיבֶּען אַרוֹיס קְרִיכֶען פוּן דִיא בֶּעטֶען, אַ קְלָאג אַ יָאמֶער, אַ בְּרָאךְ נָאךְ זַיין קָאפּ, אִיהְר זֶעהְט וָואס עֶר הָאט מִיר אָן גֶעמַאכְט, עֶר הָאט דֶעם קִיגֶעל טֶעפִּיל מִיר צוּ בְּרָאכֶען, דָאס טֶעפִּיל אִיז דָאךְ נָאךְ אַ יְרוּשָׁה בַּייא מִיר גִיוֶועהְן פוּן מַיין בָּאבֶּע, זָאל זִיא הָאבִּין דֶעם לִיכְטִיגֶען גַן עֵדֶן, דָאס אִיז גֶעווִיס זַיין מְלָאכָה, עֶר זֶעהְט דָאךְ נִיט, נִיט זֶעהְן זָאל עֶר דִיא וֶועלְט. —

„מַאמֶע! מַאמֶע! גֶעבּ מִיר עֶסֶען“ שְׁרַייעֶט אַ יוּנְגֶעל מִיט קוֹלוֹת אוּנ ווַיינְט מִיט בִּיטֶערֶע טְרֶערִין, „בֶּעוַוייגֶען זָאלְסְטוּ בֶּעסֶער דַיין טַאטֶע, אַ יָתוֹם זָאלְסְטוּ זַיין אִין גִיכֶע צַייטֶען, וֶועל אִיךְ זַיין אַ ווִיסְטֶע אַלְמָנָה, וֶועט גָאטְט אוּנ גוּטֶע לַייט אוֹיף מִיר רַחֲמָנוּת הָאבִּין“ — אַז אַלֶע קִינְדֶער אִיז שׁוֹין נִמְאָס גֶעוָוארֶען שְׁרַייעֶן אוּנ קְלָאגֶען, הָאבִּין זֵייא זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ זֵייעֶר גֶעשֶׁעפְט, פַייפֶען צוּא דִיא הִינְדִיקֶעם, זֵייא זָאלֶען הָאלְדֶערֶען, קָאכֶען אַ בִּיסֶעל קְרוּפְּנִיק קוּמְט קֵיינֶעם נִיט אוֹפֶן קָאפּ, עֶס אִיז נִיט דָא קֵיין צַייט, עֶס אִיז עֶרֶב פֶּסַח. —

דִיא ווַייבֶּער ווַייטֶער צוּם עֵסֶק, וַואשֶׁען אַ בֶּענְקֶעל, אַ טִישֶׁעל, דִיא קִינְדֶער וִויא עֶס אִיז פַאר שְׁטָאפְּט דֶם מוֹיל מִיט טְרִיקֶענֶע מַאכָלִים, אַ שְׁטִיקֶעל בְּרוֹיט מִיט שְׁמַאלְץ, מִיט כְּרָאפּ, גֶעגֶעסֶען אוּנ גֶעפַייפְט, אִין שְׁטִיבּ אִיז

תוהו

תוהו ובוהו — אט אויף אזא אופן איז איבער גיגאנגען דיא גאנצע וואך, אלע חדרים זענען פוסט פון טישען אונ בענקלעך, אלעס שטעהט שוין אויס־געוואשען אופן הויף, עסען עסט מען שוין ב״ה פון דער האנד, אין אמת געשמועסט צו וואסערע צרות ברויכט מען א טיש? א פנים מע קאכט עפעס? א טאג פאר א טאג עס איז געווארען ערב שבת, מילא לכבוד שבת מוז מען פארט עפעס קאכען. —

דיא בעסטע פעדער האט קיין קראפט צו בעשרייבען דעם גרויסען ליארעם וואס האט זיך געטאהן דעם דאזיגען ערב שבת, דאס ענגשאפט אונ דיא געפילדערס, פון אלע זייטען האבין פאר געבראכט אזעליכע סבות אזעליכע זעלטענע אומשטענדע, אז מען איז גיוועהן שטארקער פון אייזען דאס אלעס איבער צו טראגען, סוף דבר! דיא חלות זענען גיוועהן פאר ברענט, דער צו ניט אויפגעגאנגען, דיא יויכען גוט פאר רייכערט, א געוואלד א געשרייא „דעם קוגעל האט מען גאר פארגעסען אריין ריקען אין טשאלענט״, עס איז שוין שפעט, מע דארף שוין בענשען ליכט, אלע שכנים האבין גיך אונ שארף אריין געטראגען דיא אלטע פעסלעך, ארויף געלייגט דיא לאדענס, אט איז געווארין נאייע טישען, דיא ווייבער האבין געבענשט ליכט, דיא מענער זענען גיגאנגען דאווענען, אין שטיעב איז שוין ב״ה שבת, עס איז געווארין שטיל שלום ושלוה. —

גוט שבת! גוט שבת! נא עס איז שוין דאכט זיך צייט אן צו באסען נאך אזא לאנגען תענית? עס איז אבער נישט דא אויף וואס צו זיטצען? א הא! דער קאפ איז גוט, א למדן גיט זיך א עצה, איבער גיקעהרט א דיישקע מיטען דנא ארויף, עס איז אפילו שטארק נידעריג דאס כויל קומט אויס אונטערען לאדען, נאר וואס קאן מען מאכען בעסער? אוודאי איז ניט גרינג צו זיין א יוד. —

בקיצור דער מאן זיצט שוין אויף דער דיישקע ווי א פירשט, דאס ווייב מיט דיא קינדער שטעהן ארום דעם פעסעל, קיין פיש האט מען ניט גיקאכט, ווארום ווער האט דאס צייט געהאט נאך האבין צו טאהן מיט פיש אין אזא ערב שבת? „נא האט מען זיך תיכף גענומען צו דער יויך, עס איז גיוועהן אפילו שטארק פאר רייכערט, קאלט, מאגער אונ חושך, מע האט עס אויס געחלאפטשעט מיט גרויסע צרות, פלייש איז אנגעקומען אויף יעדען גוטע שתי שערות, צימעס קאכט מען ניט ערב פסח, געפאטערט ב״ה דיא ערשטע סעודה — דער עולם האט זיך גוט אונטער געפאקט אהן עין הרע, חלעבען ווילט זיך טאקי שלאפען, נאר מעשה שטן דיא קינדער דרייענדיג זיך ארום דיא פעסלעך האבין זייא איבער גיקעהרט דיא לאדענס אונ צו בראכען דיא שיסלען אונ טעלער, דיא קידוש גלעזליך וואס זענען גישטאנען אויף דיא מעבאנישע טישען, דיא קינדער זענען שעור נהרג געווארין, האבין זיך נעבאך

פאר

פאר שטאכען דיא הענדלעך מיט דיא אויגען, אונ דער צו מסתמא גיקריגען קלעפ אונ קולאקעס, אלע וויינען אונ שרייען. —

אויף דיא פעטער האט גירעגענט א מבול פון קללות אונ חרמות, „אבי ער האט זיך אן געפרעסען האט זיך איהם באלד פאר חאליעט שלאפען" קראנק איז ער געוועהן זעהן דיא קינדער לייגען שלאפען? אזויא זיך נאך געבען וואס עס ווילט זיך! אט איצונד ווייסט ווער עלטער איז? זייא וועלען געוויס בלייבען קאליקעס, נאר וואס הארט דאס איהם? דער קאפ טוהט איהם וויא! עס פעהלט נאר מיר ערב פסח, טאנצען ארום דיא קינדער, געוואלד וואס טהוט מען? איך וועל מיר איין מעשה אן טאהן, וויא אהיען אנטלויפט מען!. —

אין אזעליכע קלאג לידער האט מען פאר בראכט ביז האלבע נאכט אין דער פינסטער, (דיא גראשאווע ליכטלעך זענען שוין לאנג אויס געברענט גיווארען) אונ מע איז אין צרות איינגעשלאפען — אין דער פריה, דיא מענער זענען אנטלאפען גלייך אין שול אריין, אין שטיעב איז שוין כלומערשט שטיל, ווארום דיא ווייבער האבין שוין באלד קיין כח אפילו צו שעלטען. —

אט איז מען דער וויל גיקומען פון דער שול, „גוט שבת! גוט שבת!" דיא חלות ליגען שוין אויף דיא לאדענס, מע איז שוין אביסעל זיכער פון א היזק, מחמת דיא קינדערליך ליגען שוין נעבאך אלע אין דיא בעטען קרעכצין פון ווייטאק, וויינען אונ קלאגין; אז עס רייסט אוים דאס הארץ, דאך פייפען זייא אינטער אפט אונ אפט, ארוים צו קריגען דאס האלדערען פון דיא הינדיקעס, תקיף זענען זייא אז מע וועט זייא געוויס ניט שלאגין, זייא זענען דאך מיוחסים זייא זענען קאליקעס. —

נא בייא דער שיינער מוזיקא פון דיא הינדיקעס, זעטצען זיך אלע מענער בייא דיא פעסלעך אויף דיא איבער גיקעהרטע דיישקעס אונ קלעהרין מיט זיך אליין מכח דעם טשאלענט וואס דא וועט באלד ארויף געטראגען ווערין, „שלעכט ברידער! עפעס א גרוים שישקערייא צווישען דיא ווייבער בייא דעם אויווען" וואס איז? א הא! דער טשאלענט איז גאלע וואסער, גאר ניט אויס געזאטען, וואס טוהט מען דא? וויא דער לאנגט מען דאס צום טיש? גאט זאל מיך ניט שטראפין פאר דיא רייד, עס איז דאך נאר אופן חזיר אויס צו גיסען, „עס איז ניט כדאי צו ריידען אים שבת, נאר דער אמת איז פאר א שטיקעל האלץ וואלט זיא זיך א מעשה אן געטאהן" מילא א גאנצע וואך עסט מען דאך ב"ה שטענדיג רויהע קרופניק, אבער לכבוד שבת...

„א הא! זיא האט שוין גיעפינט דאס שווארצע פיסקעלע" האט זיך אן גערופען דיא בעליבאסטע, זייער פיעל דירה געלד גיט זיא זיך איבער? א שפאס אז אין 9 חדשים האט מען בייא איהר ארוים געצויגין מיט מיעה וויא בייא א הונד פון דיא צעהן 4 רובלעס, הערסט! קאנסט זיך אפילו מארגען

ארוים

ארויס קלויבען, ווער עס וועט נאך דיר ווייגען זאל יענעם דיא אויגען ארויס א העזה פון א שפלה? מיין טשאלענט איז דען בעסער? דאכט מיר אז אלע זעהן אז דיא שכנים'ס טשאלענטע ריקט מען ארויף אין סאמע ושארר, דער שווארצער יאהר קאן טרעפין דעם אויוען, פון היינט מאהל אן אונ ווייטער בין איך אייך מוחל דעם כבוד ריקט זיך אליין, הייצט זיך אליין, דער גיהנם איז זייא קארג, זייא וואלטען א בעלן גיוועהן מיך פאר ברענגען מיט דיא ביינער, טאקי כדאי האבין א שטיעב אונ הערען אזעליכע רייד, פון א מינסטער דראפקע. —

„ביז וואנען וועט מען דא זיטצען?" האט איין שכן ארויס גילאזט א ביטער קול, גיב שוין דארטען אהער דעם טשאלענט לאמיר שוין אראפ קריכען פון דער דיישקע — „וואס איז אויף דיר דאס בייזע איילעניש?" האט איהם גיגעבין דאס ווייב א קלאפ, „דיא זיצט אופן פראסט?" אזויא א כבוד זאלסטו האבין אויף יענער וועלט וואס פאר א כבוד איך האב דא, ער יאגט מיר אין האלז אונ אקען געבין איהם געשווינדער פרעסען, וואס וועל איך דיר געבען? גאלע וואסער מיט פאר סטודעטע קארטאפעל? א רעשטע! נעם אונ פרעס, דעם קיגעל האט מען ב"ה גאר פאר געסען ארייין ריקען, פלייש איז נישט דא, „א שבת? א יום מנוחה, נא, נא" דער היינטיגער ערב פסח קריכט גוט אין דיא ביינער אריין — „מע וועט פאלען גייענדיג" האבין אלע שכנים אויס גישריגען מיט איין שטימע. —

פון גרויסע צרות האבין דיא מענער גינומען דיא פיס אין דיא הענד אונ גימאכט מארש אין בית המדרש אריין, דער עולם האט זיך אויפגעקליבען גיך אונ שארף, מחמת מע קאן זיך אין שטיעב ניט איינהאלטען, דער דרשן האט ווייטער גינומען הויבען דעם עולם אויף דריקעס, ער איז ארום געפלויגען אין שיר השירים וויא א משוגענער, געמאכט פסוקים פאר קאליקעס, אנדערע מסרס גיוועהן, א טייהל איבער גיקעהרט, איין אנדערען פסוק גלאט א שטארקען קוועטש גיגעבען ביז ער האט נעבאך מיט א רחמנות פנים געקוקט צום דרשן וויא איינער רעדט: „טשעפע זיך אפ פון מיר, איך וועל שוין דיר מסכים זיין אויף אלעס, אבי „טרעט אפ אביסעל, עס נעמט אן גרויס חלשות איך בין דאך מעהר ניט וויא א פסוק וואס קאן מען דא אויס קוועטשען פון מיר?" איך בין זיך מעהר ניט אביסעל מחיה, נאר בייא דעם פשטן ער פיהרט זיך מיט מיר פארט מיט דרך ארץ, אבער ווען טרעפט דאס מיר? דאס רוב ווער איך פאר פינצטערט פון דיא מגידים איך האב בייא זייא א פנים פון א מופקרת, איטליכער איז מיט מיר א מחותן, טוהט מיט מיר וואס ער וויל וויא ער וויל — איך האב ביז יעצט א שטארקען טעות גיהאט איך האב אלעס געמיינט אז נאר דיא רוסישע דרשנים זענען אזויגע רוצחים אונ פעלד גזלנים, ארויף פאלען פלוצלינג אויף פסוקים ארום רייסען זייא פון קאפ ביז פיס אונ

אפ שלאגען זייא ריק אונ לענד, אבער אין אויסלאנד דיא פרעדיגער אלס מענער מיט וויסענשאפט, נעמען זיך געווים צו א פסוק מיט איידעלקייט ניט א שטורך א טעלעבענדע, א האפ אונטערען אויער, אבער ערשט פע! וואלט איר הערען וויא דיא דייטשישע דרשנים חאפען ארויף א פסוק אויף דער וועגדקע גלייך וויא דיא חסידישע רביים, זייא פלוידערען גאר וואס נישט גישטויגען אונ נישט גיפלויגען, אזויא א פנים זאל האבין ווער איך וויים, מיט וואס פאר א פנים עס קריכט ארוים דער פסוק פון זיין מויל, ער איז אויך א בדחן אקוראט וויא דער ליטוועשער מגיד, נאר ער זאגט כלומערשט אין ריין דייטש. —

אט אזויא האט דער פסוק זיך אביסעל אוים געקיהלט דאס הארץ פאר דעם שיר השירים זאגער, נא וויא מיינט איהר? ער וועט איהם אביסעל הערען? יענער איז שוין געוואוינט אין אזעליכע רציחות, דאס טרפה'נע דם ווערט אין איהם צו קאכט אז ער דער זעהט א פסוק וואס ער טויג ניט פאר איהם, אט דא געהט ער ארוים וויא א העלד פיל מיט וואפען, דאס הייסט: מיט א רמ"ז מיט א נוטריקו"ן אפט מיט א גימטריי"א, א מאהל אז עס איז גאר שלעכט ווערט ער גאר א מקובל, נא דא איז שוין דא גאר אנדערע כחורה, „א מספר קטן, איין א"ת ב"ש", אבי ער מאכט א תכלית פון דעם פסוק. —

דער שטאדט דרשן האט אונזערע שכנים אויף גיהויבען ביז דעם הימעל אונ אלעם געשפארט מיט פסוקים, חאטש דיא אלע שכנים זענען נעבאך טוידט הינגעריק, אוים געשאלטענע אונ אוים געקארינייעטע אויף אלע זייטען, הייסט דאך דאס וויא מען זאגט: „ושר בשירים על לב רע" מע זינגט א לידעל אויף א פאר ביטערט הארץ, נאר אין מיטען געבען זייא א קלעהר, דער מגיד האט דאך אויך גיגעסען א קרענק פון אלע יודען וואס דען איז ער ביייא זיך אזויא אויפגעלייגט? אלא מוז דאך א פנים זיין אז דאס איז אלעם מיט א טיפען קוק אונ געווים וועט דער מגיד דאס אלעם אויך אוים ארבייטען מאקי נאר פון שיר השירים, נישקשה ער איז ניט קראנק אופן שכל, פסוקים איז נאך דא אסאך ער האט דאך ערשט נאר צווייא פרשות אפ גיזאגט. —

אזויא האט מען פארבראכט ביז מנחה, דער עולם איז גיגאנגען מאכען א המוציא אונ מאקי באלד צוריק אין בית המדרש, עס הייבט אן צו ווערען נאכט, אלע ווייבער אין שטיעב האבין זיך נאך א מאהל אויף גיקליבען אין איינעם, בעטראכטען נאך טיפער כמה דיא ענינים וואס מע דארף טאהן נאך שבת, זייט רוהיג ליבע לעזער אונ הערט גוט צו מיט קאפ. —

דער

## 3.

## דער צווייטער שבת נאך פורים טאקי בין השמשות.

אין שטיעב איז טונקעל, אַלע ווייבער זענען בשלום ושלוה, פינקט זויא מע וואָלט זיך קיין מאהל ניט איבער גערעדט איין וואָרט, זייא האָבין פיינד נוטר שנאה זיין, א אשה טאהר ניט לערנין קיין תורה, דעריבער איז זיא קיין תלמוד חכם וואָס דאַרף זיין אַ נוקם ונוטר וויא אַ שלאַנג, דער כלל איז מע קריגט זיך און מע זידעלט זיך אויס וואָס אין קאָרט און מע ווערט שלום, אַזויא דרעהט זיך דאָס עסק וויא פיל מאָהל אַ טאָג.

נאָ אַזויא וויא מען איז דאָ געזעסען זייער רוהיג אין שטיל, האָט מען אָנגעפאַנגען צו רעדען נאָך אַ מאָהל מכח דעם פסח. „איך לויב און דאַנק דעם וואָס איבער אונז" האָט געגעבען אַ שמועס געלע דיא גלאַטשטערקע, איך זאָג אייך ווייבערלעך דעם אמת איך האָב מיך ניט גירעכט פאַראַכטאַגען אין דער צייט אַז מע זאָל שוין יעצט אַזויא האַלטען, חלעבען אָהן עין הרע מיר האָבין שוין אַביסעל מלאכה אָפּ געפּאַטערט, האָטש דאָס איז גאָר קיין אָנהויב ניט, נאָך שבת אַז גאָט זאָל שענקען דאָס לעבען און געבין כח וועט זיך הערשט אָנהויבען דיא רעכטע אַרבייט: „מאָהלען ווייץ, זיפּען דאָס מעהל, באַקען דיא מצה, געזינדטערהייט זאָל מען עסען אָהן צער, אויס קאַלעכען דיא שטיעב", נאָ דאָס איז נאָך אַלעס סיאַק טאַק, מען איז ב"ה שוין געוועהנט געוואָרען צו האָרעווען וויא אַ מיק צום האַמער, נאָר דאָס ערגסטע איז ביא מיר בעטען געלד בייא מיין מאַן, אַט מאָרגען דאַרף מען ווייטער נעהטיג וויא דאָס לעבין געהן נאָך אַ מאָהל אויפן מאַרק, אַ לעבענדיגער מענש דאַרף אַלעס האָבין, אין אמת ריידענדיג קאָן מען איהם אויך ניט אַזויא שטאַרק בעשילדיגען, עס איז טאַקי ניט זינדיגען זאָל מען מיט דיא רייד, ניט דאָ פון וואַנען, און דער צו דער בלוטיגער יקרות, צו וואָס מע רירט זיך צו איז זיך ניט אָפּ צו צאָהלען, וויא פיל דאַרף דאָס דער פסח ניט אויס גערעדט זאָל דאָס זיין אַרויס שלעפּען בייא יעצטיגען יקרות אפילו בייא אַזא קליין געזינדעלע וויא איך בין? און פון דעסטוועגען אַז עס וועט קומען צו עפּעס וועט ניט זיין ממש וואָס צו עסין, פיש וויא מע זאָגט וועט כמעט גאָר ניט זיין, נאָ מיט פלייש וועהט איהר קאָן מען זיך בוודאי אָן עסען? ווען עס קעשינע איז דאָס צו צאָהלען 20 קאָפּעקעס אַ פונטעלע? — דער גאַנצער

פוּרְעָנִיּוֹת אִיז גֶעבְּבאך אוֹיס גִיגַאנְגֶען אוֹיף דֶעם יוּדֶען , עֶר עֶסְט אוֹיף זַיינֶע בְּלוּטִיגֶע גֶעלְד אִין צָרוֹת אוּנ אִין בֵּיינֶער •

אִיהְר פַארְשְׁטֵייט וַוייבֶּערְלֶעךְ וָואס דָא וֶועט זַיין הַיינְטִיגֶען פֶּסַח וָואס צוּ עֶסֶען ? וַוייטֶער מַצָּה , אָבֶּער מַצָּה , קַארְטָאפֶּעל אִיז אוֹיךְ ב"ה מִיט גָאלְד גְלַייךְ , נָאר אַ שֶׁעהְנֶע כַּפָּרָה וָואלְט אִיךְ חָאטְשׁ שׁוֹין גִיהַאט דִיא עֶטְלִיכֶע גִילְדֶען אִין דֶער קֶעשֶׁענֶע — „שְׁוַויינְט אִין מַחֲשָׁבוֹת'ן" מִיר דַאכְט אַז עֶס אִיז שׁוֹין גוּטֶע צְוַוייא שָׁעָה אִין דֶער נַאכְט וָואס קָאן דָאס זַיין וָואס אוּנְזֶערֶע לַייט זֶענִין נָאךְ נִיט גִיקוּמֶען פוּן דֶעם דַאוֶוענֶען ? אִיהְר וַוייסְט אַז דָאס אִיז עֶפֶּעס נִיט קַיין גְלַאטֶע זַאךְ ? אִיךְ וָואלְט אַ בַּעְלֶן גִיוֶועהְן זִיךְ דוּרְךְ גֶעהְן אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אוּנ וִויסֶען וָואס דָאס אִיז פַאר אַ מַעֲשֶׂה ? עֶס אִיז נִיט פָּשׁוּט מִיר שְׁרֶעקְט זִיךְ דָאס הָאֶרֶץ •

נָאר דֶער וַוייל אֵיידֶער דִיא וַוייבֶּער וֶועלֶען זִיךְ רִירֶען פוּן דֶעם אָרְט , לָאמִיר בֶּעסֶער לִיבֶּע לֶעזֶער , אַלֵיין זִיךְ דוּרְךְ גֶעהְן אוּנ וִויסֶען וָואס דָארְט אִיז ? זֶעהְט אִיהְר ! וָואס נִיט וָואס ? דָאס בִּין אִיךְ אוֹיךְ אַ בַּעְלָן צוּ וִויסֶען וָואס דָאס קָאן זַיין ? —

דֶער בֵּית הַמֶּדְרָשׁ אִיז פִיל מִיט מֶענְשֶׁען אַלֶע רֶעדֶען , אַ שְׁטַארְק מַחֲלוֹקֶת , וָואס אִיז ? עֶטְלֶעכֶע מֶענְשֶׁען הָאבִּין פַאר גִילֵייגְט אַ פְּלַאן אַז בַּייא יֶעצְטִיגֶען יַקְרוּת וָואלְט קַיין עוֹלָה גִיוֶוען , אוּנ אֶפְשַׁר נָאךְ אַ גְרוֹיסֶע מִצְוָה אַז דֶער „רַב זָאל לֶעבֶּען" זָאל מַתִּיר זַיין „קִטְנִיּוֹת אוּנ הֶערִינְג" דָאס הֵייסְט : (רַייז , הִירְז , רֶעטְשֶׁענֶע גְרוֹיפֶּען , אַרְבֶּעס , פַּאסָאלִים , נָאהִיט , פָּאפֶּעשׁוֹיֶע מֶעהְל , אוֹיךְ הֶערִינְג) , עֶר הָאט הֶלֶעבֶּען גוּטֶע פְּלֵייצֶעס , עֶר קָאן אוֹיף זִיךְ שְׁטֶעלֶען •

נָא , נָא , דֶערוֹיף הָאבִּין זִיךְ אַ חַאפּ גִיטָאהְן אֵיינִיגֶע אֵיינִיקְלֶעךְ נָאךְ פוּן דֶעם אַלְטֶען מַגִּיד אוּנ פוּן דֶעם אַלְטֶען רַב , אֵיידֶעמְס אַ גַאנְץ פֶּעקִיל , וָואס טְשׁוּד מְשׁוּד קְרִיגֶען זַייא סְמִיכָה אוֹיף רַבָּנוּת , דֶעם שׁוֹחֵט'ס אַ שְׁטִיף זוּהְן אַ יוּנְגֶער מַאן אַ מוּפְלָג גָדוֹל אוּנ אַ קְרִימֶער מוֹחַ , גָאט זָאל זִיךְ מְרַחֵם זַיין , פְּרוּשִׁים מִיט שְׁפִּיצִיגֶע קֶעפְּלִיךְ אוּנ פַאר קְרִימְטֶען שֵׂכֶל , דֶער שְׁטָאדְט מַתְמִיד אוֹיךְ אַ יוּנְגֶער מַאן אַ חַרִיף מִיט זִיבֶּען קֶעפּ וָואס קָאן מְשׁוּגֶע מַאכֶען הִינְדֶערְטֶער מֶענְשֶׁען • —

אָט דִיא אַלֶע הָאבִּין זִיךְ גִישְׁטֶעלְט גֶעגֶען דֶעם פְּלַאן , פַארְשִׁידֶענֶע סְבָרוֹת זֶענֶען גֶעפְלוֹיגֶען אִין דֶער לוּפְטֶען אֵיינֶע קְרִימֶער פוּן דֶער אַנְדֶערֶער , יֶעדֶער מְטוֹרָף הָאט דָא גֶעקְרִיגֶען אֵיין אָרְט אַרוֹיס צוּ גֶעבִּין זַיין חֲרִיפוּת אוּנ קָאפּ שְׁטִיק , אִין גַאנְצֶען בֵּית הַמֶּדְרָשׁ הָאט גִיקָאכְט וִויא אִין אַ קֶעסֶעל — דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם אִיז נֶעבַּאךְ גִישְׁטַאנֶען אוֹיסְגֶעקָאלַאפֶּעט דִיא צוּנְגֶען אוּנ הָאבִּין כִּמְעַט גָאר נִיט פַארְשְׁטַאנֶען דֶעם גַאנְצֶען וִיכּוּחַ , ווֹילְדֶע אוֹיס דְרִיקֶע פוּן הִלְכוֹת פֶּסַח הָאבִּין זַייא דָא גִיהֶערְט אוּנ הָאבִּין דָאס נִיט גִיקָאנְט אֲפִילוּ נָאךְ זָאגֶען ,

דער כלל איז זייא האבין געמיינט אז דיא חכמה פון דער אייזענבאהן פון דעם טעלעגראף פון דער פאטעגראפיע, הייבט זיך גאר נישט אהן געגען דיא חכמות וואס דא ווערט ארויס גיגעבען מכח דיא ארבעס אונ הערינג. —

גאר אין מיטען האט זיך ארויס געריקט איינער א יונגער מאן אפילו ניט פון דיא גרויסע גאונים וחריפים, נאר א רעכטער בעל סברא א בעל שכל הישר (מען האט אויף איהם שטענדיג געמימעלט אז ער איז שוין גיחאפט..) אונ האט א פרעג גיטאהן א קלאטץ קשיא, „איך בעט אייך לומדים אונ חריפים" האט ער גיזאגט גאנץ קאלטבלוטיג, „איך בעט אייך גיט מיר צו פארשטעהן דעם גאנצען איסור פון „קטניות" פאר וואס זאל מען ניט עסען שטענדיג אפילו ניט אין א יקרות" אבי איינער האט דאס ליב. —

איהר מיינט אפשר אז איך ווייס גאר ניט וואס דיא „פוסקים אחרונים" טאלקעווען מכח דעם? איך ווייס זייער גוט, נאר אדרבה! איך וואלט גערען געוואלט פארשטעהן דיא סברא דער פון, לאמיר נאר רעדען מיטען שכל הישר, לייגט אוועק א ביסעל אייערע חריפות אונ פאנאטיזמוז, ביי מיר איז איין קווינט שכל הישר טייערער אסאך מעהר וויא טויזענדער פידען חריפות אונ קרימקייט, עקשות אונ שפארעבייא, נא לאמיר געהן כסדר, פאר וואס זאל מען ניט עסען אום פסח דיא „מיני קטניות" אונ בכלל דיא אלע פירות וואס מען מאכט אויף זייא א ברכה „בורא פרי האדמה אונ שהכל". —

דיא גמרא הקדושה זאגט אין (פסחים דף ל"ה) אזויא: „הני אין, ארז ודוחן לא וכו' שאין באין לידי חימוץ" דאס הייסט: ווייץ, גערשטען, דינקעל אונ האבער, קענען יא חמצדיג ווערען, אבער רייז אונ הירז קענען קיין מאהל ניט חמצדיג זיין — ווייטער אין דער אייגענער גמרא (דף קי"ד) זאגט דיא משנה: אז מען פלעגט צום סדר דערלאנגען צווייא געריכטען, פרעגט דארטען דיא גמרא „מאי שני תבשילין" דאס הייסט: וואס פאר צווייא געריכטען? ענטפערט דיא גמרא „אמר רב הונא סילקא וארוזא" דאס הייסט: רב הונא זאגט אז דיא צווייא געריכטען זענען גיוועזין, איינער פון „סילקא" אונ דער אנדערער פון „רייז", דער צעהלט ווידער דיא גמרא: רבא פלעגט זיך סטארען צו עסען צו דיא סדרים „סילקא אונ רייז" וויל רב הונא האט אזויא גיזאגט.

נא רבותי! מיר וואלטען זיך דאכט זיך געניג גישעצט גליקליך אז מיר וואלטען אלע אזויא פרים גיוועזען וויא דער צדיק רבא וואס פלעגט זיך סטארען צו עסען רייז צו דיא סדרים! — ליידער אבער זענען מיר אזויא צו פרים אז מיר ווילען פרימער זיין פון דער גמרא הקדושה, אט וועט איהר זעהן וויא מיר הערין דיא גמרא.

אין שלחן ערוך שטעהט אזויא: „ומותר לעשות מהם תבשיל, (הג"ה ויש אוסרים, והמנהג באשכנז להחמיר)" דאס הייסט: „מען מעג מאכען פון

דיא

דיא מיני קטניות גיקעכטסען" אויף דעם געהט א צו שטעלעכטין : „עס זענען דא אזעלכע וואס זאגען אז מען טאהר נישט, אונ אין דייטש-לאנד איז דער מנהג אז מען איז זיך מחמיר", זעהט איהר רבותי, אז אין גאנצען איז דאס נאר א מנהג פון דייטשלאנד, דאס איז נאר א מנהג וויא למשל זיך מלקות שלאגען ערב יום כפור אונ דערסטגלייכען, אבער ניט קיין דין. —

זייט וויסען רבותי! אז ניט נאר משה רבינו, אלע נביאים, תנאים ואמוראים עליהם השלום, האבין דער פון ניט גיהאלטען אזויא וויא איהר האט פריהער גיהערט פון דער גמרא פסחים אז דער צדיק רבא פלעגט זיך גאר סטארען צו עסען רייז צו דיא סדרים, נאר אפילו איצט עסען אלע פרענקען (וואס מע וויסט אז זייא זענען זעהר פרימע יודען) אלע יודען אין גאנץ אזיא, אפריקא, אונ פיל אין איראפע, אט דיא אייגענע מיני קטניות וואס איהר מיינט אז דאס איז חמץ, ווען דיא אלע יודען הערין אז מיר עסען ניט קיין „מיני קטניות", קומט דאס אוים בייא זייא אזויא קאמעש אזויא וויא בייא אונז, אז מיר הערין אז קאראאימעס עסען ניט קיין בארשטש אים פסח, אדער אזויא וויא מען הערט אז אטייהל וואלינער ניטצען ניט קיין קנאביל אונ מאהן אויף פסח, ווארום וואס איז דער חילוק צווישען קנאביל אונ ציבאלעס, אדער צווישען בארשטש, מעהרען, רייז אונ אנדערע מיני קטניות? —

דאס איז בייא אונז א מנהג, אונ אזעלכע מנהגים ברעכין א דין, יא רבותי! אזעלכע מנהגים ברעכין דיא דינים, דיא תורה הקדושה אונ דיא אוים געהאראוועטע ביינער פון מיליאנען ארימע יודען, אז מיר וואלטען זיך ניט אן געחאפט מיט ביידע הענד אין דעם נארישען דייטשען מנהג וואס איז געגען דער גמרא הקדושה וואלטען יודען גאר קיין צרות ניט גיהאט פון דעם פסח, יעדער יוד וואלט גיגעסען א גאנץ יום טוב א מאהל רייז, א מאהל רעטשענע קאשע, א מאהל א מאמעליגע אונ דיא איבעריגע מיני קטניות טאקי וויא דיא פרענקען אונ נאך מיליאנען יודען טוהען נאך איצט אויך, אונ פאר יעדען וואלט גענוג גיוועזען עטליכע פינט מצה אויף פסח, אהן אייער אונ אהן שמאלץ, איצט אבער איז אויף אונז איין אונגליק, מע מוז האבין אבער מצה אונ ווידער מצה אונ אהן מצה איז נישטא וואס צו עסען, נאר מצה אונ מצה מעהל, וואס מע דארף דער צו האבין פיל שמאלץ אונ אסאך אייער אונ עס קאסט גענוג געלד אונ געזונד. —

יא וואס נאך האבין דיא סאפיסטען דיא אחרונים אויף גיטאהן, הערט אגאנג! ארבעס אונ דיא אלע מיני קטניות מעג מען טאקי עסען אים פסח נאר נישמער? מען האט מורא, וואס? וואס למשל קאן מען דא מורא האבין? א הא! עס איז רעכט, אז מע וועט עסען ארבעס? נא למשל וואס זשע וועט

זיין

זיין אז מע וועט עסען ? אז מע מעג עסען ! גיין, עס הייסט וויל פון ארבעס קאן מען דאך מאכען מעהל (האלט קאפ עס שווינדעלט זיך אין מוח) אונ אז מע וועט עסען ארבעס מעהל (איהר פאר שטייט נאך ניט ?) קאן דאך זיין אז מע וועט גאר א טעות האבין אונ עסען ווייצען מעהל אויך — נא ליבע לומדים ! אט דאס איז דער גאנצער טעם פון דיא פוסקים, פרעג איך אייך זאגט אליין נעמט דאס דער שכל הישר ? געוואלד געשריגען ! מיט אזויגע קרימע געגג קאן מען דאך מצה אליין אויך פאר ווערען אונ טאקי מאכען גאר א תענית פון דעם הייליגען פסח פאר וואס ניט ? אז דעם פוסק פאר ווילט זיך איז טאקי ניט גוט — נאך א מאהל אז פון דעם עסען גאנצין ארבעס קאן ארויף אופן זינגען ארבעס מעהל אונ פון ארבעס מעהל אויף ווייצען מעהל, קאן דאך פון מצה גיכער ארויף אופן מוח ווייצען מעהל ? בעטראכט דאס גאר, עס איז דאכט מיר א ריכטיגער חשבון. —

ווייסט איהר, עס איז נאך עפעס גרויסע נסים וואס דיא פוסקים האבין זיך ניט גיחאפט מסכים צו זיין צום משוגענעם פלאן פון איינעם א גאון וואס ער איז גיווען א בעלן גאר פאר ווערען עסין קארטאפעל אויך אים פסח אונ אויך מהאי טעמא, מחמת מע קאן דאך פון קארטאפעל אויך מאכען מעהל.

באמת איז דיא מעשה אזויא, בשעת דיא פוסקים האבין גימאכט דיא אלע גזירות אויף יודען האבין זייא גאר ניט געפיהלט אז דאס איז א משא פארען עולם מקיים צו זיין, דער מאנט זיך נאר, פלייש איז דאמאלס גיווען 3 אדער 4 קאפ' א פונט אונ דוקא פעטע אונ א גוטע וואג אויך, קארטאפעל 10 גראשען א מעסטעל, ווייצען מעהל 2 גילדען א פיד, אייער 3 גראשען א צענדליג, שמאלץ 10 קאפ' א קווארט, נא פרעג איך אייך ? האט מען זיך דאמאלס גאר ניט גיקאנט בעגעהן אהן ארבעס ? אהן קאשע ? פיש איז גיוועהן דיא בעסטע 3 קאפ' א פונט, נא צו וואס דארף מען הערינג ?

דארום איז גאנץ זיכער אז ביי דער יעצטיגער צייט וואלט געוויס בייא קיין שום פוסק ניט געלייגט זיך אופן מוח מאכען אזעלכע גזירות, עס איז דאך אין אמת א געוואלד, א פיד מעהל אריבער 2 רו"כ, א מעסטעל קארטאפעל 75 קאפ', א פונט פלייש 20 קאפ' דווקא מאגערע גאלע ביינער אונ ניט דא קיין וואג אויך, נא וואס עסט מען אין אמת א גאנץ פסח ? מהיכא תיתי דיא אלע מיני קטניות זענען עפעס א מאכל, אבער ניט דיא טריקענע שערבאלעך וואס צו שטעכען דעם גימען, אונ א חוץ דעם אלעמען פרעג איך גלייט דיא קשיא, עס איז טאקי א זול גדול, אבער וואס איז דאס פאר א פלאן מאכען פרישע גזירות ? דיא הייליגע גמרא דריקט זיך אויס זייער גוט: „דייך במה שאסרה תורה" עס הייסט: עס אי גענוג פאר דיר וואס דיא תורה אליין האט דיר פאר ווערט. —

אין

אין באמת לאמיר נאר מאכען א חשבון, גאט האט אונז גיהייסען ניט עסען קיין חמץ, נא האט ער דאך אונז פון מצרים ארויס געפיהרט דורך גרויסע נסים ונפלאות, חלעבען איז האטש כדאי, אבער וואס פאר א טובה האבין אונז גיטאהן דיא פאנאטעשע פוסקים אז זייא זאלען אונז גאר פארווערען כמה וכמה זאכען צום עסען ? פרעג פאר וואס ? פאר ווען ? איהר זייט דאך לומדים, אייך דארף מען דאך ניט דער צעהלען וויא דיא חכמי התלמוד האבין מורא גיהאט פאר „הפסד מרובה" פאר איין גרויסען היזק מאכען — איינער פון דיא גרויסע תלמודיסטען האט גיענטפערט דעם אנדערין וואס ער איז גיוועזען א שטיקעל מחמיר: „עד מתי אתה מכלה ממונן של ישראל ?" עס הייסט: נאך וויא לאנג וועסטו איבערפירען יודיש געלד ? נא בעטראכט דאס גוט, מה דאך אין יענער צייט וואס א גאנצע בהמה האט גיקאסט 10 גילדען האט מען מורא גיהאט פאר „הפסד מרובה" מאכען א יודען א היזק ? (אוודאי אין 5 קאפ׳) א פשיטא שוין בייא דער יעצטיגער צייט וואס א בהמה דיא ערגסטע קאסט 30 רובעל זילבער, נא וואלט זיך איין אמורא אזוי גיך ניט גערעשעט מאכען טרפה אונ מפסיד זיין אזויא פיל געלד אונ ווער רעדט שוין גאר מאכען פרישע חומרות, אונ שטארקען צו ליב דעם דאס יקרות — וואס איז היינט שמחת יום טוב ? דאכט מיר אז יום טוב איז יעצט פיל ערגער וויא אוואכענדיגער טאג, אין אמת איז דאך „אין שמחה אלא בבשר" נא ב"ה מיט פלייש איז מען שוין פאר זארגט, איבער דיא גרויסע חומרות פון דיא פוסקים אחרונים אונ דיא פאר פלוכטע טאקסע האבין מיר שוין פאר געסין אפילו דעם טעם פון פלייש, נא אין דיא וואכענדיגע טעג קאכט מען א קרופניק מיט א קארטאפליע, עטליכע פאסאליעס, א ביסעל רעטשענע קאשע, רייז, הירז, א מאמעליגע, איז אפילו אן פלייש אויך נישט קשה, אבער אין דעם יום טוב אים פסח, מע קאכט דיא יויך מע רופט דאס נאר „יויך" ווייל אין דעם איז ניט דא קיין גרויפען אבער קיין פלייש איז אין דער יושקע אויך ניט דא, נא קאן מען זיך עפעס משמח זיין מיט אזעלכע יויכען ? עס הייסט מיט גאלע ווארימע וואסער ? —

אונ נאך דיא אלע זאכען דארף מען נאך קלעהרען א שטייגער בייא יעצטיגער צייט בייא יעצטיגען יקרות צו מתיר זיין דיא אלע סארטען וואס נעמט גאר קיין שכל פאר וואס זענין זייא אסור ? זעהט וואס דיא גמרא דער צעהלט אונז פאר וואס מע פלעגט מאכען איין עבור יאהר ? „משום ירקא" דאס הייסט: קרויט איז ניט בנמצא, דעריבער האט מען דעם פסח אפ געלייגט נאך אין א חודש ארום, איהר פאר שטייט א כח פון אונזערע חכמים כדי דער עולם זאל האבען גרינס אויף פסח האט מען גאר איין עבור גימאכט אונ אונזערע רבנים מיט דיא גאונים הארט גאר ניט אפילו דער עולם זאל ח"ו שטארבין פון הינגער ווילען זייא ניט מתיר זיין אפילו דאס ביטעל

ארבעם

אַרבעס וואָס מע מעג על פּי דין עסען אָהן אַ שום ספק כּלל וכלל. —

איך ווייס גוט ליבע לומדים! אַז איהר וועט דאָס האַלטען פון מיר פאַר איין עזות, וויא קום איך זיך מישען אין אַזעלכע געשעפטען? נאָר דער אמת איז דאָס האַרץ טוהט מיר זייער וויא, אַ רחמנות געבאַך צו קוקען אויפען געמיינעם עולם וואָס געהען כּמעט אויס פון הונגער, ווערען געבאַך פאַר שוואַרצט, שוואַרצען זיך זייער פּנים איבער דער ביטערער מצה און עס קומט יום טוב האָט ער ערשט ניט וואָס צו עסען, וואָס האָט מען צו זייא? פאַר וואָס זאָל ער געבאַך דיא אַלע זאַכען ניט מעגען עסען אים פּסח וועט ער ניט דאַרפען אַזויא פיל פאַר שוואַרצט צו ווערען און וועט הנאה האָבען פון שמחת יום טוב, איך ווייס ניט צו וואָס זייא קויפען נאָך „מרור" און לייגען צום סדר? מיר דאַכט זיך זיכער אַז מיט דער ברכה על „אכילת מצה" איז ער „אכילת מרור" אוודאי יוצא, מע דאַרף ניט קיין גרעסערין מרור וויא דיא מצה איז בייא דעם אָרימען מאַן. —

פון דיזען שמועס וואָס דער מענש האָט גערעדט מיט אַ שטאַרקען טאָן און מיט פילען געפיהעל, זענען געבאַך דער פּראָסטער עולם אַזויא גערירט געוואָרען אַז זייא האָבען כּמעט געוויינט מיט ביטערע טרערען יעדערער האָט אָן גיהויבען צו פיהלען זיין ביטערען לעבען, נאָר דיא משוגענע חריפים וואָס ווילען ציהען העלפאַנדען דורך לעכליך פון נאָדלען האָבען גישריגען אַז אַזוינע רייד טאָהר מען ניט הערען מע טאָהר ניט פורץ גדר זיין, נישקשה מע וועט פאַר הונגער ניט שטאַרבען חלילה! — הערסטו דוא חצוף! האָט אַגעשרייא גיטאָהן דעם שוחט׳ס שטיף זוהן, דוא ווייסט אַז דוא האָסט אַ דין פון אַ „זקן ממרא?" איך זאָג דיר אַז דוא זאָלסט אויף האַלטען דיין מויל און אַז ניט וועסטו שטאַרק חרטה האָבען, דוא פאַרשטייסט וואָס מען מיינט?

דער יונגער מאַן איז שטאַרק צו קאַכט גיוואָרען פון דעם שטיף זוהן׳ס רייד, ער איז גאָר פון דיא כּלים אַרויס, און וויא אַ גרויסער העלד איז ער אַרויף נאָך אַ מאָהל אויף דער בימה, און מיט אַ ציטערדיגע שטימע האָט ער אַזויא גיזאָגט: איהר מיינט באמת אַז איהר זענט בייא מיר אַגרויסער מענש? וואָס סטראַשעט איהר מיך? וואָס וועט איהר מיר טאָהן? איך בין ב״ה ניט פון דיא כּלי קודש איך לעב ניט אויפען פרעמדען חשבון, איהר מענט אויף מיר זאָגען וואָס איהר ווילט, איך האָב ליב צו זאָגען דעם אמת עס נעמט טאַקי אָן בייא דעם האַרצען, אייך איז גוט צו שווייגען, קיין טאַקסע צאָהלט איהר ניט, קאָנט איהר עסען פליש טאַקי ביז עס קריכט אייך פון דעם האַלז, חלעבען פון דיא אַלע נאַרישע מנהגים האָט איהר גאָר דווקא שעהנע פּרנסה, אַז מען שווייגט, שווייגט מען, זעהט עולם זאָלט איהר מיר געזונד זיין! פון וואַנען לעבט אייער שטיף פאָטער וויא אַ פירשט? ווען ניט

דיא טאקסע ? וואס וואלט דא גיהאט א שוחט ? דער כלל ציהט מיך ניט פארען צוגג איך וויים אלעס איך פארשטעה ב"ה אלעס, איך בין ניט בלינד אין דיא אלע געשעפטין — איך וויים גאנץ גוט אז איהר בעדארפט דיא פאסאליעס אונ ארבעס אויף כפרות אז עס איז דא גענוג פלייש אונ שמאלץ, קאן מען שוין טאקי קאבען באמת א גוטע יויך, פיל מיט פעטע קניידליך אונ מיט א גוט שטיק בראטען, א גוטע קיטניצע אן געפיהלט מיט מעהל אונ שמאלץ, א מאגען, א איטעהר, נא בעדארף מען נייטיג רעטשעגע קאשע אדער פאסאליעס ! איהר ווילט ניט אריין געהן אין דעם אנדערינס פאלאזשעניע, דיא הייליגע גמרא זאגט אויך: „גדולה לגימא שהרחיקה שתי משפחות מישראל" עס הייסט: צו ליב עסען זענין ערוויטערט גיווארען צוויא משפחות פון יודען, דאס איז „עמון אונ מואב", א קאטאוועס עסען ? דער „פסל מיכה" האט נאר דער פאר עקסעסטירט בייא יודען (וויא דיא תלמודיסטען האבין פאר שטאנען) נאר וויל ער איז גיוועהן א מכנים אורחים גיגעבען עסען אונ טרינקען רייזענדער געווים ניט מיט ליטוועשען קרופניק, נאר טאקי מיט א שטיקעל פלייש אונ דווקא ניט פון אייער שטיף פאטער'ס שחיטה, איהר ווייסט פון דעם סוד אז „הכל שוחטין ובכל שוחטין" דאס הייסט: אז יעדער יוד מעג זיין א שוחט, מע דארף גאר ניט נייטיג אז א שוחט זאל זיין א חלוש מיט א האז אופן הארצען אונ מיט וואטען פארשטעקט דיא אויערען אונ זאל זיין דער צו א שטיקעל מקובל אויך, אונ דיא חלפים זאלען זיין פון דעם נייעם סארט שלייפען, נאר דיא טאקסע האלט צו דיא שוחטים אונ דיא שוחטים מיט דיא רבנים האלטען צו דיא טאקסע, זייא זאגען אז אהן דער טאקסע וואלט מען גאר גיגעסען טרפות. —

נאך זייערע רייד ווייזט אוים אז דיא טאקסע איז אויך פון תורה שבעל פה נמסר גיווארען פון איין דור צום אנדערען ביז אייער שטיף פאטער אונ אונזער רב זאל מאריך ימים זיין; איך בין ניט קיין חריף איך קאן ניט קיין פלפול, אונ איך האב טאקי באמת פיינד דעם גאנצען פלפול, אבער קיין עם הארץ בין איך ב"ה אויך ניט, איך וויים גאנץ גוט אז מיט דיא אלע רייד וועל איך גאר נישט אוים פיהרען אונ איך קאן ב"ה אהן ארבעס אויך לעבען, נאר עס גליסט זיך א מאהל טאקי ווייזען אז מע פאר שטייט וואס מע בעדארף — מעהן ניט אז דוא נארסט מיך, הגם דאס איז אויך א שטות, אבער איך האב דאך שוין גיזאגט, בין איך אייך מודיע אז איך האב קיין שום מורא ניט, מיך סטראשעט מען ניט מיט אזויגע נארישקייטען. —

אויף דיא רייד האבען זיך אקעהר גיטאהן אלע פרושים מערידאלנע אונ אנדערע טאקי מיט א שבר (חלעבען עס איז טאקי מיט חן), אלע איידעמס מיט דיא סמיכות אויף דיא פלייצעס, איינקלעך מיט אפ גענאלטע

קעפליך

קעפּליך, אונ צייכענס פון באנקעס אויף דער פּאטיליצע, קרימע קעפּ, חריפים, גלאט צבועים, אונ עס האט גיקאנט ווערען ווער ווייסט וואס, נאר איינער א קליגער יונג איז פּליצלונג צו גיגאנגען צום עמוד אונ האט אזאג גיטאהן „ברכו את ה׳ המבורך״ אט איז שטיל גיווארען, דער עולם דאווענט מעריב, נאך מעריב איז דער עולם זיך צו קראכען איינציג וויים. —

---

## 4.

## דער אהיים קומען פון דיא שכנים פון דעם בית המדרש.

נא טייערע לעזער! לאמיר גיין בעלעהטען אונזערע שכנים אהיים, צו שטעלען זייא צו זייערע ווייבער, זייא האבין נעבאך שטארק געבענקט נאך זייא, וואס איז? טרעפט וואס! גאר פּשוט, עס איז ניט דא ווערען צו שעלטען, דיא צונג קאן פארזשאווערט ווערען אז מע ניצט זיא ניט א פּאר שעה.

א גוטע וואך! א גוטע וואך! וואס צינדט מען שוין ניט אן א ליכט? עס איז דאך שוין שפּעהט אין דער נאכט! אין בית המדרש איז היינט גיוועהן א גאנצער עסק — „מיר האבין פארשטאנען אז עס איז עפּעס פאר־געפאלען דארטען״ האבין דיא ווייבער גיענטפערט, „וואס איז דארטען גיוועהן?״ מן הסתם האט מען זיך שוין גיקריגט אויך, אונ אפשר חלילה גאר גישלאגען, „אונ דוא ביסט אויך בוודאי אין דעם א מאכער״ האט א זאג גיטאהן דיא „געלע״ ווארום וויא ויהי איז א צרה, דיר געהט מעהר ניט אפּ, דער קאפּ איז בייא דיר זייער קלאהר, דער פּסח איז שוין ב״ה פארטיג אין גאנצען, עס געהט מעהר ניט אפּ נאר לייב אונ לעבען, נא מהיכא תיתי דארף מען זיך אביסעל מישען אין פרעמדע גישעפטען, קריגען זיך אביסעל שונאים. —

איהר זעהט ברידער! „וויא דער שטן האט דיא מערכה״ האט גיזאגט דער מאן, אלע שבת צו נאכט אנאנדער גישעפּט, אבי דיא קליפּה זאל עטוואס האבין וואס צו טוהן, פאראכטאגען איז גיוועהן איין עסק מיטען מארק היינט ב״ה וואלט שוין אפשר שטיל גיוועהן, נא האט זיך גימאכט א פרישע זאך, ניחייא וואלט דיא ארורה חאטש פרעגין וואס אונ ווען? —

דיא

דִיא זָאגֶערְקֶע הָאט שׁוֹין אֲפִילוּ חֵשֶׁק גִיהַאט מְכַבֵּד צוּ זַיין דֶעם מַאן מִיט אַ גוּטֶע מְלַוֶּה מַלְכָּה, נָאר דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט אִין מִיטֶען אַ פְּרֶעג גִיטָאהְן „עֶס אִיז נִיט דָא אוֹיף עֶפֶּעס הַבְדָּלָה צוּ מַאכֶען?" קַיין בְּרָאנְפֶּען אִיז שׁוֹין גָאר נִישְׁטָא? הָאט אִים דָאס ווייב צוּרִיק אַ פְּרֶעג גִיטָאהְן „דוּא הָאסְט דָאךְ גִינוּמֶען אַ גַאנְץ קְוַואטִירֶעל הָאסְטוּ דָאס אִיבֶּער שַׁבָּת כָּשֵׁר גִימַאכְט אִין גַאנְצִין?" דָאס אִיז אַ בִּיסֶעל אַ טְרֵפָה הַאלְז? אִיךְ בִּין טַאקִי אַגְרוֹיסֶער נַאר, אַלַיין דַארְט מֶען, מֶע פַארְגִינְט זִיךְ נִיט דָאס לֶעבֶּען מֶע עֶסְט ב"ה קְרֶענְק אַ גַאנְצֶע וואָךְ אוּנ אִים שַׁבָּת אוֹיךְ, אוּנ פַאר אִיהְם אִיז קַיין זַאךְ נִיט צוּ טַאייֶער, נָא נָא עֶר הָאט זִיךְ גִישְׁטֶעלְט אַ שֶׁעהְנֶעם שְׁטֵייגֶער? — גִיבּ אַ גְרָאשִׁין וֶועט מֶען קוֹיפֶען אוּנְטֶער בִּיר וֶועסְטוּ מַאכֶען הַבְדָּלָה, מַאכֶען זָאלְסְטוּ מִיט דֶער גְסִיסָה, דֶעם לֶעצְטֶען מָאהְל וֶועט דָאס דִיר שׁוֹין זַיין, סַם וֶועסְטוּ בַּייא מִיר טְרִינְקֶען. —

„דוּא וֶועסְט שְׁטוּמְמֶען צוּ גַיין?" הָאט עֶר זִיךְ אָן גִירוּפֶען מִיט כַּעַס דוּא מֵיינְסְט אַז אִיךְ בִּין דֶער גְלַאצֶערְקֶס מַאן? „אָט וָואס עֶס הָאט גִיזָאלְט זַיין אוּנ וָואס עֶס וֶועט זַיין, זָאל אוֹיס גֶעהְן צוּ אַייעֶר קָאפּ" הָאט זִיךְ אַ חַאפּ גִיטָאהְן דִיא זָאגֶערְקֶע נִיט טוֹיט נִיט לֶעבֶּעדִיג, „וִויא גִיפֶעלְט דָאס אַייךְ? שְׁלָאגְט זִיךְ קָאפּ אִין וַואנְט פוּן מַיינִיט וֶועגִין, אִיהְר מִיט אַייעֶר ווייבּ אוּנ זִיא מִיט אַייךְ" וָואס פַאר אַ מְחוּתָּן זֶענְט אִיהְר מִיט מִיר? אִיךְ בִּין עֶפֶּעס אַייעֶר גְלַייכֶען? נִישְׁקָשֶׁה, אִיהְר הָאט נָאךְ גָאט פַארֶען בָּארְד אוֹיךְ נִיט אָן גִיחַאפְּט אִיהְר וֶועט נָאךְ אַיינְגֶעזוֹיגֶען וֶוערִין מִיט דֶער שְׁטוּבּ וִויא קֹרַח, אָט אַזוֹיא וֶוערְט מֶען שָׁפָל וְנִבְזֶה אַז מֶע הָאט אַזוֹיא אַ צָרָה פַאר אַ מַאן, נִיחַייא וָואלְט גִיוֶוען אַ שְׁטַיין אַרוֹיס פַאלֶען אוֹיף דֶעם אָרְט אֵיידֶער אִיךְ בִּין גִיבּוֹירֶען גִיוָוארֶען אוּנ אַרַיין פַאלֶען אִין אַזאַ בִּיטֶערֶען גוֹרָל, דֶער וָואס אִיז מִיר נָאר אַ שׂוֹנֵא דֶער וָואס רֶעדְט אַרוּם מִיר צוּ שְׁלֶעכְטְץ זָאל צוּ מַיין לֶעבֶּען קוּמֶען, אָט דַארְף מֶען מָארְגֶען אי"ה גֶעהְן אוֹפֶן מַארְק, הָאבּ אִיךְ אֲפִילוּ נִיט אַ צוּ בְּרָאכֶענֶעם שִׁילִינְגֶער? אִיךְ וָואלְט גִיהַאט אַזאַ גֶעזוּנְד הַארְץ וִויא עֶר הָאט וָואלְט מִיךְ אוֹיךְ נִיט גֶעהַארְט, וֶועט נִיט זַיין וֶועסְטוּ עֶסֶען מַכּוֹת, אִיךְ ב"ה הָאבּ שׁוֹין בַּאלְד קַיין כֹּחַ נִיט צוּ עֶסֶען, אִיךְ הָאבּ זִיךְ גוּט אוֹיס גֶעדִינְט פַאר אִיהְם.

דִיזֶע וֶוערְטֶער פוּן דֶער זָאגֶערְקֶע הָאבִּין גִימַאכְט אַ שְׁטִיקֶעל אַיינְדְרִיק אוֹיף דִיא אִיבֶּערִיגֶע ווייבֶּער אוּנ הָאבִּין זִיךְ אוֹיךְ אָן גִיהוֹיבֶּען נֶעמֶען צוּ דִיא מַאנֶען יֶעדֶערֶע מִיט אִיהְר שְׁטֵייגֶער, גִישָׁאלְטֶען מִיט טוֹיטֶע קְלָלוֹת, אוֹיף גִיוָוארְפֶען אַיינֶע דֶעם אַנְדֶערְן וָואס עֶס הָאט זִיךְ גִיטָאהְן נָאךְ פוּן דֶעם עֶרְשְׁטֶען טָאג נָאךְ דֶער חֲתוּנָה בִּיז יֶעצְט, גֶעפְּלוֹיכְט אוּנ אוֹיס גִיוָוארְצֶעלְט דֶעם שַׁדְכָן וָואס הָאט גָאר דֶעם שִׁידוּךְ אוֹיף גִיבְּרַאכְט, אוֹיס גִישָׁאלְטֶען דִיא בֵּיינֶער פוּן אָבוֹת אֲבוֹתֵיהֶם, הַכְּלָל דִיא שְׁטוּבּ אִיז גִיוֶועהְן פִיל מִיט קוֹלוֹת,

קללות

קללות און יללות, דער זייטעגער מענש וואס זאל למשל געוועזין אריין קומען פלוצלינג אין שטוב וואלט ער זיך ניט געקאנט ערקענדיגען אין וואס עס בעשטייט דאס מחלוקת, און וואס פאר א סבה דא האט זיך געטראפען רחמנא ליצלן, ווארום אזעלכע ווערטער וואס זייא זאלען האבין א שייכות איינער צום אנדערען הערט מען ניט בשום אופן, נאר איינציגע וויראזשע־נעיעס, „א שד אין דיין טאטענס טאטען אריין, דיא ערד זאל איהם ארויס ווארפען וואס האט אזא טרפה'נע זרע ארויס געבראכט אויף דער וועלט, מיין כח זאל ער האבין, א אלמנה זאל איך בלייבין אין גיכע צייטען, איך זאל קיין מורא האבין פאר גאט וואלט איך נאך אים ערב פסח אפ געטרעטין און ער זאל זיך א מעשה אן טאהן" — „שווייג חצופה האלט דעם פיסק" ענטפערט א מאנספערזאן, ברענג מיך ניט ארויס פון דער העזה, אויב דוא ווילסט האבין דיין גוטץ, זיא מאכט מיר גליקליך? גייא צום שווארצין יאהר חאטש באלד, ערגער וויא שלעכט קאן דאך ניט זיין. —

נא וויא מיינט איהר, פון אזעלכע קורצע זאצין קאן מען עפיס דער־געהן א מאלק? גלאט עס קאכט, עס רעש'ט, מע טומעלט, עס שטורעמט, אבער ניט צו וויסען וואס און ווען? —. דיא שרות נעבאך הערינדיג דיא זיסע אונטער האלטונג פון דיא שכנים מיט דיא שכנות, האט זיא אויך געקריגען אביסעל חשק מאכען חאטש א שטיקעל מחלוקת מיט איהר מאן „דעם וועכטער", חלעבין מהיכא תיתי פאר וואס זאל זיא דאס גאר שווייגען? זיא צאהלט אפילו ניט קיין דירה געלד, אבער דערויף איז מען דאך יודען, עס איז פארט פסח פאר א טאג פאר א טאג, עס ווערט כמעט שוין אן גערופען טאקי ערב פסח, נא האט זיך טאקי בייא דער שרות אויך געעפינט דער מוח, געוואלד גישריגען! וואס שווייג איך? אלע שעלטין אלע קארעניען און איך זיץ גאר וויא א פאר שמאכטע, איך מוז שטוממען, הא? נאך א מאהל, איך בין עפיס א פאר קויפטע? איך שווייג, איך שווייג, עס איז אבער קיין תכלית ניט, דער שווארצער יאהר ווייסט איהם וואס ער טראכט זיך, צו ער מיינט שוין גאר ניט דער לעבען פסח? — וויא געפעלט אייך ווייבערליך, עפיס אזא דונער וויא מיר האט איינגעשלאגען האט דאך נאך קיין יודישע טאכטער ניט געטראפען, אט האט ער אפ געפרעסין שבת געהט ער שוין אוועק זיך שלאגין קאפ אין וואנט, ניחייא וואלט ער חאטש א פרעג געטאהן „הערסטו מיין ווייב, צו טשארט, צו דיאוואל, דוא האסט שוין עפיס אן געגרייט אויף פסח? וואס הערט זיך מכח ווייץ? וואס קלעהרסטו מכח א זעקיל? נא דיר עפיס געלד אופן מארק", פע חלילה! ער מיינט ער וועט זיך אזויא אויס דרעהן, אויס גידרעהט וועט דיר ווערין דיא קישקעס אין בויך, איך וועל מארגען געהן צו דיינע בעלי בתים איך וועל זייא געבין אז עס וועט זייא אין האלז ניט קריכען, מע קאן דיא נשמה

ניט

גיט אוים שפאייען , הלעבין איך וואלט אויך גיקויפט א שטיקעל הינדיטשקע פארט אזא הייליגער יום טוב , ער האט גאר קיין מויל ניט , ניחייא וואלט ער שוין ניט גיהאט קיין מויל צום פרעסין . . . —

נא אז דיא שרות האט זיך שוין געבאך אויך אביסעל מוטה גימאכט מיט עטליכע קללות , איז גיווארין אין שטוב אביסעל שטיל אונ רוהיג , עס הייסט מען האט שוין מעהר קיין כח ניט גיהאט צו שעלטין אונ צו פלאנטען מיטען צונג , עס איז שוין גיווארין גאנץ שפעט אין דער נאכט , דער עולם איז זיך צו קראכין יעדערער אויף זיין גילעגער טויט הינגעריק צו גריזעט הייזעריק פון שרייען אינ שעלטין , אט אזויא איז מען איבער גילעגען אין צרות ביז טאג . —

הבוקר אור , עס איז גאר גיווארין ליכטעג , מארש דיא מאנסבילען אין בית המדרש , דיא ווייבר אופן מארק , אין שטוב זאל גאט בעהיטען אונ בעשירעמין , אלע קינדר קלאגין אונ וויינען , עס איז ניט דא וואס צו בייסין אונ וואס אין מויל צו נעמען , קאלט וויא אויף דער גאס , דיא עופות מיט דיא הינדיקעם מאכען אין שטוב תוהו ובוהו , דיא בהמה האט מיט דיא הערנער גיעפענט דיא טיהר אונ האט אוים גיקעהרט דיא פאמיניצע אין מיטען שטוב , עטליכע חזרים זענין אויך גיקומען מאכען א וויזיטע אונ האבין אויף גיגעסין וואס אין שטוב איז גיוועהן , אשטייגער עטליכע לעבלאך ברויט עטליכע האלבע חלות פון שבת , אביסעל קלאייען , א פעסיל בארשט וואס מיהאט גישטעלט אויף פסח . —

טהייערע לעזער ! לאמיר לאזען אלע שטיבער אויף הפקר אונ לאמיר געהן אביסעל אין בית המדרש הערין וואס עס טוהט זיך מכח דעם היתר פון דיא „קטניות“ אונ וואס זאגט מען אויף דעם נעכטיגען שמועס פון דעם אפיקורס , דיא זאך וועט שטיל ניט אפ געהן דא וועט שוין עפים זיין , פאלגט מיך לאמיר געהן עס איז כדאי צו וויסען . —

אין בית המדרש איז שוין נאכען דאווענען , עס רוישט אין אלע ווינקעליך אלע רעדין אלע שרייען , מע זידעלט זיך , מע שעלט זיך , מע שטעלט דולעם איינער דעם אנדערין , צדדים א פילער בית המדרש , אלע איידעמם מיט דיא פרושים אונ דער שטאט מתמיד , אויך דעם אלטען רב'ס איינקלעך , דעם אלטען מגיד'ס , האלטען שטאהל אונ אייזען מיט דעם שוחט'ס שטיף זוהן — „א גרויסער יושר אן לערנין דעם חצוף דעם אפיקורס“ האבין דיא לייט אלע מסכים גיוועהן , „וויא געפעהלין אייך זיינע נעכטיגע ווערטער“ ? ער איז באמת א מגלגל פון אלע יודישע מנהגים , מכח דיא ארבעס וואלט אפשר קיין עולה ניט גיוועהן מתיר זיין אין דעם יעצטיגען יקרות , נאר מע טאהר גיט ווייזען א וועג דעם פראסטין עולם זייא וועלין מיינען אז

מע

מע קאן א מאהל חמץ אויך מתיר מאכען, א קשיא אויף פראסטאקעס, נאר וויא דיא מעשה איז דעם עזות פנים דארף מען גייהטיג זעהן אן רייבען גוט א מארדע.

געגען זייא האבין זיך גיפונען איינינגע וואס האבין כלומערשט נוטה גיוועהן מיט א האלבין מויל אויף זיין זייט, היינו דער שטאט רופא וואס ער ווייסט אליין א ביסעל אונ הערט פון זיין דאקטער אויך וויא גיזונד עס איז א שטיקעל פלייש, זייגער א איידעם א שרייבער אין פאליציע א יונגער מאן א פלימעניק פון דעם גלאסנע אין דער דומע א רעכטער מושלם, שרייבט אדרעסין, א שטיקעל מליץ, מאכט אפט שירים, א בריה אין מצבות שרייבען, מאכט פרטים אויף יעדער יאהר, מיט איין ווארט איין אויף גיקלעהרטער מענש אונ נאך אזעלכע מענשין וואס האבין שוין א ביסעל דער שמעקט דיא וועלט.

אלע באנק קוועטשער האבין זיך א לאז גיטאהן צום רב אונ נאך פיל קולות, איז גיבליבען אז מארגען נאך קריאת התורה זאל זיין א גרויסע אסיפה אונ מע זאל דן זיין דעם אפיקורס אונ זיין גאנצע סעקטע.

א גאנצע טאג האט מען פאר בראכט נאר אוים צו זוכען חטאים אויף דעם אפיקורס, מע איז דער גאנגען אז ער שלאגט שוין ניט קיין כפרות פון כמה יאהר, ער שלאגט זיך ניט קיין מלקות ערב יום כפור, ער געהט ניט צו תשליך, ער זאגט ניט דיא יהי רצון'ס צווישען תקיעת שופר אונ זאגט אז עס איז דארטען קיין שום סודות נישטא, קיין מלאכים קריכען ניט ארוים פון דעם שופר עס איז א צו קליין לעכיל... פורים צו דער מגילה ליינען קלאפט ער ניט המן'ן אונ שיכור'ט זיך ניט אן ביי טאג לקיים צו זיין חייב אדם לבסומא, ער איז בודק חמץ אן 10 שטיקליך ברויט אונטער גיווארפענע, ער איז ניט מסדר דיא קערה על פי האר"י, ער עסט ניט קיין שמירה מצות צום סדר, אונ קיין קעפליך פון חריין צום מרור, ער שיט ניט קיין פלעסניק אין שטוב אים שבועות, ער שלאפט ביידע נעכט אין יאהר, דאס הייסט: הושענא רבה אונ שבועות, ער עסט פון שחיטת חוץ אונ צאהלט ניט קיין טאקסע, ער שנייט דיא נעגיל גלייך ניט בסריגין, ער איז ניט מעביר דיא סדרה שנים מקרא ואחד תרגום, ער זאגט אז מע לערינט חומש מיט א פירוש איז מען אויך יוצא, ער האלט ניט שטארק פון טראפ, לאכט פון אחשורוש שפיל, אז מע בענשט בה"ב זאגט ער דווקא "אמן" אונ פאסט אויך ניט, תשעה באב זאגט ער נאר דיא ציון'ס דיא איבערדיגע קינות גיפעלט אים ניט דאס לשון, פון פיוט זאגט ער אויך מעהר ניט וויא דיא תפלות, דער כלל ער איז גאר כמעט קיין יוד ניט. —

דיא אלע פאקטען האט מען אויף גיקליבען אים אוים צו ווייזען וויא ווייט ער איז שוין פאר קראכען אין אלף הששי, דאס גאנצע שטעטיל האט

דעם

דעם גאנצין טאג עוסק גיוועהן גאר וועגין דעם, זייא האבין זיך גאר פאר־געסין אן דעם חורבן וואס עס טוהט זיך בייא יעדערין אין שטוב, זייא האבין גאר פאר געסין דעם פסק וואס זייא וועלין האבין אז זייא וועלין קומען אהיים. —

כמעט גאר פאר נאכט זענין נעבאך דיא ווייבער ערשט גיקומען צוריק פון דעם מארק, פאר שלומפערט איבער דיא אויערין, פאר פרוירענע, פאר שמאכטע, קוים זיך אריין גיכאפט אין שטוב — א קלאג! א בראך! וואס איז דא אין שטוב גיווארען? ווער האט דאס דיא פאמיניצע איבער גיקעהרט? א דונער איז מיר, דיא קוואס איז אויך אויס גיגאסען, ווער איז דא פארט גיוועהן? „דיא בהמה מיט דיא חזירים זענין עטליכע מאהל גיוועהן היינט אין שטוב", האבין אלע קינדער א גישרייא גיטאהן אונ תיכף אן גיהויבען צו וויינען „עסען! גיב עסען!" „דער טאטע האט דיר גאר ניט גיגעבין קיין שטיקעל חלה?" האט א פרעג גיטאהן דיא באלעבאסטע, ניין ער איז נאך גאר ניט גיקומען פון דאווענען, „אונ דיין טאטע איז אויך גאר ניט גיוועהן היינט אין שטוב?" האט א פרעג גיטאהן דיא גלאטשערקע, ניין קיין איינציגער טאטע איז ניט גיוועהן, גיב מיר א שטיקעל חלה איך האב נאך גאר ניט גיגעסין, קראנק ביסטו גיוועהן אליין צו נעמען? דיא חזירים האבין אויף גיגעסין דיא גאנצע חלה מיט דעם ברויט, זייא האבין ארויס גיגנבית א זעקיל קארטאפעל אויך פון אונטערין בעט בייא דער שרות — דאס יונגעל נעבאך דער צעהלט אונ קלאגט, שרייט עסין מיט דיא לעצטע כוחות. —

נא ליבע לעזער! שטעלט אייך פאר אזא סצענע, אין שטוב איז קאלט אונ חושך אלע קינדער וויינען אונ שרייען אונ זענין טויט הינגעריג, עס איז ניט דא וואס אין מויל צו נעמין, דיא ווייבער נעבאך זענין צו בראכין פון דעם גאנצין טאג אונ אויך גוט הינגעריג, יעצט דעם שייגעם ברוך הבא, אז דארויף קומען אריין דיא מאנען וואס זענין א גאנצע טאג גאר אין שטוב ניט גיוועהן אונ האבין גאר עוסק גיוועהן מכח דער אסיפה, נא, וויא מיינט איהר? אלע קללות פון דר תוכחה האט יעדע פרויא אויס גישאטין אויף'ן מאן'ס קאפ תיכף וויא זיא האט איהם נאר דער זעהן, דאס איז אביסיל פאר שטאכינע אויגין ער קומט נאך אהיים, ער מיינט נאך אפשר אז איך האב איהם אן גיגרייט צו פרעסין, עסין זאל דיר שוין דיא ווערים אין גיבען רבונו של עולם! — גיוואלד וויא נעמט מען שוין דעם טויט? גיוואלד וויא אהין איינטלויפט מען?

אין דיא רייד האט זיא זיך שטארק אויס גיוויינט אופן קול, גיקלאגט אונ גישאלטין אונ אזויא אויך אלע ווייבער גיחליפעט אונ גיפלוכט, אלע קינדער יאמערין אין קלאגין זייא האבין שוין כמעט קיין כח ניט, אין שטוב איז גליטשיק פון דעם קוואס אונ פון דער פאמיניצע, אלע הינגעריק פאר

שמאכט, אויס גישאלטענע אויף אלע זייטען, נא אבי גיפאטירט דעם מארק, אלע ליגען אויף דיא גילעגערס אונ קרעכצין, טויט וויא אלע טויטע, מען האט קיין כח ניט ממש איין צו שלאפין.

נא עס איז שוין ב״ה ווייטער טאג, דיא מאנסבילין גייאן אוועק אין בית המדרש אונ דיא ווייבער האבין קיין כח ניט כמעט ארויס צו קריכען פון דיא בעטין, נאר וואס טוהט מען? א רחמנות אויף דיא קינדער, וואס קאכט מען? מיט וואס וועלין זייא דאס עסין? קיין ברויט קיין חלה, נא, נא! א לעבין, ניט זינדיגען זאל מען מיט דיא רייד — מיט גרויסע צרות האט מען גיקריגען א ברויט אונ מע האט אפ גיקאכט דעם לייכטין גיקעכטץ, עס הייסט: רעטשענע גרויפין מיט גאלע וואסער, אבי דיא קינדערליך אביסעל מחיה צו זיין, אליין אויך גיכאפט א פאר לעפיל, נא איז גיבליבען בייא אלע ווייבער אז מע זאל זיך נעמין צום קאליכען, דא איז שוין גיקומען דיא צייט אויף דיא בעטין אויך, מע האט אלעס ארויס גיווארפין פון דעם שטוב אונ מע קאלעכט — נא זאלען זיך דיא ווייבער קאליכען דיא שטיבער אונ מיר לעזער! לאמיר גיין הערין וואס מאכט זיך דארטין בייא דער אסיפה, עס איז שוין נאכען דאווענען עס מוז זיך שוין טאהן, גיכער פאר־ברענגט ניט דיא צייט. —

---

# 5.

## דיא גרויסע אסיפה.

דאס קהל שטיבעל איז פיל מיט מענשין, פון כל הצדדים האבין זיך אויף גיקליבען צו הערין דעם טיפען מוסר וואס דער רב וועט דא זאגין דעם אפיקורס אונ מיט וואס ער וועט דא איהם דן זיין, דיא איינגע מענשין וואס האבין באמת דעם אפיקורס ליב גיהאט, האבין איהם מחזק גיוועהן ער זאל זיך גאר ניט שרעקין אונ האבין איהם צו גיזאגט אז זייא וועלין אויך זיין בייא דער אסיפה — דער גאנצער עולם ווארט נאר אויפן רב, א רעש, א געפילדער, ער געהט! ער געהט! דער רב איז שוין דא, אין דעם קהל שטיבעל איז גיווארין שטיל, אלע שווייגען אונ שטעלין אויף מויל אונ אויערין הערין וואס דא וועט זיך טאהן — אונזער אפיקורס האט אבער גאר ניט גיווארט ביז דער רב וועט אן הויבען פאנאנדער פירען זיינע הענד מיט דיא

דברי מוסר, פאר קעהרט ער האט זיך גימאכט מוהטה אונ האט אן גיהויבען פירען א שמועס מיט אזא אופן:

איהר זאלט וויסען רבי! איהר פאר שפארט מיר גאר זאגין מוסר, איך פארשטעה אליין וואס איהר וועט מיר זאגין, מע האט מיך פאר־גישטעלט פאר אייך פאר א „מלגלג על דברי חכמים" פאר א חוזק מאכער פון אלע יודישע מנהגים, מיט אייןווארט, איך בין שטארק אראפ פון דעם דרך הישר, איך בין א חוטא ומחטיא את הרבים, דאס הייסט: איך זינדיג אליין אונ מאך נאך זינדיגען אנדערע, דאס אלעס ווילט איהר מיר פאר־זאגען, אונ דערויף זאגין מיר הארבע ווערטער אונ גוזר זיין אז איך זאל חוזר זיין בתשובה, אונ אויב ניט וועל איך חרטה האבין, א יא רבי, דאס וועט זיין דער אינהאלט פון אייער דרוש? נא דארום האב איך טאקי חס אויף אייער טירחא אונ וויל אייך פאר שפארין רעדין בחנם, איך אליין וועל אייך קלאהר מאכין וואס איך בין, אונ דער נאך וועט איהר מעגין מאכין פון מיר וואס איהר וועט וועלין (אויב איהר וועט נאר קאנען).

הערט רבי! אונ אלע יודען! איך בין א יוד וואס גלויבט אין גאט אונ אין זיין תורה, א דין וואס איז מפורש אין דער היילגער תורה אדער אין דער גמרא היט איך אפ מיט כל הפרטים אונ מיט כל הדקדוקים, אבער דער פאר בין איך א גרויסער פיינד פון אלע מנהגים חדשים פון אלע חומרות אונ איסורים וואס האבין אין אמת גאר קיין שום ממשות ניט — ר' אליעזר זאגט אין ירושלמי (חגיגה פ"א) „כשם שאסור לטהר את הטמא כך אסור לטמא את הטהור" עס הייסט: אזויא וויא מע טאהר ניט זאגין אויף א זאך וואס איז „טמא" „טהור" אזויא טאהר מען ניט זאגין „טמא" אויף א זאך וואס איז באמת גאר „טהור", ווידער זאגט חזקיה אין ירושלמי (שבת פ"א) „כל מי שהוא פטור מן הדבר ועושהו נקרא הדיוט", דיא זאך וואס מען איז ניט מחויב צו האלטען פאר א מצוה אונ אייגער האלט דאס יא, ווערט ער גירופען א פראסטאק, על כן זענין דיזע אלע פרעדמעטען וואס באמת זענין זייא כשר ומותר מיט'ן דין תורה, נאר איינעגע פוסקים אחרונים האבין מיט א טעות גיוואלט מחמיר זיין אונ מאכין פון כשר טרפה אונ פון מותר אסור, איז דער מענש וואס איז א נאר אונ איז אויך מחמיר ווערט ער גירופען א „הדיוט" (פראסטאק), נא פארשטעהט זיך אז א מענש וואס האט נאר אין זיך עטוואס א פינק פון שכל הישר, וויל טאקי בשום אופן ניט היטען אזעלכע גישעפטין, וואס נאך ניט גענוג וואס ער וועט דער פאר קיין שכר ניט נעמין אויף יענער וועלט, נאר ער קריגט נאך א טיטול (פראסטאק).

אונ בפרט ביי דיא יעצטיגע צייטען, אז דיא אלע חומרות אונ מנהגים בעשווערין זעהר דאס לעבין פון אונזערע יודען, עס איז שוין ניט דא קיין כח דאס אלעס צו פאר טראגין, נאר דער עולם איז נעבאך שטארק

קירץ

קורץ זיכטיג צו זעהן אז דאס איז אלעס שטותים און הבלים, זייא מיינען געווים אז דאס איז אלעס „הלכה למשה מסיני" קלעהרין זייא אז מע קאן דאך באמת ניט העלפין, ווארום דערויף איז מען דאך א יוד, אבער דער וואס האט ליכטיגע אויגען זעהט גאנץ קלאהר ארוים פון וואנען און פון וואס איז דאס ביי אונז געווארין, טוהט דאך באמת איהם וויא דאס הארץ קיקענדיג אויף דיא צרות און דעם דחקות וואס מע שטעהט אוים, נאר איבער אזעלכע נארישקייטען און קינדער שפילעכליך.

זאגט מיר רבי! איהר זייט דאך ברוך השם אין יעצטיגע צייטען א גאון, איהר קאסט דער שטאדט אסאך געלד, נא פרעג איך אייך וואס טוהט איהר לטובה פאר דער שטאדט? וואס האט איהר דא מתקן געוועהן? על כן איז דאך א שטארקע קשיא צו וואס דארף מען אייך? אפשר פרעגין א שאלה? איז ב"ה דא א דיין מאכט ער דאס פאר צוויא רובל א וואך, וואס איז? אפשר צו פאר היטען מיזאל ניט עסין קיין בשר חוץ און דער בית דין שמש זאל אוים רופען „בידיעת הרב הגאון דפה אז דאס האט דעם דין פון בשר חזיר" (חאטש שטילערהייט עסט ער אליין פון בשר חוץ), זעהט איהר דאס איז טאקי כדאי, מהיכא תיתי א גוטער פלאן מפרנס זיין א רעכטען גאון, צו וואס? ער זאל מחזק זיין אזעלכע רוצחים אזעלכע גזלנים, וואס געווים וועלין זייא מוזען געבין דין וחשבון פארען בית דין של מעלה, קארג האבין זייא אונגליקליך געמאכט יודען מיט דער טאקסע? דאס איז נאך ניט געהערט געווארין ביי קיין שום אומה ולשון, נאך ווייניג פאר אונז וואס דיא פוסקים אחרונים האבין גאר אהן רחמנות געמאכט טרפות און חומרות, אז קאם איין בהמה פון 20 ווערט כשר, וואס אין אמת וואלטען בעדארפט יעצטיגע גאונים ביי אזא שרעקליכען „הפסד מרובה" זיך גוט ארום זעהן און אפ שאפען דיא אלע איבעריגע חומרות און זיך צוריק ארויף שלאגין אויף דיא 18 טרפות וואס עס איז געצייכענט אין דער גמרא חולין, איז נאך א צו גאב צו דיא צרות דיא ביטערע טאקסע, נא איז געווארין א פונט פלייש דארע מאגערע אזא מכה וואס אין דער צייט פון דער גמרא האט מען דער פאר באלד געקאנט קויפען א גאנצין אקס. —

נא אדרבה! פרעג איך אייך ווער קאן דער צו העלפין? דער עולם מיינט אין אמת אז דער פאראדאק פון דער טאקסע מיט דיא שוחטים און קצבים מיט דיא נאמנים, איז איין אלטער מנהג נאך פון מתן תורה אן, און אופן בארג סיני האט מען געוויזען אין איינעם מיט'ן מחצית השקל און דיא מנורה אויך א פייערדיגען בעל טאקסע, מיט א שוחט א חלוש מיט אגרויסען פיפיק און א העקער א שכור, נא אויב עס איז טאקי אזויא מוז מען זיך מיט זייא שפיגלען, אבער איהר גאונים האט דאך יא געקאנט זיך אויפקלאבין און מאכען איין אסיפה (פיל נייטהיגער וויא דיא יעצטיגע אסיפה אז יא?

מְבַטֵל צוּ זַיין דִיא אַלֶע פָּארַאדָקְסֶען אוּנ שְׁטֶעלִין יֶעדֶער זַאךְ לוֹיט דֶעם רִיכְטִיגֶען דִין .

מִיר דַארְפֶען נִיט זַיין פְרִיהְמֶער וִויא אוּנְזֶערֶע חַכְמֵי הַתַּלְמוּד , אֵיינֶער פוּן זֵייא ר' דִימִי בְּשֵׁם ר' יִצְחָק (ירושלמי נדרים פ"ט) הָאט גִיזָאגְט : „לֹא דַיֶיךָ בְּמַה שֶׁאָסְרָה לְךָ הַתּוֹרָה , אֶלָּא שֶׁאַתָּה מְבַקֵּשׁ לֶאֱסוֹר עָלֶיךָ דְּבָרִים אֲחֵרִים" דָאס הֵייסְט : עֶס זֶענִין נִיט גֶענוּג פַאר דִיר דִיא זַאכֶען וָואס דִיא תּוֹרָה הָאט אָסוּר גִימַאכְט וִוילְסְטוּ נָאךְ אוֹיף דִיר אָסוּר מַאכֶען נָאךְ אַנְדֶערֶע זַאכֶען ? נָא נָאךְ דִיזֶע רֵייד זֶעהְט מֶען טַאקִי וָואס פַאר אַ טִפְּשִׁים מִיר זֶענִין אַז מִיר הָאבִּין זִיךְ פַאר שְׁלוּמְפֶּערְט בִּיז אוּנְטֶערִין קָאלְנֶער פוּן פִיל חוּמְרוֹת אוּנ גְזֵירוֹת , פְרֶעגְט צוּ וָואס ? וֶוער וֶועט אוּנְז גֶעבִּין דֶער פַאר עוֹלָם הַבָּא ?

דִיא גְמָרָא בְּרֶענְגְט אַ שְׁפְּרִיכְוָוארְט „לְפוּם גַּמְלָא שִׁיחְנָא" דִיא מַשָׂא בְּרוֹיכְט זַיין וֶועדְלִיג דֶער כֹּחַ אִיז פוּן דֶעם וֶוערְבְּלִיוּד , אָבֶּער נִיט אִיבֶּער־ לָאדֶען בִּיז עֶר זָאל פַאלֶען אִין דִיא הַאלָאבְּלִיֶעס , דִיא תּוֹרָה הָאט אוּנְז קוּרְץ גִיזָאגְט מִיט צְוֵוייא וֶוערְטֶער „וָחַי בָּהֶם" אַז מִיר דַארְפֶען נָאר לֶעבִּין דוּרְךְ דִיא מִצְוֹת , אָבֶּער לֹא שֶׁיָּמוּת בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם , נִיט פַאר שְׁוַוארְצְט וֶוערִין פוּן זֵייא — מִיךְ וָואלְט שׁוֹין נִיט גֶעהַארְט דִיא אַלֶע נַארִישֶׁע מִנְהָגִים וֶוען זֵייא וָואלְטֶען זֵייא אַרַיין גִיקְרָאכֶען אִין גַרְגֶרֶת אַרַיין , אָבֶּער אַזוֹינֶע מִנְהָגִים שֶׁל שְׁטוּת וָואס גֶעבִּין נִיט קֵיין מְנוּחָה , פַאר דוּלֶען מִיר דֶעם קָאפּ אַז עֶס אִיז נִיט לִיבּ דָאס לֶעבִּין , פְרֶעג אִיךְ אַייךְ אוֹיף וָואסֶערֶע צָרוֹת דַארְף מֶען זֵייא ? אַ נָא וֶוער קָאן דֶער צוּ הֶעלְפֶען ? נָאר אִיהְר רֶבִּי אוּנ נָאךְ אַזֶעלְכֶע גְאוֹנִים . —

גֶעוַואלְד גִישְׁרִיגֶען ! עֶס אִיז אַ חֶרְפָּה אִיבֶּער דֶער צֶעהְלֶען וָואס דָא טוּהְט זִיךְ אָפּ דֶעם גַאנְצִין פַאר פֶּסַח , שׁוֹין הֶעכֶער וִויא צְוֵוייא וָואכֶען אַז מֶע עֶסְט נִיט , חָאטְשׁ אַ גַאנְץ יָאהְר עֶסְט מֶען אוֹיךְ קְדָחוֹת מִיט רְבִיעִית , נָאר דָאךְ קָאכְט מֶען פָארְט עֶפִּים , אָבֶּער דֶער פַאר פֶּסַח אִיז גָאר אַ נַייעֶה מַכָּה , מֶע זָאל 4 וָואכֶען הָאבִּין צוּ טָאהְן גַאנְצֶע טֶעג מֶע עֶסְט נִיט , עֶס אִיז נִישְׁטָא אוֹיף וָואס צוּ שְׁלָאפֶען , אַלֶע שְׁטִיבֶּער זֶענִין פוּסְט , טָאג אוּנ נַאכְט קְלָלוֹת אוּנ יְלָלוֹת , אוּנ דָאס אִיז אַלֶעס אִיבֶּער דִיא נַארִישֶׁע חוּמְרוֹת אִיבֶּער דִיא פַאר־ שִׁימֶעלְטֶע מִנְהָגִים , דַאכְט זִיךְ אַז וֶועדְלִיג דֶער רֵיינֶער דִין פוּן דֶער תּוֹרָה וָואלְט גָאר נִיט גִיוֶועהְן וָואס צוּ טָאהְן , וָואס אִיז אַלֶעס דִיא טַעֲנָה „מִנְהַג יִשְׂרָאֵל תּוֹרָה" נָא גֶערֶעכְט , אָבֶּער וֶוען אִיז דָאס חָאטְשׁ גִירֶעדְט אַז דָאס אִיז אַ מִנְהָג פוּן אַ קְלָאהְרֶען יִשְׂרָאֵל , אָבֶּער אַז דָאס אִיז גָאר אַ מִנְהָג פוּן אַ מְשׁוּגֶענֶעם יִשְׂרָאֵל אִיז אוֹיךְ אַ תּוֹרָה ? מֶע הָאט דָאךְ אַ גוּטֶען מוֹפֵת פוּן דֶעם פַיינֶעם מִנְהָג פוּן כַּפָּרוֹת שְׁלָאגִין , חָלֶעבִּין אוֹיךְ אַ מִנְהַג יִשְׂרָאֵל , אוּנ דֶער בֵּית יוֹסֵף רוּפְט דָאס פָארְט „מִנְהָג שֶׁל שְׁטוּת" פַאר וָואס ? מֵחֲמַת דָאס אִיז אַ מִנְהָג פוּן אַ יִשְׂרָאֵל שׁוֹטֶה . —

נאך

נאך מעהר דער מנהג פון כפרות איז ניט גלאט א שטות והבל, נאר ער ברענגט נאך פיל שלעכטעס, ער איז מאכיל טרפות, וויא פיל עופות דער קוילען גאר ניט דיא שוחטים ערב יו"כ אלע ווייסען דער פון און קיינעם הארט דאס גאר ניט, אפילו דער חיי אדם ארבעט אויך מעשים אויף דעם, נאר ווער הערט דאס? וואסער גאון וויל דאס מאכין א היזק דעם רוצח דעם בעל טאקסע, הלעבין א רחמנות אויף איהם, ער חאפט פארט אריין פון דיא כפרות א רעכטע מטבע, וויא מען זאגט א ווערטיל „זאל זיין פון א קאזאק אבי צום לעבין", דיא שוחטים חאפען אויך צו עטליכע רובל, זייא געהן אום פאר טאג צו דיא בעלי בתים חשובים קוילען זייערע כפרות, דאס איז שוין געווארין בייא יודען א גאנצער כבוד, הלעבין א בעל הבית וואס דער שוחט געהט צו איהם פאר טאג ערב יו"כ, פר נאכט שלאגט איהם דער בית המדרש שמש מלקות אויך אביסעל מיט כבוד, ערשטענס ער אליין, ניט דער אונטער שמש, צווייטענס ריקט ער איהם אונטער מעהר אביסעל היא עס זאל איהם זיין ווייכער צו ליגען (וויא א פאנסקע פערד אין שטאל) איז ער שוין טאקי א רעכטער מיוחס און שפיהלט שוין א ראללע פון איין איש נכבד. —

און פרעגט וואס? וואס האט ער דא גיטאהן פאר אזא גרויסע זאך וואס ער איז גאר פליצלונג א מיוחס גיווארין? עס איז רעכט, ער איז געבאך אויף גישטאנען פאר טאג, איהר קאנט אפשר קלעהרען אז ער האט זיך גינומען צו זיינע חשבונות בעטראכטען פיליכט האט ער אפשר אימעצען גיטאהן עפעס איין עולה? מחמת אויף אזעלכע פארברעכין געגען אמענשין איז דאך יום כפור אויך ניט מכפר, אפילו דאס וועקסענע ליכט וואס איז גימאכט גיווארין מיט גרויס קונסט, יעדעם קנייטעל איין געטינקט אין תחנות ובקשות, דער מאנט אלע זכות אבות פאר גאסען טאכין טרערין, קאן דאך ניט העלפין אויף חטאים און פשעים אין געלד זאכין, נא דאכט זיך וואלט דאך יעדער מענש בעדארפט ערב יום כפור ארום גיין צו זיינע אבידעטע און זיך אפ רעכענין מיט זייא פיין ערינדלעך, זעהן אז איטליכער זאל צו פרידען זיין און ניט האבין חס ושלום קיין טענות צו איהם.

נאר ווען אפילו אז דאס רוב יודען זענין זיך אזויא ניט נוהג זייא הארט גאר ניט אז יענער וועט איהם ניט מוחל זיין דיא גנבה אדער דיא גזילה, דער פאר אבער היט מען שטארק דעם דאזיגען מנהג: עסין א גוטען מיטאג און אין דער יויך מוז זיין קרעפלעך, פון דעם טייג אויס פלעכטין וויא א לייטער, געהן אין מקוה, מאכען צווייא ליכט איינס א געזונדע און איינס א נר נשמה, געהן אופן בית עולם און נעמין דארטין א גרויס שטיק לעקיך, הלעבין ניט קיין נארישע מנהגים מען זעהט ארויס מיט'ן שכל אז אזויגע גוטע מעשים זענין טאקי מכפר אויף שקר און רמאות, משיג גבול זיין,

גזילות

גזילות און גנבות עס איז דאך א מנהג ישראל איז דאס טאקי א תורה.

נאר דאס בלייבט א שטארקע קשיא, אלץ איז דאך דער דין נעבאך ניט ערגער וויא דער מנהג, און פון דעסטוועגין עסין קרעפלעך, מאכין צוויא ליכט היט מען בכל תפוצות ישראל און אפ געבין אלע גנבות און גזילות אום ערב יו"כ וואס דאס איז א דין מפורש, וואס אהן דעם איז כמעט דער גאנצער יום כפור אומזיסט, טוהט מען דאס ניט, וואס קאן דאס זיין? א פנים האט דאס, אז עסין פיש און יויך מיט קרעפלעך און צימעס, איז אסאך גרינגער דעם קאמיסיניער וויא אפ געבין א הינדערטער דעם קאמיטענט וואס ער האט דאס שוין לאנג אראפ גילאזט טיף אין קעשענע, אדער דעם אנזעצער וויא אפ געבין דאס פרעמדע בלוט פון וועלכין ער האט זיך גימאכט א קאפיטאל.

אבער לאמיר זיך אומקערין צו דעם וואס איך האב אן גיהויבען צו אונזער מיוחס וואס איז אויף גישטאנען פאר טאג און איך וועל אייך טאקי מגלה זיין דעם סוד פאר וואס ער איז אויף גישטאנען — ער איז אויף גישטאנען צו טאהן א וויכטיגע זאך, וואס איז? צו נעמען א ווייסען האהן און דרייען איהם ארום זיין נארישען קאפ און עסין פון איהם א גוטע יויך, נא איז ער דען ניט ווערט דער פאר ששי און דיא פתיחה פון לאל עורך דין! פאר קעהרט ווען אז אלע יודען וואלטען גיהאט שכל האט מען בעדארפט אזא בעל הבית האלטין פאר א משוגענעם און פאר א הדיוט פאר א גרויסען פאריך אויך, וויא מאכט זיך דאס א יוד אזויא נאריש? — נאר באמת דיא חברה נארען זיך אליין, זייא מאכין זיך גרינג אופן הארצין, אז דער האהן האט פון איהם אראפ גיהאפט אלע זיינע שווינדלען און גנבות, רציחות און מלשינות, אי עס שטייט דאך פארט אין דער היילינער גמרא אז אויף עבירות גענען א מענשין קאן אפילו יום כפור אויך ניט מכפר זיין, נאר מע מוז טאקי במחילה אפ געבין פרעמד געלד, נישמער פאר וואס דען רופט מען דאך דיא עופות „כפרות"? הא? מן הסתם איז דאס פארט שטאט א קרבן. —

אט אזויא געהט עס מיט אלע שטותים, איין שטות גרעסער וויא דאס אנדערע, א שטייגער מיט דער ערציהונג, פאר וואס גיפינען זיך בייא אונז יודען אזויא פיל קבצנים? אזויא פיל שנארער? מחמת מיר ווילען ניט מאכין פון אונזערע קינדער קיין מענשין וואס זאלען טויגען צו דער וועלט, חאטש דעם יודען קאסט דאך דאס לערנען זיינע קינדער פיל מעהרער וויא א מענשין פון אנדערע נאציאנען, דער חסרון איז אבער אין דעם וואס דאס גאנצע לערנען איז אהן א טאלק, מיר ווילען זיין „כולנו חכמים, כולנו נבונים, כולנו יודעים את התורה" דאס הייסט: אלע זאלען זיין לומדים, אי פון וואנען וועט מען לעבין? נישט קשה! „מאן דיהיב חיי יהיב מזוני", דאס הייסט: ווער עס גיט לעבין, דער וועט געבין צום לעבין, אי וואס? עס שטעהט דאך

וברכתיך

וברכתיך בכל אשר תעשה", אז דער מענש מוז אליין טוהן פאר זיך? נא טוהט מען דאך, חלעבין! שדכנות, חלפנות איז דען ניט קיין מלאכה? א מעקלער, א ארץ ישראל משולח, א גאמן אין דער יאטקע, א מלמד, א שוחט, א בית דין שמש, ווערט דען ניט אן גירופען א מייסטער אין זיין זאך? דאכט זיך על פי דין קאן מען שוין יוצא זיין מיט דעם אן שטאט איין אומנות? מחמת דיא גמרא זאגט אונז אז יעדער פאטער דארף לערנין זיין קינד עפיס א מלאכה, נא איז דאך דאס א מלאכה, דער גרונד איז דאך נאר דער קווינט מזל, ווארום אין אמת העלפט עפיס קאנטשאפט? אז מע זעהט דאך בפירוש אז דער בעל מלאכה פון טוך פאבריק, פון צוקער, פון פאפיר, אדער א טעבניקער, איין אפטייהעקער, א מאשעניסט, לעבין טאקי וויא דיא פירשטען, און דיא מלמדים שדכנים, און אפילו דיא קרעמער זענין דלפנים, לעבין אין צרות אין דחקות, פירען איבער פרעמדע געלד, מוזין זיין ליגנער שווינדלער אבמאנטשיקעס? —

ניין! מע דארף ניט זיין קליגער וויא דער טאטע איז, אט אזוויא איז דער מנהג, באמת! האט גוט גיזאגט יענער "מנהג ישראל תורה" ווארום אין דער יעצטיגער צייט האבין דיא יודען גאר ניט קיין תורה נאר גאלע מנהגים, און אזוויא וויא א מנהג ברעכט דאך א דין, האבין דיא זיסע מנהגים צו בראכען אלע דינים ריק און לענד, און אונז יודען דעם קאפ און לייב און לעבין, נא פרעג איך אייך נאך אמאהל ווער קאן דער צו העלפין? נאר דיא גאונים וואס קאסטען געבאך דעם עולם אזוויא פיל געלד, זייא האבין גיקאנט לייכט מאכען דעם יודען אין אלע זאכען, אפ שאפען דיא חומרות, ארויס טרייבען אלע נארישע מנהגים, מבטל זיין דיא טאקסע, מאכען א טאלק מיט דער ערציעהונג, מאכען אין אלע גרויסע שטעדט רעמעסלענע שקאלעס, יעדער מענש זאל האבין זיין פראפעסיאן, אט דא וואלטין יודען גיהאלפען גיווארין, עס וואלט אייך שוין ניט גילעגען אפילו אין דער לינקער פאה, פארפאלגען דעם וואס וויל ניט זיין א נאר, אפילו דיא ממשלה וואלט אויך גאר אנדערש גיקוקט אויף אייך, מע וואלט אייך ניט אן גירופען שטענדיג עקספלאטאטערעס.

נא ברידער! נאך דיא אלע רייד האט איהר נאך עפיס מיט מיר וואס צו מאכען ויכוחים, איהר ווילט שטעלין עדות אז איך בין ניט שטארק מקפיד צו היטען דיא אלע נארישע מנהגים איהר ברויכט דאס גאר ניט איך בין אייך אליין מודה אז איך היט ניט און וועל ניט היטען, איך האב זיך פיינד צו מאכען נאריש, איך האב פיינד צו שפילען אין בלענדעניש, ביא מיר איז א גרויסער חילוק צו וויסען א דין און א מנהג, ביא מיר ברעכט ניט א מנהג קיין דין.

נאך דעם גאנצין שטועס האט אזאג גיטאהן דער שטיף זוהן "ודע מה

שתשיב

שתשיב לאפיקורוס, הני מילי אפיקורוס עכו״ם, אבל אפיקורוס ישראל כל שכן דפקיר טפי״, דאס הייסט: מיט א יודען איין אפיקורוס טאהר מען קיין ויכוח ניט האבען, מחמת ער וועט נאך מעהר אפיקורוס ווערין, מיר פארדריסט נאר וואס דער רב זאל לעבין האט גיהאט אזויא פיל געדולט אויס צו הערין אזעלכע עולות, וואלט דא דער רבי ניט גיוועזין דער בייא וואלט איך זיך מיט איהם גוט אפ גירעכינט; — „איהר זענט נאך א יונגער מאן״, האט איהם דער רב גיענטפערט, מיר בעדארפען זיך לערנין פון דוד המלך, אז בשעת אבישי בן צרויה האט גיוואלט טעדטען דעם שמעי בן גרא פאר וואס ער האט געזידעלט דעם קעניג האט דוד המלך גיזאגט צו איהם „ה׳ אמר לו קלל״ עס הייסט: ניט ער איז אין דעם שולדיג, גאט האט איהם אויף מיר אן גישיקט, אט אזויא איז מיט אלע ענינים, מן הסתם האב איך בעדארפט הערין היינט אזעלכע רייד, איך וויל גאר איהם קיין מוסר זאגין איהר זענט אויף איהם קיין מבינים ניט, אויף איהם קאן איך ארויס א בת קול אונ שרייען „שובו בנים שובבים חוץ מאחר״, אזא מענשין וועט שוין גאר ניט העלפין, ער וועט שוין קיין תשובה טאהן, איך האב בכוונה איהם ניט איבער גישלאגין זיין שמועס, איך האב טאקי גיוואלט ער זאל ארויס געבין מעהרער סחורה איך זאל וויסען וויא ער האלט, נא יעצט וויים איך שוין אויף קלאהר, עס איז בריערער שוין „עקבא דמשיחא״ (דאס הייסט משיח׳ס צייט), דארום איז „חוצפא יסגא״ (דיא חוצפא איז גרויס), ער איז א חצוף אונ ווייטער פארשטעהט...

---

6.

## פון דער אסיפה צוריק אין בית המדרש אריין.

„לאמיר געהן מנחה דאווענען״ האט גיזאגט דער שטיף זוהן, עס איז שוין ממילא ניט פריא, דער עולם האט מסכים גיוועהן אונ אלע מיט איין מאהל האבין זיך אלאז גיטאהן אין בית המדרש אריין מנחה דאווענען, עס איז נאך אפילו ווייט צו נאכט, נאר וויא אהין געהט מען? עס איז פשוט א מורא צו געהן אהיים, יעדע ליטוואטשקע האט שוין זיך מסדר גיוועהן א גאנצין דרוש פון גאלע קללות צו טראקטירען דער מיט דעם מאן, תיכף וויא זיא וועט איהם נאר דער זעהן, נא וואס טוהט מען? איז גיבליבען אז דער

מגיד

מגיד זאל נאר זאגין שיר השירים ביז מעריב, אט וועט מען זיך אביסעל דער קוויקען.

דער מגיד איז מיט גרויס קוראזש ארויף אויף דער בימה און וואס עס איז איהם גיוועהן אויף זיין הארצין האט ער אויס גילאזט צו דיא פסוקים געבאך, אי האבין זייא דאמאלס גיהאט פון איהם? איהם האט זיך אלעס גיוואלט פאר פאקען דעם אפיקורוס אין שיר השירים, נא וויא מיינט איהר, וואס האט ער פארט ניט גיטאהן דיא פסוקים? געמיטשעט זייא, מסרס גיוועהן, איבער גיקעהרט, געזוכט בלבולים ביז ער האט א חאפ גיטאהן פארען אויער דעם פסוק „אשכול הכופר דודי לי בכרמי עין גדי", נא דאס וואָרט „כופר" אליין האט איהם שוין גיגעבין שטאף צו סטראשען דיא איבעריגע ווערטער אז זייא טויגען שוין געהן אויף דעם אפיקורוס, ער האט אפילו גיהאט גענוג ארבייט ביז ער האט פאר שווינדעלט דעם „עין גדי" אז עס זאל געהן אויף ליטא, דער כלל ער האט גיוויזען קונצען איבער קונצען, ער האט גימישט קאשע מיט באטשעווינע, ער האט גיארבייט וויא איינער פארען טויט.

דער עולם האט משונה הנאה גיהאט, פון זיין דרוש האבין זייא טאקי ארויס גיזעהן וויא שיר השירים איז קודש קדשים אז וועדליג דעם מגיד'ס רייד (מן הסתם ווייסט ער דאך וואס טויג איהם זאגין א ליגען?) עס געפינט זיך אין שיר השירים אלע ענינים וואס זינד דיא וועלט איז בעשאפין גיוואָרין ביז דיא וועלט וועט שטעהן, וואָרום מע זעהט דאך וויא ריכטיג עס איז מרומז אפילו דיא מעשה מיט'ן אפיקורוס וואס דא איז ערשט גישעהן, חאטש אין אמת ווייזט אויס אז דער מגיד איז אויך אשטיקעל מגזם, ער קאן אויך אן זאגען אזעלכעס וואס נישט געשטויגען און ניט געפלויגען, וואָרום דיא אייגענע זאך וואס ער האט דא אן גיזאגט אויף שיר השירים האט ער אמאהל גיזאגט גאר אויף שירת האזינו, ער האט דאמאלס אין דער שירה אויך געפאקט פארשידענע ענינים אז עס איז אזש פון האלז גיקראכען, ער איז אשטיקעל באלעמוט.

וואס בעדארפט איהר מעהר, ער האט אמאהל גיזאגט „מגילת אסתר" נא דאכט זיך דאס איז דאך גאר א געשיכטע וואס עס האט זיך טאקי באמת געטראפען, בעשריבען זייער פשוט און גרינג וויא א געשיכטע ווערט בעשריבען וואס קאן מען דא פלוטעווען און פלאנטען מיט'ן צונג? נא נא, איהר זאלט אביסעל געוועהן הערין וויא ער האט דאס אביסעל גיגעבען יעדערין פערזאהן וואס עס געפינט זיך אין דער מגילה וואס פאר א בלבולים ער האט דא גימאכט אויף דעם שעשגז קרים המלך, ער איז א בעלן גיוועהן אין אויסטראג איהם פאר פאקען — אויף להכעים אחשורוש'ן האט ער אן גירעדט אסתר המלכה אז זיא זאל גאר זיין א זקנה פון זיבעציג יאהר און

אויב זיא וויל דאס ניט, זאל זיא חאטש זיין א „ירקבקות״ דאס הייסט א גרינגע, אי וויא וועט זיא גיפעלען דעם קעניג? נײַן, דאס איז אלעס געשמועסט אין פשטות, לויט פשט איז געווים גיוועהן אחשורוש א מבין אויף אזעלכע זאכען, אונ ווען אסתר וואלט גיוועזען זיין א גרינגע וואלט ער זיא אפילו אופן שוועל ניט אריין גילאזט, אבער על דרך הדרוש ווערט דאס אלעס גאר אנדערש.

איך זאג אייך ליבע לעזער! ער האט דאמאלס גיארבעט אויף אלע כלים צום כוף האט ער זיך מישב גיוועהן אז א זקנה אונ א גרינגע איז אויך צו פיל פאר אחשורושין, וויא קומט ער זיין א איידעם ביא מרדכי היהודי? ער איז עפעס זיין גליכען? הא? אט דא וועט איהר אביסעל הערין וואס ער האט איהם אפ גיטאהן פאר א שפיצעל, ער האט גאר פאר שטעלט א שד אין דעם געשטאלט פון אסתר אונ דאס פאר שטעלעניש האט מען גיבראכט צום מלך 1) אבער אסתר איז זיך געזעסען וויא א פרינצעסען ביא איהר קרוב ר׳ מרדכי אונ האט געשפילט פיאנע אויף וואס דיא וועלט שטעהט, נא דאכט זיך גוט אב גיטאהן מיט א שטייגער! מעגסטו דאך שוין זיין אביסעל רוהיג, נײַן דער קאפ איז אזויא פאר פלויגען זאל זיך גאט מרחם זיין, איהר פארשטעהט ער האט נאך פארט מורא גיהאט פילייכט וועט דער קעניג דער טאפען אז דאס איז גאר א שד (ווארום דיא שדים האבין דאך היגערשע פיסלעך, ער האט איהם אפילו פאר זאגט אז ער זאל גערן אין זאקען, אזויא וויא דער אשמדאי פלעגט נארען דיא ווייבער פון שלמה המלך זייא זאלין ניט דער געהן פון זיינע פים אז ער איז גאר א שד, נאר א קשיא אויף א מעשה, אפשר וועט דער קעניג הייסען אויס טאהן דיא זאקען) וואלט אין אמת גיקאנט דער ר׳ מרדכי מיט׳ן מגיד פאר פאלען ווערין חלילה אין טורמע, האט ער זיך גאר איין אנדערע עצה גיגעבין, נײַן זאל טאקי אסתר זיין א יפת תואר אונ דווקא א יונגעס מעדעלין, נאר מע ברויכט איהם אפ טאהן גאר אנאנדער שפיצעל, וואס איז? קוקט זייט מוחל אין תוספות (מגילה דף י״ג עמוד ב׳) וועט איהר וויסען וואס פאר א מין שפיטצעל דאס

איז

---

1) דיא מקובלים האט אפילו געהארט א שטארקע קשיא, וויא הייסט דיא גמרא זאגט דאך אז דריוש איז גיוועהן דער זוהן פון אחשורוש אונ פון אסתר המלכה? נאר מיט אין קנייטשעל איז דא גאר גלאט וויא פיטער, עם הייסט: דער חלק הרע פון אסתר (ווארום יעדער מענש האט אין זיך רע וטוב) איז בבחינת שד, נא פאר שטעהט מען שוין אז אחשורוש ה״זט גילעבט נאר מיט׳ן חלק הרע פון אסתר׳ן, אבער ניט מיט׳ן חלק הטוב, אונ פון דעם רע איז גיבוירען גיווארען דער דריוש.

איז . . . מיר דאכט זיך אפילו אז דאס האט ניט געגאלטין , נאר וואס מאכט דאס אויס אויך מיין באבעס דאגה , איך וויל דאך ווייזען וויא ווייט דער דרשן איז א גריבלער אונ א ריזעקאנט צו קריכען אין אזעלכע עסקים , אונ וואס ? איך זאל זאגין אז עס איז איהם אזויא גוט אופן הארצען ? חלעבען נאר , ער איז אויך אגוטער אביון , ער מעג זיך אויך ריכטען אויף א גוטען ברוך הבא , בשעת ער וועט קומען אהיים פון דער דרשה , זיין גרינגע (אונ דווקא אהן א חוט של חסד) האט שוין אן גיגרייט פאר איהם א בעסערע דרשה , עס וועט זיין וואס צו הערין , נא בעדארף ער פירען אזעלכע ראללעס ביים מלך פרס ? צו וואס נוצט דאס איהם זיך צו מישען אין פרעמדע עסקים ? אונ פרעגט איהם וואס ער האט דער פון ? עס איז כדאי פאר

5 גילדען א וואך קריגען שונאים אין אחשורוש הויף 1) אונ זיך צו צו טשעפען צו דיא פסוקים נעהמען זייא מיט גיוואלד אז זייא זאלען זאגען וויא ער וויל .

איך האב א הנאה אמאהל צו הערין וויא דער מגיד גיט צו פאר שטעהן דעם עולם , אז דער פסוק אליין האט שוין גיזעהן וויא ער האט קיין טעם ניט , אונ האט זיך בייא איהם גיבעטין „געוואלד מגיד ! האב אויף מיר רחמנות , נעם זיך צו מיר אונ דרשה מיך ארום“ אונ דאס זאגען זייא אלע מאהל „אין המקרא הזה אומר אלא דרשני“ עס הייסט : דער פסוק בעט זיך נעבאך „דרשה מיך“ וואלט דאך איינער גיקאנט מיינען באמת אז דער פסוק האט גאר קיין פשט ניט , חלעבען ! וויא פאר שטעהט איהר , איז דאס ניט א בלבול ? א פנים דער פסוק וויל גאר ריידען מיט א דרשן ? ער קאן זייא ניט ? פון זייא וועט ער עפעס א טובה האבען ? ווען אין אמת דער פסוק האלט טאקי אמאהל שמאהל אביסעל איז שוין איהם אסאך גלייכער אונטער געבען זיך צו א שטארקען בעל מדקדק אדער צו אגרויסען פילעלאג , האטש בייא זייא וועט ער אויך קיין האניק לעקין , מע זעהט דאך וואס דער פסוק „או נשיש“ האט נעבאך אויסגעליטען בייא דער חברה ער איז קוים פון זייא פשוט פטור גיווארען , אי האט מען איהם געדרעהט דעם אויער , גאט זאל זיך מרחם זיין , וועניג איז אוים געריסען גיווארען דער פסוק „ויילך אליו אגג מעדנות“ ווער עס גידענקט נאר ? —

נאר

---

1) וואס איז ? עס איז דען ניט א סברא בייא איינעם א שטארקען מקובל , אז דעם סם האט טאקי גוט פאר דראהען וואס מיט זיין צורה האט מען אבמאנעוועט דעם מלך פרס , פאר שטעלען זיך פאר אסתר המלכה אונ דארום איז ער אריין צום המן אונ האט איהם ארויף געבראכט אויף דער גאנצער געשיכטע , נא וואס זאגט איהר ? האט מען דאס בעדארפט נייטיג ?

נאר הערט איהר, פארט אביסעל אידעלער בעהאנדעלט געווארען איידער זייא וואלטען אריין געפאלין אין דיא הענד פון דיא בעל דרשה'ערם, דער מדקדק אז ער זעהט אז עס איז גאר שלעכט, איז ער זיך מתיר צו מאכען א קליינע אפעראציע, איבער ביימען איין אות אויף אנאנדערין, א מאהל ארויס ווארפען איין אות פון דעם ווארט, אמת דער פון איז דער פסוק אויך ניט שטארק צו פריידען, אבער דער בעל דרשה'ער, ער איז גאר א ווילדע חיה אהן דרך ארץ אהן בושה, פאר קלויבט ער זיך אין דיא פסוקים מיט ווייב אונ קינדער אונ מאכען דארטען אן אזא שמוץ, אזויא א טומלעניש, אז דער פשטן קאן שוין דער נאך דארטען ניט אריין שמעקין, ער טרעפט שוין גאר דיא טיהר ניט, עס איז אזויא פאר ווארפען מיט שטיקלעך דרוש, שמאטעס פון רמ"ז פון סוד, אנטשעס פון נוטריקון אונ גימטריאות, אז מען קאן זיך שוין ניט ארום דרייניקען.

איהר ווייסט אז צו ליב דיא בעל דרשה'ערם האט מען שוין כמעט גאר פאר געסען דעם פראסטען פשט פון פסוק, איהר פארגעסט אז דאס קליינע יונגעל, זייט ער הויבט אן לערנין חומש מאכט מען איהם שוין פאר א מגיד, ער הערט שוין ניט קיין קלאהרען פשט פון א פסוק, איך האב אליין געהערט פון א יודען א גמרא למדן, אז ער האט זיך שטארק געשפארט אז דיא מעשה מיט אברהם אבינו וואס מען האט איהם אריין געווארפען אין קאלעך אויווען שטעהט בפירוש אין חומש, געוואלד גזלן! עס שטעהט דאך ניט אפילו א ווארט דער פון? אויף דערויף האט ער אנגעשריא געטאהן מיט כעס, עס שטעהט דאך „אשר הוצאתיך מאור כשדים"? נא מילא וואס איז דער פון פאר א ראיה? „אור כשדים" איז דאך א שטאדט? „אזויא גאר א פייער" האט ער זיך ווידער א חאפ געטאהן, זעהטזשע וואס מאכט רש"י דערויף? נא מאכט דאס מעהר ניט וויא רש"י, אבער אין חומש שטעהט דאך דאס פארט ניט, נא איז דאך דער ווייל אין אמת „אור כשדים" פארט טאקי מעהר ניט וויא א שטעדטעל, היינט פאר שטעהט איהר שוין ברידער, אז אלע יודען זענין קעלביגע בעל דרשה'ערם זייא קאנען שוין גאר קיין פשטות ניט הערין.

אדרבה! זייט א בריה אונ זאגט א יודען אז משה רבינו איז ניט געוועהן אויף'ן הימעל, נא נא דא וועט ער אייך אן חראפען אין דיא אויגען, וואס הייסט? איהר ווילט אפ לייקענען, וואס עס שטעהט בפירוש אין חומש? אי דאס שטעהט דאך גאר גאר אין מחזור פון שמחת תורה „משה עלה למרום" אונ אויך שטעהט דאך מעהר ניט וויא דאס ווארט „מרום" עס הייסט אין דער הויך, אבער ניט אויפין הימעל, אונ אין חומש שטעהט דאך דאס ווארט „מרום" אויך ניט, עס שטעהט מעהר ניט נאר אז משה רבינו איז ארויף אויפין בארג, אונ אין אמת, איז דיא ווערטער „משה עלה למרום" דאך

מעהר

מעהר ניט וויא א פיוט , עס הייסט גלאט בדרך מליצה , והא ראיה , דער תנא ר' יוסי אין מסכתא סוכה , זאגט בפירוש „מעולם לא עלה משה ואליהו למרום״ עס הייסט : מיינט ניט אז משה אונ אליהו זענען טאקי ארויף אין דער הויך , אין דער ליפטען , ניין דיא כוונה איז נאר , זייא זענען ארויף העכער וויא אלע מענשין אין דער מדרגה פון שכל , פון חכמה , פון תורה , זעהט דיא חכמה פון דעם גרויסען תנא ר' יוסי , אז חאטש בייא אליהו שטעהט טאקי בפירוש „ויעל אליהו בסערה השמים (מלכים ב' ב' י״א) , פון דעסט וועגען זאגט ער פארט אז דאס איז ניט דער פשט אופין הימעל , אונ אכל שכן משה , וואס בייא איהם שטעהט גאר ניט דער מאנט דאסווארט השמים , גאר וואס מאכט דאס אלעס אז מע לערענט אן א סדר , אן פארשטאנד , דער מלמד אליין איז אויך א גרויסער פראסטאק , ער ווייסט אויך ניט דעם אינטערשייד פון פשט צו דרש , ער איז אליין משוגע , אונ מאכט דיא קינדער אויך פאר משוגעים .

מע פאר קרימט נעבאך דיא קינדער דעם שכל הישר , דאס קינד לערענט אפ גאנץ תורה , נא טוהט איהם א פרעג צו ווייסט ער כסדר דיא געשיכטע , פון אברהם אבינו ביז מע איז אריין קיין ארץ ישראל ? ניין ער הויבט גאר ניט אן צו ויסען , ער ווייסט יא עפעס , וואס ? ער ווייסט אז בשעת מע זינגט דעם „ואני״ (פרשה ויחי פ״ז) איז עפעס דא א מעשה , אז מען האט געטריבען דיא יודען פון ארץ ישראל אין גלות (איהר הערט וויא ער האלט שוין) זענען זייא געגאנגען אויף רחל'ס קבר . ער ווייסט וויא מען האט דעם ארון פון יוסף ארויס גענקריגען מיט א קונסט פון דעם טייך נילוס , מיט א בלעך וואס עס איז געוועהן אויף געשריבין אויף איהם „עלה שור״ . ער ווייסט נאך וואנדערליכע זאכען , למשל : אז עוג מלך הבשן איז געוועהן הויך פון דער ערד ביז אין הימעל , אונ וויטער פרעגט איהם בחרם ווייסט ער ניט פון זיין לעבען צו זאגען .

נא פארשטעהט זיך שוין זייער גיט , אז אזוינע קינדער ווערין גרעסער האבין זייא שטארק הנאה פון אזא פלוידערזאק וויא אינזער שיר השירים זאגער , ער מעג שוין אפילו קריכען אויף דיא גלייכע ווענט , אבי א שפיטצעל , אבי א קרימקייט , א שפאס אז עס איז דא זיבעציג פנימער בייא דער תורה , נא איז זיין שפיטצעל אפשר אויך פון דיא פנימער , פאר וואס ניט ? דער מגיד איז אפשר א קליינער זנאכער ? א קליינער שנאהרער ? דער כלל איז , דער עולם איז געוועהן צו פרידען פון דעם דרוש אופין העכסטען גראד .

עס איז שוין נאכט , עס איז שוין צייט דאווענען מעריב , אונ פארט געהן אהיים , באמת איז געהן אין קבר א סאך גלייכער , נאר וואס טוהט מען ? פון עסין ? מוזעסט מען שוין ניט , אבער שלאפען ? איז אין דער היים אויך

נישטא

נישטא אויף וואס דעם קאפּ צו ליינען, דאס בעט איז שוין אויך נישטא אין שטוב, דער צו איז נאך אין מיט'ן קאליכען, קלעהר אהין קלעהר אהער, מע מוז דאך געהן געוואָרעווערין אהיים.

דער עולם האט נעבאך אפּ געזאגט וידוי הגדול, און זיך אנגעהויבען ריקען אהיים, מע געהט נעבאך זעהר צו בראכין, שרעקלעך הינגערעך, צו שראקען פאר דיא שווארצע פּיסקעס, וואס זענען שוין גרייט נאר אויס צו שיסען, אויף דער גאס גיסט א רעגען, א בלאטע איבערין האלז, ארום דיא שטיבער איז גאנצע לוזשעס, פון דיא רעגענס פערמישט מיט דיא אויס געגאסענע פאמיניצעס מיט קאליך, נא וואס קאן עס אבער העלפען? אריין אין שטוב מיט דעם רעכטען פיס, הלעבען גאר מחיה, פינסטער און גליטשעק, דער ווינד יאגט און טרייבט פון דיא האלבע אויפענע פענסטער, אלע כלים פיל מיט קאליך, חושך און אנגעגאסען, עס איז נישטא אפילו וויא אנצעשפארען זיך.

„שוין געקומען ב"ה פאר א גאנצען טאג" האט זיך אנגערופען דיא זאגערקע, ער האט טאקי קיין צייט געהאט, מע ווייסט ניט זיינע געשעפטען, אזעלכע עסקים זאל האבין דער וואס לייקענט אין דעם וואס איך בין ניט ווערט צו דער מאגען, „ווער האט נאך איהם געשיקט?" ניהייא וואלט ער שוין געוועהן ניט דער לעבען קומען, אזא גזלן, אזא רוצח, ער האט דאך אין זיך קיין יודעש גליד ניט, געוואלד! פאר פּסח איינע אליין, וויא א שטיין, מע הארעוועט מע רייסט קריעה, קראנק איז ער געוועהן אויך זיין אין שטוב, עפּעס העלפען טאהן, צו נעמען א קינד, אזא פּנים זאלסטו שוין האבין וויא איציקיל, כפּרה זאלסטו ווערען פאר זיין מינדעסטען נאגעל, ער האט זיך שוין נעבאך גיט פאר קיהלט, ער איז טוידט קראנק א גוטען סוף זאל ער האבין פינ'ם הייניטיגען קאליכען, — גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר דיא רייד, הערט איהר ווייבערלעך! איך וואלט שוין דעם רבונו של עולם מוחל געוועהן דעם עולם הבא, פון דעם פסח, אבי דיא צרות ניט זעהן, מע בעדארף דאך ניט פריהמער וויא אינזער מוטער שרה איז געוועהן, זיא איז דאך דיא ערשטע פון דיא אמהות, פון דעסט וועגין, אז ישמעאל האט זיך געריצט מיט איהר בן יחיד, האט זיא זיך איינגעשפּארט בייא איהר מאן אברהם, אז ער האט געמיסט ארויס טרייבין דעם זוהן ישמעאל מיט זיין מוטער הגר, קיין מלאכים איז גאר נישטא אויף דער וועלט, אפילו דיא מלאכים גופא, אז זייא זענען אראפּ אויף דער ערד, דער צעהלט מען אויך פון זייא זייער שיינע זאכען, אז זייא האבין טאקי אויך געזינדיגט, א פּשיטא שוין מיר זינדיגע מענשין.

„אפשר איז א שטיקעל סברא, אז מע זאל אנצינדען א שטיקעל ליכט, מע קאן דאך דא נהרג ווערען" האט א זאג געטאהן דער בעל הבית

אנצינדען

„אנצינדען זאל דיר א העלעשער פייער נאר א חוץ יודעשין שאדען" האט איהם תיכף געענטפערט דאס ווייב, איך האב געהאט פאר וואס צו קויפען א ליכט? וויא געהסטו ארום? אין דער ערד זאלסטו שוין געהן אין גיבע צייטען, דאס איז אביסעל א העזה? א גרויסער גראף, עס געשוועלט איהם ניט, עס איז איהם פינסטער? טוה זיך א מעשה אן, א בעל הבית ביסטו? א הינד ביסטו, וואס לויפט אים אויף פיהר פים, נאר טאקי אזא הינד וויא דיא יוארפט א אוועק א שטוב פאר פסח אויף א גאנצע טאג, פרעגט איהם וואס אונ ווען, זאל ער אזויא וויסען וויא זיינע ביינער וועלין אהין קומען, וויא ער ווייסט אויף וואס פאר א וועלט ער איז, אזא עולם הבא זאלסטו האבין, וואס פאר איין עולם הזה איך האב זינד איך האב דיר דער קענט, דיא האסט מיר שוין געמאכט ב"ה ניט צו גאט אונ ניט צו לייטען, ווער עס דער זעהט מיך, פרעגט מיר אלעם „בריינדעלע" וואס זענט איהר עפעס אזויא חושך אופין פנים, חוץ אייער שאדען אויף אלע יודען געזאגט געווארין, חלעבין אהן עין הרע ווער עס וויגשט איך ניט זאל אליין ניט האבין, א באלבאסטע פון א שטוב, איין אייגענע בהמה, אייער מאן אויך א שטיקעל מפרנס, קינדערליך דער לעבט, קיין בייז אויג זאל זייא ניט שאדען, נא וואסזשע פעהלט אייך? איהר זענט אפשר גלאט ניט געזינד?" פארשטעהט איהר שוין וויא דער עולם לעבט דאס אביסעל אין טעות, מע האט מיך טאקי וואס מקנא צו זיין, דער צעהלט דעם אנדערין דיא צרות וואס מען טראגט אופין הארצין, דיא שטוב איז זייא גרוים אין דיא אויגען, איך בין דאס כלומערשט דיא פינצטערע באלעבאסטע, וואס איז? זיין א פאריבאק בייא אלע שכנים, לסוף דער גאנצער הקדש 1) דער גאנצער עפוש איז אלעם אין שטוב, אט האט מען
שוין

---

1) אונטערין ווארט „הקדש" ווערט געמיינט אין דער ליטא אונ אין וואלין אין דיא קליינע שטעדטליך, אזא שטוב וואס איז פיל עפוש אונ שמוץ, ענגשאפט, קאלט, רויך, סיראסט, אלע פענסטער צו בראכין, אלע ווענט ארום געריסען, חושך אונ פינסטער, שווארץ וויא דיא סאזשע אין קוימען, איך וויים אז אלע פילאלאגען וועלען זיך שטעהלען דובאם, פאר וואס רופט מען דאס „הקדש"? וואס הייסט הייליגקייט? נאר עס איז רעכט, דיא וועלט איז אויך ניט משוגע, אין דיא פאריגע צייטען אונ נאך עד היום אין פיל ערטער זענין דיא קראנקען הייזער וואס יודען האבין דאס גירופען „הקדשים" כדי צו פאר היילינגען זייא, איז גיוועהן דיא ערגסטע הייזער פון דער גאנצער שטאדט, זענען גיוועזין משונה פארלאזט אונ זעהר שמוציג, דיא שטאדט בעלי בתים האבין ניט אכטונג גיגעבען ניט אויף דער לופט פון דעם הקדש וואס עס איז גיוועזען א סם המות פאר דיא קראנקע, ניט אויף דיא איבעריגע
פארלאסטען

שוין אלע חדרים אוים געקאלעכט, אונ דיא שטוב האבין זייא געלאזט אויף מארגין, וואלטען זייא ניט געוועהן אזוינע שלימעזאלניצעס, איך זאג זייא אין דיא אויגען, זייא מעגין אויף מיר פאראיבעל האבין, וואלטען זייא נאך היינט גיקאנט אבוואשין דעם פאל, וואלט מען דאך שוין געהאט איין ארט וויא זיך אפ צו ריהען.

„הערט איהר וואס איך וועל אייך זאגין", האט זיך א חאפ געטאהן א שכנה, א גאנץ הויכע אונ א בארע, מיט אביסעל א פארקרימט מויל, איין פארקאלעכט טיכעל אופין קאפ, אונ א קינד מיט א גרוים בייכעלע אויף דיא הענד, (חלעבין נישט קשה אשיינע מלכה צום סדר הא?) „הערט איהר" איהר וואלט נאר צו מיין לעבין גיקומען וואלט איהר שוין ניט גערופען דעם אנדערין שטינקערען, שטינקען זאל אייך פון דעם האלז, אז איר האט קיין גוטץ געהערט, זיא מיינט אין אמת, אז זיא וועט מיך פאר מסרין בייא מיין מאן, זעהט איהר, איהם הער איך דאך גאר פינקט וויא דעם וואס לויפט ארום אויף

פיהר

פארלאסטען וואס דער הקדש מאן מיט דעם הקדש רופא פלעגען דארטען אפ טוהן, אונ נאך יעצט אין כמה קהלות פון דער ליטא אונ וואלין געפינט זיך מענשין וואס זענין שטארק בייז אויף דיא פארמעגע באלניצעס, זייא האלטען דאס פאר א פארברעך, וויא מאכט מען דאס חוזק פון דיא אלטע הקדשים וואס דאס איז גיוועהן א מנהג קדמון.

דיא היינטיגע הקדשים האבין דאך באמת גאר קיין פנים ניט, גיוואלד! וויא איז דיא בלאטע? פאר וואס שטינקט גאר ניט? צו וואס בעדארף מען אזעלכע הויכע פענסטער? צו וואס האט מען נאך בעדארפט זייא אפ פארבען? וויא איז דער הקדש מאן דער גנב? חלעבען וויא דיא מעשה איז, איז ער פארט גיוועהן א יוד מיט'ן פילען מויל, א פראסטער יוד א פאר צייטיגער ניט וויא היינטיגע פראנטען, קוקען נאר אויף טשיסטאטא, אט אז עס איז בעשערט גיוועהן צו לעבען איז מען אין דעם הקדש אויך געזונד גיווארען, איך לאך פון דיא אלע שארלאטאנסקי פאראדקעס, דאס פאסט גאר ניט פאר א יודען...

בקיצור יעצט קאן מען שוין פארשטעהן וויא אזויא דאסווארט „הקדש" איז גיווארען א טיטול אויף א שטוב א חורבה, א עפוש, א ענגשאפט, אונ חאטש יעצט איז שוין ב"ה אין פיל ערטער גרויס ארטיגע באלניצעס, איז נאך בייא דעם עולם דאס ווארט „הקדש" א שימפפווארט, דאס וועט בלייבען למזכרת עולם אז עס זאל ניט פאר געסין ווערען דער אלטער פאראדאק פון יענע הקדשים, אונ מע זאל שטענדיג מאכען דיא ברכה „ברוך משנה העתים!"

פיהר פיס, וואלט איך שוין בעדארפט אזויא מורא האבין פאר מיינע זינד, וויא איך דארף מורא האבין פאר מיין מאן, נאר גלאט עס פארדריסט, וואס מישט דיא דא אריין דעם אנדערען? זיא מיינט טאקי אין אמת, אז זיא איז דא דיא גרויסע פריצע, אונ מיר זענען איהרע פאדאנעס? מיין מאמע האט געהאט א סאך שענערע הייזער פאר דיר, דער מאמעס אבטרעט איך בעט איבער אייער כבוד, איז געוועהן א סאך שענער וויא אייער גריב, פון דעסט וועגין פלעגט זיא גאר ניט מאכען אזא ברייטען אויפציג, אונ בפרט גאט זאל מיך ניט שטראפען פאר דיא רייד, אזא חורבה וויא דאס איז! איך האב זיך נאר א גאנצע טאג אויפגעהאלטין, רק זיא שטעכט זיך, נאר זיא ברעכט זיך, עס געשוועהלט איהר ניט, פרעג וואס? זיא איז אין כעס אויף גאט וואס ער האט געמאכט פסח בייא יודען.

„נא כפרה, הערט שוין אויף האבין צו טאהן איינער מיט דעם אנדערין, צינד בעסער אן פארט א שטיקעל ליכט, ווער עס האט" האט זיך אנגערופען איינער א שכן גאר מן הצד, „דיא האסט א גראשען, געה אונ קויף" געהן זאלסטו שוין אהן א קאפ, האט איהם תיכף ומיד געגעבין א תשובה זיין ווייב, אויך א מינקת, אונ דווקא ניט קיין יפת תואר, נאר גלאט אהן חן, וואס דארפסטו דיא ליכט? וואס האסטו דא ניט דער זעהן? פרעסען ווייסטו דאך אז עס איז נישטא וואס, אט אין ווינקעלע ליגט דיא פערענע, לייג זיך אונ שטעה טאקי ניט אויף, פון מיינעט וועגען.

בקיצור, יעדער האט געהאט זיין פסק, דיא שרות נעבאך, איז געשטאנען דיא גאנצע צייט גאר א פאר שמאכטע, קללות איז ב"ה דא, נישט צו פאר זינדיגין, עס איז אבער נישטא וועמען צו שעלטען, דער מאן דער וועכטער, איז קליגער ער קומט גאר ניט אהיים שלאפין, ער שמעקט גאר ניט, ער ווייכט דיא שרות וויא איין עפוש, נא האט זיא גראדע דער זעהן, אז דער האהן האט איר אנגעפייפט אין דעם יויך טעפעל, דא האט זיא איהם גענומען זידלען שעלטען, זיא האט מיט איהם געשמועסט אקוראט וויא מיט דעם מאן, זיא האט זיך אזויא פאנאנדער גיקאכט, אז זיא האט זיך גאר פאר געסען אז זיא רעדט דאס מיט א האהן מיט א שטומער צינג, זיא האט איהם אלעם אויס געווארפען וואס זיא האט גיוואלט זאגין דעם מאן דעם וועכטער, דער כלל איז, זיא האט נעבאך דער מיט אויך וויא עס איז יוצא געוועהן, אבי ניט לייגען זיך חס ושלום ניכטער.

דער נאך, אז דער רעש איז אביסיל גישטילט געווארען, האט זיך דער גאנצער עולם, אין דער פינצטער ניט אויס געטאהן דיא בלאהטיגע קליידער, געלייגט שלאפען, אויף דער ערד, אין קעלט אונ נאסקייט, ארום אונ ארים זענען דיא עופות, אונ מאכען נקיות, מיט איין ווארט, עס איז א ריח ניחוח, מען האט קאם דער לעבט טאג, דיא מאנסבילען נעבאך האבין

זיך

זִיךְ מִיט גְרוֹיס אַנְגְסְט אַרוֹיס גֶעכַאפְּט אַזוֹיא וִויא פוּן אַ תְּפִיסָה, גְלַייךְ אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ אַרַיין דַאוֶוענֶען ׃

נָא, עֶס אִיז שׁוֹין ב״ה דִינְסְטָאג אַ גִיטֶער טָאג, אַלֶע הָאבִּין מַסְכִּים גֶעוֶועהְן אַז מֶען זָאל גֶעהְן תֵּיכֶף בֶּעשְׁטֶעהְלֶען ווַייץ אוֹיף פֶּסַח, אַ גַאנְצֶען טָאג אִיז יֶעדֶער אַרוּם גֶעלָאפִין פוּן אֵיין מִיהְלֶנֶער צוּם אַנְדֶערִין, גִיטְרָאגֶען פְרָאבֶּעס צוּם רַב. קָאם פַאר נַאכְט הָאט יֶעדֶערֶער גֶעגְדִיקְט מִיט אַ מִיהְלֶנֶער אוֹיף ווַייץ, גִינוּמֶען אַ פְּרָאבֶּע אִין דֶער קֶעשֶׁענֶע, אוּנ גִיט פַאר שְׁלוּמְפֶּערְט בִּיז אִין גַארְטֶעל, פַאר נֶעצְט פוּן רֶעגֶען, פוּהלֶע שׁוּךְ מִיט בְּלָאטֶע, טוֹיט וִויא אַלֶע טוֹיטֶע פוּן הִינְגֶער, יֶעדֶער הָאט זִיךְ קָאם פַארְשְׁלֶעפְּט אִין בֵּית הַמִּדְרָשׁ, גֶעדַאוֶוענְט מִנְחָה, גֶעהֶערְט אַבִּיסֶעל זָאגִין שִׁיר הַשִּׁירִים, גֶעדַאוֶוענְט מַעֲרִיב, אוּנ ווַייטֶער צוּ הוֹיז, נָאר שׁוֹין מִיט אַ פְרֵיילִיכֶע מִינֶע אִיז ב״ה יֶעדֶער גִיקוּמֶען אַהֵיים ׃

גוּט גָאוִוינְד! אָט בָּרוּךְ הַשֵּׁם פָּארְט גִיעֶקְט מִכַּח דֶעם ווַייץ, דִיא זֶעהְסְט דִיא פְּרָאבֶּע? דִיא בִּיזְט דָאךְ מֶעהְר מֵבִין אוֹיף דֶעם? „אַ דַאגָה, אַבִּי כָּשֵׁר" נָאר גֶעזִינְדֶערְהֵייט זָאל מֶען עֶסֶען אָן צַער, פֶּסַח קוּקְט מֶען נִיט אוֹיף שֵׁיינֶע, „וֶוען וֶועט מֶען דָאס מָאהְלֶען לְבַזֵּל?" אִיךְ ווַייס? עֶר זָאגְט מָארְגֶען, „זָאל עֶר אַזוֹיא גֶעזִינְד זַיין, דֶעם עֶרְשְׁטֶען לִיגֶען זָאגְט עֶר?" „נָאר אַ כַּפָּרָה אַבִּי בֶּעשְׁטֶעלְט", הָאט זִיא גִיעֶנְטְפֶערְט אוֹיךְ מִיט אַ שְׁמֵייכֶעלְדִיגֶער מִינֶע ׃

אִין שְׁטוּב אִיז שׁוֹין אוֹיס גִיקַאלִיכְט, אוֹיס גֶעוַואשֶׁען דֶער פָּאל, אוֹיס גֶעשְׁפְּרֵייט מִיט הֵייא, וָואס מֶעהָאט אַרוֹיס גֶענִימֶען פוּן דִיא בֶּעטֶען, אִין יֶעדֶער חֶדֶר לִיגְט שׁוֹין דָאס בִּיסֶעל חָמֵץ אִין אַ רֶעשֶׁעטֶע, אִין אַ ווִינְקֶעל, אַבִּיסֶעל אוֹיס גֶעהֵייצְט דֶעם אוֹיוֶוען, שׁוֹין פַארְטִיג דִיא וֶועטְשֶׁערֶע, דָאס הֵייסְט, ווַאסֶער מִיט רֶעטְשֶׁענֶע גְרוֹיפֶּען. — דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ צוּ זֶעצְט אוֹיף דֶער עֶרְד לֶעבֶּען דִיא רֶעשֶׁעטֶעס, אוּנ גִיגֶעסֶען גֶעשְׁמַאק דֶעם קְרוּפְּנִיק מִיט בְּרוֹיט, וִויא נָאךְ אַ קְרֶענְק, זֵייעֶהְר רוּהִיג, עֶס אִיז שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה, אַבִּיסֶעל גֶעשְׁמִיעֶסְט מִכֹּחַ דֶעם בַּאקֶען מַצָּה, אוּנ וִויא פִיל וֶועט דָאס דַארְפֶען קָאסְטֶען, וִויא פִיל גֶעלְד מֶע גְרוֹיכְט נָאךְ הָאבִּין אַרַיין צוּ בְּרֶענְגֶען דֶעם גַאנְצִין פֶּסַח אִין אָרְדֶענוּנְג, בָּרוּךְ מְשַׁנֶּה עִתִּים! אַ נַאכְט צוּ אַ נַאכְט אִיז נִיט גְלַייךְ ׃

אָבֶּער הָאט נִיט קֵיין טָעוּת, אִיהְר קָאנְט אֶפְשָׁר טְרַאכְטֶען אַז עֶס וֶועט שׁוֹין אַזוֹי שְׁטִיהְל אוּנ רוּהִיג זַיין בִּיז יוֹם טוֹב, נֵיין, עֶס וֶועט זִיךְ נָאךְ טָאהְן אוֹיף טִישׁ אוּנ אוֹיף בֶּענְק, נָאר וִויא זָאגְט מֶען עֶפֶּעס אַ חַיֵי שָׁעָה אִיז אוֹיךְ גוּט, לְעֵת עַתָּה אִין שְׁטוּב אִיז רֵיין אוּנ צִיכְטִיג, אוֹיס גֶעבֶּעט דָאס בֶּעט־גֶעוַואנְד אוֹיף דֶער הֵייא, אוּנ דֶער עוֹלָם שְׁלָאפְט וִויא דִיא פִירְשְׁטֶען. —

עֶס אִיז ווַייטֶער טָאג, דִיא מַאנְסְבִּילֶען דַאוֶוענֶען, אוּנ דִיא ווַייבֶּער הָאבִּין זִיךְ גֶענוּמֶען קָאכֶען אַ קְרוּפְּנִיק מַאקִי מִיט קַארְטָאפֶעל, חָלֶעבֶּען, עֶס אִיז פָּארְט גוּט אוֹפִּין הַארְצֶען, עֶס אִיז שׁוֹין פָּארְט אוֹיף אַ אַשְׁטֵייגֶער, „יֶעצְט קָאן מֶען

שוין

שוין האפען אז עס וועט שוין פארט אפשר זיין פסח״, האט געזאגט דיא גלאטשעדקע, אט וואלט נאך גאט געהאלפין אז מע זאל שוין בעקומען דאס מעהל בכשרות אין שטוב, שטענדיג האב איך מורא פאר דער מיהעל, עס טרעפט זיך אל תפתח פה לשטן אפט און אפט סבות, נאר מן הסתם וועט גאט העלפען, הערט איהר, איך האב אזויא הנאה, איך קוועהל גאר זאג איך אייך פון מיין זעקיל, טאקי גאט האט מיר צו געשיקט, איהר וועט לאכען, איך האב פיינד א גראבין זעקיל. —

אין דיא רייד זענען אנגיקומען אלע מאנסבילען פינ׳ם דאווענען, און מע האט זיך גינומען מיט חשק עסען דעם קרופניק, עס איז פון זייא שעור דיא נשמה ארויס פון שמחה, אז זייא האבין א מיש געטאהן מיט דעם לעפעל און האבין פליצלונג דער זעהן א האלעס־יאוועט זיך א קארטאפעל, זייא האבין זיך אין אמת דערויף גאר ניט גערעכט, פיל פון דיא שכנים, וואס זייא זענען גיוועהן שטיקלעך פלוטעס, האבין זיך ניט גיקאנט אויפהאלטען פון שמחה, האבין אויס געשריגען „קארטאפעל! קארטאפעל!״ מיט דעם אייגענעם קול־אש וויא קאלאמבוס מיט זיין חברה האבין אויס גישריגען „ערד! ערד!״ בשעת זייא האבין דער זעהן דיא יבשה דעם ערשטען מאהל אויף זייער רייזע. באלד נאך דעם עסען איז דער עולם געגאנגען מיט גרויס שטאלץ אין מיהעל אריין. —

---

## 7.

# איין געשפרעך אין דער מיהעל.

בייא יעצטיגע צייטען על פי רוב איז מען שוין ב״ה פטור גיווארין פון דעם גלות, פון דיא פערד מיהלען, מע געהט פשוט אריין אין א סקלאד פון מעהל, און מע הייסט זיך אפ וועגען למשל 2 פוד קמח של פסח, דאס מעהל איז קלאהר, פיין, ציבטיג און ליכטיג, און אין צוויא שעה ווערט שוין דער פון מצה, און די סצענע נעמט איין ענדע, אבער ניט אזויא אופין האט זיך געפיהרט אין דיא פערד מיהלען, דארטען איז בלאטע איבער דיא אויערען, קאלט און חושך, אז עס קלאפט און טרעסילט זיך איין צאהן אן א צאהן, דיא מיהעל איז פיל מיט מענשין, יעדער וואלט שוין גערין פטור גיווארען, מע זאל שוין אפ מאהלען זיינע ווייץ, פון יעדער גביר זיצען מקבלים און היטען אז עס זאל זיין בכשרות, מיטעלע בעלי בתים זיצען נעבאך אליין מיט דיא ווייבער, קולות קללות און זידעלעריא פליהעט פון אלע זייטען, דער וואס

אִיז מֶעהְר חָשׁוּב , אָדֶער מֶעהְר עֲזוּת פָּנִים , יֶענֶעם וַוייץ מָאהְלְט מֶען פְרִיהֶער, יֶעדֶע פְרוֹיא פַאר שֶׁעלְט דֶעם מַאן דִיא בֵּיינֶער , פַאר וָואס מַאכְט מֶען פוּן אִיהְם חוֹזֶק, מֶע קְרִיק זִיךְ מִיט׳ן מִיהְלְנֶער , אֵיינֶער דֶעם אַנְדֶערֶען מַאכְט צוּ קוֹיט אוּנ צוּ בְּלָאטֶע , „וִויא גֶעפֶעלְט אַייךְ דֶער עֲזוּת פָּנִים ? אִיהְם דַארְף מֶען אוֹיךְ נָאךְ אַנְקֶעגֶען טְרָאגֶען דֶעם וַוייץ ?״ זַייעֶר אַ גוּטֶער צָאהְלֶער ! אַזַא יָאהְר זָאל עֶר הָאבְּין , מִיר דַאכְט אַז עֶס מוּז מִיר נָאךְ קוּמֶען אַ רֶעשְׁט פוּן פַאר אַ יָארֶען , „אוֹיב דִיא ווִילְסְט קָאנְסְטוּ זִיךְ נֶעמֶען דַיין זֶעקִיל אוּנ גֶעהְן אִין אֵיין אַנְדֶערֶע מִיהֶעל, אִיךְ בַּאדַארְף נִיט אַזֶעלְכֶע קוּנִים״ , הָאט אוֹיסְגֶעשְׁרִיגֶען דֶער מִיהְלְנֶער מִיט גְרוֹיס שְׁטָאלְץ , „אַ שֵׂר , אַ רוֹזֵן , אִין דַיינֶע בֵּיינֶער אַרַיין דִיא שִׁכּוֹר״ הָאט זִיךְ אַ חַאפּ גֶעטָאהְן דָאס וַוייבּ , פוּן דֶעם גֶעזִידֶעלְטֶען , „אִיךְ וֶועל דִיר בַּאלְד דַיין טְרֵפָה פִּיסְק פַאר שְׁטָאפֶּען״ וִויא גֶעפֶעלְט אַייךְ אַזַא יוּנְגַאטְשׁ , אַזַא עַם הָאָרֶץ , אַזַא מִיהְלְנֶער יוּנְג , עֶר זָאל הָאבְּין אַ הָעֲזָה מְבַזֶה זַיין מַיין מַאן בִּפְנֵי כָּל עַם וְעֵדָה , גֶעלְד בִּין אִיךְ אִיהְם שׁוּלְדִיג ? אָט אַזוֹי וֶוערְט מֶען דָאס פַארְשְׁוַוארְצְט אַז מֶע הָאט אַ מַאן אַ בַּאנְק קְוֶועטְשֶׁער , (דָאס זָאגְט זִיא מִיט גַאוָה) אַ שְׁלִימֶעזַאלְנִיק , אָט זִיצְט עֶר אִין צָרוֹת אוּנ שְׁטוּמְט , מַיין כֹּחַ זָאל עֶר הָאבְּין דֶער יוּנְגַאטְשׁ דֶער גְרָאבֶּער יוּנְג , וָואלְט עֶר שׁוֹין מִיר נִיט גֶעהַאלְטֶען אַ גַאנְצֶען טָאג , עֶס הָאט מִיר שׁוֹין אוֹיס גֶעקְוֶועטְשְׁט דִיא נְשָׁמָה דָא זִיצֶענְדִיג , גָאט זָאל מִיךְ נִיט שְׁטְרָאפֶען פַאר דִיא רֵייד , אִיךְ וָואלְט בֶּעסֶער גֶעזֶעסֶען אִין אַ אָבְּטְרֶעט אֵיידֶער אִין דֶעם עִפּוּשׁ, נָא נָא , פוּן יֶעדֶער שְׁוַוארְץ יָאהְר בְּרוֹיכְט מֶען דָאס לֵיידֶען „אַלֶע וֵוייטֶעקִין , אַלֶע צָרוֹת זָאל אוֹיס גֶעהְן צוּ זַיין קָאפּ״ פִיהְרְט אוּנ פִיהְרְט מִיךְ שׁוֹין צְווַייא טָאג , אָט אָט , אָט אָט , אוּנ עֶס הֵייבְּט זִיךְ גָאר נִישְׁט אָן , אִיךְ בֶּעדַארְף אִיהְם אוֹיף טוֹיזִינְד כַּפָּרוֹת , לָאמִיר גֶעהְן .

„אֵין אֱמֶת״ , הָאט זִיךְ אָנְגֶערוּפֶען אַנַאנְדֶער יוּד , וָואס עֶר לוֹיפְט שׁוֹין אוֹיךְ נֶעבַּאךְ נָאךְ צְווַייא טָאג „פַאר שְׁטַייא אִיךְ נִיט״ , פַאר וָואס זָאל מֶען טַאקִי נִיט נִיטְצֶען דָאס מָארֶעמֵיינְסְקֶע מֶעהְל , וָואס מֶע בְּרֶענְגְט פוּן וָואלִין ? עֶפֶּעס אַנְדֶערֶע מֶענְשִׁין נֶעמֶען דָאךְ יוּא דִיא מֶעהְל , חָלֶעבֶּען שַׁיינֶע וִויא גָאלְד , אוּנ נִיט טַייעֶר אוֹיךְ , אוּנ וָואס אִיז דָאס וֶוערְט אַז מֶע וָואלְט פַארְשְׁפָּארֶען הָאבְּין דֶעם גָלוּת ? לְמָשָׁל אִיךְ בִּין דָאךְ נִיט אַ יוּרֶענֶע , אִיךְ וֶועל זִיךְ נִיט קְרִיגֶען מִיט דֶעם מִיהְלְנֶער , אִיךְ וֵוייס אַז עֶר וֶועט אוֹיף מִיר קֵיין כָּבוֹד נִיט לֵייגֶען , אָט שְׁוַוייג אִיךְ , אָבֶּער אִין אֱמֶת וִויא פִיל קְרֶענְקְט דָאס מִיר , זִיץ אוּנ זִיץ נִיט גֶעגֶעסֶען נִישְׁט גֶעטְרוּנְקֶען , אִין קֶעלְט אוּנ נַאסְקַייט , אָט אִיךְ וָואלְט זִיךְ עֶפֶּעס נִיט שֶׁעמֶען פַאר מֶענְשֶׁען , חָלֶעבֶּען אִיךְ וָואלְט אַ שְׁפַּייא גֶעטָאהְן אוֹיף אִיהְם מִיט זַיין פְרַאנְצֶעוַואטֶע מִיהְל , אוּנ אִיךְ וָואלְט טַאקִי לִיבֶּער גֶענוּמֶען דָאס וָואלִינֶער מֶעהְל , וָואס אִיז ? דָאס גֶעהְט דָאךְ מִיט אַ הֶכְשֵׁר ? אִימֶעדִים אִיז מֶען יוּרֶען .

„אִיהְר זֶעהְט דָאךְ״ , הָאט זִיךְ אָן גִירוּפֶען נָאךְ אַ יוּד אַ צוּ פְרוּיעֶרֶענֶער

דער

דער רב זאל לעבען איז עפּעס א גרויסער מקפּיד אויף קמח חוץ, ווערליג איך האב געהערט ווערט מען מארגען אויס רופען אין אלע בתי מדרשים אז מע זאל טאקי בשום אופן ניט גיניצען דאס פרעמדע מעהל, איהר מיינט א חוץ דעם גליסט זיך עפּעס משנה זיין א פארצייטיגען מנהג? און בפרט אין דיא דינים פון פּסח.

„שווייגט מיין ליבער ר' יוד", האט זיך אן גירופען דער ערשטער, נא ניישמער, איהר זעהט דאך אז מע קויפט פארט אנדערע מענשען דאס מארעמיינסקע מעהל?

„זעהט איהר דאס פארדריסט שוין מיר אויף אייך", האט ער איהם ווידער גיזאגט, עפּעס א רעכטער מענש קויפט דאס מעהל? גלויבט מיר איך וואלט בייא זייא מורא האבען עפּעס פאר זיכען אים פּסח, אלעם הייסט א יוד? ווער קויפט? אבער איין אקציזניק, ווייטער א רוסישער שרייבער און דיא בערלינער לייט.

„נא אדרבה!" פרעגט נאך אמאהל דער ערשטער, זאגט מיר וואס איז באמת דער חשש אין דיא וואלינער מעהלען? איהר זאגט אז דאס איז א מנהג קדמונים? עס איז ניט כדאי נאך זאגען דיא רייד פון דעם אפּיקורוס, אבער באמת א קלאג ניט איהם, א קאפּ פון אלע קעפּ, ער איז ניט גערעכט אין אסאך זאכען? וואס איז דער פּשט א מנהג, דיא תורה האט געהייסען דווקא קויפען אליין ווייץ און מאהלען מעהל? דיא תורה האט נאר געהייסען מיזאל ניט עסען קיין חמץ און עסען מצה, נא וואס מאכט דאס אויס, צו קויפען ווייץ בייא איצקען דעם עזות פּנים, אדער גרייט מעהל — הערט נאר, מע טאהר ניט חושד זיין א תלמוד חכם, אבער צווישען אונז זאל דאס בלייבען, דאס איז נאר א מלאכה פון דיא היזיגע מיהלנער, איך וועל אייך ניט זאגען ח"ו אז זייא האבען טאקי פּשוט דעם רב אליין אריין גערוקט עפּעס אין האנד אריין, נאר מיט דיא דיינים און מיט'ן ב"ד שמש דעם יונגאטש, און אגב מיט דער רעבעצין איז געוויס א מלאכה, אט מיט אזעלכע זאכען ברענגט מען ארויס אנדערע מענשען פון דיא כלים.

איהר האט גיהערט דעם גאנצען שמועס פון דעם אפּיקורוס, ער איז טאקי אפילו א גרויסער יונגאטש וואס זאל מען דא זאגען? נאר אין פיל זאכען איז ער כמעט ניט אומגערעכט, איהר ווייסט ער קאן גוט לערנען, דעם שוחט'ס שטיף זוהן האט ער מנצח גיוועהן, ער האט איהם גאר ניט געהאט וואס צו ענטפערין, ער איז אפילו אויך גערעכט, מע טאהר ניט על פּי דין א וויכוח האבען מיט א אפּיקורוס ישראל, נאר וויא דיא מעשה איז, מע טאהר דאס ניט זאגען, עס איז טאקי גאר נישטא קיין אמת, נאר א כפּרה מע מוז שווייגען, מע ברויכט פאר שווארצט צו ווערין, א ווייטיג איז דאס און שווייגען מוז מען.

איהר מיינט מיט אונזערע קינדער פירען מיר זיך דען וויא מע ברויכט זיך צו פירען נאך דער צייט? חלעבען אז מע וואלט טאקי יעדער קינד אויס גילערענט עפעס א וויסענשאפט, א מלאכה, וואלטען זייא פאר שפארט זיטצען שטענדיג אויפן טאטענס קארק. זעהט! אונז איז עפעס גוט זוכען דאס שטיקעל ברויט פון ווינד? וויא פיל פרנסות האט נעבאך א יוד ביז ער פטערט איבער דיא נארישע וועלט, אט איז ער א חלפן, אט א קרעמער, פליצלונג גאר א שדכן, א שטיקעל מעקלער, האנדעלט אונטער אביסעל מיט לאטעריע צעטלען, אלע עטליכע יאהר אביסעל אן גיזעצט, אין מיטין אפט א איזבארשטשיק, גאר שלעכט ווערט ער א מלמד, געהט ער צינויף געמין ארץ ישראל פישקעס, לסוף אז עס געהט שוין אויס אלע המצאות פארט ער גאר קיין ארץ ישראל רייבט זיך ארום כותל מערבי, חאפט זיך א מאהל אראפ צו רחל׳ס קבר, זאגט קדיש נאך יודען בעזדעטניקעס, ניט קיין שלעכטע עסקים הא? אונ פון דיא אלע געשעפטען לעבט ער אין גרויסע צרות, אין ענגשאפט, אין דחקות, אונ וואס מאכט דאס אלעס? אז מע איז פוסטע מענשען, מע טויג ניט ממש אפילו א קאץ איין עק צו פאר־בינדען, אונ בפרט אז מע זעהט ארום וויא דיא אלע נארישע פלאנען ווערען בטל ומבוטל.

זייער גוט האט ער גיזאגט, געשוואלען זאל ער ווערין, „סידען דיא צייט וועט דאס אליין איבער מאכען, עס געהט שוין דער צו״, עס איז אבער איין אמת, וויא פיל פרנסות איז שוין אונטער גינאנגען אין אונזערע צייטען, עס איז שוין ניט דא דיא פוילישע פאמעשטשיקעס וואס האבין גאר ניט געפיהלט דיא ווערטה פון געלד, ניט דא דיא ישובניקעס, דיא בריא הייזער, דער גרויסער זול אויף יעדען פרעדמעט, דאמאלס האט מען גיקאנט לעבען מיט 5 גילדען א וואך, וואס היינט קאסט א מענשין א פאר שטיוועל מיט קאלאשין האט מען גיקאנט האבין דאמאלס צו לעבין 4 חדשים, אבער יעצט איז שלעכט, אונ עס וועט נאך אלע מאהל ערגער זיין, דיא באהנען מיט דיא טעלעגראפען האבין איבער גיקעהרט אלע געשעפטען, מע מוז יעצט זיך נעמען אנדערע מיטלען צום לעבין, דאס וועט שוין אבער זיין פארבינדען מיט וויסענשאפטען, גלאט מענשין וויא מיר זענין, טויגען כלל ניט צו אלע היינטיגע עסקים.

אט דער וייל האבין מיר זיך אביסעל פאר שמועסט אונ עס איז שוין מנחה צייט, דער יונגאטש האט היינט ווייטער ניט גיסאהלען דיא ווייץ, אט אזויא ווערט מען דא פאר פאלען, שוין צווייא קאלעבדיגע טעג — איך בין גאר ניט געזונד לא עליכם, דאס קאליכען האט מיך גאר גיהארגעט, איך האב זיך פאר קיהלט, גריזאטע איז ברוך השם דא פון אלע זייטען, דאס

ווייב

ווייב מאכט גאר דעם טויט , דיא פרנסה איז נימער ערגער , אט גריזעט זיא דעם כאן .

וויא מיינט איהר וואס פאר א פסק איך וועל דא האבין פון מיין ארורה אז איך וועל קומען אהן דעם מעהל , זיא איז נעבאך אויך גירעכט , זיא וואלט שוין גערען ענדיגען מיטין באקען , נא פרעג איך אייך וואס קאן איך העלפין ? איך זאל זיך אויך שלאגען מיט איהם וויא דיא אלע פראסטאקעס ? — א גוטע נאכט , מע מוז פארט געהן אהיים , הלוואי וואלט מען האטש מארגען פון איהם פטור ווערין בשלום .

נא ליבע לעזער , וויא מיינט איהר ? וואס טוהט זיך פארט יעצט אין אלע הייזער ? א חורבן א קלאג , דיא ווייבער וויינען , מע שעלט און מע קריגט זיך , און נאך מעהר צינד זיך אהן דאס פייער אז מע ברענגט אפ דאס מעהל פון איין שכנה , אט דא צו קאטשען זיך אלע ווייבער , מע שלאגט זיך קאפ אן וואנט , מע הארגעט און מע שלאגט דיא קינדער אז זייא בעטין עסען בשעת מעשה , א שפאס אזא עת צרה ? דאס זעקיל איז גיבליבען נעכטיגען אין דער מיהעל , דיא מאנען בעהאלטין זיך נעבאך אין דיא נארעס , ליגען אויף דער ערד צוזאמען מיט דיא הינדיקעס , איך בעט אייך מחילה אין טינוף , זייא האבין מורא א מויל צו עפענען , אט אין אזוינע קולות און געפילדערים האט מען פאר בראכט ביז האלבע נאכט , עס איז שטיל גיווארין , דער עולם ליגט אין גיהאקטע ווינדען קיינער האט קיין אויג ניט צו גיטאהן , קוים דער לעבט דעם טאג , גלייך אלע ווייבער אין מיהל אריין מיט כעס , יעדע יודענע מיט א פארטיגען דרוש , גוט מכבד צו זיין דעם מיהלנער , אזוי וויא ער איז ווערט .

דיא מאנסבילען האבין אפ געדאווינט אויך גלייך אין מיהעל אריין , א גאנצין טאג דארטען פאר בראכט , עס איז גענוג גיוועהן רעש און מהומה , נאר אבי פטור גיווארין , דער משרת פון מיהעל טראגט שוין למזל דאס מעהל , דער מאן מיטין עלטערין בחור געהן נאך נאכען זעקיל שריט ביי שריט , מע היט דאס אפ עס זאל זיך ח״ו ניט טרעפען עפעס א סיבה , דאס הארץ קלאפט נעבאך גאנץ שטארק אופן וועג פון מיהעל נאך הויז , דער משרת טרייסט זייא און איז מבטיח אז ער וועט ברענגין בשלום דאס מעהל , מחמת ער איז שוין אין דעם כמעט גאר א שפיצעאליסט , א שמחה א נחת , דאס זעקיל איז שוין ב״ה אין שטוב אריין בשלום , עס שטייט שוין אין א ווינקעל אויף א בענקיל של פסח מיט פרישען הייא אונטער געבעט , פאר דעקט מיט דעם מאן׳ס פלאשטיך 1) דער כלל דאס זעקיל איז שוין דא .

זייער

---

1) עס איז חלעבין א יושר בעקאנט צו מאכען דעם קינפטיגען דור מיט דעם פלאשטיך , אין יענע יאהרען וואס יודען זענען נאך ניט גיגאנגען אין

טוך

זייער שטרענג האט מען פאר זאגט אלע קינדער אז מע זאל זיך ניט דרייען ארום דעם זעקיל ח"ו מיט חמץ, מע זאל פון איהם ווייכען וויא פון עפוש, נאר וויא מיינט איהר? קאן מען עפעס א קינד אויף האלטען? וויא פיל קלעפ, פעטש אונ קולאקעס, האבין געבאך גיקריגען דיא קינדער זייא צייט וואס דאס זעקיל איז גישטאנען אין דעם ווינקיל, בייא דיא קינדער ווייזט גאר דאס זעקיל ניט אויס פאר אזא שטארקען מיוחס, זייא ווייזט אויס אז דיא עלטערין זענין משוגע גיווארין, שרעקין זיך גאר פאר א זעקיל מעהל!

אהין א הער, דער עולם וויל עסען, מע געהט געוואר ווערין צו דער רעשעטע זעהן דעם מאגאזין פון דעם חמץ, עס איז אבער ב"ה שוין קיין ברויט אויך נישטא, עס ליגט נאך עפעס א האלב ברויטעל א פארקאלעכטס שוין דאר אונ טריקען, מיט וואס עסט מען דאס? איז גאר קיין ריידע, מע געהט פשוט אויס פון הינגער, דאס גאנצע שטיקעל נחת איז נאר פון דעם זעקיל וואס איז שוין ב"ה אין שטוב, פון גרויס הינגער האט יעדערער גענומען א שטיקעל ברויט אנגעריבען מיט א קנאביל, אונ איבער געריבען דיא צעהן, עס איז שוין דאנערשטיק בייא נאכט, דיא ווייבער האבין פאר ראשטשינעט חלה, א נידער געשטעלט אויך בייא דער רעשעטע, אונ מע געהט שלאפען, טשוט נאר טאג, איז מען שוין אויף געשטאנען, א קאטוועס ערב שבת הגדול! דער מוט קעהרט זיך, עס ציטערט ממש אויף יעדער פרויא דיא הויט.

איך זאג אייך דעם אמת, גאט זאל אזוי אפ היטען אלע יודען פון רעש אונ פון מהומה, עס זאל זיך ניט טרעפען וויא עס טרעפט, איך האב שוין כמה מאהל בייגעוואהנט אלערלייא אומשטענדע, האב איך נאך ניט געהערט

אזא

---

טוך האט דאך כמעט יעדער בעל הבית גיהאט א פלאשטץ פון טוך, אמאהל פלעגט ער אין איהם פארען ערגעץ אין א דארף אריין, אויף א יריד, געהן אין איהם אין מרחץ אלע ערב שבת, צו דעקין מיט איהם דאס גיקעכטס אופן אויוען פרייטאג צו נאכט'ס, איין דעקין מיט איהם דיא דייזשע אז מע פלעגט פאר ראשטשיגען ברויט, אונ כמה מאהל אין סוכה אין א גרויסען שלאקס רעגין פלעגט מען איהם ארויף טאהן אופן קאפ אונ געהן מאכין קדוש, דער כלל איז אין יעדער שטוב כמעט האט זיך געמוזט גיפינען אזא פלאשטץ, עיקר שבתתי, בייא דעם מאכען דיא הושענות אין דער סוכה פלעגט מען אויך ארויף חאפען אויף זיך דעם דאזיגען פלאשטץ, דיא נעכט זענין שוין דאמאלס קאלט, אין א פיטער בינדען הושענות איז עפעס ניט כדאי, אונ ווידער זענין נאך דיא פיטערס על פי רוב ניט אויסגעלאדעט, נא איז דער פלאשטץ וויא געבוירען דער צו — אט מיט דעם פלאשטץ האט מען דאס זעקיל הקדוש אויך צו גידעקט, חלעבען טאקי א זכיה.

אזא רעש אזא פינסטערע מהומה וויא אין דיזען פרייטאג. געוואלד געשריגען וואס דא האט זיך געטאהן, אונ וואס איז געוועהן דיא רעכטע מורא? אלעס פאר דעם זעקיל, יעדערע האט דאך געמיינט מאכען דיא חלה אין דעם איינענעם חדר וויא דער ר׳ זעקיל שטעהט, א שפאס אזא א קאנטראסט, דיא חלה מיטין זעקיל? א סאך ערגער וויא פייער מיט וואסער, היינט שטעה אונ היט? מע ברויכט אבער געהן צום אויווען אויך, אונ דא דיא קינדער מיט דיא עופות דרעהען זיך שטארק ארום, עס איז אין אמת געקומען פון בריק אין וואסער. — אלע פאר שעלטען זיך דאס לעבען, אין שטוב איז הוא הא, מע הערט ניט וואס מע רעדט, נאר מע שעלט זיך, נאר מע פלוכט!, עס פאלט ביי יעדערער פון דיא הענד טא א חלה טא א בילקע.

דיא באלעבאסטע שטעהט ביי דעם אויווען, דיא קאפקע פאר קאשערט, אזוי וויא ביי אגרויסען מפולפל דיא יארמולקע, טראפען שווייעס טריפט פון דעם שווארצען שטערען, דיא באקען רויט וויא פינק (מעשה יפת תואר), ארבייט מיט אלע כלים, דא ריקט זיא, דא שטורכעט זיא, דאס מויל שוויבעלט אונ גריבעלט, שעלט אונ זידעלט אלע שכנים, אגב אורחא איבער גיקעהרט א פאר טעפליך, היינטען ארום מיט דער לאפאטע שיער ארויס גענומען א אויג פון א קינד, „א קלאג צו מיין קאפ, מיר פאר דיר״ האט א געשרייא געטאהן דיא מוטער פון דעם קינד, „עס איז שוין א קאליקע, א בראך צו מיר״ זיא שטעהט טאקי וויא א רוצח לעבען אויווען, איידער אזא לעבען בעסער א טויט, א ווייטאג איז מיר, וויז נאר דאס אויגעלע, א שטעבענש דער מאמע, ער לאזט זיך גאר ניט צו רירען, געוואלט וואס טיהט מען? איך וועל זיך שטעכען, איך וועל זיך הענגען, נשמה מיינע, געוואלד עס נעמט מיר טויט חלשות.

דיא שרות איז דער וויל געלאפען אונ האט געבראכט דיא שפרעכערין, זיא האט איהם אנגעשפיגען אין אויגעלע, דרייא מאהל ארום געפיהרט מיט א מעסער, געזאגט עפעס אויך, עס האט זיך געוויזען טרערין פון אויגעלע, נא גישקשה עס וועט זיך שוין אוים שטעהן מאכט ניט קיין קולות, דאס קינד שרעקט זיך נעבאך, א כפרה דיא חלה, געהט מיט איהם צו אייך אין חדר אונ פאר שלייפט איהם. — אין אמת אז מע געהט ארויס בשלום, אין דיא מהומה טעג, דארף מען טאקי גאט דאנקין, איהר מיינט אז נאר ביי אייך איז אזוי, אט ניט דא געבראכט, וואס עס האט זיך געטראפין ביי ביילקע דער טענדלערקע, מע האט דארטין אבגעבריהט א מיידעל פון א יאהר זיבען, ניט זעהן זאל מען דאס אין קיין יודעשע שטוב, עס איז ב״ה דא צרות אופין פיד, א שפאס דער ערב פסח! נישט דא געבראכט, טויזענד מאהל ניט דא געבראכט, אויף פוסטע וועלדער געזאגט געוואָרין, אין שטוב מיטין רויך, אונ אין גאס מיטען ווינד, אט דא טאקי ניט וויט פון אייך, ביי שפרינצע

דיא

דיא טוקערקע , עס וועט מעהר ניט זיין וויא א שעה , האט זיך אריין געחאפט א גרויסער הזיר (אין דער ליטא רופט מען איהם וועפריק) אלע אין שטוב זענען דאך ב״ה פאר טוהמעלט , אונ האט אבגעריסין א הענטעל ביא א יונגעל פון א יאהר פיר , ער האט געהאלטען א שטיקעל ברויט אין הענטעל , מע טאהר ניט זאגין דער חזיר געפעהלט מיר ניט , עס איז ניט פשוט , איך האב שטענדיג מורא פאר דעם ערב שבת , איך שרעק זיך פאר מיר אליין , דיא גאנצע צייט וואס דאס זעקיל איז אין שטוב , בין איך אזוי וויא א פארדילטע .

הערט איהר שיינדיל , איהר האט נאך ניט אבגעשניטין , איהר מעגט דאנקען אונ לויבען דעם וואס איבער אינז איז , פאר דעם חסד , באמת האב איך זיך אביסעל איבערגעשראקען , איבער הויפט וויל יעצטיגע צייט , נאר נישקשה , דאס אויגעלע וועט זיך אויסשטעהן , מע וועט בעדארפען נאר א פאר מאהל אב שפרעכען , אונ א צווייא אייער אויך אוים גיסען אונ גענוג , א גוטען טאג אייך ווייבערליך , גאט זאל אייך , אונ אונז , אונ אלע יודען היטען אונ בעשירמענען פון אלע צרות איהר זאלט טאקי ניט וויסען פון קיין שלעכטץ , האט אייך א גוטען שבת .

דיא שפרעכערין האט זיך אבגיזעגענד , אונ דיא ווייבער האבין זיך אהאפ געטאהן צום אויוען וויא אבגעבריהטע , פאר בראכען מיט דיא הענד , דיא חלות זענען פאר ברענט געווארין אלע טעפליך אוים געלאפען , פאר רויכערט , נאר וואס העלפט דאס ? מע האט זיך גענומען ציבאנד לעגען דעם טשאלענט יעדע יודענע זיפצט אונ קרעכצט , שעלט דעם קצב מיט טויטע קללות , דאס פלייש זאל נאר פון איהם פאלין לעבענדיגערהייט , דאס זענען רוצחים ? 20 קאפ׳ א פינטעלע גאלע ביינער מיט שטיינער . – נא מע האט שוין וויא עס איז אריין געריקט דעם טשאלענט , פאר שמירט דעם אויוען , אריין גענומען נאך א מאהל דיא פעקליך מיט דיא לאדענס , אונ עס איז שוין שבת .

דיא לעזער קאנען שוין אליין פארשטעהן דעם גרוים ארטיגען שבת וואס מע האט דא געהאט , בעסער וויא דער פארהיגער שבת געווים ניט , נאך אפשר מיט איניגע פראצענטע ערגער , נאר א כפרה , אבי איבער געקומען , מיט עסין לעבט מען ניט , הא ? –

---

# 8.

## שבת הגדול נאך ווארמעס אין בית המדרש .

דער בית המדרש איז אן עין הרע אן געפאקט מיט מענשין . דער מגיד איז שוין אויך דא , נאך א רעכט ביסעל הכנה איז ער ארויף אויף דער

בימה

בימה , אין בית מדרש איז שטיל , אלע האבין אויף געשטעלט דיא אויערין וויא דיא האזען צו הערין דיא גרויסע חכמות פון דעם זאגער , איינינע מינוטען האט דער מגיד געשוויגען , דער נאך האט ער אנגעהויבען ווייטער זאגען פון שיר השירים .

אין אמת אפילו איז געוועזין זיין גאנצער דרוש אין דעם שבת נאר פון דער הגדה , אבער עס האט זיך איהם ניט געוואלט אנהויבען גלייך דעם דרוש פון דער הגדה , דער שפרינג איז איהם ניט אזוי גרינג געוועזין , ער האט געהאלטען דאס פערטע קאפיטיל , אונ פון דארטין ארויס געמען עפעס א שמועס אויף יציאת מצרים , איז אפשר נאך שוועהרער איידער מעלקען מילך פון א וואנט , מחמת דער צו גיט דאך עפעס עצות דער וויכטיגער ספר „מפעלות אלהים" חאטש אין דער פראקטיק האט מען נאך דאס ניט געזעהן , נאך ביז היינט קויפט זיך א ליטוואק א בהמה אדער א ציג אונ קיינער האט נאך ביז יעצט ניט געמאלקען דיא וואנט , אבער דער וויל זאגט דאך דער ספר עפעס א פלאן , מן הסתם איז דאך דער מפעלות אלהים אויך ניט אזויא גראב משוגע (פאר וואס ניט ? עס שטעהט איהם אפשר נישט אן ! חלעבען גרעסערע מחברים פאר איהם זענען אויך אפט מאהל גאר שטארק מבולבל אונ רעדין פינ'ם וועג) , אבער מעלקען יציאת מצרים פון דער פערטער פרשה פון שיר השירים , איז נאך קיינעם אופין כוח ניט ארופגעקומען .

דערום האט ער זיך גאר א חאפ געטאהן בעסער נאך א מאהל גאר צו דער ערשטער פרשה , דארטען האט ער דער טאפט דעם פסוק „לסוסתי ברכבי פרעה דמיתיך רעיתי" נא וויא מיינט איהר ? א בעל דרשה'ער דארף מעהר ניט וויא בעקומען אזוי א ווארט וויא „פרעה" אין שיר השירים , דא האט ער שוין ביד חזקה קיין מצרים געשלעפט גאנץ שיר השירים , אונ אלע פסוקים נעבאך האבין געמוזט געהן מיט איהם .

נא דא איז איהם שוין גרינג געוועהן זיך אריין חאפען אין דער הגדה אריין , תיכף איז איהם אנטקעגין געקומען דער „כהא לחמא" באלד האט ער א גרויסין צאפעל געטאהן אויף דעם ווארט „כהא" עס האט איהם פשוט אינטער געצינדען , אונ אין אמת , ניהייא וואלט געשטאנען „הא" האט ער געשריגען ניט מיט זיין קול . איך האב פיינד צו זאגין , אין דעם איז ער דווקא ניט שטארק אונגערעכט , וויא מיינט איהר , אז עס וואלט טאקי געשטאנען אין דער הגדה „הא לחמא" וואלט ניט א סאך גלייכער זיין אין אלע זאכען ? נא מילא ווער פאר שטעהט ניט וואס גיט איז , וואס קאן מען אבער מאכען אז עס שטעהט שוין אבער כמעט אין אלע הגדות „כהא לחמא" ? דער בעל הגדה אליין איז דאך שוין ניט דא , נא צו וועמען רעדט מען ? אונ אפילו אז ער וואלט נאך געלעבט ווייסט מען א פנים וויא מע רופט איהם ? וואלטען מיר

אַזוי פון קיין בייזע פּאַקען ניט ווִיסען וויא קיינער ווייסט ניט, ווער עס איז געוועזען דער מחבר פון דער הגדה?

האָט איהר ווען געהערט אַזאַ מעשה? איין הגדה וואָס אַלע יודען זאָגען אים פּסח, זאָל מען גאָר ניט וויסען, ווען האָט מען דאָס מחבר געוועזען? און ווער איז געוועזען דער מסדר דער פון? — חאָטש אין גרונד גערעדט, האָט דאָך דער בעל הגדה גאָר ניט אויפגעטאָהן, ער האָט נאָר אויפגעזעצט שטיקליך גמרא מיט פיוטים, און מזמורי תהלים, נאָר על כל זה זאָג ממה נפשך ווער ביסטו פאַר איינער? עס איז גיט צו וויסען, נאָר מן הסתם האָט ער געהאַט אַ טעם אין דעם, לאָמיר זיך ניט נאַרין, וואָס פאַר אַ מחבר וויל דאָס ניט, אַז זיין נאָמען זאָל זיין אַרויס געשטעלט אויף זיין חבור!

והא ראיה, מע זעהט דאָך פיל גאונים, וואָס זייא האָבּין קיין ספרים ניט געמאַכט אַליין, ווילען זייא פאָרט זעהן זייער נאָמען זאָל זיין אָבגעדריקט, נאָ וואָס טוהען זייא? הויבּען זייא אָן געבּין הסכמות אויף ספרים, זייא קוקען גאָר ניט צו דער ספר האָט עפּעס אַ ווערטה, אָדער ער טויג אפשר גאָר נאָר אויף צו האַלטען אין איהם פוטער, דאָס געהט דעם גאון גאָר נישט אָן ער וויל נאָר זעהן זיין נאָמען אָבגעדריקט מיט אַ שאַרפען טיטול, דער מחבר איז גיט קאַרג און ניט פויל אויף דער פען און שרייבּט הרים וגבעות אויף יעדען רב, און בפרט אַז ער גיט איהם איין הסכמה.

נאָר וויא דיא מעשה איז, איז פון מסדר פון דער הגדה געוועהן אַ שטיקעל עולה מיטין "כהא" וואָס האָסטו נעבּאַך צו יודען? ווייניג צרות, ווייניג שלעק האָבּין זייא? נאַ דיר נאָך אַ "כהא" אַ צו גאָב. געוואַלד! וויא פיל מפרשים האָבּין שוין געהאַט צו טאָהן מיט דעם "כהא"? וויא פיל מחברים האָבּין שוין אויס געגריזעט גרין און גאַל! וואָס זאָל מען דאָס זאָגין, עס פאַר דריסט טאַקי יעדערין, אפילו גלאַט אַ בעל הבית, און בפרט אַ מפורש אָדער אַ מבאר, ער ווערט טאַקי [illegible]ש גאָר אַ צו קאַכטער, אַז ער דער זעהט עפּעס אין אַ ספר ניט נאָך זיין גוסט, עס טוהט זיך חושך, און בפרט איין הגדה וואָס זיא האָט שוין כמעט גאָר אַ פנים וויא אַ חלק משניות.

חלעבּען דיא הגדה זאָל געזינד זיין שטעהט שוין אויך אין מיטען וויא אַ פּרינצעסען, און מפרשים אַרום און אַרום, שישקען זיך איינער מיט דעם אַנדערין, קנייטשין דעם שטערין, און קלערין "וואָס האָט דאָ דער בעל הגדה געקאָנט מיינען!", ניט קיין סאַך מחברים האָבּין זוכה געוועהן אַז זייא זאָלין ווערין אַ "פנים" און מע זאָל מאַכען אויף דעם פרושים, זינד נאָך דער גמרא, האָט נאָר זוכה געוועהן דער אלפ"ס, דער רמב"ם, דער בית יוסף, דער חובות הלבבות, דער בחינת עולם, דער כוזרי, דער מחזור, און אונזער בעל הגדה אויך, נאָ וויא קלעהרט איהר? יעדער פאַרפאַסער אַז ער וויל נאָר אויך זיין פון דער לייבּגוואַרדיע פון דער פּרינצעסען דיא הגדה, און

מאכען

מאכען אויף איהר א פירוש, איז וויא ער דער זעהט נאר דעם, „כהא" אזויא ווערט איהם שוין גיט, ער לויפט שוין ארום וויא א פאר סאמטע מויז, פון איין מפורש צום אנדערין אוים שנאהרין וואס זאגין זייא, ער הערט, ער זעהט, ער חאפט דא א וואורט דא א וואורט, אונ לייגט צו אויך א שטיקעל קנייטשעל אוודאי וואלט גלייכער געוועהן פאר אלעמען אז אין קיין הגדה זאל ניט געוועהן שטעהן „כהא" א נאר עס איז ניט בעשערט האבין קיין מנוחה.

נא אונזער שיר השיר'ם זאגער, האט אויך געמאכט קולות אונ משוגענע תנועות וועגין דעם „כהא" ער האט זיך פריהער דער צעהלט דעם עולם א סאך פלענער פון מפרשים, אונ פאר וואס עס געפעלט אים ניט, ער האט זיך בעריהמט אז ער האט גאר דעם אמת געטראפין, אונ אז השם יתברך וועט איהם העלפין וועט ער דאס אפ דריקין.

— חלעבען עס איז טאקי א יושר ער זאל דאס לאזין דריקין, מע קאן שוין זיך טאקי גאר צום סדר זיך ניט זעצען מיט דיא אלטע הגדות, ער זייגט פאק גאר צו אז ער וועט דאס פאר ענטפערין מיט אלע פיר ארטען, וואס הייסט פרד"ס, מע קאן איהם גלויבין ער איז ניט קיין פאר פיהרער, א משל מיט צוויא ברידער איינער א נגיד אונ דער אנדערער אויך א כבד פה, מיט א בן מלך, אופין דובנערס שטייגער, אויך ניט שלעכט.

פון דעם „כהא" האט ער געמאכט פים גלייך צו דיא „ארבעה בנים" אט דערויף האט ער אנגעארבייט מעשים, וואס איז? ער וויל מאכען א חילוק פון דעם חכם'ס פראגע צו דעם רשע'ס, אלע מפרשים האבין שוין נעבאך וועגען דעם זיך דיא מוחות צו בראכין, עס איז אבער נאך ניט גלאט, א קונסט מאכין א בלבול אויף א מענשין? דער חכם פרעגט דאך אויך „מה העדות והחקים והמשפטים אשר צוה ה' אלהינו אתכם?" דאס הייסט: וואס איז דאס פאר א דינים וואס גאט האט איך געהייסין צו טאהן? נא מיט וואס איז דאס בעסער געפרעגט פון דעם רשע, וואס ער זאגט אויך מיט דיא אייגענע ווערטער „מה העבודה הזאת לכם?" עס הייסט וואס איז דאס פאר איין ארבייט בייא איך? א קונסט געבין א קנייטש אונ זאגין אז ער האט געמיינט מיטין וואורט „לכם" עס הייסט וויא איינער רעדט „לכם ולא לו" דיא ארבייט געהער ניט צו איהם? אויף אזא שטייגער קאן מען דאך אויך חושד זיין דעם חכם אויף דעם וואורט „אתכם"? פאר וואס ניט? נאר דער בעל הגדה הייסט גלאט בעזונדערע בעזונדערע אוים זעצען דעם רשע דיא צעהן, איז דאס א שכל? עס איז גיט וואס קיינער פאלגט איהם ניט, אבער אז ניט, וויא פיל אונגלאווענע דיעלעס וואלט מען שוין געהאט פון דיא רשעים מיט דיא אוים געזעצטע צעהן? הא? דיא וועלט איז עפעס הפקר? באמת, אין דער תורה בייא דעם שאלת חכם אין (דברים ו' כ') אונ בייא דעם שאלת רשע אין (שמות י"ב כ"ו) שטעהט גאר ניט אז דאס האט געפרעגט א חכם אונ דאס א

רשע

רשע, נאָ איז דאָך די קשיא זייער גרויס און שטאַרק, פֿון וואַנען נעמט מען דאָס אַרויס? און גלאַט איז דאָך אַ פּלא, עס איז עפּעס אַ גרויסע קונסט צו באַקומען אַ רשע און פֿרעגען איהם וואָס מיינט ער מיט דעם וואָרט „לכם" אפשר וואָלט ער זיך גאָר פֿאַר ענטפֿערט, וויאַזוי קאָן מען דאָס דן זיין אַ מענשן אָהן חקירה ודרישה, דער כלל איז די מפרשים שוואַגען דאָך בוודאי ניט, מע זאָגט מ[illegible]אַלקעוועט, עס איז אָבער אָהן טעם, נאָר עס איז נאָך אַ גם, וואָס דעם ר[illegible]אַרט דאָס ניט וואָס מע האָט איהם שטאַרק בעליידיגט, ער איז בטבע ני[illegible]ן שלעכטער מענש, אַזוי לאַנג מע שלאָגט איהם ניט, מע האַקט איהם ניט אויס די צעהן, אַרט איהם ניט וואָס דער עולם רעדט אויף איהם. —

אָט מכּח דעם ענין האָט אונזער מגיד געוויזן קאָפּ שטיק, ער איז אַרויף מיט אַלע פּיהר אויף דעם פּסוק אין (שמות י"ב כ"ו) און ער האָט דאָרטן אַזוי פֿיל געאַרבייט ביז ער האָט דעם פּסוק געמאַכט חרב ונחרב, ער האָט אַלעס געשפּאַרט פֿון וואָרט „עבודה" אַז דער רשע האָט געריפֿען דורך רשעות אַלע מצוות „עבודה" עס הייסט אַ שווערע אַרבייט, אַרויף געלייגט אופֿין נאַראַד, אַי עס געפֿינט זיך אַ סאַך פּסוקים וואָס רופֿען אַליין אָן די שמות מיטן לשון „עבודה?" מאַכט זיך דער מגיד דער פֿון כּלא יודע, ער קלעהרט זיך אַז דער רשע האָט דאָך שוין לאַנג קיין ספר אין האַנד ניט געהאַלטן פֿרעגט איהם בחרם וויא וואָס עס געפֿינט זיך אין תנ"ך, אָט דער וועיל איז ער גיט גע פּאַקט. —

אין אַזעליכע זאַכען האָט ער געדולט אַ קאָפּ, געפּלאָנטעט מיטן צינג, ביז ער איז פֿאַר פֿלויגען אַזש צום „חד גדיא", דאַ האָט ער זיך שוין אַביסיל אָב געריהט, אָב געווישט דעם שווייעס, אויס געהוסט זיך, דער גאַנצער עולם האָט אויך דער וועיל גיט אויס געשנאַצט די נעז, אַ טייהעל אויף דער ערד, און מעהרער אויף יענעמס מלבוש, אַלע וואַרטין צו הערין דעם פּירוש פֿון חד גדיא, דער זאָגער האָט אָנגעהויבין פֿאַנאַנדער לעגין פֿאַרין עולם אַלע פּרושים, וואָס ביז זיין צייט האָט מען שוין געזאָגט אויף דעם.

למשל, „חד גדיא" איז יוסף הצדיק, מחמת די ברידער האָבין געקוילעט אַ ציגעלע, כּדי איינטינקין דאָס העמדיל אין זיין בלוט, נאָ דאַכט זיך ניט קיין שלעכטער פּלאַן אַז חד גדיא זאָל זיין יוסף הצדיק, הלעבען עס ווייזט אויס אַז דאָס איז כּמעט איין אמת, עס קומט אָבער ניט גיט אויס ווייטער מיטן היגד און מיטן שטעקין, איהר מיינט אַז מיט דער „שונרא" איז מען שוין גאָר פֿאַרטיק, זיא וויל אויך ניט זיין „יהודה" וואָס ער האָט אויף געגעסין דאָס ציגעלע, עס הייסט: ער האָט פֿאַר קויפֿט יוסף'ן פֿאַר אַ קנעכט, וואָרום אין אמת, וויא קומט „שונרא" זיין אַ טיטול פֿאַר „יהודה"?

נאָ האָט איינער אַ מפורש געזאָגט, אַז דאָס געהט גאָר אויף „ירבעם

בן נבט", וואס ער האט געמאכט דיא צווייא עגלים, אונ דעריבער שטייט צווייא מאהל „חד גדיא, חד גדיא", איי ער האט דאך גאר געמאכט א קאלב, אונ דאס איז גאר א ציג? נייז דאס מאכט דווקא ניט אויס, אין פסוק שטעהט „עגל לעבין גדי" עס שטעהט „עזים מאתים ותישים עשרים" אונ א באק איז בבחינת קעלביל, ווער עס האט נאר א ידיעה האטש אביסיל אין נסתר פאר־שטעהט דאס שוין זעהר גיט, מהיכא תיתי, ניט שטארק שלעכט, עס געמט אפילו דער שכל, אבער דער מקח „תרי זוזי" קומט אויס גאר ניט מיט חן.

דעריבער איז איינעם געפעלין גאר אנדערש, אז „חד גדיא" מיינט מען דעם „מן" ווייל עס שטעהט „והוא כזרע גד" איז גדיא לשון „גד" תרי זוזי איז דער פשט ווייל דער מן איז געוועזן כזרע גד, אונ ווידער „כצפיחת בדבש", דער פירוש זאל מיר ניט שטראפען פאר דיא רייד, איז טאקי ניא בע, ניא מע, ניא קוקעריקא.

בייא איינעם איז גאר א סברא געוועהן צו זאגען אז „חד גדיא חד גדיא" געהט גאר אויף דיא יודען אין דער מדבר, וואס האבין געזאגט „נעשה ונשמע" אונ דאס ווארט „גדיא" איז פון לשון הגדה, עס הייסט: „זאגען" איז דער פשט חד גדיא איין זאג, חד גדיא נאך א זאג, וואס דיא יודען האבין געזאגט „נעשה ונשמע" „דזבין אבא" וואס דער טאטע האט זייא געקויפט „בתרי זוזי" פאר דיא צווייא ריהרונגען וואס דיא יודען האבין זיך גערירט צו זאגין „נעשה ונשמע" אונ „זוזי" איז א פנים לשון „ולא זז משם", נא דאס איז שוין אפילו גאר ניט שלעכט, גאר וואס מאכט מען דא ווייטער מיט דער „שונרא"? עס איז אפילו קיין גרויסער קונסט ניט צו זאגין אז דיא שונרא איז דער יצר הרע, אונ דער יצר הרע האט געוואלט בייא דיא יודען אויף עסין דיא צווייא ציגען, דאס איז דעם „נעשה ונשמע" גאר ווער וועט זיין דער „כלבא?" דער „חוטרא?" „דאס פייער?" „דאס וואסער?" „דער אקס?" „דער שוחט?", עס איז טאקי באמת צו פיל אן געפלוידערט אז מע קאן קיין טאלק ניט דער געהן.

אט איז גאר איינער ארויף געקומען מיט א פרישען פלאן, טרעפט וואס? ער זאגט פאק אז דאס איז גאר א משל אויף דיא צווייא „שעירים" פון יום כפור, וואס איינער איז געוועזן צו גאט אונ איינער צום עזאזל, נא וויא געפעהלט עס אייך? א קוק איז דאס, נאר וויא הייבט מען אן מיט דעם פלאן צו קריכען ווייטער? זאל איך אזויא וויסען בייז וויא איך וויים ניט מיט וואס פאר א פנים מע געהט אפילו צו צי דער שונרא, אונ א פשיטא שוין צום כלבא דעם עזות פנים, ער וועט פאר הוקען דיא וועלט.

ליבע לעזער! מע קאן טאקי א שיין פנים האבין פון אזויגע פרושים, הא וואס בעדארפט איהר מעהר אז איינער האט גאר געוואלט זאגין אז חד גדיא געהט גאר אויף „יהודה" מחמת ער האט צו געזאגט דער פרויא „תמר" אציגעלע

אַ צִיגֶעלֶע . . . נָא אַדְרַבָּה אִיךְ פְרֶעג אַייךְ הָאט דָאס עֶפֶּעס אַ טַעַם ? דֶער כְּלָל אִיז אוּיס זָאגֶען אַלֶע פֵּרוּשִׁים וָואס עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ שׁוֹין אוֹיף דֶעם חַד גַּדְיָא, וֶועט נִיט גֶענוּג זַיין מְתוּשֶׁלַח׳ס יָאהְרֶען, נָאר דָאס וֶועל אִיךְ זָאגֶען אַז נָאךְ קֵיינֶער הָאט בֶּאֱמֶת נִיט גִיטְרָאפֶען דֶעם פְּשַׁט פוּן דֶעם חַד גַּדְיָא, אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גַאנְץ גֶענוּג פֵּרוּשִׁים גִיזֶעהְן אוֹיף מַיין לֶעבִּין אוּנ אִיךְ בִּין נִיט רוּהִיג מִיט זֵייא.

אִיךְ מַיין עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ, הֲגַם אַ מֶענְשׁ טָאהְר זִיךְ נִיט בֶּערִיהְמֶען אוּנ זָאגִין „אִיךְ וֵוייס זִי״ אָבֶּער אִין דִּבְרֵי תּוֹרָה מֶעג יֶעדֶער זָאגִין זַיין חֵלֶק (אוּנ אֶפְשַׁר אִיז גְרַאדֶע זַיין נְשָׁמָה מְסוּגָּל דֶער צוּ) אַ קַשְׁיָא אוֹיף אַ מַעֲשֶׂה, אֶפְשַׁר בִּין אִיךְ גָאר אַ גִּלְגּוּל פוּן דֶעם חַד גַּדְיָא אַלֵיין, אִיךְ בִּין גָאר בֶּעשַׁאפֶען גִיוָוארִין כְּדֵי מְגַלֶּה צוּ זַיין דֶעם סוֹד דֶער פוּן, אוּנ גְרַאדֶע אִיז דָאךְ טַאקִי אַ שְׁטִיקֶעל פֶּלֶא, מֶע זָאל אַרַיין נֶעמִין אַ חַד גַּדְיָא אִין דֶער הַגָּדָה אַרַיין אוּנ מֶע זָאל גָאר נִיט וִויסֶען וֶוער עֶס אִיז דֶער מְחַבֵּר דֶער פוּן ? וֶוען הָאט עֶר דָאס גִימַאכְט ? וָואס הָאט עֶר דָא גִימֵיינְט ? אוּנ וִויא בַּאלְד אַז מֶען אִיז גָאר בְּלִינְד מִיט׳ן מְחַבֵּר, צוּ וָואס זָאל מֶען זִיךְ גָאר מִיטְשֶׁען אוּנ מַאכִין פֵּרוּשִׁים אוֹיף זַיינֶע רֵייד ? וֶוער אִיז גִיוֶועהְן דֶער עֶרְשְׁטֶער וָואס הָאט דָאס גָאר אִין דֶער הַגָּדָה אַרַיין גִיבְּרַאכְט ? אִיךְ וֵוייס נִיט. —

מֶע זָאגְט אַז עֶס גֶעפִינְט זִיךְ הַגָּדוֹת פוּן אַלְטֶע דְרוּקֶען וָואס דָארְטִין אִיז נָאךְ גָאר נִישְׁטָא דֶער חַד גַּדְיָא, אִיךְ וָואלְט אַ בֶּעלֶן גִיוֶועהְן זֶעהְן אַזַא הַגָּדָה, נָאר דֶער אֱמֶת אִיז אַז דִיא וֶועלְט אִיז נָאךְ דַאמָאלְס אֶפְשַׁר נִיט וֶוערְט גִיוֶועהְן צוּ זֶעהְן אַזַא לִיכְט ? אֵי וָואס, דִיא עֶרְשְׁטֶע דוֹרוֹת זֶענִין דָאךְ פִיל בֶּעסֶער גִיוֶועהְן וִויא מִיר ? נֵיין בְּרִידֶער ! אִיהְר זֶעהְט דָאךְ אַז דֶער „זוֹהַר הַקָּדוֹשׁ״ אִיז דָאךְ אוֹיךְ נִיט נִתְגַּלֶּה גִיוָוארִין אִין דִיא גַאנְץ אַלְטֶע צֵייטֶען, דֶער הֵיילִיגֶער רמב״ן הָאט נָאךְ פוּן דֶעם זוֹהַר גָאר נִיט גֶעוואוּסְט אֲפִילוּ אַ רֶמֶז רְמִיזָה, נָאר עֶרְשְׁט דוּרְךְ זַיין תַּלְמִיד ר׳ מֹשֶׁה דִילָאן אִיז דֶער גַאנְצֶער זוֹהַר מְפוּרְסָם גִיוָוארִין, נָא קָאן מֶען שׁוֹין פְרֶעגִין אַ קַשְׁיָא ? אִיהְר מֵיינְט אַז עֶס גֶעפִינֶען זִיךְ נִיט מֶענְשִׁין וָואס צְוֵוייפְלֶען אִין גַאנְצִין זוֹהַר אוּנ ווילֶען גָאר חוֹשֵׁד זַיין דֶעם ר׳ מֹשֶׁה דִילָאן אַז דָאס אִיז גָאר זַיין מְלָאכָה אַלֵיין, בֶּאֱמֶת אִיז אֲפִילוּ דֶער גְרוֹיסֶער גָּאוֹן „ר׳ יעקב הֶעמְדֶען״ אוֹיךְ מַסְכִּים דֶער צוּ, עֶר הָאט גָאר גִימַאכְט אַגַאנְצִין סֵפֶר „הַמִּטְפַּחַת״ וֶועגֶען דֶעם, עֶר וַוייזְט אוֹיס מִיט פִיל רְאָיוֹת אַז דָאס אִיז נִיט פוּן דֶעם תַּנָּא רשב״י ז״ל, אוּנ אִין סֵפֶר הַיּוּחֲסִין דְּפוּס קוּסְטַנְטִינָא (מֵחֲמַת אִין אַלֶע סִפְרֵי הַיּוּחֲסִין פוּן אַנְדֶערֶע דְרוּקֶען אִיז שׁוֹין דָאס נִישְׁטָא) אִיז בֶּעשְׁרִיבֶּען דִיא גַאנְצֶע מַעֲשֶׂה, וִויא דָאס וַוייבּ אוּנ דִיא טָאכְטֶער פוּן דֶעם ר׳ מֹשֶׁה דִילָאן הָאבִּין זִיךְ מוֹדֶה גִיוֶועהְן אַז זֵייא הָאבִּין אַלֵיין גִיהֶערְט פוּן אִיהְם אַז עֶר אַלֵיין אִיז גָאר דֶער מְחַבֵּר דֶער פוּן, נָאר מִיט אַ כַּוָּונָה זָאגְט עֶר אַז עֶר הָאט דָאס גֶעפִינֶען כְּדֵי צוּ נֶעמֶען דֶער פַאר אַסַאךְ גֶעלְד בַּייא אַ גְרוֹיסֶען גְּבִיר,

נאר

גאר פון דעסטוועגן הערט דאס דער עולם כלל וכלל ניט , אונ דער זוהר איז קודש קדשים .

אט אזויא איז אפשר מיט'ן חד גדיא אויך גיוועזן , עס איז גילעגן אן גישריבען ביז דיא צייט איז גיקומען וואס איינער האט דאס מגלה גיוועהן , אונ כדי עס זאל ניט ווערין א רעדע וויא אופן זוהר , האט דער וואס האט דאס געפינען גאר ניט גיוואלט אויס זאגין ווער ער איז , מע זאל גאר ניט קאנין האפען עפעס א סליעד , מחמת ער האט שוין גיהאט דיא פראקטיק פון דעם ר' משה דילאן , אזויא קלעהר איך מוז זיין דיא געשיכטע , נאר דער חד גדיא איז דאמאלס נתגלה גיווארין , אבער דעם סוד דער פון איז נאך דיא וועלט ניט ווערט גיוועהן צו וויסען עד היום הזה , עס קאן גאנץ זיכער זיין אז איך וויים נאך אויך ניט , נאר זאגען מעג מען .

נא ליבע לעזער ! איהר ווילט טאקי הערין דעם פירוש פון אונזער זאגער ? איהר קאנט אפשר מיינען אז ער האט טאקי עפעס גיזאגט א טיפען ענין , ניין ברידער ! עס איז גאר ניט כדאי צו פאר נעמען זיך דיא צייט אונ הערין אזעלכע פלוידעריייא , ער האט אויך וויא אלע מפרשים אויס גישנארעט מיט צרות פון תנ"ך עפעס איינעם אונ האט איהם כמעט מיט גיוואלד גענעטה אז ער זאל זיין דער רעכטער „חד גדיא" דער נאך האט ער זיך גישפיהלט מיט דער שונרא , געררייצט מיט'ן כלבא , גימאכט קונצען מיט'ן חוטרא , געווארימט זיך מיט'ן פייער , געפליאסקעט זיך מיט'ן וואסער , אט אזויא האט ער זיך גימאכט נארעש ביז מנחה , דער עולם האט גישוויצט נעבאך גאנץ שטארק פון ענגשאפט , אונ פרעגט וואס האט מען דא גיהערט ? גאלע שטותים אונ הבלים וואס האט גאר קיין ממש ניט . —

באמת בין איך א ליב האבער פון א מגיד , נאך מיין דעה איז א מגיד פיל נייטיגער אין א שטאט וויא א רב , אבער וואס פאר א מגיד מיין איך ? טאקי א מענשין מיט שכל ער זאל זיין גוט בעלעזען אין אלע ספרי מחקר גוט פאר שטעהן דיא וועלט , פאר שטעהן פארשידענע קאראקטערען פון מענשין , וויסען דיא רעליגיאן וויא מע בעדארף , זיין א שטארקער רעדנער , א וויכטיגער בעל תנ"ך ודקדוק , א גרויסע בעל אגדה , א בקי אין דער וועלט געשיכטע , אט אזא מגיד קאן בעסער ברענגין נוטצען דער שטאדט , וויא א רב א חריף וואס וויל נאר צו נאנד פיהרען א וואנט מיט א וואנט , אזא מגיד קאן טאקי ארויף פיהרען דיא בעלי בתים אויף א רעכטע קינדער ערציהונג אויף ארענד־ליכע פאראדקעס אין שטאט זאכען , מבטל זיין פיל נארישע מנהגים , אויס־בעסערין דיא זיטען פון דיא מענשין אונ אלעם מיט שכל , אזא מגיד מוטשעט ניט קיין פסוקים , פיהרט ניט קיין משלים פון בני מלכים מיט צוויא ברידער , דער צעהלט ניט קיין שטותים פון יענער וועלט , מאכט ניט קיין בלבולים אויף מענשין וואס זענין דער מאנט אין תנ"ך , אן זאגין אויף זייא וואס ניט

גישטויגען

גישטויגען און ניט גיפלויגען, נא וואס דען איז דער איינהאלט פון אזא סארט מגיד, ער גערמט א שטעהלע פון תנ"ך און איז דאס מבאר גאר איינפאך, שילדערט ארום דעם ענין זייער אסטאהרעש און קריטעש, ביז ער ווייזט דעם עולם דער פון א טיפען מארעל, אזא מגיד האט שכל, נאך יעדער צייט, נאך יעדער ענין וואס עס קומט נאר פאר אין שטאט אויס צו זיכען אזא ארטיקעל פון תנ"ך אדער פון א מדרש און דער פון ווייזען וויא און וואס עס איז רעכט צו טאהן, ניט מיט דרושים, ניט מאכען פסוקים פאר קאליקעס, ניט קריוועטשען זייא וויא א ברחן דעם במוצאי יום מנוחה, וואס איז? ער וויל דווקא פאר פאקען דיא מחותנים און חתן כלה אין דעם פזמון, נא דער פזמון האט געבאך קיין ברירה ניט און מוז זייא אריין לאזין צו זיך אין דירה, חאטש פאר אכטאגען האט איהם דער אייגענער ברחן געמוטשעט גאר מכח אנדערע מחותנים, נאר וואס קאן דא דער פזמון דער צו העלפין? זאטשעפען מיט א ברחן איז אויך פאר איהם געבאך קיין עסק ניט. —

אזא מגיד וויא איך מיין בעדארף מען טאקי געבין ארענדליכע שכירות ער זאל לעבין בכבוד, עס זאל ניט זיין "חכמת המסכן בזויה" דאס הייסט: דעם ארימאנס חכמה האט קיין ווערטה און אזא מענש קאן טאקי אויס-בילדען א שטאדט, זעהן מע זאל מאכען קינדער פאר מענשין וואס זאלין טויגען צו דער וועלט, אויף קלעהרין דעם עולם אין אלע ענינים עס זאל ניט זיין קיין מחלוקת צווישען דער גימיינדע זייא זאלען ניט האבין צו טאהן איבערען גבאות, איבער דעם מפטיר, איבער דיא חזנים, זייא זאלין א פנים האבין ביי דער רעגירונג פאר מענשין, אבער צו וואס בעדארף מען דיא יעצטיגע מגידים? אמת זייא קאסטען אפילו געגוג געלד און זייא האבין נאר אין זינען פוסטע זאכען נאר זייערע אינטערעסע דרשה'נען נאר פון זייערט וועגען, זוכען נאר א קערביל, און דילען נאר דעם קאפ מיט הבלים, וועניג שטותים האט יעדער מענש אייגענע וואס ער האט זיך אן גיהערט נאך אלס קינד אין דער היים און אין דיא חדרים, דארף ער זיך נאך אן הערין שטותים פון א דרשן א מטורף? נאך ערגער פון דיא שטאט בעל דרשה'ערס, זענין דיא מגידים וואס לויפען ארום פון שטאט צו שטאט, דאס זענין גאר שנארערס פאר דארבענע בדחנים, עס איז כמעט ניט כדאי ארום זייא צו רעדין.

נא לאמיר בעסער דאווענען מנחה און געהן עסין שלש סעודות, אדער בעסער גיזאגט "געהן מאכין המוציא" נאך שלש סעודות איז דער עולם גיקומען צוריק אין בית המדרש עס איז שוין פינכטערליך, דער עולם פאר ברענגט זיך איינער מיט דעם אנדערין אין פארשידענע שמועסין, אנדערע זאגין אשרי תמימי דרך.

נאר אונטערין אויווען האבין זיך פאר קליבען צוויא ארענדליכע בעלי בתים אונ האבין געקריגען צו זיך דעם שטאט אפיקורוס אונ האבין זיך אביסעל געפילאזאפירט אין כמה ענינים. —

---

## 9.

## א שמועס אונטער דעם אויווען.

זייט אזוי גוט, איהר זענט דאך יוא א מענש וואס האט א ידיעה אין אלע ענינים, ערקלעהרט אונז אפשר ווייסט איהר, וואס האט דא דער מגיד עפעס גיזאגט מכח דעם זוהר? מיר האבין דאס גאר ניט גוט פאר שטאנען, דאס ערשטע מאהל אין אונזער לעבין האבין מיר דאס גיהערט אז עס איז גאר דא א ספק מכח דעם הייליגען זוהר, וואס מעהר מע לעבט הערט מען מעהר, מאכט אונז קלאהר אויב איהר ווייסט, עס אינטערעסירט אונז דיא זאך גאר שרעקליך. —

„הערט איהר ברידער!" האט זייא גיענטפערט דער אפיקורוס, איהר זאלט וויסען אז אין דער יעצטיגער צייט איז מען שוין ריכטיג דער גאנגין דעם סוד, אז דעם זוהר האט ניט גימאכט ר' שמעון בן יוחאי, אונ הגם דאס איז ניט קיין נייעס ווארום הגאון ר' יעקב עמדען האט שוין אוים געוויזען מיט פיל ראיות אז דער זוהר איז א שפעטיג ספר ניט פון ר' שמעון בן יוחאי, פון דעסטוועגין האלט עס דער עולם ניט פאר קודש, נאר קודש קדשים, וויא פיל מנהגים וואס זענין כמעט וויא א געצענדינעראיי גיפינען זיך בייא אונז פון דיא מקובלים, וואס דער גרונד פון זייא איז נאר דער זוהר, איהר ווייסט אז כפרות שלאגין איז אויך א פלאן פון א מקובל, איהר ווייסט אז אסאך חומרות וואס מיר ווערין פון זייא פאר שווארצט איז דאס נאר זייער מלאכה, וויא פיל דינים געפינען זיך אין שלחן ערוך וואס זענין גישטעלט נאר על פי קבלה? איבער הויפט שפיעלט דער זוהר אגרויסע ראללע בייא דיא חסידים, בייא זייא איז אין אמת דער זוהר טייערער אונ הייליגער פון דער גמרא, נאר וואס זאלין מיר ריידען פון חסידים אז מיר מתנגדים זענין אויך ניט קליגער, בייא אונז איז אויך ב"ה אלעס גלייך, דיא הייליגע תורה מיט דער גמרא אונ דער זוהר מיט אלע קבלה ספרים, האבין בייא אונז איין וויכטיגקייט, יעדער זאגט אונז דינים, אז דאס קאסט אונז געזונד, עס לאסט אונז ניט לעבין? דאס הארט גאר קיינעם ניט, חלעבען, למשל וואס הארט דעם רב אז ער שלאגט

כפרות מיט א גוטען האן ? אונ דיא רעביצען מיט א גוטע א פעטע הין ? אונ מע עסט דאפון א גוט יאכעל מיט קרעפליך , שחיטה געלד קאסט אויך ניט , נא לאז דאס זיין אפילו א מנהג שטות וועמענס דאגה איז דאס ? אבער דער געמיינער מאן נעבאך קויפט עטליכע עופות דארע וויא דיא שפענער אונ דארף נאך צאהלען שחיטה געלד פון יעדער כפרה 4 קאפ' , אונ אבשטעהן ביא דעם שוחט עטליכע שעה אין ענגיאפט אונ אין צרות , אונ פרעג וואס איהר זייט דאך יודען לומדים געפינט זיך אזעלכע פזמונות אין דער גמרא ? עס איז באמת ניט כדאי צו ריידען , ווארום איהר האט דאך גיזעהן וואס דא האט זיך גיטאהן דער פאר וואס איך האב זיך אריין געמישט מכח דיא „קטניות" ארבעס , אדרבה זאגט אליין בין איך אפשר ניט גירעכט ? איהר זענט אפילו אויך צו ארטעדאקסעס , נאר דאך זענט איהר מענשין מיט שכל , דער חסרון איז נאר פון אייך , וואס א חוץ דיא טריקענע גמרא וואס איהר לערינט , זעהט איהר ניט קיין אנדער ספר אין דיא אויגען , ווען איהר וואלט אביסעל געקוקט אין זייטיגע ספרים פון אונזערע חכמים , ווען איהר זאלט וויסען גוט דיא גאנצע געשיכטע פון יודען זינט נאך דעם ערשטין חורבן ביז יעצט , דאן וואלט איהר גאר אויף אנאנדערין אופן פאר שטאנען דיא גמרא , איהר וואלט געוויסט אויף וואס פאר איין ארט האבין זיך יודען ארויף גישלאגען אויף אזא פאראדאק וויא יעצט איז , וויא אזויא האט זיך דאס גימאכט ? וועלכע סבות האבין דאס מיט גיבראכט ? דאמאלס וואלט איהר מודה גיוועהן אז מע ווערט אויס געריסען אין כמה וכמה ענינים גאר אומזיסט , מע וועט אונז קיין שכר ניט געבין , ניט אויף דער וועלט ניט אויף יענער וועלט , פאר דעם גאנצין פאר פסח וואס מע קומט אפ ערגער וויא אין קאטערגע , נאר באמת איז וויא דער פסוק זאגט „והמשכיל בעת ההיא ידום" אין דער צייט ברויכט נאר א קלוגער צו שווייגען , אבער דאס זאלט איהר וויסען איך האב גיזאגט אונ איך וועל זאגין , אז דאס אלעס וועט אזויא ניט זיין , עס געהט אנאנדערע צייט אונ דיא אלע פאראדקעס וועט מוזען נעמין א רעפארים , דאס קאן אזויא ניט בלייבין וויא יעצט . —

דיזע צווייא מענשין זענין פון דיא רייד זייער גערירט גיווארין אונ האבין אזויא גיזאגט : „נא אייערע רייד איז אפילו מיט שכל , עס ווייסט אויס אז דאס איז קרוב לאמת , נאר דאס וועלין מיר אייך פרעגין , דער רב זאל גיזונד זיין קאן דאך אזויא פיל לערנין וויא איהר ? ער האט דאך מן הסתם אויך גיזעהן דיא אלע מאמרים אונ דיא ספרים וואס איהר מיינט , נא פאר וואס געהט ער תמיד מיט דער אלטער מעטאדע ? ער אליין היט אויך אפ דיא אלע מנהגים וואס איהר זאגט אז דאס איז הבל הבלים ? איהר מיינט אז דאס וואס ער האט אייך ניט גיענטפערט איז מחמת איהר האט איהם מנצח (בעזיגט גיוועהן , ניין חלילה ! ער איז דאך פארט א גאון , א שפאס זיין בקיאות

געניטשאפט

(גענײטשאפט) אין ש״ס בבלי און אין ירושלמי ? א שפאס זײן חריפות ? ער איז דאך יא א מפולפל וואס קאן אויס רײסען בערג און צו רײבען זײא , דעם שוחט׳ס שטיף זוהן איז אויך א מופלג גדול , ווער רעדט דער מתמיד ? איז גאר א חרב חדה , א װילדער חריף , אבער געגין אונזער רב זענין זײא טאקי אלע כקליפת השום (וויא א שאלעכטץ פון א קנאביר) , אויף איהם קאן מען טאקי זאגין וויא אויף יונתן בן עוזיאל , אז בשעת ער לערינט איז „כל עוף הפורח עליו באויר מיד נשרף״ יעדער פויגעל וואס פליהעט איבער איהם ווערט פאר ברענט , נא דארף מען פאר שטעהן אז ער האט גיקאנט אייך מבטל זײן מיט אײער שמועס , נאר מן הסתם האט ער אין דעם א טעם גיהאט וואס ער האט גאר גישוויגען , מע זאגט טאקי (מיר זענין ניט גיוועהן דער בײא) אז ער זאל לעבין האט עפים יוא א ווינק גיגעבין , פאר וואס ער האט גישוויגען ...״ —

„הערט ליבע יודען !״ האט זײא גיענטפערט דער אפיקורוס אביסעל צו קאכט , „הערט נאר מיך צו עטליכע ווערטער , איך וועל מיט אייך אסאך ניט פאר ברענגין״ איך זעה און ווייס אז אזעלכע מענשין וויא איהר , וועט דאס ניט העלפין , אז איך זאל אפילו מיט אייך טאלקעווען יאהרען לאנג , נא צו וואס זאל איך פאר דארבען מײנע רייד בחנם ? נאר דאס וועל איך אייך זאגין , איך בעט אייך גאר ניט אין כעס צו ווערין און אויס הערין מיט געדולד מײנע רייד , דער נאך וועט איהר שוין מעגין זאגין וואס איהר וועט ווילין״ . —

„איהר ווייסט ברידער !״ אז איהר לעבט גאר אין טעות , איהר קאנט זיך גאר ניט פאר שטעלין אז א גאון וואס איז א בקי אין גאנץ ש״ס בבלי וירושלמי און אין אלע פוסקים , זאל זיך לסוף אויס לאזען אז ער קאן גאר ניט לערנען ?

מיט גרויס כעס , האבין זיך א חאפ גיטאהן דיא צווייא מענשין און האבין א גישרייא גיטאהן „וואס זאגט איהר ? איהר זענט משוגע ? צו וואס ? וויא הייסט א גאון זאל ניט קאנען לערנין ? פאר וואס דען איז ער א גאון ?״ —

„זעהט ברידער !״ האט ער זײא גיענטפערט , איך האב דאך מיט אייך עפים א תנאי גיהאט , אז איהר זאלט ניט זײן אין כעס און ניט איבער שלאגין מיר אין מיטען דיא רייד , איהר פאר שטעהט נאך גאר ניט וואס איך מיין , נאר איך זאל אייך דעם ענין ערקלעהרין מיט פאקטען פון דער גמרא איז גאר ניט יעצט דיא צייט , דארום וועל איך אייך דיא זאך געבין צו פאר שטעהן מיט א משל , נאר לייגט גוט צו דעם קאפ און הערט זייט מוחל גוט צו מיין משל , דער ענין איז זייער טיעף און שארף זיניג . —

אײנער א גרויסער גביר וואס האט גיהאט אײניגע פאבריקען פון טוך און פון צוקער , זײער א גרויס גישעפט פון כמה מיליאנען רובל זילבער , האט בעדארפט מיט זײן פאמיליע ארויס פארען אין אנאנדערע געגענד , האט ער

אוים

אוים געזיכט א וויכטיגען בוכהאלטער , אגרויסען מאטעמאטיקער וואס איז גוט געניהט גיוועזין אין גישעפטען , אונ האט איהם איבער גיגעבין דיא גאנצע גישעפטען ער זאל זיין דער גאנצער פיהרער פון דעם עסק , טאהן אלעס נאך דער צייט מיט גרוים איבערלייגונג , ווערליג דאס עסק וועט פאדערען פון איהם , אמאהל פאר גרעסערין אונ אמאהל פאר קלעהנערין דאס גישעפט לויט דיא צייט וועט מיט ברענגין . —

דאס גאנצע עסק בשעת ער האט עס איבער גיגעבין איז בעשטאנען פון צוויא מיליאן רובעל , אין דעם האט ער איהם גיזאגט איז אייגען קאפיטאל , אונ ווייטער וויא פיל דאס גישעפט וועט פאדערען זאל ער נעמען אויף פריצענט , פון דעם גישעפט זאל דער בוכהאלטער איהם ארויס שיקען אלע יאהר הינדערט טויזינד רובעל , דאס איז מעהר ניט וויא 5 פריצענט , אונ דאס טראגט דאס גישעפט אפילו גאר אין דער שלעכטער צייט . —

דיזער גישעפטס פיהרער האט דאס עסק געפיהרט זייער גוט , ער איז אין איהם גיוועהן גאנץ שטארק געניהט , געהאלטין אופן מוח אלע געגענשטענדע פון דעם גאנצין גישעפט , ער איז זייער קלאהר גיוועהן אין אלע פרטים מקטון ועד גדול , ער האט געהיט דיא ביכער עס זאל שטיממען דיא הוצאה מיט דער הכנסה , ביז א 1/10 קאפ׳ , דער כלל איז ער האט גאר גיזעהן אז דאס עסק זאל טראגין דאס פריצענט פון דעם פרעמדין געלד , אונ דיא הינדערט טויזינד רובעל וואס ער דארף שיקען אלע יאהר דעם פרינצעפאל — צייטענוויים פלעגט ער פאר קלענערין פיל סארטען פון דיא פאבריקען , ווען ער האט באמערקט אז זייא ברענגין ניט קיין נוטצען , אונ עס פאלט נאך דערויף פריצענטין , דיא אלע מענשין וואס פלעגין אפט אונ אפט פאר קומען אין גישעפט וועגען פארשידענע עסקים , פלעגין שטארק בעוואנדערין דיזען בוכהאלטער , ווארום זייא פלעגין זעהן זיין גרויסע פעהיגקייטען אין גישעפט אונ זיין גרויסע ידיעה אין אלע פרטים פון אזא גרויסען עסק . —

צום סוף האט זיך אוים גילאזט , אז דער גרויסער גביר האט גימאכט אגרויסען אנזעץ אויף כמה מיליאן רובעל , דיא פאבריקען האבין זיך גישטעלט עס איז שוין ניט גיוועהן מיט וואס זייא צו פירען , דער בוכהאלטער האט אליין גאר ניט פאר שטאנען ביז דער לעצטער מינוט פון וואנען דאס האט זיך גינומען ? אונ דעם גאנצין עולם איז דאס אויך גיוועהן אגרוים חידוש , גיוואלד ! אזא בעל חשבון , אזא קאפ , זאל האבין אזא טעות ? וויא קאן דאס זיין ? ווארום האט ער פריהער ניט בעטראכט , נישט צו דער לאזין צו אזא גרויסען אונגליק , דער פון זעהט מען דאך ארויס גאר דייטליך אז ער האט א פנים דאס גאנצע עסק גאר ניט פאר שטאנען , אין אמת איז דאס א פלא ! —

נאר הערט דיא מעשה , דער בוכהאלטער האט נאר אין איין זאך א טעות גיהאט , אין איין זאך איז ער גיוועהן געענארט אונ צו ליב דעם איז דער

גאנצער

גאנצער געשעפט גיגאנגען צו גרונד, וואס איז? דאס וואס דער גביר האט איהם אן גיגעבען צוויא מיליאן רובעל פאר אייגען־קאפיטאל איז גיוועהן גאר א שקר מוהלט, דאס איז אויך גיוועהן פרעמד געלד, דער גביר האט פאר זיך געדרייט הלוואות אויף דיא צוויא מיליאן גיצאהלט פריצענטין, דא גינומען דא גיגעבין, אונ אזויא האט מיט דער צייט דאס פריצענט אויף גיגעסין דעם קרן, וואס דער בוכהאלטער האט דאס ניט גיקאנט ארויס זעהן ווייל ער האט פון דעם סוד ניט געוויסט, ער האט גימיינט אז דאס איז אייגען געלד, אונ מען דארף פאר דעם קיין פריצענט צאהלען.

נא ברידער! פאר שטעהט איהר גיט דעם משל: מיט איין ווארט, דער פיהרער פון געשעפט ברויכט צו וויסין ריכטיג וויא פיל קאפיטאל עס איז דא אייגענס, אונ וויא פיל פרעמדס, ווארום דיא הלוואות איז מער ניט נאר זייא זאלין העלפין אז דער אייגענער קאפיטאל זאל טראגין רוח, אויב מע קאן ניט הויבען דאס געשעפט מיט דעם אייגענעם געלד, דערום אז מען זעהט, אז דאס פרעמדע געלד טראגט ניט אפילו דאס פראצענט, מוז מען דאס עסק פאר קלענערין, דער כלל איז דער לייגין צו פרעמד געלד, טאהר מען געוויס ניט, צו דער אייגענעם קאן מען דאך ניט העלפין, וויא פיל עס טראגט מוז גוט זיין.

דעריבער אז דיזער מאן האט גילעבט אין טעות, אונ האט גירעכינט פרעמדם פאר אייגענס, האט ער דאך דער פון גאר ניט גירעכינט דאס פ״צ פינ׳ם געלד, נא האט ער גיקלעהרט וואס קאן דא זיין, טראגט עס ניט פיל, אבער 5 פ״צ טראגט דאך דאס, קיין פרעמד געלד איז דאך דאס ניט, נא איז דאך קיין סכנה ניט.

באמת! דער גוטער געשעפטס מאן, זעהט אפילו א מאהל מיט אייגענעם קאפיטאל אויך ניט האנדלין, ווען ער זעהט אז דער האנדיל קאן דעם גאנצין קאפיטאל פערניכטין, עס איז פיל בעסער אמאהל אויף צו עסין אייניגע הינדערט רובעל, איידער ריזעקירין זיך מיט א שוואכין עסק, אונ איבער פיהרין דורך דעם דאס גאנצע קאפיטאל ח״ו. —

נא ליבע ברידער! יעצט לייגט צו גיט דעם מוח, אונ הערט דעם נמשל: דער ענין איז זייער טיף אונ וויכטיג, דיא ריליגיאן אונזערע דאס איז דיא פאבריקע וואס גיט ארויס דינים פאר דער גאנצער געמיינדע, אויף דיזע אלע דינים זאגט עדות אונזער הייליגע תורה „אשר יעשה אותם האדם וחי בהם" דאס הייסט: אז דער מענש וועט אבהיטין דיא אלע דינים, וועט ער קאנען לעבין אין פארגעניגין, בקיצור דיא תורה איז אונזער פרנסה אונ אונזער חיות, זיא איז פאר אונז א גיט געשעפט, אין דער ריליגיאן געפינט זיך אייגין קאפיטאל, דאס הייסט דינים וואס שטעהן אין דער תורה, ווייטער איז דא אין דער ריליגיאן פרעמד געלד, דאס הייסט דיא תקנות, גזירות, אונ גדרים, וואס דיא געשעפטס פיהרער דיא בעלי התלמוד האבין צו געלייגט

צום

צום קאפיטאל, נאר צו ליב אז דיא פאבריק זאל קאנען עקסיסטירין, פינקט וויא דער גביר קאן א מאהל מיט זיין אייגענעם פערמעגין ניט אנהויבין דאס געשעפט, אדער ווען אפילו אז ער האט שוין אנגעהויבין, קאן ער זיך אין מיטין עסק אנידער שטעלין, אזוי ריכטיג איז מיט דער רילוגיאן, דיא קאפיטאלנע מצות עס הייסט מצות מן התורה, קאנען א מאהל בייא פארשיידענע סבות ניט מפרנס זיין דיא נאציאן וויא געהעריג איז, נא מוז מען מאכין א הלואה, עס הייסט א גדר, א חומרא, א תקנה, נא דאס קאסט שוין פראצענט אונ גאר א סאך, דיא גזירה מוז מען שוין מאכין אביסיל איבערגעטריבין, קאסט שוין געבאך דעם עולם געזונד אונ געלד 1) אבער ווען איז כדי צו צאהלין אזא שטארקין פ"צ? נאר אז מען זעהט ארויס פון דיא הלואות אז זייא ניטצין צום עסק, אז זייא פארהיטין דאס קאפיטאל, אבער ניט אז דיא הלואות זענען נאך גאר מזיק דעם קאפיטאל, נא דאכט זיך אז מען ברויכט פון זייא פטור צו ווערין. —

מילא יעדער רב אין זיין שטאדט איז דאך דער געשעפטספיהרער פון דער רילוגיאן, נא ברויכט ער גוט צו וויסין וויא פיל קאפיטאל איז דא אייגענס, עס הייסט מצות פון דער תורה, אונ וויא פיל פרעמדע געלדטין עס גיפינט זיך וואס קאסטין גוטע פ"צ, דאס הייסט, תקנות אונ גזירות, גדרים אונ סייגים, כדי ער זאל זיך וויסין וויא נוהג צו זיין מיט דיא הלואות ווען ער וועט זעהן, אז זייא העלפין גאר ניט צום קאפיטאל, נאר פארקעהרט זייא קאנען נאך גאר אויס ברענגין דאס קאפיטאל אין גאנצין, מחמת דאס פראצענט פון דיא גזירות אונ דיא פרישע דינים איז זייער גרויס, קאן שוין דער עולם דער נאך אפילו דיא קאפיטאלנע מצות אויך ניט מקיים זיין.

אבער אז דער רב לעבט גאר אין טעות, אונ רעכינט אלע גזירות וחומרות אפילו פון דיא פוסקים אחרונים אויך פאר מצות מן התורה, אט דא איז שוין דיא שפיעל פארען טייפעל, מיט קאפיטאלנע מצות איז שוין אביסיל שווערליך איין עצה זיך צו געבין, דא ווען אפילו עס טראגט גאר ניט, מוז מען אפשר אויך שוואגין, דאס געשעפט מוז דאך געהן, חאטש אפילו דיא גרויסע בוכהאלטערם, דאס הייסט: דיא גרויסע תלמודיסטען, פלעגין אפט אונ אפט פאר דיא קאפיטאלנע מצות אויך זיך ניט שטארק זארגין, נאר ווען? אז זייא

האבין

---

1) פון דעסטוועגין גאר א גרויסין פראצענט האבין אונזערע חכמים אויך קיין חשק ניט געהאט צו צאהלין, דערום זאגין זייא „אין גוזרין גזירה על הצבור אלא אם כן רוב הצבור יכולין לעמוד בו" אזא הלואה וואס דאס רוב עולם קאן דעם פראצענט ניט געבין, האבין דיא חכמים בעסער גאר ניט געמאכט.

האבין גוט בעמערקט, אז דיא דאזיגע מצות לא די וואס זייא טראגין נישט איין, ברענגין זייא נאך היזק אויך, האבין זייא אלעם פיהרער פינ'ם געשעפט, אפ געשאפט אזעליכע מצות אויף א צייט, ביז דאס עסק וועט זיך אפשר פאר בעסערין, דערום זאגין דיא חכמי התלמוד זייער קלוג אונ שארף זיניג „פעמים שביטולה של תורה היא קיומה (מנחות צ"ט)" דאס הייסט: א מאהל איז דאס מבטל זיין א מצוה פון דער תורה, א סבה זיא צו דער האלטין, איהר פאר שטעהט דעם מאמר וויא גרוים ארטיק ער איז! מע דארף אויף איהם א מבין זיין, פון דעם זעהט מען גאנץ קלאהר, וויא זייא האבין גוט פארשטאנען דאס עסק, אונ ווען בייא קאפיטאלנע מצות (מצות מן התורה) ברויכט מען א מאהל אזוי צו טאהן, אויב מען וויל היטין דעם געשעפט לויט האנדעלם געזעצע, א פשיטא שוין, דיא מצות וואס זענען גאלע הלואות, דארף מען דאך געוויס נאך קיקין אויב זייא ברענגין ניטצין, אונ אויב ח"ו אז מען זעהט אז דיא הלואות מאכין קאליע, דארף מען באלד אזעליכע הלואות אבשאפין, אונ ניט צאלין קיין פראצענט.

אבער ווען איז דאס אלעם געשמועסט, אז דער רב ווייסט טאקי זיין זאך, אבער אז דער רב איז גאר גענארט, אונ רעכינט הלואות פאר קאפיטאל, אלעס איז בייא איהם „הלכה למשה מסיני", האט ער זיך מורא דער צו צו ריהרין, דער בער האבין דיא גרויסע תלמודיסטין אין דער התחלה געמאכט אז „דברים שבעל פה, אי אתה רשאי לאומרם בכתב" דאס הייסט מען זאל ניט פערשרייבין דיא אלע נייע דינים מיט גזירות אונ חומרות, נאר מע זאל דאס לערנען אויסענווייניג, כדי מע זאל קיין טעות ניט האבין אונ מיינען אז זייא זענען אויך „דברים שבכתב" קאפיטאלנע מצות, נאר דער נאך אז זייא האבין א קיק געטאהן אז דאס קאן גאר פאר געסען ווערין, האבין זייא געמוזט מתיר זיין. — היינט זעהט מען טאקי דעם גרויסין היזק דער פון, אז פון אלע „דברים שבעל פה" פרעמד געלד, איז געווארין גאר „דברים שבכתב" דורך גאלע קאפיטאל, אבער דאס קאסט דעם עולם גרויסע פראצענטין אז מע קאן שוין באלד ניט צאהלין, אונ דאס קען קען אויך גאר לייכט געהן צו גרונד ח"ו. —

נא ליבע ברידער! יעצט דאכט מיר אז איהר קאנט שוין גוט פארשטעהן אז אונזער גאון קאן טאקי פארט ניט לערנען, ער קאן, ער איז טאקי געניט אין אלע ביעכר פון דער ריליגיא; נאר ער ווייסט ניט וויא פיל עס איז דא אייגין קאפיטאל, אונ וויא פיל הלואות, וואס דאס איז דער גרונד פון דעם עסק, אין דעם העננט אב דאס גאנצע געשעפט. —

אט האט דער רב היינט געזאגט א דרוש, וואלט איהר נאר אביסעל געהערט, וואס פאר א הלואה ער האט געוואלט מאכין, וואס פאר א שטארקין פ"צ ער האט געוואלט געבין, גראדע וויל דער עולם האט חשק געהאט

פטור

פטור צו ווערין פון איין הלואה מיט איהר שטארקין פ״צ, אונ האבין געפאדערט א היתר מכח דעם ארבעס, האט ער גאר געזאגט, אז אפילו ח״ו אין גרעסטע יקרות טאהר מען אויך ניט עסען קיין ארבעס אונ דיא אלע מיני קטניות, אונ הערינג, אונ ווער עס איז מיקל אין דעם ח״ו איז גאר חייב מיתה (זעהט אין פתחי תשובה הלכות פסח), איי געוואלד! אין בית יוסף שטעהט דאך בפירוש אז דיא אלע מינים מעג מען אפילו קאכין? נייז אין כמה ערטער האט מען זיך נוהג געוועהן ניט צו עסען דאס, אי וואסזשע איז? מעמעג דאך פארט על פי דין? וועמעם דאגה איז דאס, וואס זייא האבין זיך אזוי נוהג געוועהן? אבער וואס העלפט דאס דיא רייד, איינינגע גאונים, וואס האבין גיקאנט לערנען וויא אונזער גאון האבין אזעלכע מנהגים צו גענומען פאר קאפיטאלנע דינים.

ביא איינעם איז שוין געוועהן ארבעס אזא שטארקער חמץ, אז עס האט זיך שוין איהם גאר געגלויבט מאכין פאר חמץ קאווע אויך, וואס איז? וויל קאווע האט א פנים וויא פאסאליעס, בכן אז מע וועט עסען קאווע קאנמען ח״ו א טעות האבין אונ עסען ארבעס פאסאליעס אויך, אי וואס הארט עס אז מע וועט טאקי עסען ארבעס פאסאליעס אויך? איהר ווייסט ניט? חלעבען איך וייס אויך ניט, אפשר מיינט איהר אז דיא גאונים ווייסין? וואלט מיר אזוי קיין שלעכטעץ ניט וויסין אונ אייך אויך, וויא זייא ווייסין אויך ניט, וואס בעדארפט איהר מעהר, אז איינער האט שוין גאר געוואלט אסור מאכין „טעה״ טרעפט פאר וואס? גיין איהר וועט ניט טרעפין, אפילו אז איהר וועט זיין מיט 100 קעפ, בקיצור מאטערט זיך ניט, איך וועל אייך בעסער אוים זאגין, היות אזוי וויא עס זענען דא בנמצא פיל שווינדלער וואס פאר קויפען איבער־געטריקענטע „טעה״ וואס איז דאך אוודאי ניט רעכט צו ניטצין אויף פסח, דעריבער איז דורכאוים ניט כדאי צו ניטצין טעה, איהר פאר שטעהט וויא מען איז פאר קראכין? אזא פאר לאפענער מוח, נא נא! עס איז נאך א נס וואס קיינער האט זיך ניט ארוים גערעדט „וכן נוהגין״ אדער „וטוב להחמיר״ אז ניט, איז דיא זאך פאר פאלין, מע וואלט שוין א גאנץ פסח אפילו קיין גלעזיל טעה אויך ניט געהאט.

וואס ווייסט איהר וואס דיא ווערטער האבין אונז אנגעמאכט? אלע חומרות, אלע גזירות, אלע נארישע מנהגים, נאר וויא באלד עס געפינט זיך למשל אין רמ״א אויף רש״י כתב דיא צוויא ווערטער „וכן נוהגין״ 1) דא איז מען גאר שוין פאר פאלין מיט דיא ביינער...

אט

---

1) למשל, פון דיא 18 טרפות וואס זענען געצייכינט אין דער גמרא חולין, איז געווארין 70 אין פסקי הרמב״ם, אונ אין שלחן ערוך איז גאר אהן א צאהל, 46 שאלות האט נאר דער רמ״א טרפה געמאכט, וואס דער בית

יוסף

אט אין אזעליכע פלענער האט אונזער גאון פאר בראכט זיין גאנצע דרשה, אונ אזוי פערברענגען זייא דאס גאנצע לעבין, קיין זאך וואס קאן ברענגען א טובה דעם כלל ליגט זייא גאר ניט אין זינען, אט אין וואס זייא פאר ברענגען זייערע יאהרין: מכת א קאלטענע צו איז דאס א חציצה אין מקוה, א שטייגער אז א יבמה רעדט אונטער דער נאז (דאס טרעפט אפט אונ אפט אפילו בייא איין גרושה, אונ בייא א שטיף מיטער אויך) אונ מע הערט פון איהר ניט קלאהר דיא ווערטער „לא אבה יבמי" האטש אין אמת ווייסט זיא דאך גאר ניט וואס זיא רעדט, זיא קלאגט זיך פאר דיא דיינים ער וויל זיא ניט מיבם זיין בודטא זיא געהט אוים נאך איהם, נא איז ניט א געלעכטער צו הערין? זיא וויל דאך אז ער זאל איהר חליצה געבין, אונ אין דעם פאל איז דאך באמת קיין נפקא מינה ניט, אויב זיא האט דאס ניט געזאגט מיט דקדוק? אז דיא גאנצע זאך איז גאר א קאטאוועס, נאר אויך דיא אייגענע מעשה, אזוי איז דער פאראדאק, מוז דאס ווערין גערעדט שארף, נא דער ווייל איז דאס א שאלות תשובה, מע דארף פארט עפעס ענטפערין ווי א גאון. אט אויף אזעלכע ענינים געהט נעבאך אוועק דיא צייט בייא אזוינע מענשין, א שפאס א וועלט? עס טרעפט דאך עפעס סבות, אונ היינט אין דער שטאדט גופא, וויא פיל קאפ דרייענעש האט א רב מיט דיא ערובין? מיט דער מקוה מיט דיא חלפים פון דיא שוחטים? אסאך וויכטיגערע געשעפטין וויא חנוך נערים, וויא מאכין רעמעסלענע שוהלען, פאר ארימע קינדער, וויא מבטל זיין דיא טאקסע, הא?

פון דעם גאנצין שמועס זענען דיא מענשין שטארק מבולבל געווארין, זייא האבין גאר ניט גיקאנט זיך שטעלין א מאס פון וואנען הויבט מען אן זיך מיט איהם מתווכח זיין, ער האט זייא גוט צו פלאכטין מיט א שטייגער. נאר דאך האבין זייא געוואלט מאכין א שמועס אונ איהם פארט מנצח זיין, נאר מע האט דאס איבער געשלאגין מיטין מערב דאווענען.

נאך מערב איז זיך דער עולם צו גאנגין אהיים, צו הערין פרישעקללות אונ פאסטין תעניתים ביז ערב פסח צום סדר, פאר געסט ניט עס איז נאך דא פיל ארבייט, וואס וועט נאך געבין גענוג שטאף צו פרישע צרות אונ קולות, א שפאס, זיפין דאס מעהל, באקין דיא מצה, כשר'ן דיא כלי בית, שטויסין מצה מעהל, א פעסעל אוים וואשין אויף וואסער, דא מוז יעדעס שטיקעל ארבייט געטאהן ווערין מיט קולי קולות, מיט געוואלדיגע קללות, עפעס א
שפאס

---

יוסף האלט דאס פאר כשרות, „דער עצי לבונה" צעהלט אפ 120 טרפות נאר אין דעם דין פון תרתי לרעיתא... הא ברודער! גוט אנגעטאהן א ספאדאק? —

שפאס פסח ? נאר וויא דיא גמרא ברענגט א ווערטיל „דמלפא תיכלא לא בהתא" דאס הייסט : דער וואס איז שוין געוואהנט אין צרות, דער שרעקט זיך שוין גאר ניט, אט אזוי האבין זיך נעבאך שוין דיא מענער גאר אויף געהערט זיך צו שרעקין, אונ זענען זיך געגאנגען גאר גלייך גילטיג אהיים, ממה נפשך וואס וועט זיין זאל שוין זיין.

א גוטע וואך ! א גוטע וואך ! ציינד שוין אן א ליכט, עס איז שוין לאנג נאכט געווארין „איהר ווייסט ווייבערליך עס וואלט גאר קיין עולה געוועהן אז מע זאל עפעס קאכין א לעפיל ווארעמס נאך היינטיגין טשאלענט" האבין א וואג געטאהן אלע מאנסבילען מיט איין קול, „עס פאר שטעהט זיך" האט זיך ארויס געהאפט איינע א פיסקעוואטע, ער וואלט אפילו א בעלין געוועהן, אז איך זאל זיך נאך אצינד שטעלין קאכין ביז האלבע נאכט, דאס קאן טאקי מעהר ניט נאר וויא א נאר זיך פארגינען, עפעס אזא זולל וסובא ? האב איך ניט געהערט אונ ניט געזעהן, מיר דאכט אז מע זאל מיר אפילו יעצט געבין מעדני מלכים, וואלט איך אין מויל ניט גענומען, אונ איך האב דאך טאקי היינט יא כמעט ניט געגעסין, אין דעם טשאלענט איז טאקי היינט געוועזין איין איינזינקענעש, וואס זאל מען דא זאגין ? אונ איך קאן דאך זיין טרפה'נעם האלז, האב איך איהם טאקי אב געגעבין כמעט אין גאנצין, נא פרעם צו זעצטערהייט, וויא דיא מעשה איז, פאר איהם איז געניג געוועהן, ניט פאר זינדיגען, חלעבען ! א גרויסע שיסעל קאשע מיט קארטאפעל, אונ א שטיקעל פלייש, מיט א גרויס שטיק קוגעל וויא זיין קאפ, זעהט זאלט איהר געזונד זיין וואס עסטמען בייא לייטען ? נא פרעג איך אייך וואושע איז דא אויף איהם אזוי דער בייזער הינגער ? עס איז טאקי עפעס א קישקע אהן א דנאה, אט א כפרה איך וועל זיך בעסער געהן צו לעגען א ביסעל, חלעבען עס געהט ב"ה דיא וואך, עס איז נאך דא געניג וואס צו טאהן, נאר איהם הארט דען עפעס ? וויא געמטמען אזא נאטור ? איך וואלט אויך א בעלן געוועהן עס זאל מיך גאר ניט הארין, א גוטין סוף זאל איך האבין, איך בין טויט קראנק, איך וועל שוין לאנג זיך ניט מיאם מאכין אויף דער נארישער וועלט, ער מיינט עס וועט איהם בעסער זיין, ער וועט אויס האפין א מויד, א קרענק אין דיא זייטין, מע וועט זיך אן איהם טאקי אנהאפין ? נישקשה ! דיא וועסט וויסין, דיא וועסט זיך מתודה זיין, א נאר איז נאר דאס ערשטע ווייב, אליין ניט געגעסין ניט געטרינקין, וואס איז ? פילעוועון דעם טייערין מאן, אבער דיא אנדערע וועט דיר געבין קדחות עסין, דיא קארטאפעל וועט זיא ארויס שלעפין נאך בייא דעם אויוון שטייענדיג, דיר וועט זיא געבין גאלע וואסער, איין גרויפ וועט נאך יאגין דיא אנדערע.

נא ליבע לעזער ! וויא קלעהרט איהר ? מן הסתם האט מען שוין קיין קרופניק אפילו אהן קארטאפעל אויך ניט גיקאכט, עס איז שוין שפעטליך,

מֶע לֵייגְט זִיךְ וַוייטֶער שְׁלָאפְֿן , מֶע אִיז אִיבֶּער גֶעקוּמֶען דִיא נַאכְט אוֹיךְ אִין צָרוֹת , גֶעוַואלְגֶערְט זִיךְ אוֹיף דֶער עֶרְד אִין טִינוּף , דֶער כְּלַל מֶע קוּמְט אָב אַז גָאט זָאל זִיךְ דֶער בַּארֶעמֶען . —

הַבּוֹקֶר אוֹר , עֶס אִיז שׁוֹין טָאג , דִיא מֶענֶער זֶענֶען אַוֶועק אִין בֵּית הַמֶדְרָשׁ , אוּנ דִיא וַוייבֶּער הָאבִּין זִיךְ גֶענוּמֶען צוּ דֶעם מֶעהְל , מֶע הָאט אַרָאפּ גֶעבְּרַאכְט דִיא גֶעווִיסֶע יוּדֶענֶע , וֶועלְכֶע אִיז גֶעוֶועזִין פוּן דִיא 10 זַאכִין וָואס זֶענֶען בֶּעשַׁאפֶֿן גֶווָארִין ע״ש בֵּין הַשְׁמָשׁוֹת צוּ זִיפְּן פְּסַחְדִיג מֶעהְל . אַזַא יוּדֶענֶע דַארְף זַיין אֵיין אַלְמָנָה שׁוֹין פוּן כַּמָה יָאר , הָאבִּין אַ שְׁטִיקֶעל יְדִיעָה אִין כִּשׁוּף , זַיין קְלָאהְר אִין אַלֶע יוּדֶעשֶׁע מִנְהָגִים , קָאנֶען אָבּ שְׁפְּרֶעכִין אֵיין עַיִן הָרָע , אוֹיס גִיסִין אֵייֶער , אוּנ וַואקְס , אוֹיס וִויקְלֶען אַ בּוֹיךְ , פַֿאר רֵיידֶען צֶעהְן , וִויסֶען וִויא מֶע אִיז זִיךְ נוֹהֵג מִיט אַ קָאלְטִינֶע , אוֹיס זוֹיגֶען דִיא שְׁלֶעכְטֶע מִילְךְ פוּן אַ פַֿאר לֶעגֶערְטֶער בְּרִיסְט , אוֹיס פְּלִיקִין אַ פַּארְךְ , אָט אוֹיף אַזַא זַנְאחֶערֶקע קָאן מֶען שׁוֹין זִיכֶער זַיין פַֿאר לָאזִין , אַז זִיא וֶועט וִויסֶען וִויא זִיךְ נוֹהֵג צוּ זַיין מִיטִין זֶעקִיל , דִיא אַלְמָנָה הָאט זִיךְ אָנְגֶעטָאהְן לְכָבוֹד דֶעם זֶעקִיל אִין אַ וַויס הֶעמְד מִיט אַ פַּאטְשֵׁילֶע אַרוּם גֶעבִּינְדִין דָאס מוֹיל , עֶס זָאל ח״ו זִיךְ נִיט אַרוֹיס חַאפֶּען אַ שְׁפְּרִיץ , מֶע הָאט אַרֵיינְגֶענוּמֶען אַ בֶּעט מִיט פְֿרִישֶׁען הֵייא , פַֿאר שְׁפְּרֵייט מִיט אַ קְלָאהְרִין לֵיילִיךְ , אוּנ מֶע זִיפְּט שׁוֹין צוּ מַזָל , אַלֶע אִין שְׁטוּבּ זֶענֶען שְׁרֶעקְלִיךְ פַֿארְנִימֶען אָב צוּ הִיטִין דִיא קִינְדֶער מִיט דִיא עוֹפוֹת , זַייא זָאלִין זִיךְ נִיט דְרֵייעֶהְן אַרוּם דֶעם בֶּעט , עֶס פַֿאר שְׁטֶעהְט זִיךְ , אַז דֶעם גַאנְצִין טָאג אִיז גֶעוֶועהְן דִיא שְׁטוּבּ פִֿיל מִיט קְלָלוֹת , אַלֶע קִינְדֶער הָאבִּין גֶעשְׁרִיגֶען אוּנ גֶעוֵויינְט , נִיט וֶוינִיג קְלֶעפּ הָאבִּין זַייא גֶעקְרִיגֶען דוּרְכֶען טָאג , אַ קִינְד קָאן דָאךְ זִיךְ נִיט הִיטִין , עֶס פַֿאר שְׁטֶעהְט גָאר נִיט דֶעם גְרוֹיסֶען יִחוּס פוּן דֶעם זֶעקִיל , (אִין אֶמֶת אִיז עֶר אַסַאךְ קְלִיגֶער פוּן דֶער מוּטֶער) אַז מֶע זָאל גָאר נִיט טָאהְרִין צוּ גֶעהְן צוּ אִיהְם . —

בְּקִיצוּר , גִיקָאכְט הָאט מֶען גֶעווִיס גָאר נִיט , נָאר וֶוער קִיקְט אוֹיף דֶעם , אַבִּי דָאס מֶעהְל אִיז שׁוֹין ב״ה אִיבֶּער גֶעזִיפְּט בִּכְּשֵׁרוּת , שְׁטַארְק פַֿארְגֶענִיגֶען הָאבִּין גֶעהַאט דִיא וַוייבֶּער צוּ קִיקֶען אוֹיף דִיא זֶעקְלִיךְ וִויא זַייא זֶענֶען שׁוֹין גְרֵייט צוּם בַּאקֶען , פַֿאר גְרוֹיס פַֿאר גֶענִיגִין אִיז גֶעבְּלִיבִּין אַז מֶע זָאל קָאכֶען וֶועטְשֶׁערֶע (מַחֲמַת מֶע הָאט דָאךְ שׁוֹין פָֿארְט גֶעפַאסְט אַנְדֶערְטְהַאלְבִּין מֵעֵת לְעֵת) אוּנ דַוְוקָא נִיט קֵיין קְרוּפְּנִיק , מִהֵיכָא תֵּיתֵי מֶע אִיז שׁוֹין בַּאלְד אוֹיף אַ לַאד , מָארְגֶען וֶועט מֶען שׁוֹין בַּאקֶען מַצָה לְמַזָל , דַארְפְֿמֶען עֶפֶּעס קָאכִין טַאקִי אַ רֶעכְט מַאֲכָל , דָאס מַאֲכָל דַארְף נִיט זַיין צוּ עֶסֶען מִיט בְּרוֹיט , וָוארוּם בְּרוֹיט וֶועט מֶען עֶסֶען מִיט אַ קְנָאבִּיל אָדֶער מִיט אַ צִיבֶּעלֶע , דֶער עִיקָר אִיז דָאס פַֿארְבַּייסִין , נָא הָאט מֶען גִיקָאכְט מִיזִיסְטְקֶענֶע פַֿארְפִֿיל , (דָאס הֵייסְט דִיא גְרָאבֶּע מֶעהְל מִיט דִיא קְלַאיֶיעֶן וָואס בְּלַייבְּט אִין זִיפּ אִיבֶּער) מַחֲמַת פוּן דֶעם מֶעהְל אִיז דָאךְ אַרָאפּ מִיזִיסֶעטְקֶע וָואס דֶער פוּן וֶועט מֶען בַּאקֶען אוֹיף עֶרֶב

פסח מיזיסעטקנע בילקעס, וואס מע רופט זייא „כהא לחמא'ס, האט מען דער פון אראפ גענימען אצונד א ביסעל אונ גיקאכט פארפיל.

דער עולם איז געוועהן שטארק צו פרידין פון דעם, אין אמת איז דאך דאס באלד א שבתדיג מאכל, אי פלייש? א פנים דאס שטיקעל סטערווע גיבט עפעס א טעם? וויא מיט דעם אזוי אהן דעם, דער עולם האט זיך ממש מחיה געוועהן מען איז גאר פרישער געווארין, אט דאס זעהט מען וואס א גוטער ביסען איז! נאך דעם עסען האט מען זיך געלייגט שלאפען מיט דעם תנאי אז מארגען זאלמען אויף שטעהן טשוט טאג, זיך נעמען מכח מצה באקין. —

גאנץ פריה זענען דיא מענער אוועק געגאנגען דאווענען וותיקין, א גאנצע טאג האט מען פאר בראכט אין גאר קיך, מען האט שוין ב"ה אב געבאקען דיא מצה, עטליכע טייגלעך זענען געווארין חמצ'דיג, האט מען דער פון ווייטער גיקאכט פארפיל, דער כלל מע הולעט מע עסט וויא אים יום-טוב.

נא ויהי ערב ויהי בוקר, עס איז שוין דינסטאג, א טאג פאר ערב פסח, אט אויף דעם טאג שטעהט דיא וועלט, גאנץ פריה האט מען זיך גענומען כשר מאכין דעם אויוועין, דרייא מאהל האט מען געברענט גאר אהן רחמנות, האלץ האט מען געווארפין אהן א חשבון, ווארום דיא באליבאסטע אליין וואס זיא וואלט זיך פאר א שטיקעל האלץ א מעשה אנגעטאהן, האט זיא דאמאלם אויך גאר קיין דעה ניט געוואלט זאגין, עס פאר שטעהט זיך, דא שפילט מען זיך שוין מיט דער נשמה, אלע שכנות אונ אפילו דיא שרות אויך, האבין זיך בעשעפטיגט מיט דעם אויוועין כשר מאכין, יעדע האט בעזינדער געווארפין האלץ, מע האט אלץ מורא געהאט טאמיר איז מען נאך ניט יוצא, אין אויוועין האט מען אנגעווארפין שטיינדליך כשר צו מאכין אלע טישען אונ בענקליך, אונ א פעסעל אויף וואסער, דעם גרויסין כשר שטיין האט מען שוין אויך אראפ געבראכט (דער שטיין געפינט זיך מעהר ניט וויא איינציגע אין שטאדט, בייא דיא יוסטע בעלי בתים) אונ ער ליגט שוין אויך למזל אין אויוועין, דא האט מען שוין אנגעהויבין ארבייטין מיט דיא לעצטע כוחות, עס איז געווארין אין שטוב א רעש מיט א מהומה, אז איינער הט ניט געוויסט פון דעם אנדערין, איין יודענע שלעפט פינ'ם אויוועין דיא גרויסע כשר טעפ מיט זודענען צקראפ, דיא אנדערע שארט ארויס דיא קליינע שטיינדליך וואס זענין רויט וויא פייער, דיא מענער זיכין מיטלין וויא אזוי ארויס צו נארין דעם גרויסין כשר שטיין, אנדערע שטעלין אויף דיא כלים אופין גאס צום כשר מאכין, הוא הא, מע שרייעט „היט זיך! געהט אוועק אין אלדע שווארצע יאהר, מע וועט אייך גאר אפברי'הען, איהר וועט נאך קאליקעס בלייבין" מע טראגט דעם גרויסין טאפ וואס מע האט שוין אין איהם אריינגעווארפין דיא

קליינע

קליינע שטיינדליך, עס קאכט וויא אין א קעסיל, איין מאנספערזאן א פראסטער מענש אבער א אטוואזשניק האלט אויף א שטיק האלץ דעם גרויסן כשרשטיין אונ לייגט איהם ארויף אויף דעם לאנגין טיש, אופין טיש גיסט מען דאס זודעגע וואסער, אונ ער פליהט ארום מיטין שטיין וויא א מזיק, קולות אונ קללות הערט מען פון אלע זייטין, געוואלד קינדער, דא שפיהלט מען מיטין לעבין, אזא גיהנם א שפאס? דרעהט זיך ניט דא ארום. — אט אזוי האט זיך געארבייט עטליכע שעה, מע האט זיך אב געבריהט כמה פינגער, געמאכט פיל קינדער פאר קאליקעס, איך זאג אייך דעם אמת, אזא טוהמיל אזא געפילדער האב איך נאך ניט געהערט בייא דעם גרעסטין פאזשאר רחמנא ליצלן, אין שטוב איז מיט סכנות נפשות, מע קאן ניט אויס האלטין דיא היטץ מיט דער פארע וויא אין א באד, אלע שרייען אונ וויינען, דיא אפגעבריהטע גלידער האט מען ארום געשמירט מיט לייהם, אונ מע ליגט אין צרות.

דיא מענער האבין זיך קאם ארויס געחאפט וויא פינ'ם גיהנם, אונ געמאכט פיס אין בית המדרש אריין, הערין דעם מגיד וואס ער וועט דא זאגין מכח בדיקת חמץ, נאך מנחה וואס מען האט אפ געדאווענט פאר פריה, איז דער מגיד ארויף אויף דער בימה אונ האט אנגעהויבין צו האלטין א ריידע מכח בדיקת חמץ. —

## 10.

## ער דרוש פון בדיקת חמץ.

דער שטאט בעל דרשה'ער איז גיוועהן זעהר אויפגעבראכט בייא זיך, ער האט אויך אריין גיחאפט דיא צווייא גרויס ארטיגע וועטשערעס, דאס איז: „איינע פון דיא מיזיסטקענע פארפיל", אונ דיא אנדערע „ווייצענע פארפיל" פון דיא חמצדיגע טייגליך, מצה איז שוין בייא איהם אויך גיוועהן אבגעבאקין, דיא כלי בית כשר גימאכט, אט דא האט ער אן גיהויבען שטארק צו שטאלצירען מיט יציאת מצרים גאר אויף אנאנדערין אופן, עס איז פאר איהם ווייניג גיוועהן וואס מע איז פטור גיווארין פון פרעה'ן אונ פון דיא שקלאפערייא, ער האט זיך ניט בעניגט מיט דעם רייכטוהם וואס יודען זענין פון מצרים ארויס גיין האט ער גיזאגט, דיא רעכטע נקמה איז נאר גיוועהן, וואס מע האט בעזיגט דעם סם, מע האט צו שטערט זייז גאנצע ארבייט, וואס ער האט מכח דעם גיטאהן אסאך יאהרען

דיזער

דיזער סם איז פון דיא גרעסטע און קלענסטע פאקוסניקעס אין דער סטרא אחרא, ער האט תיכף וויא מען האט דיא וועלט באשאפען, זיך גינומען מיט אלע מעגליכקייטען נאך יאגען דיא קדושה, דיא ערשטע זאך האט ער זיך פאר שטעלט אין גישטאלט פון א שלאנג, און עס האט איהם געגליקט ארויף פיהרען אדם וחוה אופן עץ הדעת, און דורך דעם זייא ארויס טרייבען פון דעם גן עדן — דעם קין האט ער אויך ארויף גיפיהרט גאר ניט שלעכט זיין א רוצח אויף א אייגענעם ברודער, גיה זייא נע ונד! האט ער גילאכט, גיה ווער פאר שווארצט אין צרות און אין שרעק — עפעס מיט דעם למך האט ער אויך אפ גיטאהן א שפיטצעל, מע קאן עפעס ניט דער געהן קלאהר דיא געשיכטע, ער האט עפעס ערמארדערט א מענשין און פארוואונדעט א קינד, מע ווייסט ניט וועמען? מע ווייסט ניט וואס! עס טוהט זיך אפילו חושך מכח דעם אין דיא דרוש ספרים, נאר ניט יעצט איז דיא צייט מכח דעם מאריך צו זיין — מכח דעם חנוך האט ער ימח שמו עפיס אפ גיטאהן א מעשה גאר היינטען ארום, מע האט איהם גאר פליצלונג אויף גיכאפט, פרעגט פאר וואס? פאר וועמען! קיינער ווייסט ניט, אפילו דיא מקובלים שנארען מכח דעם גאנץ שטארק, זייא האבין עפיס דער שמעקט א שטיקעל ידיעה פון דער זייט, אז חנוך איז גאר מיט איין מאהל ערהייבט גיווארין, ער זיצט גאר וויא א פירשט אין דיא הויכע פענסטער און מע רופט איהם פאק גאר מט"ט הלוואי וואלט דאס אמת גיוועזין וואלטען מיר אוודאי ניט בעדארפט זארגען, הא? וויא מיינט איהר? דאכט זיך אז ער וואלט גיהאלטין שטאהל און אייזען פאר אונזערע ליטוואקעס, האטש אפילו דער גאנצער מט"ט איז אויך א פנים קיין גרויסער תקיף ניט אין פמליא של מעלה, ווארום וועדליג איינער דער צעהלט (מן הסתם ווייסט ער דאך) האט מען איהם גאר במחילה אריין גישמיסען בעת דער געוויסער אחר 1) איז ארויף אין פרדס, אמת ניט קיין גלאטע שמיץ, נאר פאייערדיגע, נאר וואס מאכט דאס אויס? אבי גישמיסען, איהר מיינט אז דער סם קאן אמאל ניט בשעת ער צו קריגט זיך מיט איהם, אויס ווארפין און רופען איהם „געשמיסינער . . .” אז חנוך וואלט באמת גיוועהן מט"ט וואלט פארט ניט גיוועהן שלעכט, נאר וואס מאכט מען? אז מע קאן קיין טאלק ניט דער געהן, אין מיטין איז גאר דא א ידיעה פון א זייט

אז

1) דער געוויסער „אחר” איז איינער פון דיא 4 גרויסע תלמודיסטען וואס זייא זענין אריין אין „פרדס”: ר' עקיבא, בן עזאי, בן זומא, און דיזער אחר, דער אחר איז ארויס פון פרדס שטארק גיכאפט, ער איז גיווארין איין אפיקורוס און צו ליב איהם האט דאס נעבאך דער מט"ט גיהאט דעם גוטען פסק, חלעבין א רחמנות, עס שניידט טאקי ביא דעם הארצין. —

אז חנוך איז גאר קיין מאהל ניט געוועהן מט״ט, נאר וויא די מעשה איז דער סם האט דא עפיס געטאהן.

נאר דאס איז נאך געוועהן אלעס ציאק טאק, אט ביימי נח האט ער יוא אויף געטאהן א רציחה, ער האט זיך גאר פאר שטעלט פאר א שדכן, אחוץ וואס ער האט פאר פיהרט מיאוסע געשעפטין צווישין די מענשין, מיט זשערעבטשיקעס, מיט פיפערנאטערס, מיט יאשצירקעס, האט ער גאר גיפיהרט שידוכים צווישין די חיות, א בער מיט א האלענדערקע, א באק מיט א טאטערקע, א קלאטשע מיט א טוקערקע, און נאך אזעלכע קרומע שידוכים, וויא רש״י שרייבט אויף דעם פסוק „כי השחית כל בשר את דרכו על הארץ” אט אזויא האט דער ממזר צו מישט די גאנצע נאטור, די זאך איז אזויא ווייט גיקומען ביז עס איז גיווארין גאר א מבול, אט דא האט שוין דער סם גימיינט אז ער איז שוין גאר תקיף, אבער צום גליק איז נח א פנים קיין מחותן ניט געוועהן מיט דעם סם, ער האט גאר ביי איהם אין שטוב קיין שום דריסת הרגל ניט גיהאט, נא דעריבער איז נח גיבליבען איין ארינדער ליכער מענש און איז ניצול גיווארין פון דעם מבול, אט דא איז איהם גיווארין ווייטער זויער אין פיסק, איז ער זיך גיווארין א שטיקעל מחותן ביי נח׳ס קינדער אין שטוב און האט פארט אב גימאכט א שטיקעל ארבייט דורך דעם שארליטאן חם, וואס ער איז געוועהן א גראבע יארמולקע, דער פאדלע חמעניע האט נעבאך דעם אלטען פאטער נח א שיין פעקיל אב גיטאהן...

נאך דער געשיכטע איז ער גאר גיפאלין אויף א נייעם פלאן, זיך פאר שטעלין פאר איין ארכיטעקטור, צו ריידען דעם עולם מאכין א הויכען טוהרעם ביז אין הימעל און מאכין דארט א מלחמה מיט די מלאכים, פאר וואס האבין זיי געשיקט זייערע קינדער אויף דער ערד, און דורך זייא איז גיווארין א מבול, איהר פאר שטעהט פלעגער פון א סימבירניק? גאט ווייסט וואס דער פון האט זיך גיקאנט אויס לאזין, נאר השי״ת האט זייא צו מישט דאס לשון דא איז גיווארין א מהומה, דער בעט א האק, טוהט יענער איהם א ווארף א קעלנע לעהם און טרעפט איהם גלייך אין פנים (דער עולם ווערט צו זעצט פון גילעכטער) אט אויף אזא אופן איז צו שלאגין גיווארין דער גאנצער פלאן פון דעם ימח שמוניק.

נאך דעם אז ער האט א קוק גיטאהן אז מע קאן מיט אמאהל ניט מאכין קיין רעשעניע, האט ער זיך מיישב געוועהן גלאט פיהרען דעם עולם אין חדר אריין, מאכין זייא פאר געצינדיגער, און דורך דעם זייא אריין שטיפען אין דער בלאטע ביז דעם האלז, און ארויס שטעלין זייא דער נאך א צונג, אזויא וויא דער שטייגער איז געוועהן פון די לצים, איידער דער באהן איז נאך גיווארין פלעגין זייא קריגין עפיס א וועכמאן, פלעגין זייא איהם ארום פי[illegible] ביז האלבע נאכט, דער נאך אז דער האן האט א קרייא גיטאהן פלעגט [illegible]ער

לץ ארויס לאזין א צונג אויף כמה מייל, פלוצים נישט ווערין, אונ דער אורח נעבאך פלעגט זיך ארום זעהן אז ער שטעהט גאר אין א בלאטע, נישטא קיין וועג, נישטא קיין שטעג, אט אזויא האט דער סם ארום גיפיהרט יענע דורות, ער האט זייא שוין גוט פאר שטופט טיף אין דער בלאטע.

דער אלטער תרח איז אויך נאך איהם נאך גיגאנגין, ער האט שוין גיהאלטין דער בייא ארויס צו שטעלין דיא צונג, האט דער וייל א קרייא גיטאהן דער האן, טרעפט יודען אדרבה ווער איז דאס גיוועהן דער האן? ווער האט דאס געקרייעט, אז דער סם איז דער פון צו מישט גיווארין? דאס איז אברהם אבינו, א גוטער האן, הא? (דער עולם שטיקט זיך פון גילעכטער, עס איז טאקי א גוט ווערטיל), ער האט א קרייא גיטאהן מיט א שטארקע שטימע, ער האט אין איין קול גישריגען אז אלע געצין זענין הבל הבלים, אט דא איז דער סם גיבליבען אביסעל בע... ער האט אפילו אב גיטאהן אברהם אבינו א שטיקעל קונץ, פון וואנען שרה האט נעבאך דעם טויט בעקומען ער האט בייא דער עקדה גיקעהרט דיא וועלט, גיפיהרט רכילות, אמאהל פון אברהם'מען, אמאהל פון יצחק'ן, דא איז ער גילאפין צו שרה'ן, ער איז דאמאלס אום גילאפין וויא א פאר סאמטע מויז (דער עולם שמייכעלט אונטער) אונ שרה נעבאך איז טאקי גישטארבין דורך זיין בשורה רעה מכח דער עקדה, נאר פון דעסטוועגין איז ער גילעגין אין דער ערד וויא א בארג.

אט דא מיט יצחק'ן איז איהם עפיס יא אביסעל אב גיגאלטען ער האט איהם אריין גיריקט א גוטען בנדיק, „עשו הרשע" אבער דער פאר יעקב איז איהם גיוועהן וויא א ביין אין האלז (דער עולם האט שטארק הנאה), נאר וויא עס האט זיך גימאכט אז יעקב האט גימוזט מאכין א פליטה אוועק קיין חרן צו בלייבין 20 יאהר בייא דעם גוטען שווינדלער לבן, אט דא האט זיך שוין דער סם גישארפט דיא ציין אז ער וועט שוין דורך דעם לבן מאכין חלילה א כליה (ניט דער לעבין וועט ער דאס) אזויא וויא עס שטעהט „ולבן בקש לעקור את הכל" נאר מיט אונזער פאטער יעקב מאכט מען ניט קונקיל מונקיל, ער האט איהם גאר נישט גיהערט אפילו אין דער פיאטע, דער סם האט שוין דאמאלס גיארבייט אויף אלע כלים, גיזעהן ארויס פראווען דעם גוטען שווער נאך יאגין זיין איידעם, גישיקט געגין איהם זיין ברודער עשו, אבער דער פון האט זיך אויך אויס גילאזט גאר נישט מיט גאר נישט.

נא וויא ער האט גיזעהן אז ער בלייבט חוזק קראנאם, איז ער גיווארין א מחותן בייא דיא שבטים, גיפיהרט רכילות פון יוסף הצדיק צו דיא ברידער ביז ער האט זייא ארויף גיפיהרט פאר קויפען איהם פאר א קנעכט אונ דורך דעם אריין פירען אלע יודען קיין מצרים, אט דארטין האט שוין דער סם גיפינען זיין גאנצע חברה, ער האט דארטין אזויא פיל געשווינדילט גערארבייט, ביז ער האט דיא יודען טאקי אריין גיפיהרט טיף אין דער טומאה אריין, זייא זענין

שוין

שוין גיוועזין דורך גיגאנגין מ"ט שערי טומאה, אונ חען נאך איין ווילע ח"ו דיא יודען זאלין גיוועזין זיין אין מצרים, וואלטין מיר ח"ו שוין ניט ניצול גיווארין פון זייגע הענד, דער סם איז שוין אין מצרים ארום גיגאנגין זייער תקיף, ער האט גימיינט ער איז שוין פארטיג, נאר א מכה אין דיא זייטען (דער פראסטער עולם האבין הנאה פון אזא אויסדריק), משה רבינו האט איהם מיט זיין שטעקין אויס גישלאגין אלע ציין, אט דא איז ער קוים פאר קראכין, ערגיץ אונ גישוויגען וויא א הינד.

פון דעסטוועגין האט ער זיך ניט גיפוילט אונ איז נאך גיקראכין וויא א חזיר אין דער מדבר, אונ האט טאקי כמעט אונז גאר אונגליקליך גימאכט, ער האט גיוויזען גאר א פלאן צו מאכין איין „עגל" ער האט גיקריגען דארטין אסאך חברה לייט וואס האבין דער צו מסכים גיוועזן אונ עס האט איהם אזויא גוט געגאלטין, אז אהרן אליין איז גיוועהן דער מאכער דער פון, נאר משה רבינו האט אונז דאמאלס מציל גיוועהן פון א כליה ח"ו, אט פון דער גאנצער גישיכטע זעהט מען ארויס, וויא וייט דער סם סטארעט זיך אונז צו קוילען, (אזויא לאנג זאל ער ווארטין וויא לאנג ער וועט ניט אויס פירען).

אחרי הדברים האלה, נאך דעם גאנצין שמועס, וועל איך אייך דער קלעהרין דעם פלאן פון בדיקת חמץ אונ בעור חמץ, דער סם איז דער רעכטער חמץ, ער איז דער שאור שבעיסה וואס איז מעכב דיא גאולה וועז זייט פון יציאת מצרים אן, וואלט מען גיוועהן מאכין דעם בדיקת חמץ, וויא דיא מקובלים האבין דאס אויס געקינצעלט, וואלט שוין דער סם לאנג פאר־לוירען זיין כח, נאר דער עולם איז נעבאך פאר טראגין, אט מע קומט אהיים מע נעמט א לעפ'ל מיט א פענע אונ מיט א וועקסין ליכטעל, אונ מע קלויבט אריין עטליכע שטיקליך ברויט, וואס מע האט זייא אליין אונטער גיליינט אונ דאס איז שוין בדיקת חמץ ווערליג אין פשטות, גא דעריבער איז מען נאך עד היום פון איהם ניט פטור, מען איז מבער חמץ אלע יאהר, וואס? שטיקליך ברויט, אונ וואס וועט זיין מיט'ן סם? ווייניג האט ער אונז גיטאהן נאך דער מעשה פון דעם עגל? ער איז דעם ירדן אויך אריבער, גימאכט א „פסל מיכה" אויך גישפיהלט א מעשה (אזא יאהר זאל ער האבין) מיט פלגש בגבעה, גיווארין א שטיקעל איינגעהער בייא דוד המלך אונ האט דארטין אויך גימאכט אביסעל צרות, עס איז ניט כדאי צו ריידין, בקיצור ער איז גאר גיווארין א שטארקער דיפלאמאט, אונ האט פאר פיהרט א פאליטישע מחלוקת ירבעם בן נבט מיט שלמה המלך, ביז ירבעם איז גאר קעניג גיווארין איבער 10 שבטים אונ דאס האט איהם גיבראכט צו מאכין צווייא עגלים.

אט דא האט איהם אפ געגאלטין, מיט דעם האט ער יא גימאכט דיא יודען אונגליקליך, דיא 10 שבטים מיט דיא 2 שבטים האבין זיך שטענדיג גיקריגט ביז עס האט זיך אויס גילאזט א טייך פון בלוט, דאס בית המקדש

איז פאר ברענט געווארין, דיא יודען זענין פאר טריבען געווארין אין בבל, נא ווען אפילו מיר האבין זיך דער נאך עפעס וויא עס איז יא צו געשלאגין צו א שטיקעל ממשלה, גימאכט ווייטער א בית המקדש, נאר עס איז שוין ניט געוועהן גאר דאס, דער סם האט געפראוועט זיינע שטיק, גימאכט בייא אונז צדיקים, מינים ואפיקורסים, גיפיהרט שנאת חנם צווישען קמצא ובר קמצא, ביז דאס צווייטע ביהמ"ק איז אויך חרב געווארין, אונ מיר זענין פאר טריבען געווארין אין אלע עקין פון דער וועלט, איך האב פיינד צו זאגין, דער ווייל איז ער תקיף.

דער הויפט חסרון איז, וואס מע נעמט זיך ניט צו איהם, איינער איז גיוועזן וואס ער האט זיך יא גינומען צו איהם אפילו גאנץ שטארק מיט אלע כלים, ר' יוסף דילה ריינש, ער זכרונו לברכה האט גאר גימאכט א נסיעה צו איהם אזש אונטער דיא הרי חושך, ער ז"ל איז צו איהם ניט גיקומען וויא א נאר אונ א שלימעזאלניק, ער האט געוויסט מיט וועמען ער האט צו טאהן, דער כלל ער ז"ל איז צו איהם טאקי גיקומען וויא א העלד, פארשידענע מיטלען האט ער מיט זיך מיט גינומען, דורך דעם צו בעזיגען פריהער דעם שווארצין הינד 1).

נאר

---

1) טרעפט איהר יודען מיט וואס איז ער גיגאנגין צו איהם? נישט קשה שרעקט זיך ניט, ער האט זיך גוט בעווארענט, ער ז"ל האט אן גיטאהן אופן הארצען צווייא מויער קעפליך פרישע פון צפת, פון בעסטין סארט, אויף אלע פינגער פינגערליך פון לולב, אויף איין פיס א חליצה שיכל, אופן קאפ דיא יום כפור'דיגע יארמולקע, אופן גוף א קיטעל דורך אוים מיט געלע פלאמעס פון דיא ארבע כוסות, אונ דיא אויערין פאר שטעקט פון דיא גישטעפטע פלודערין פון דעם אלטען צדיק, אין האנד האט ער גיהאלטין דעם מלקה קאנטשעק פון בית הכנסת הגדול, אונטערין גארטיל איז גיוועזן פאר שטעקט א שופר א שווארצער א ביסעל פאר דרייהט פון א באראן פון צפת, הלואי זאל מען ניט בעדארפין, אין דיא קעשענעס האט ער פאר פאקט שטערין שוסליך, קראמפף פינגערליך, ראקעווי אייגליך, וואלף ציינדליך, ציגענע באבקעס, קרעלען פון א הינדיק, א נאדיל טעשיל מיט פראטערס, א פוסטע שלעסיל, נויט שוויים פון א ב"ד שמש, א ביסעל האר פון א פאטיליצע אונ דרוקא פון א גרוש, א שטיקעל ריקען פון א אמסטערדאמער של"ה, א עק פון א משוגען קעלביל, שתי שערות פון א טוקערקע א בלינדע אויף איין אויג, א שטריקעל פון א ערוב, הא? וואס זאגט איהר? ער ז"ל איז טאקי ניט גיגאנגין וויא א שלימעזאלניק, ער האט טאקי רעכט גיוועהר מיט גינומען.

נאר וואס איז דיא פעולה ? אז ער ז"ל האט זיך צום סוף בענארישט, מן הסתם איז נאך ניט בעשערט געוועז פון זיין ליבען נאמען, איהר פארשטעהט א מעשה ? אז ער האט איהם שוין גינומען אין פלען, נא האט ער בעדארפט אויף איהם גאר רחמנות האבין ? מיר דאכט אז ער וואלט זיך אפילו אוים גיצויגען וואלט איך איהם גיהערט טאקי וויא דעם הינד, נא ער ז"ל איז אבער גיוועז א ווייבער מענש, און דער סם דער שווינדלער האט פאר איהם גיקלאגט און גיוויינט, וואס איז ? ער וויל אז ער זאל איהם געבען א שמעק צו טאהן אביסעל ווארין, עס איז איהם טאקי גיוועז ניט גוט, נאר וואס הארט דאס דיר ? ווען איך וואלט גיוועז דער בייא וואלט איך בעסער גיטאהן, איך וואלט איהם א שמעק גיגעבין עפעס איין אנדערע זאך, אט דא וואלט ער נחת גיהאט, נאר וואס רעדט מען ? ער ז"ל האט אים טאקי א שמעק גיגעבין דעם ווארין, נא נא, וויא מיינט איהר ? ער האט זיך אביסעל אויף איהם ארויף גיהאפט, און דיא שפיהל איז גיווארין פארען טייפעל, און דער סם איז גיבליבען בייא זיין שליטה 1). —

על

---

1) חאטש איך בין א שטארקער מתנגד, פון דעסטוועגין האב איך ליב צו זאגין איין אמת, אז דיא חסידישע צדיקים טוהן פארט מכח דעם כם, זייא זוכען פארט עצות און תחבולות איהם שוואך צו מאכין, און פון איהם גאר פטור צו ווערין, הגם עס האט נאך ביז יעצט קיינעם ניט מצליח גיוועז דער פלאן, ולהיפך, דער סם ימח שמו ווערט נאך אלע מאהל שטארקער און פעסטער, נאר מע קאן זייא אויך ניט בעשולדיגען זייער כוונה איז דאך גוט, איינער א געוויסער צדיק אין מיינע צייטען האט זיך צו איהם גינומען גאר מיט אלע כלים, דער פלאן איז אפילו גיוועז זייער אגוטער און א גישמאקער, ער האט זיך מישב גיוועז גאר צו געהן מיט א פרישען דרך, עס הייסט: אלעם זיך צו שמייכלען צום סם מאכין מיט איהם כלומערשט איין האנד, שלאגין מיט איהם בלאט, ווייזען שטארקע הפקרות, און אז עס וועט שוין האלטין גאר בייא דעם שפיץ, אט דא וועט ער איהם אן פייפען, און פון דעם וועט דער גאנצער כח הטומאה ניששטאזשנט ווערין, און עס וועט ווערין ליכטיג אין דער גאנצער פמליא של מעלה, אט אויף דעם אופן האט איהם דער סם פארגיגעבין א פלאן זיך מטמא צו זיין מיט דעם חטא פון אשת איש ר"ל, דער צדיק איז דער צו מרוצה גיווארין, און האט זיך טאקי משתדל גיוועז וויא ער זאל קומען צו אזא נסיון, ער האט זיך מפורסם גימאכט פאר א בעל מופת, פיל ווייבער האבין איהם גירופען צו זיך אהיים העלפין זייערע קראנקע קינדער, אט דא האט ער גיקריגען א מקום צו טאהן להכעים דעם סם, צו ווייזין איהם אז ער האט שוין גיקאנט ממלא זיין זיינע תאוות, און ער וועט זיך מתגבר זיין,

און

על כן ברידער! איז דיא בעסטע עצה, מע זאל נאר חאטש דער ווייל איהם אן טאהן צרות, מיטין בדיקת חמץ אונ בעור חמץ, עס איז אפילו דא
אין

---

אונ דורך דעם געבין א כח אין דער קדושה, נאר ער איז אבער צוא פיל גיקראכין אין סכנה, דער סם דער ציגאנער האט איהם טאקי גוט פאר פיהרט טיף אין בלאטע, ער איז טאקי געבאך נכשל גיווארין אין כמה חטאים, אסאך ווייבער זענען גע-גט גיווארין איבער דעם צדיק, דיא מעשה האט זיך גיטראפען אין דער שטאט פ׳, אין דער גובערניע מ׳, דיא זאך איז דאמאלס גיווען מפורסם אין דיא צייטונגען.

נאך פיל צדיקים גאר פון דיא מפורסמים ביא דער יעצטיגער צייט ארבייטען ממש מעשים מכח דעם, זייא געהן אויך מיט דעם גאנג, נאר ניט אויף אזא שרעקליכען אופן וויא דער צדיק פון פ׳, זייא געבין נאר אביסעל נאך דעם סם, פירען זיך אין כמה ענינים גאר אייראפייעש כדי דער סם זאל זיין גענארט, אונ זאל זיך ניט שטארק היטען פון זייא אונ זאל זיך ניט סטארען מיט זיינע תחבולות אראפ פירען זייא ח״ו גאר פון דעם דרך הישר, אונ אריין ברענגין זייא גאר אין דער כפירה ר״ל – מע האט דאך שוין גיזעהן דיא פראקטיק געבאך פון דעם „בער״ וויא ער האט יא גיוואלט גליקליך מאכען דעם גאנצין כלל ישראל, אונ האט זיך מיט דיא ציין גינומען צום סם ער זאל נאר איהם דער געהן דעם עק, נא האט מען דאך גיזעהן דעם סוף וואס דער סם האט איהם אב גיטאהן, ער איז שוין כמעט גיוועהן אויף יענער זייט בענקיל . . . מיט גרוים מיהע אונ מאטערניש האבין אלע צדיקים ארויס געריסין דער בער פינ׳ם סם, וויא ביא א הינד פון דיא ציין, באמת זענין דיא אלע פלאנען אויך אפילו קאלטע רפואות, דער סם איז קליגער פון זייא, דער ווייל דאס וואס זייא געבין איהם נעמט ער צו, אונ פון דעסטוועגין היט ער זיך גאנץ שטארק אונ מע קאן מיט איהם גאר נישט מאכען, נאר וויא דיא מעשה איז, טוהן זייא דאך עפעס, מע זעהט חאטש אז מע טראכט וועגין איהם, מע רעזיקירט זיך צו טאהן אפט מאהל א רעכטע עבירה, אבי איהם חאפען ביא דער טשאפראנע.

אבער אונזערע גדולים ווילען גאר מיט איהם קיין שום עסקים מאכין, הגם זייא געבין ניט קיין כח אין דער סטרא אחרא, אבער זייא געבין ניט קיין כח אין דער קדושה אויך, מחמת זייא ווילען זיך ניט ברענגין לידי נסיון . . . אי עס שטעהט דאך „במקום שבעלי תשובה עומדים, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד״ אונ נאר דיא בעלי תשובה קאנען דעם סם מעביר זיין פון זיין ממשלה, נאר א ליטוואק אבער האט זיך פיינד רעזיקירען, דער ווייל וויא דיא מעשה איז דער סם בושעוועט אונ ער איז תקיף, ה׳ ירחם! –

אין דעם אסאך צו ריידען, נאר עס איז שוין שפעט, מע דארף שוין באלד בודק חמץ זיין, עס איז שוין צייט דאווענען מעריב — דער מיט האט דער מגיד געענדיגט דיא דרשה, דער עולם האט טאקי באלד אב גידאווענט, אהיים, אהיים, גישווינד דער גאנצער עולם. —

מיט גרויס חשק און פיל נקמה האט דער עולם זיך גיוואלט א נעם טאהן אין בדיקת חמץ מכח דעם סם, אויף צרות האט דער מגיד ניט גיזאגט וואס מע קען דעם סם טאהן, ער האט נאר גלאט גערילט א קאפ, אז דיא מקובלים שישקען זיך שטארק אז מיט בדיקת חמץ קאן מען איהם פארריקען א גוטע קאנע, נא וויא ריקט מען איהם? אדרבה, פאר וואס האט דער מגיד ניט געוויזען דעם עולם דאס ערשטע מאהל וויא מע טוהט? חלעבין דער עולם וואלט זיך אוודאי ניט גיפוילט און וואלטין איהם פאר ריקט אזויא טיף אז דער שווארצער יאהר וואלט איהם גינומען, נאר וואס מאכט מען אז מע ווייסט ניט קיין שום פלאן, דעריבער האט מען דער וויל בודק חמץ גיוועז נאך דער אלטער מעטאדע.

יעדער שכן האט זיך אן גיצינדען א סטאטשיק, וואס דער קנויט איז פון גארען פון פעלר מעסטען, אנידער געלייגט אויף אלע פענסטער צו שטיקליך ברויט, א טייהל זענין מדקדק עס זאל זיין 10 שטיקליך ברויט, גינומען א הילצערנעם לעפיל (א טרפה'נעם פון א שאלה) מיט עטליכע פעדערין, און א טיבעל מיט א פאדים, גימאכט א ברכה „על בדיקת חמץ" און האט תיכף אן גיהויבין צו זוכין דעם חמץ, אלע קינדער לויפען נאך דיא רעוויזארען, ביי זייא ווייזט דאס אויס עפעס וויא א שפילעכען פון „שלעפע באבע" פון אלע זייטען געהט קולות „טאטע! קום אהער" אט דא האט מען דאך אויך גילייקט א שטיקעל ברויט? אלע קינדער אין איין גילעכטער „טאטע געניג שוין זוכען" אויף דיא פענסטער איז שוין מעהר נישטא, דוא ווייסט ניט א פנים, אז עס ליגט אלעם אין דער רעשעטע? דיא מיזיסעטקענע בילקעס וועסטו אויך צו נעמען? הא? וויא וועסטו זייא אריין לעגין אין דעם לעפיל? זעה טאטע נעם זייא ניט איך וויל עסין, די מאמע זאגט דאך אז מארגען וועט מען דם עסין מיט מילך? דער טאטע בייזערט זיך אן מיט שטום לשון, ער טאר ניט מפסיק זיין, און אין אמת שמייכעלט ער אונטער דיא וואנצען, ער פאר שטעהט אויך א ביסעל אז ער מאכט זיך גוט נאריש, אלע ווייבער טרייבען אב דיא קינדער בלומערשט מיט בעס און אין גרונד האפט זייא אויך אן א גילעכטער.

נא ב"ה דאס אויך גיפאטערט, דער לעפיל אין זיין פאלגעם קאסטיום ליגט שוין אופן העגעלאכטער, נא וואס טוהט מען ווייטער? מען האט גיבראכט דיא סטופע און מע נעמט זיך שטויסען מצה מעהל למזל, ביז שפעט אין דער נאכט האט מען פאר בראכט מיט דעם שטויסען דיא מצה, און זאלץ אויך, עס גליסט זיך שוין דעם עולם אפילו שטארק עסין, מע האט אגאנצע טאג

אין

אין מויל ניט גיהאט, נאר ווער: וועמען: עס איז אפילו קיין שטיקעל ברויט אויך נישטא, נא ווייטער שלאפין אויף דער ערד שוין דיא לעצטע נאכט, מע וועט שוין פטור ווערין פון דיא עופות אויך, עס איז שוין גרינגער אופן הארצין, עס נעמט אפילו קיין שלאף ניט, נאר וואס טוהט מען? אט ליגט מען און מע דרעהט זיך פון איין זייט אויף דער אנדערע זייט, אבי איבער שטיפען דיא נאכט, און זיך צו חאפין צו דיא כל המירניקעס. —

---

## 11.

## ערב פסח למזל טוב.

כמעט האיר השחר, עס איז נאך ניט ליכטיג געווארין, איז שוין דער עולם אויף געשטאנען, תיכף ומיד אבגעדאווינט דעם ערשטין מנין, געחאפט נאך אין בית המדרש א גוטין שנאפס, בייא א סיום פון א בכור, געגאנגען געשווינד אהיים, אב געגעסין דיא מיזיסעטקענע בילקעס, מיט א האלבע גלאז מילך, (א גאנצע גלאז מילך טאר מען זיך ניט פארגינען, עס קאסט דאך א גראשין א גלאז). איך האב פיינד צו זאגין א בילקע אפילו א גרויסע, דיא קינדער האבין דאס געבאך ניט גיקאנט אויף עסען אין גאנצין, דיא ווייבער זענען דעמעלט געוועהן אביסעל אויפגעבראכט, און האבין איינגערעדט דיא מאנען זייא זאלין עסען נאך בילקע „עס דאס איז דאך שוין ביז נאכט" האט זיא איהם געזאגט, אין דעם ארט אשטייגער וויא זיא האט אויף איהם רחמנות, און זשאלעוועט איהם ניט דיא בילקעס, וואס מע וועט זייא באלד גאר מוזען ארויס ווארפין פאר דיא הינד, „אין אמת", האט ער גיענטפערט, אט קאן איך נאך ניט עסען, מען איז ניט געוואהנט צו עסען אזוי פריא, שפעטער וואלט גאר קיין עולה געוועהן צו קאכין אין פסח'דיגען אביסעל קארטאפעל, „זעה זעה! א טרפה האלז" ער האט נאך דאס ניט פאספיעט אויף פרעסין, און פאר זארגט שוין אויף שפעטער, זיין גאנץ עסק איז נאר דיא אכילה, נא דיר א באטור אביסעל! —

תיכף נאכען עסען, האבין זיך דיא מענער גענומען מאכין (רשימות) צעטלען פון זייערע חמץ, איבער געבין דעם בעל הבית מיט א קבלת קנין בדין וכדת, ער זאל דאס פאר קויפען בייא רב, יעדערער שרייבט זיין רשימה, טרעפט וואס? אדרבה קוקט זיך צו וואס ער שרייבט דא? וועדליג מיר ווייסען דאכט זיך אז עס איז גאר נישטא וואס צו שרייבין, און וואס צו פאר קויפען

קיין

קיין ברויט, קיין מעהל, קיין געדערשטעטע גרויפען, נא וואס דען דרייט ער א מוח? וואס איז ער דא אזא שטארקער מוכר פון חמץ, און מאכט נאך דעם בעל הבית פאר א קאמיסענער מיט א קבלת קנין? גיין ער האט פארט חמץ, ער מוז דאס פאר קויפען, וואס פארט? ער הט א מילטער, א לאקשען ברעט, איין אלט פעסעל, און דערסטגלייכין! אט דאס איז דיא גאנצע רשימה, עיקר שבחתי דעם טאפ פינ'ם קרופניק, חלעבען א רעכט געשעפט, וואס זאגט איהר דער צו? בקיצור דער בעל הבית האט איבער גענימען דיא קאמיסיאן, ער האט זיך אנגענומען מיט געלד וויא גרויס ער איז, ביא יעדער שבן א קאפיקע, און איז געגאנגען צום רב ענדיגען דיא מכירה.

ביא דעם רב אין שטוב, איז פיל און פיל פון מוכרי חמץ, אזוי וויא אויף דער בירזשע, דער רב מיט דיא דיינים זיצען ארום א לאנגין טיש, און מע נעמט צו דיא צעטלין, און מע איז מיט יעדערין מקבל קנין, דער רב פון זיינער זייט איז זעהר ספראווע אינ'ם געשעפט, ער האט שוין מיטין באד גוי גיעקט, און זיך צו שריבין, געמאכט א פארמאלינע קאנטראקט און בעווארענט אלעס וויא א מענש, וויא איין אלטער סוחר, געחאפט ביא איהם א רעכטין אדראף ניט ווייניגער פון 30 קאפיקעס, א שפאס אזוי פיל סחורה, חמץ פון א גאנצער שטאדט? עס טרעפט עפעס אן טאקי א רעכטע סומע מוז מען לכל הפחות האבין חאטשי א פעסטין אדראף, ער זאל טאקי באלד נאך פסח געבין געלד, און צו נעמען דיא סחורה, נאר אין אמת, האט דאס נאך ניט געטראפין, אז דער באד גוי זאל אוים האלטין דעם קאנטראקט, ער איז א פנים תמיד אין דער צייט שרעקליך פאר ענגט אין געלדט, און ווידער איז ער גלאט קיין שטארקער געשעפטמאן, ער האט גאר ליב אביסעל דעם טרינק, נא אז עס קומט נאך פסח, און דער ליבער קויפמאן ברויכט טאקי מסלק זיין איינינע טויזענד רובל און צו נעמען דיא אלע מילטערס, לאקשענברייטער, אין דם גלייכען און קרעדיט האט ער ניט דא אפילו אויף איין גראשין מילא איז ניט דא קיין אנדערע עצה, נאר ארויס לאזען איהם פון געשעפט, מע מאכט דאס מיט איהם זייער לייכט, וויל דער בית דין שמש איז ביא איהם אגרויסער תקיף, גוט באקאנט פון איינינע יאהרין, ער קאן שוין זיין קאראקטער, ער וייסט מיט וואס מע קאן איהם נעמען, מאכט ער מיט איהם איינינע גוטע שנאפסין, און ווייזט איהם א פלאן, אזוי וויא ער איז שרעקליך געדריקט יעצט אין מזומן, דיא בענק פון באד געבין שוין אויך ניט קיין קרעדיט, לכן איז פאר איהם דער בעסטער פלאן צו זיין רוהיג אין אזא צייט, ניט צו האנדלין, און בעסער זיך צו זעהן מיט דעם מזומנעם רובל דעם אדראף (איינינטליך איז דער אדראף אויך ניט זיינער, דער ב"ד שמש האט איהם געגעבין במתנה גמורה ער זאל זיך האבין מיט וואס צו קערעווען) און נאך מיט א רובל אב טרעט געלד, דער באד גוי חאפט א שוואנ, און חאפט ארויס

דיא

זיא צוויא רובעל, אונ טרינקט בראנפען אויף וואס דיא וועלט שטעהט, אין אמת איז דער באד גוי אסאך קליגער פינ'ם ב"ד שמש, דען דער גוי האט נאך פאר פסח געוואוסט אז עס וועט זיך אזוי אויס לאזין, גאר וואס ארט דאס איהם, אז ער האט זיך אביסעל נאריש געמאכט, אט האט ער געמאכט עטליכע גוטע שנאפסין אונ געקריגין צוויא רובעל מזומן אויך, א שלעכט עסק הא? —

בקיצור, ביא דעם רב קאכט אין שטוב, אויף אונ אב מענשין, מע טרייבט דאס געשעפט גאר אויף א גרויסין אופין, א פישקע שטעהט אופין טיש, יעדערער נאך דער מכירה ווארפט אריין דיא עטליכע קאפיקעס, — אין מיטין איז שוין דא ווייבער אונ מיידליך, דיא מיט א הינדיג, דיא מיט א הינדיטשקע, אנדערע מיט הענער, איינינגע גאר מיט קאטשקעס, וואס איז? א שאלה! דער דין וואס זיין קאפ ליגט אצינד גאר אין דער פישקע, נעמט צו ביא א יודענע איהר הינדיטשקע וואס זיא האט נעבאך פון איהר געליטין 4 קאלעכדיגע וואכין, ווייניג איז זיא פון איהר אויס געשטאנען? ווייניג בליט האט זיא פון איהר אויס געטרינקין) אונ קיקט גאר ניט אויף דער יודענע וואס זיא שטעהט נעבאך בלאס וויא דער קאליך, אונ מאכט דאס גאר קאלט בליטיג טרפה, אלע ווייבער געבין נעבאך אב זייער בליט אט דעם צו טראגענעם דין, וואס פסקיט וויא עס פאלט איהם אריין אין מויל, דער דין האט דעמאלט אנגעטוען געניג צרות, א שטאדט מענשין מיט צו בראכענע הערצער, איז מען גלייך געלאפין אין יאטקע נאך פלייש, א קלאג! א געשרייא! 20 קאפיקעס א פינט סטערווא, גאלע ביינער, דיא קצבים זענען שכור, שעלטין אונ זידלין דיא שוחטים מיט דעם בעל טאקסע, אין טאטענס טאטען אריין, דיא בעסטע אקסין זענען טרפה געווארין, געוואלד! מע דארף בדלות ווערין, דיא ווייבער פאר שעלטין זיך דאס געביין, וואס עסט מען דא? וואס וועל איך דא האבין פון דיא דרייא פינטילעך פלייש? קיין וואג איז ב"ה אויך נישטא, מאגערע וויא פאדלע, אט אזעלכע זמירות האט מען געהערט זינגענדיג אין יאטקע. —

איהר ווייסט ליבע לעזער! איך האב אייך מורא איבער צו שרעקין מיט א בשורה רעה ר"ל, ביא אונזערע זאגערקע נעבאך, איז אויך טרפה געווארין דיא הינדיטשקע, איהר פאר שטעהט איין אונגליק? זיא וועט דארפין קויפען פרעמד שמאלץ, איך וויים ניט וויא אזוי זיא וועט דאס אויס האלטין געוואלד! ניטצען שמאלץ פון אזא הינדיטשקע וואס האט ניט געפראוועט קיין נקיות ביא איהר אויף דעם אויבערבעט? מילא א כפרה דיא הינדיטשקע, פאר איהר מיט איהר מאן אונ דיא קינדערליך, נאר מיט דעם שמאלץ איז טאקי איין הארץ ווייטיג, איבער אלעמען איז נאך דיא הינדיטשקע געוועהן אזא געראטענע, וועדליג דיא זאגערין בערידהמט זיך איז דאס נאר געווארין פון

א בייז אות, זיא ווייסט אפילו פון ווערען, זיא איז גראדע אריין געקומען בשעת דעם פליקען.

בקיצור, דיא ווייבער זענען געבאך שטארק צו רידערט, עס איז טאקי ממש ניט דא וואס צו קאכין, פיש איז בלית יקרות, פלייש קדחות מיינע שונאים, שמאלץ נימער ערגער. — אין מיטין זענען געקומען דיא מענער פון מרחץ, רויטליך אופין פנים, דיא קעפליך אב געגאלט, דער אינטערשטער האלבער קאפ, מיט סימנים פון באנקעס אונ דוויקע געהאקטע, עס גיט צו חן, וויא עס ווייזט אויס האבין זייא א פנים גאר ניט געוואסט פון דעם אונגליק, דיא ווייבער האבין נאר געווארט אויף א קלוטשאיי, אז מע זאל זיך עפעס נאר מיט זייא זאטשעפען, אט דא ווילין זייא שוין אויס לאזין אלע בייזע חלומות, אויף זייערע קעפ, דיא מענער האבין זיך עפעס דער וואוסט, אונ האבין דאס פאר שטאנען זעהר גיט, זייא זענען שוין פראקטעש אין אזעלכע געלייגענהייטין, האבין זייא גאר געשטומט, זייא האבין זיך גענומען ארויס ווארפין דאס הייא פינעם שטוב, גוט אויס גיקערט, אריין געטראגין דיא בעטען, מיט פרישין הייא, דיא טישין אונ דיא בענק, עס פינקעלט אין אלע וויגקאלעך, דיא פסח׳דיגע כלים אריינגעטראגין, מיט איין ווארט, עס וואלט אין אמת געוועהן גאר א מחיה, ווען עס וואלט זיך ניט געטראפין דיא מעשה מיט דיא הינדעטשקים, וואס טוהט מען אבער? עס איז ניט בעשערט קיין מנוחה, יעדער שכן האט גענומען מיט זיך זיינע עלטערע צוויא יונגלעך מיט דרייא פלעשליך, אונ מארש נאך משקה ארבע כוסות. —

ליבע לעזער! לייג צו דעם מוח, אונ הערט דיא השגה פון א ליטוואק אין משקה. — פאר זיך זעלבסט האט ער גענומען א גאנצע קווארט ווין געמישט שטארקין מיט זיסין, אויף 15 קאפיקעס א קווארט, הוילע זיסע א קווארט פאר דעם ווייב במקח 10 קאפ׳, איין קווארט מעד אויף 7 אונ האלבע קאפיקע פאר דיא קינדערליך, נא געמאכט דיא פאקופקע, דאכט זיך ניט שלעכט? אלעס מיט שכל, מיט טאלק, געקומען מיט דעם טראנספארט אהיים, אריין אין שטוב מיט דיא פלעשליך בשלום, — דאס ווייב שטעהט ביים אויווען שווארץ וויא דיא סאזשע, דער שלייער אן א זייט, דיא סמאהע אויף דיא ליפען, דיא נאז בעט זיך אויס שנייצען, נאר עס איז נישטא קיין צייט, זיא לייגט דאס אב צום סדר, קללות ליגט אין זאפאס אינטער דיא ליפען נאר וואס זייא שיטין זיך ניט אויס. —

דער מאן האט זיך געוואלט אביסעל צו שמייכלען צו דער יפת תואר, מחמת ער האט געוואלט פארט מאכין א שמועס מכח קארטאפעל קאכין, אונ ער האט געוויסט אז דא איז געשפיהלט מיט דער נשמה, דא געהט שוין אין נפשות, דערום האט ער גענומען א ביסעל ווין אין א כוס, אונ איז פאר־געקומען דער פרינצעסען מיט דיא ווערטער „פאר זיך נאר אביסעל ווין, איך

האב

האב דעם ווײן גענומען טאקי נאר פאר דיר לחלוטין , דאס איז גאלע זיסער , אפשר געפעהלט ער דיר ניט ? האב איך נאך צייט איבער צו בייטען , איך האב מיט דעם שענקער אזוי אוים גערעדט" , „טשעפע זיך אב פון מיר" האט זיא איהם גיענטפערט מיט א חן , עס איז מיר שוין זים ב"ה אהן דעם ווײן , טאקי פאר מיר דארפסטו אן גרייטען כוסות , איך וואלט זיך דאכט מיר קאנגען אריין חאפען אין בעט , וואלט איך מיך בעסער אביסעל אוים גערוהט , ניט זינדיגין זאל מען מיט דיא רייד , מע חאפט פסח ! פסח ! לסוף וועט מען קיין כח ניט האבין אפילו צו עסען , אין אמת געשמיעקט , עס איז ב"ה ניט דא וואס צו עסען , נאר כפרה פון הינגער וועט מען ניט שטארבין , קיין פיש קאך איך ניט אויף ביא נאכט , בעסער אויף מארגין , וואס זאגסט דיא ? קניידליך וואלט איך אפילו געמאכט , עס איז אבער דער ווייל גאר קיין שמאלץ נישטא , ב"ה געהארעוועט אופין שווארץ יאהר 4 וואכין , מע טאהר ניט זינדיגין מיט דיא רייד , נאר אויף מארגין האט מען מיר צו געזאגט א קוואטירל שמאלץ , איך קלעהר חאטשי אריין טאהן עטליכע קארטאפעל אין יויך , וואס דען ? גאר גאלע וואסער ? פון דעם שטיקעל גאוויאדענע קאן עפעס א טעם האבין ? פאסאלייעס טאהר מען ניט, סיאיז דאך פסח ! איבער אלעמען איז אייער אויך א יקרת גדול , אזוי הלעבען קאכט מען אב פאר יעדערין איין איי , איז דאס אויך א שטיקעל פארפארע, פאר דיר האב איך מורא וועל איך מוזען אב קאכין א גאנץ איי , וואס דען ? וואס וועסטו עסען ? דאס ביסעל יושקע , גאט זאל מיך ניט שטראפין פאר דיא רייד , „נא מיין ווייב" , האט א זאג געטאהן דער מאן האלטענדיג דעם כוס , אז ער האט פאר שטאנען נאך דיא רייד אז זיא איז א צינד אביסעל וויכער . „נא נעם פארט אביסעל ווײן , אט דער קויק זיך , טוה מיר אויך צו ליעב , וואס קאן דאס שאדען ?"

בקיצור , דיא יפיפיה האט גענומען א ביסעל ווײן און האט זיך בעלעקט, און דער ווייל האט ער אריין געווארפין א פאר ווערטער , אפשר איז א סברא אב קאכין אביסעל קארטאפעל ? ביז נאכט איז נאך א היפשע צייט , עס קלעמט זייער דאס הארץ , נא נאך דעם ביסעל ווײן האט זיא שוין ניט גיקענט אזוי פיל מעיז פנים זיין , און האט צו געשטעלט א טעפיל קארטאפעל .

דער מאן , האט דער ווייל אלעס מכין געוועהן וואס מע בעדארף צום סדר , אן געריבין חריין , געמאכט חרוסת , אוים געביטען 6 מצות אויף שמורה , אן געגרייט דיא הגדות , איינגעמאכט ציצית אין דיא נייע ארבע כנפותין , דער ווייל איז דיא קארטאפליעם פארטיג געווארין , מע האט זיך טאקי ממש מחיה געוועהן , ווער עס האט ניט געזעהן דיא שמחה פון דיא מענשין בשעת עסען דיא קארטאפליעם , האט קיין שמחה ניט געזעהן אין זיין לעבין .

עס איז שוין געוועהן קרוב צו מנחה , מע האט געלייגט א ווייס טישטיך אופין לאנגין טיש, ארויף געשטעלט א סאך שבת'ניקעס אוים געפיצטע (מחמת

אלע

אלע שכנים װעלין אב ריכטין דעם סדר אין איינעם) אוים געבעט יעדערין זיין הסיבה מיט קלאהרע קישענם , אופין טיש אוים געשטעלט פיל כוסות , מיט פלעשליך װיין , דער כלל איז עם בלישטשעט אין אלע זייטין , דער עולם האט זיך אנגעטאהן נייע העמד״ער , אונ נאייע פלודערען , מיט נאייע לייבצודאקעם , נאייע שיך אונ זאקין , אויך יארמילקעם שפאגעל נאייע , אונ מע האט געמאכט פים אין דיא בתי מדרשים. דארטין איז אויך זייער קלאהר אונ װיים , אלע העננלייכטערם בלישטשין , דיא טישין אב געהיבלעװעט , עם איז נחת װיא מע קעהרט זיך , אין דער היים האבין זיך דיא װייבער אויך ארום געװאשין , אוים געשלייערט , אוים געפיצט גענומען דאם יום כפור׳דיגע טיכעלע אופין קאפ , טאקי װיא א מלכה , געבענשט ליכט , עם איז רוהיג , ליכטיג , אונ ציכטיג , אלע צו פרידין , אבי ב״ה שוין איבער געקומען ! —

---

## 12.

## דער ערשטער סדר.

אלע מאנסבילין זענען אהיים געקומען פינ׳ם בית המדרש. „גוט יום טוב ! גוט יום טוב !“ אלע זענען פרייליך חלעבען , עם איז דאך עפעם פארט געװארין א נאייע װעלט , עם איז אין שטוב א טיש א באנק , א בעט , ריין פיין , מע האט דאך פארט עפעם גיקאכט , א ביסעל װיין איז אויך דא ב״ה , טאקי מעשה פירשט , אלע קינדער אין נאייע יארמולקעם , נאייע העמדליך אונ שיכליך , אין שטיב איז ליכטיג װיים אונ זויבער , דיא באליבאסטע האט שוין ב״ה דיא נאז אויך אוים געשנאצט גאר מעשה מלכה , װאם קאן מען מעהרער פאר לאנגען ? —

בקיצור , מע הויבט זיך אן מכין זיין צום סדר , זאלץ װאסער , עפעם אויף א ברכה פרי אדמה , אונ אלעם װאם גאר נייטיג איז , — אלע מענער האבין זיך אנגעטאהן אין דיא קיטלען , דיא קינדערליך האבין דאם דער זעהן האבין זייא א געשרייא געטאהן , טאטע ! טאטע ! דיא װילסט אויך זיפין מעהל ? דאם זעקיל איז דאך שוין נישטא ? (אלע לאכען מיט א גרוים געלעכטער) , זייא האבין זיך ארום געבינדין אויף דיא קיטלען מיט שלייערם , אונ אין ביזים ארײן געטאהן דיא פישקע טאבאק א נאז טיכעל , אונ מע האט זיך איינגעפונדעװעט יעדערער אויף זיין ארט , איינגעזעצט זיך זייער פעכט , דער װעכטער געבאך אלעם שרות , האט זיך אויך געמאכט א שטיקעל הסיבה , אװדאי ניט מעשה

שכן

שכן, נאר עפעס מוז ער דאך אויך מאכן, מע דארף דאך באהאלטן דעם אפיקומן אונטערן קישען? —

נא אלע זיצן שוין אין ארדענונג, דיא מצות זענען שוין איבערגעלייגט אין דרייא פאכן אין א קלאהר האנדטיכעל, כדי מע זאל זיך טרעפען צו יעדער מצה, מע זאל ח"ו קיין טעות האבין, מחמת עס טרעפט א מאהל, הלוואי זאל זיך ניט אזוי טרעפין וויא עס טרעפט, אז נאך כורך אז מע טרעסילט שוין אוים דעם האנדטיך פאלט ארוים גאר א גאנצע מצה, דערום האט מען דאס אלעס גוט בעווארענט, אז דער שטן זאל דא גאר קיין שום שליטה ניט האבין, דעם האנדטיך מיט דיא דרייא מצות האט מען ארויף געלייגט אויף א גרויסין טעלער, אויף דיא מצות פון אויבען ארויף געשטעלט א שאל מיט אלע פריפאסען, איין איי, א זרוע, שטיקליך ציבעלע אונ קארטאפעל, חריין צו ריבענע, אונ אויך אויבערשטע קעפליך פון חריין, אונ דיא חרוסת, דאס אלעס איז אוים געלייגט מיט א פלאן, נאך דער ארכטעקטארע פון דיא פוסקים, איהר שפיהלט זיך מיט דער זרוע, אונ מיט דער ביצה? אזא פאס־טרויקע איז ניט קיין קלייניקייט? דיא מקובלים מאכין גאר משוגע דעם קאפ מכח דעם, נאר אונזערע ליטוואקעס געהן טריט בייא טריט נאכין שלחן ערוך, אויך נישט קשה...

אויף געפענט דיא הגדות, אנגעגאסין דיא כוסות, פריהער דער בעל הבית, אונ דער נאך דיא שכנים, איינער נאך דעם אנדערן געמאכט קדוש בקול רם, אלע ווייבער ענטפערין „אמן!" מיטין פילין מויל, אונ מע טרינקט, דיא מענער האבין א ציע געטאהן פינ'ם כוס געשמאק טאקי על פי דין א רוב כוס, דיא ווייבער האבין נאר כמעט פאר זיכט א טראפין, האבין זייא זיך באלד פאר קרימט, זענען ניט געוואהנט צו ויין, דיא קינדער האבין נאך אין מיטין קידוש אוים געחלאפטשעט דיא כוסות ביז דעם דנא, דיא ווייבער קוועלין גאר אן פון דיא קינדער, דיא מענער שמייכלען אויך אונטער, נאר אוים ריידין טאהר מען ניט.

נא „ורחץ!" האט דער בעל הבית א זאג געטאהן מיט א שטארקער שטומע, אין דער ארט, וויא דער פעלדפעבעל בשעת ער מאשטירט זיין ראטע, אונ שרייעט „שאגאם מארש!" דא האט באלד יעדע אשת חיל געבראכט צו צום מאן א שיסעל, אונ א קווארט וואסער, מיט א האנדטיך, עס איז מקוים געווארין זיין פריקאזאניע.

ליבע לעזער! איהר וועט אפשר פרעגין, פאר וואס איז ער דא געווארין אזא גרויסער גראף? קראנק איז ער אליין געהן צו דער פאמיניצע? ערשטענס מוז איך אייך ערקלעהרין, אז עס איז טאקי אפילו פאר א גומענאסטיקער אויך ניט גרינג ארויף קריכין פון אזא סיעדעלע, אונ צווייטענס איז דאס א רמז, עס הייסט: ער איז יעצט מעשה פירשט, דיא ווייבער האבין קיין פאר

איבעל

איבעל ניט אויף דעם, עס פאר שטעהט זיך, אז אין מיטין יאהר, וואלט זיא איהם קרחות דער לאנגט וואסער, ער איז ניט קראנק אליין צו געהן אונ זיכין דיא קווארט, אונ דעם האנדטיך וואס ער איז שווארץ וויא דיא בלאטע, ולסוף אז ער געפינט דעם האנדטיך אויך ניט, טוז ער גאר א מאהל אן חרפה, ארויס שלעפען דאס העמד פון דיא הויזין אונ אפ ווישין זיך, שרייען אונ פרעגין קאן ער דאמאלס ניט, ער טאהר ניט מפסיק זיין, נא וואס קאן מאכין א שטומע ציגג? ער ווינקט, מריקעט, אונ קריצט מיט דיא צייהן, קיינער ענטפערט איהם ניט א גוט ווארט, נא גיט ער זיך איין עצה וויא א למדן, אבער אין דער נאכט, פיהרט זיך דאס עסק מיט גרויס דרך ארץ, איך האב פיינד צו זאגין, פארט א מלך . . .

דער בעל הבית שרייעט „כרפס!" טוז דער עולם צו דער ציבעלע מיט דיא קארטאפעל, איינגעטינגט אין זאלץ וואסער, אונ געמאכט בורא פרי האדמה, אונ געגעסין, א שפאס הונגער! דער עולם קייעט דיא קארטאפעל גאנץ געשמאק.

פליצלינג האט דער בעל הבית א קלאפ געטאהן וויא מיט א בארעבאן „יחץ!", אט דא זענען געבאך אנדערע שכנים וואס זייא זענען ניט שטארק געלערענט, אונ ביותר דער וועכטער, זייער צו מישט געווארין, וואסער מצה צו ברעכט מען דא? קלעהר אהין, קלעהר אהער, עס איז נישטא קיין צייט כמעט זיך מישב צו זיין, דער בעל הבית שרייעט ראפטאם נאר „יחץ!" זייא האבין נעבאך געפלאנטעט מיט דיא הענד אין האנדטיך, דער גאנצער גם איז וואס קיינער זעהט ניט וואס זייא שווינדלין דארטין, בקיצור זייא האבין אויך ארויס בעקומען א ערך פון א האלבע מצה, אונ ארינטער געריקט אונטערין קישען, גאט ווייסט וואס זייא האבין דארטין אן געמאכט פאר א חורבן, אבי קיינער זעהט חאטש ניט דיא צרות.

דער בעל הבית בבחינת ראטנע קאמאנדיער, שרייאט וויא אין א מאן הויז „מגיד!" דיא קינדער האבין אן גיהויבען צו שרייען „טאטע! וואס האסטו עפעס בעהאלטין דיא מצה אונטערין קישען? גיב אונז אויך, מיר ווילען עסין, „שווייגט שקצים!" האבין דיא מאמעס בלומערשט א גישרייא גיטאהן אונ האבין דער צו אביסעל גישמייכעלט, דער עולם האט אויף גיהויבין דיא שיסלען מיט דער מצה, איינינע האבין זייערע מלכות גיהאלפין, אנדערע האבין נעבאך אליין געמוזט הויבען אזא משא, אלע מיט א העלע שטימע „כהא לחמא עניא . . . ביז לשנה הבאה בני חורין".

מע גיסט אן דעם אנדערין כוס, איינינע יונגליך האבין גיפרעגט „מה נשתנה" אונ דיא פעטער האבין גיענטפערט „עבדים היינו לפרעה במצרים" דער עולם האט זיך גיזאגט דיא גאנצע הגדה, ביז אין גרויסען „לפיכך" דא האבין זייא זיך אלע אויף גישטעלט (דיא קינדער אלע מיט א געוויין, טאטע

דוא

דוא גייסט שוין שלאפין מע האט דאך נאך ניט גיגעסין דעם קרופניק ? אלע לאכען) מע האט גינומען די כוסות אין די הענד און מע שרייעט „לפיכך" אז די ווענט ציטערין אזש, די קינדער האבין זיך צו חליפעט, עס האט זייא די סצענע זייער שרעקליך אויס געוויזען, עס שטעהין מענשין אין העמדער איבערין קאפטין, גלעזליך ווין אין די הענד, און מע שרייעט אהן א אויפהערונג, א חוץ דעם איז ביי זייא עפים ניט גלאט גיוועען דער גאנצער פאראדאק, מע האט שוין דא פאר בראכט באלד צוויא שעה, האט מען ערשט בסך הכל גיגעסין א ברעקיל ציבעלע מיט א שטיקעל קארטאפלע, נא די סדר פראוועער האבין זיך קוים ווייטער בעזעצט רוהיג, די כוסות אנידער גישטעלט און גיזאגט ביז גאל ישראל, גימאכט הגפן און גיטרונקען אן גישפארט וויא א גראף.

„רחץ !" איז ארויס זייער העל פון דעם בעל הבית מויל, די מענער רירען זיך ניט פון דעם ארט, מע האט זייא צו גיטראגין נאך אמאהל וואסער, גיוואשין זיך מיט א ברכה, און גינומען ווייטער פלאנטען אין האנדטיך, די פראסטאקעס האבין דארטין אוודאי אן גימאכט צרות איבער צרות, נאר א כפרה, אבי יעדער האט ארויס גערוקט צוויא שטיקליך מצה, און האט זייא צו זאמען צו נויף גילייגט און גימאכט צוויא ברכות, און ווייטער גיגעסין וויא א גראף, נא דער עולם האט אביסעל איבער גיחאפט מיט דער המוציא, און דער בעל הבית האט א בעפעהל גיגעבין „מרור !" אט דא איז אריבער וויא א פראסט איבער די ביינער ביי אלע מענער, יעדער האט זיך שטארק פריגאטאוועט צו דעם גוטען עסק, מע האט גימאכט פון דעם חריין א גאלקע וויא א זית די גרויס, איינגעטינקט אין חרוסת, גימאכט די ברכה „על אכילת מרור" און אריין גיווארפין אין מויל מיט איין מאהל.

אהא ! עס טוהט זיך שוין חושך, דער גלאצט מיט די אויגען, דער ווארגט זיך, אלע האבין זיך שרעקליך צו הוסט, גוט פאר סמארקעט, טרערין האט גיגאסין פון זייערע אויגען, „די אייגענע זאך איז ב"ה אלע יאהר" האט זיך אן גירופען די זאגערין, ער בעדארף אויך עסין חריין ? איך בין דאך א יודענע, פון דעסטוועגין וויים איך אויך א דין, מע קאן מיט סאלאטע אויך יוצא זיין, חלעבין ניט זינדיגען זאל מען מיט די רייד, מע דארף נאך מרור עסין, עס איז ב"ה ביטער אהן מרור, נאר וואס רעדט מען מיט איהם ? ער וויל דאך זיין פריהמער וויא אלע, (באמת טוהט דאס איהר גרויס הנאה, זיא האט פארט א פרומען מאן, נישקשה דער שווארצער יאהר וועט איהם נישט געמין) קאנסט נישט ? עס נישט, גאט אליין האט אויך ניט גיהייסען זיך ממית זיין, א שפאס אזא חריין ערשט כמעט אן געריבען, און נאך דער צו די קעפליך ?

נאך א היפשע צייט זענין זייא גיקומען צו זיך ארום געווישט זיך, גוט אויס

אוים געשנאצט די נעזער, אונ עס וואלט שוין גאר גוט געוועזן, אבער דער „כורך" שטעהט נאך אין וועג, ווייטער חריין, אמת דאס איז שוין אביסעל גרינגער וויל מיט מצה אין איינעם, דאך אבער חריין, אונ נאך תיכף נאך דער ערשטער פארציע חריין, נאר וואס העלפט דא דער ישוב הדעת? אז דער בעל הבית שרייעט אין איין קול „כורך" חאטש טוה זיך א מעשה אן, סלוזשבע! דער עולם האט א טאפ געטאהן אין האנדטיך, מע האט ארויס גיחאפט שטיקער מצה, גאט ווייס צו פון דער דריטער מצה צו ניין, איך האב מורא אז דער וועכטער האט דאס גימאכט גאר קאק פאפאלע, נאר א כפרה, איך בין שוין געווען אז מע זאל זיך שוין צו שלאגין צו עפיס איין אבירה, יעדער האט אנידער געלייגט א גרויס שטיק מצה, אוים געבעט גוט מיט חריין פון דער פולער האנד, פאר דעקט דעם חריין ווייטער מיט א שטיק מצה, אונ אז אלע זענין געווען פארטיג האבין אלע גיגעבין אזאג „זכר למקדש בהלל..." אונ האבין זיך א וואָרף געטאהן אויף דער לינקער זייט וויא די פאמעשטשיקעס אונ האבין גיגעסין דעם געפילטען פלאדען, גיגעסין אונ געהוסט, אונ אלעם אן גישפארט מעשה גראף, נא שוין פטור גיווארין דעם כורך אויך, חלעבין עס איז שוין צייט פארט עפיס עסין הא?

אראפ פון דעם טיש די פלעשליך מיט די כוסות, די קערה מיט דער זרוע, אונ די חרוסת, אונ גיגעסין זאל ווערין, אי עס איז נישטא וואס? וויא הייסט עס? וואס דען האט דא אזויא גיקאכט 4 וואכען דורך אנאנד? איהר פרעגט מיך? אדרבה איך פרעג אייך? —

מילא בקיצור, לאזין שוין די ווייבער געבין וואס עס איז דא, מע גיט טאקי איין איי אויף צוויי'עהן, אבער דעם מאן דעם סולטאן אגאנצע איי, מע האט גימאכט זאלץ וואסער, אן גישטאפט זיך מיט מצה, וואס דען זשע זאל מען טאהן? מע איז דאך הינגעריג, נאך די אייער האט מען דער לאנגט די יויך, דאס הייסט א שיסעל הייסע וואסער מיט קארטאפעל, פארשאטען מיט מצה פארפיל, קיין ריח פון פלייש האט דאס אויך ניט גיהאט, ווארום וואס פאר א טעם קאן געבין א האלב פונט פלייש אין א גאנץ גרויסין טאפ?

„איך וויים ניט" האט א שכנה אזאג געטאהן, „איך וויים ניט, איך בין עפעס א קנאפער מאמין אז די היינטיגע שאלות זענין געווען מיט א טאלק", איהר ווייבערליך האט אכטונג גיגעבין וויא דער דין איז גיזעסין שאפקע נא באקע, ער האט דאכט מיר גאר אפילו ניט גיקלערט מכח די שאלות, ער האט נאר געקוקט אין פישקע ארין, מע זאל ווארפין די קאפיקעס, גאט זאל מיך ניט שטראפין פאר די רייד.

נא מע האט שוין וויא עס איז אפ גיגעסין, די קינדערליך זענין נעבאך איין גישלאפען גיווארין אויף די היסבה [illegible], די ווייבער האבין אויך וויא עס איז אפ געבענטשט אונ גיגאנגין אויף [illegible], דא זענין זיך די מענער

גיבליבען

גיבּליבּען אַליין זיצען בּייא דעם טיש, זייער רוהיג אונ שטיל, נאָ פאַר וואָס
זאָל מען אין אמת אַבּיסעל ניט שמועסן ? דיא נאַכט איז נאָך גרויס מע וועט
זיך נאָך אויס שלאָפען, נישקשה ! —

„הערט איהר ר' נחום !" האט גיזאָגט ר' חיים דער זאָגערען'ס מאַן,
איינגעבּעטען האָבּ איך זיך גיזעהן מיט ר' שלמה ניהאַמקעס, האָט ער מיר דער
צעהלט אַ שמועס פון דעם אַפּיקורוס, וואָס ער האָט גימאַכט היינטיגען שבּת
פאַר מעריב אין בּית המדרש, איך זאָג אייך דעם אמת, אַז עס האָט זיך מיר
אויף גישטעלט דיא האָר קאַפּויער הערינדיג אַזעלכע רייד, דאָס האָט מיר
אַזויא פיל צו רודערט דעם מוח אַז איך גיה אַרום פון דעם וויא אַ משוגענער,
איך האָבּ בּיז יעצט גאָר ניט געוויסט אַז דער ימח שמוניק איז אַזויא פיל אין
אַלע ספרים, איך האָבּ איהם גיהאַלטען בּיז יעצט גלאַט פאַר אַ מופקר, אונ
דער צו פאַר אַ פּראָסטאַק, ערשט זעה איך, אַז איך האָבּ גילעבּט אין טעות,
מע קאָן איהם אונטערן האַנד ניט אַוועק מאַכין, היינט בּין איך גיוועזן בּייא
נחמן שענקער נאָך משקה, האָבּ איך איהם גיבּראַדע דאָרטין דער זעהן, בּין
איך אַ בּעלן גיוועזן מאַכין מיט איהם אַ שטיקעל שמועס, איך קאָן זיך מיט
איהם אַבּיסעל שוין פון לאַנג אָן, נאָ האָבּ איך מיט איהם דאָרטין פאַר בּראַכט
אַ היפּשע צייט, גירעדט פון פאַרשידענע ענינים, וואָס זאָל איך אייך זאָגען,
ער איז אַ רעכטער למדן, ער האָט זעהר פיל ספרים גיזעהן, ער איז גוט
קלאָהר אין דער יודישער געשיכטע פון עק בּיז עק, עס איז בּאמת מיט איהם
אַ פאַרגעניגען צו ריידען. —

דער כּלל איז ר' נחום ! איהר קאָנט דאָך מיך, איך בּין דאָך ב"ה אַ
שטיקעל יוד, נאָר הערט איהר, וואָס זאָל מען דאָ זיך נאַרען, ער איז אין
אַסאַך ענינים זעהר גערעכט, מע וועט טאַקי פאַר שוואַרצט אין אַסאַך זאַכין
גאָר אומזיסט, אין אמת גירעדט איז דאָס אַ לעבּין ? ווייניג איז מען דאָ אויס
געריסען גיוואָרין פון פורים אָן, פרעגט וואָס ? נאָר איבּער דיא פאַר שימעלטע
מנהגים, וואָס זייא האָבּין קיין שום ווערטה ניט, לויט דעם ריינעם דין פון
דער תורה אונ אַפילו פון דער גמרא, וואָס וואָלט דאַ גיוועזן וואָס צו טאָהן ?
אונ וואָס האָט דאָ זיך אויס גילאָזט פון דיא אַלע צרות ? אַ שיסעל וואַסער מיט
קאַרטאָפעל, געוואַלד ! עס שטייט דאָך „ושמחת בּחגיך" זאָלסט דיך פריי'ען
אין דיין יום טוב, אונ אונזערע חכמים האָבּין דאָס גאָר פאַר שטאַנין אין
פשטות, אַז „אין שמחה אלא בּבשר", עס הייסט : מע קאָן ניט זיין פריילעך
אַז מע האָט ניט גיגעסן אַ רעכט שטיקעל פלייש.

נאָ אַדרבּה ! פרעג איך אייך, ווער איז אין דעם שולדיג ? דיא תורה
אָדער דיא גמרא האָט אונז גיהייסען מאַכין אַ טאַקסע ? עס איז זעהר ריכטיג
וואָס דער עולם זאָגט אַ ווערטיל „אַז קיין מענש קאָן אַזויא פיל ניט טאָהן
שלעכטס דעם אַנדערין, וויא פיל דער מענש טוהט זיך אַליין", עס איז טאַקי

אמת

אמת, זעהט וואס מיר אליין האבין זיך גיטאהן; מיר האבין מיט געוואלד אויף זיך ארויף גיצוויגען א טאקסע, אונ זיא זויגט אויס דאס לעצטע ביסעל כוחות פון אונזערע יודען, אויף אונז ביא יעצטיגער צייט איז מקוים גיווארין דיא קללה פון דער תוכחה „שורך טבוח לעיניך ולא תאכל ממנו״ (דברים כ״ח ל״א) דאס הייסט: דיין אקס ליגט פאר דיר גיקוילעט אבער דוא וועסט פון איהם ניט עסין, ווארום ווער עסט באמת פון דיא אלע אקסען וואס מע קוילעט שטענדיג? אדער עס ווערט טרפה דורך דיא פיל חומרות וואס דיא פוסקים אחרונים האבין זיך ניט געפוילט נאר מחמיר צו זיין, חאטש זיא פירען איבער דורך דעם יודיש געלד, זייא פאר געסין אז דורך איין טראפין טינט וואס זייא האבין אן גישריבען „ויש להחמיר״ (מע דארף מחמיר זיין) נאר אויף רש״י כתב האבין זייא חרוב גימאכט ששים רבוא שטעט, נא דאס איז אז עס ווערט נאר טרפה, אבער למשל אז עס טרעפט שוין גאר א גליק אז דער שוחט דער גרויסער בהמות דאקטער איז מסכים, אז דער אקס איז גיוועזן גיזונד, נא דאכט זיך איז שוין גאר גוט, אט דא קומט דיא טאקסע אונ שטעלט בדלות דעם עולם, פון דעם איינם אקס וואס ער איז דא על פי נס כשר גיווארין וויל מען אלע לעבעדיגע זעק אן שטאפען, דעם קצב מיט׳ן שוחט, דיא נאמנים מיט דיא שטאט אויפזעהר, דעם רב מיט דיא דיינים, אונ דעם בעל טאקסע נאך מעהר פון אלעמען, דיא אלע ציהען נאר פון דעם איינעם אקס, פאר שטעהט מען דאך אז עס איז קיין וואונדער ניט וואס עס קאסט 20 קאפיקעס א פונט פלייש.

נא ווער קאן אין אמת אונז העלפין אין אזעלכע גישעפטין? דאכט זיך נאר דער רב זאל לעבין, אין אמת געשמועסט דיא קליינע רבנים אדער דיא מורי הוראות האבין טאקי מורא אפילו פאר א פוסק נאר איין אחרון, ביא זייא איז תורה אמת וואס דער „תבואות שור״ האט אויף אונז גוזר גיוועזן, פון דער גמרא אליין האבין זייא ניט בכח ארויס צו נעמין א פסק הלכה, אנדערע באציהען נאר דינים פון דעם „חיי אדם אונ חכמת אדם״ זייא קענין במחילה זייער ווייניג לערנין, אונ בפרט דער שוחט ער ווייסט גאר ניט פון זיין היות צו זאגין, אט מאכט מען נאר טרפה אונ טרפה, אבער א רב א גאון מיט א גוטען קאפ, ער ווייסט דאך יוא דעם מקור פון גאנץ הלכות טרפות, ער דארף ניט קוקען דעם „תבואות שור״ אונ דעם „זבח שמואל״ אין דיא צוויין, ער ווייסט וויא דיא תורה איז חס אויף יודיש געלד, ער דארף פאר שטעהן דיא צייט, מע דער צעהלט פון הגאון ר׳ חיים פילעפאווער ער איז גיוועזן א שטארקער מיקל, ער האט גאר ניט געקוקט אויף קיין שום פוסק, ער פלעגט נאר הערין דיא גמרא אליין, אסאך שאלות וואס אין אנדערע שטעט זענין טרפה גיוועזין, זענין ביא איהם גיוועזן כשרות, מע זאגט אז ער האט גימאכט א ספר „מתיר אסורים״ אויס צו ווייזען אז דיא אלע חומרות פון דעם

רמ״א און פון נאך פיל פוסקים, האבן גאר קיין שום ארט ניט אין דער גמרא נאר ווער וועט דרוקען אזא ספר? גלייכער דרוקען שאלות תשובות מכח עגונות, מכח קאלטענעוואטע בתולות, מכח דעם גר״ס צואה, פלפולים של הבל, דרשות פון פארפוילטע מגידים, זויערע פרושים אויף תנ״ך, אלע יאהר א פרישען פירוש אויף דער הגדה, אבער וואס טויג א ספר וואס קאן א טובה טאהן דעם עולם וואס איז נוגע אין לעבין. —

נאך מיין שכל דאכט מיר אז אלע גאונים וואלטין זיך בעדארפט אויף קלויבען אין איין ארט, און מאכין עפעס א שטיקעל טאלק מכח די חומרות, מבטל צו זיין אסאך נארישע מנהגים און אויף געבין א פלאן מבטל צו זיין די ביטערע טאקסע אויך, צו וואסערע צרות דארף מען זיא? אי וואס? פון וואנען וועט מען נעמין שכירות פאר דעם רב? דעם קאזאניע רב? די דיינים? אויף בקור חולים? ערשטענס געהט דאך די טאקסע 10 מאהל אזויא פיל וויא די סומע וואס מע גיט אויס אויף די אלע זאכין, און צווייטענס, צו אויף אזעלכע גישעפטען ברויכט מען גאר זיין א משוגענער און מאכין א טאקסע פון אזא פרעמעדט וואס איז דער עיקר חיות פון דעם מענשין? און דער נאלאג פאלט נאר נעבאך אויף דעם ארימען מאן, די גאנץ גרויסע זענין ב״ה פטור גיווארין די טאקסע, זייא געבין זיך ב״ה איין עצה.... אסאך גלייכער צו מאכין א נאלאג שטעלין יעדער נאך זיין ערך, די גבירים וואלטען אליין גיוואלט מחזק זיין א בקור חולים, צאהלען דעם רב און די דיינים, אזויא וויא עס פיהרט זיך אין אויסלאנד, דארט איז שוין לאנג בטל גיווארין די פלייש פאכט. —

נא ר׳ נחום! וואס זאגט איהר, איז ער דען נישט גירעכט?, היינט מיט דער קינדער ערציהונג וואלטען דען די גאונים ניט געדארפט זעהן מאכין עפים א פאראדאק? דאס איז דען א פנים פון א תלמוד תורה? דאס פיהרט עפים צו א תכלית? און וואס ווערט שוין אפילו פון די בעלי בתי׳שע קינדר? מע האט דאך באמת פאר דעם געלד וואס עס קאסט, גיקאנט מאכין פון זייא מענשין, בעלי מלאכות פון כל הסארטין, לומדים גילערינטע, וואס זייא וואלטין גיקאנט פארדינען זייער פרנסה בכבוד, און וואלטין פאר שפארען צו זיין פוסטע פאסניקעס, אפ לעבין אין דחקות און אין ענגשאפט, וואס מיינט איהר, אז אלע וואלטין דאס גיוואלט פאר שטעהן, וואלט מען דאס אפשר ניט גיקאנט אויס פירען גאר גרינג? נאר מען איז טאקי ב״ה גוטע בהמות, מע געהט אום אין עולם התוהו, מע מיינט אז עס מוז שוין אזויא זיין, עס איז אזוי באשערט פינ׳ם הימעל.

הערט נאר ר׳ חיים! האט זיך אן גירופען ר׳ נחום, אט מכח דער טאקסע, איהר זאלט אויף מיר קיין פאראיבעל ניט האבין, ווייסט איהר כמעט גאר ניט וואס איהר רעדט, וויא הייסט מבטל זיין די טאקסע? עס ווענדעט

זיך עפּיס דיא זאך נאר אן אונז ? דאס איז דאך גימאכט בפקודת הממשלה, איהר זעהט דאך אז דאס געלד צאהלט מען דאך אויס אין קאזנאטשייסטווא ? אט דער פון זעה איך וואס פאר א בהמה דער אפּיקורוס איז, ער נעמט אן דיא טאקסע אויך פאר א מנהג, אשטייגער וויא כפּרות שלאגין, זעהט איהר אט אויף דעם מנהג פון דיא כפּרות גיב איך איהם אויך אביסעל גירעכט, חאטש אין אמת האט דער מנהג אגרויסען ארט אין חכמת הקבלה, זייא מאכין דער פון גאר אגאנץ גרויס גישעפט, נאר ווערליג מיר מענשין האבין קיין שום ידיעה ניט אין זייערע סודות, מיר ווייסען גאר פּשוט אז כפּרות איז ניט קיין דין פון דער גמרא, זאלין זייא זיך מאכין וואס זייא ווילען, דיא מקובלים זענין בייא אונז קיין פּוסקים ניט, נאר דער עולם איז אין דעם אזויא פאר פיהרט אז דיא כפּרות זענין בייא זייא אזויא וויכטיג אקורבאט וויא יום כפּורים אליין אפילו אזעלכע וואס עסין שוין גאר אים יום כפּור, פון דעסטוועגין כפּרות מוזען זייא האבין, איך האב פיינד צו זאגין, אמת דער מנהג גיט אויך ניט צו קיין נחת אונזער עולם, אבער מכח דער טאקסע איז דאך גאר נישטא וואס צו ריידען, דאס איז ניט קיין מנהג וואס ליגט בייא יודען אין דיא הענד.

אט ר׳ נחום ! האט זיך אנגערופין ר׳ חיים, אט דער פון אליין קאנט איהר זעהן, וויא יעדער זאך וועס עקסעסטירט נאר א לאנגע צייט, ווערט שוין אזוי שטארק איינגעווארצעלט איני׳ם הארצין, אז עס דאכט זיך, אז עס מוז שוין אזוי זיין, אט פון דעם מנהג כפּרות זעהט איהר שוין אליין, וויא בלינד מע איז, וויא מע מאכט זיך נאריש, אט איך וועל אייך אויך קלעהרין, אז דיא טאקסע איז ניט וויא איהר מיינט, דאס איז גאר ניט קיין געזעץ פון דער ממשלה, נאר זיא איז שוין בייא יודען א מנהג של תורה, — פארהער אז דיא ממשלה האט גענומען פּאדאט פון יעדער נפש, האט זיא מסכים געוועהן צו דעם פּלאן פון דער טאקסע, וואס איינינגע רוצחים האבין דאס אויף געטאהן צו מאכין דאס זיך פאר א געשעפט, דיא ממשלה האט געזעהן, אז דיא פּאדאטקעס איז שווער אויף צו נעמען, יעדעם שטעטיל בלייבט שטענדיג א בעל חוב, אונ קומען אב דעם חוב נאר מיט מאנעפּעסטין, האט דיא ממשלה מקבל באהבה געוועהן דעם פּראיעקט, דער פון איז זיכער געווארין דיא סומע פון דעם פּאדאט, אונ דער וויל האבין שוין דיא בעלי טאקסעס מיט דיא שטאט בעלי טובות בדלות געשטעלט דעם עולם גאר אהן א חשבון, אבער היינט, אז קיין פּאדאט עקסעסטירט שוין מעהר ניט אונ דיא ממשלה האט דאס איבער געגעבין אין דער האנד פון דיא יודען, דאס גאנצע געלד געהט שוין נאר אוועק אויף זייערע הצטרכות, נא איז דאך דיא קשיא, וואס וויל מען האבין פון ארימע לייט, צו וואס האט מען מסכים געוועהן אז דיא טאקסע זאל שוין אזוי בלייבין ביז משיח׳ן ? (אונ אפשר איז א סברא זיא נאך ארויין פירין קיין ירושלים מיט מוזיקע ? חלעבען פאר דיא ארץ ישראל גבאים וואלט דאס

געוועהן

געוועהן אגוט געשעפט) , נאר דיא מעשה איז , אז דיא טאקסע האט שוין ביא אונז א פנים ניט וויא א פראסט מיטיל צו ליעב געלד , נאר זיא ווייזט אונז שוין אויס גאר וויא א צדקניות מיט א פנים של קדושה , עס הייסט : זיא היט אב יודען פון טרפה פלייש , דיא טאקסע איז געווארין איין קשר מיט דיא שוחטים אונ רבנים , אונ עס ווייזט אויס שוין באמת , אז אהן דער טאקסע וועט נעמען א עק פון דיא שוחטים מיט גאנץ הלכות טרפות , — נא יעצט פאר שטעהט איהר שוין , אז דיא טאקסע איז יעצט גאר אלעס מנהג ישראל ? אבער איין זאך ארט מיך שטארק , פאר וואס אויף אלע דינים פאר לאזט מען זיך אויף דעם יודען אליין , מע ברויכט איהם גאר ניט היטין , מן הסתם וויל יעדער יוד מקיים זיין דיא תורה , נאר אין הלכות טרפות איז מען זייא שטארק חושד ? אז מע וואלט זייא בעדארפט אב היטין אין אלע זאכין , וואלט מען בעדארפט מאכין א טאקסע אויף דברים שבצנעה אויך ? . —

נאר וויא זאגט מען , וואס קומט ארויס פון אזעלכע חקירות ? מיט וועמען איז דא צו טאלקעווען ? אפשר מיט׳ן רב ? נייןא טעות , ער נעמט דער פון שבירות , פלייש עסט ער אויך אהן טאקסע , אונ דווקא פעטס , מחמת דער קצב מיינט , אז עס ווערט א מאהל כשר איין אקס , האט איהם דאס דער רב א טובה געטאהן , מיט דיא תקיפים אונ דיא עזי פנים פון דער שטאדט , זייא האבין שכל , זייא נעמען שוין שטענדיג פון דער טאקסע א געוויסע מטבע , אונ ווער רעדט שוין פלייש , אפילו דיא עפענטליכע לעהרער וואס זענין אין דיא יודישע שולען , וואס האלטין זיך אויף דער רעכנונג פון דער טאקסע , למשל אדעסער תלמוד תורה , לאזין אויך א פול ניט פאלין אויף דער טאקסע , זייא מיינען אז ארימע לייט וועלין האבין א שטיקעל פלייש וועלין זייא קיין ברוידט ניט האבין , אפשר מיט דיא עטליכע נגידים ? זייא קלעהרין דאך זאל זיך דאס גאנצע שטעדטיל שלאגין קאפ אין דער וואנט , אבי מע טשעפעט אונז ניט אויף דיא שטאדט זאכין : פארין רב , אויפ׳ן בקור חולים , נא גלאט מיט דיא מיטעלע בעלי בתים ? הערט א חשבון , פיל פון זייא זענען גרויסע עוסים , זייא קוקען אויף דער טאקסע וויא אויף א דבר שבקדושה , אנדערע וואלטין שוין אפשר יא פאר שטאנען , זענין זייא געבאך ביא זיך אליין געפאלין , זייא האבין מורא אנצוהויבין מיט א שטאדט , אט אזוי געהן אוועק דיא טעג מיט דיא יאהרין אין צרות אונ אין דחקות .

הערט איהר , עס איז גאר א חרפה אויס צו זאגין , מע האט דאך שוין אב געגעסין , מיר ווילען שוין בענטשין , על אמונתי זאג איך אייך , אז איך בין טויט הינגעריק , וואס זאגט איהר יודען ? איך בין דאכט מיר אויך ניט אזא פרעסער אונ מע איז ב״ה שוין טאקי געוועהנט אומגעהן שטענדיג כמעט וויא הינגעריק , איך זאג אייך , אז מע טראכט ניט מכח דעם , איז נאך סיאק טאק , אבער אז מע בעקלערט דאס בימין שכל קרענקט דאס גאר אשרעק . . . —

עס

„עס איז שוין אפשר גאנץ שפעט? הא! מע דארף שוין עסען דעם אפיקומן!" יא יא האבין אלע געזאגט, „עס איז שוין, באלד 12 דער זייגער", אז מע האט אב געגעסין דעם אפיקומן, האט מען געבענשט מיט מזומן על כוס שלישי, מע האט געזאגט דיא הגדה, ביז מע האט זיך קאם דער שלאגין צום „חד גדיא". —

„איהר האט געוויס געהערט ר' נחום!" האט א זאג געטאהן ר' חיים, דעם דרוש אויף חד גדיא, פון אונזער שטאדט מגיד? „וואס זאגט איהר דער צו?" וואס זאל איך זאגין האט געענטפערט ר' נחום, ווער פאר שטעהט דאס ניט, אז אין חד גדיא ליגין סודי סודות, קארג פשטים האט מען געמאכט אויף דעם? עס איז בייא מיר גאנץ זיכער, אז אסאך מעהר וויא פיל עס איז שוין אב געדריקט איז אוודאי דא בכתב יד, באמת וואלט געוועהן א יושר אונ זייער ניצליך, אז איינער זאל אויף קלויבין אלע פרושים געדריקטע אונ געשריבענע אונ אבדריקין חד גדיא מיט אלע פרושים, מהיכא תיתי, פאר וואס זאל דאס ערגער זיין פון כתבי קודש? מן הסתם אז דאס האט א זכיה אז אלע יודען זאגין דאס, אונ פיל גאונים ודרשנים מיטשין זיך צו פאר שטעהן דעם ענין דער פון, איז דאס געוויס קודש קדשים, דעריבער פאר שטעה איך ניט אייער שאלה „וואס זאג איך אויף דעם מגיד'ס פירוש?" מהיכא תיתי מען קאן זאגין אלעס, דיא תורה ווערט דאך אויך געדרשה'עט אויף זיבעציג אופנים...

איי ר' נחום! האט איהם איבער געשלאגין ר' חיים, איהר רופט גאר דעם חד גדיא תורה? וואס פאר א תורה האט איהר פארט געזעהן אין חד גדיא? אונ זאל שוין אפילו זיין, אז דער מחבר פון דעם האט עטוואס באהאלטין אין זיין רעטעניש, וואס איז דאס פאר א קונץ? וואס פאר א טובה האט ער דערמיט געטאהן יודען? ווער איז ער? ווען איז דאס געמאכט געווארין? אונ צו וואס איז דאס אזוי נעהטיג זיך צו מיטשען אונ צו טרעפין וואס ער האט געמיינט מיט זיין גאנצין חד גדיא? —

„הערט ר' חיים!" האט זיך אנגעריפין ר' נחום מיט כעס, אט דער פון זעהט מען טאקי ארויס וויא אפיקורסית קלעבט זיך שטארק, איהר מעגט אויף מיר אפילו שטארק תרעומות האבין, דאס איז אלס דיא רייד פון דעם אפיקורס, ער האט שוין אין אייך ארייין געלאזט דעם גיפט פון אפיקורסת, פע! איהר מעגט זיך שעמען גאר אזעלכע רייד איבער רייד'ען.

„איהר זייט א פנים נוט אין כעס" האט געזאגט ר' חיים מיט א שמייכעל, איהר מוזט געוויס מיינען, אז דעם חד גדיא האבין נאך יודען געזונגען אין דער מדבר? נא וואס וואלט איהר אשטייגער געזאגט, אז איהר וואלט געזעהן אין הגדה פון דיא גאנץ אלטע דרוקין וואס דארטין שטעהט נאך גאר ניט קיין זכר פון דעם חד גדיא? נא איז דאך דאמאלס רעכט געוועהן זיך ליגין שלאפין אהן

חד גדיא! הא? און וואס וואלט איהר אשטייגער זאגין אז מע זאל אייך ווייזען איין אלט ביכעל א דייטשעס וואס איז פיל מיט קינדערשע לידעליך, און דארטין געפינט זיך דער חד גדיא גאר אויף דייטש? נא וואס פאר א פנים וואלטין דער נאך ביי אייך געהאט דיא אלע פרושים? איך זאג אייך דעם אמת, איך האב פארהער אויך גאר ניט געוויסט פון דיא אלע זאכין, נאר א מענש איז דאך ניט קיין בהמה, מע קאן דאך ניט אב לייקענען א זאך וואס מע זעהט ממש מיט דיא אויגין, ער האט טאקי מיר אויף געקלעהרט און געוויזין מיט באיות ברורות, אז דער חד גדיא קומט גאר ניט ארויס פון יודען, נאר בפירוש פון איין ניט יודישען דיכטער (משורר) וואס האט אויף געשטעלט לידליך פאר קינדער צום זינגען, און אזוי וויא אין דיזער נאכט זענען געמאכט געווארין פיל צערעמאניעס כדי דיא קינדער זאלין פרעגין, און נאך בעסער, כדי דיא קינדער זאלין ניט שלאפין, דעריבער האט זיך איינער מישב געוועהן, און האט איבער געזעצט דעם חד גדיא אויף תרגום לשון (וואס יודען האבין דעמעלט גערעדט), בכדי אז דיא קינדער זאלין דאס זינגען אום ניט צו שלאפין, באמת האט דער חד גדיא בעדארפט שטעהן אין אנהויב פון דער הגדה ניט צום סוף, עס זאל אוים קומען צו זינגען בשעת דיא קינדער זענען שוין לאנג אנשלאפין געווארין, נאר מיט דער צייט האט מען דיא גאנצע געשיכטע דער פון גאר פארגעסין, און מע האט אנגעהויבין גאר צו מאכין אויף דעם פרושים, און מע וויל אלעם טרעפין ווער איז דיא קאץ? ווער איז דער הינד? חאשט אין אמת, איז דאך קיינער ניט מחויב גאר צו קלעהרין אויף דעם געדאנקין וואס דער מחבר האט געמיינט, ווארום אויך מיין באבעס דאגה איז דאס, איך האב א פנים מעהר ניט וואס צו טאהן?

נאר וויל דאס שטעהט שוין פארט אין דער הגדה, און דעם מעתיק איז געפעהלין גראדע דאס איבער צו זעצען, נא מן הסתם האט ער דאך אין דעם עטוואס געזעהן וויכטיקייט, דעריבער וועל איך אייך איבער זאגין, וואס דע אפיקורס האט מיר בעמערקט, איהר וועט מיר דאכט זיך מודה זיין, אז דאס איז דער בעסטער פירוש. —

ער זאגט, אז דאס גאנצע לידעלע איז געגרונדעט אויף דעם אייגענעם געדאנקין וואס געפינט זיך אין פרקי אבות, „אף הוא ראה גלגולת אחת שצפה על פני המים, אמר על דאטפת אטפוך, וסוף מטיפיך יטופון" דאס הייסט: ער (הלל) האט געזעהן א קאפ שווימט אופין וואסער, האט ער איהם געזאגט, דער פאר וואס דיא האסט אנדערע דער טרונקען, האט מען דיך דער טרונקען, און אויך דיא וואס האבין דיך דער טרונקען וועלין דער טרונקען ווערין. — דער מחבר פינ'ם חד גדיא האט געוואלט אויף קלעהרין דיא גאנצע וועלט, אז זייא זאלין זיין געהיט פון רציחה, ווייל עס איז דא א גאט וואס ער איז א בוחן כליות ולב, ער ווייסט אלע מחשבות פון אלע באשעפינישין ער

שעננקט ניט קיינעם, אונ איהם קאנמען ניט אב נארין , איינער וויל דער טרינקע דעם אנדערין , אונ נאך מיט איין אוים רייד אז ער טוהט דאס נאר מחמת ער וויל זיך נוקם זיין אן דעם רוצח , אבער אין אמת איז דאס א שקר מוחלט , ער טוהט עס נאר מחמת ער וויל זיך זיכין זיינע אייגענע ניטצין , אונ דעריבער האט ער אויך דעם פסק פון דעם אנדערין רוצח , אונ דאס מיינט דיא מליצה , וויא ער האט געזעהן א קאפ שווימט אופין וואסער , האט ער צו איהם געזאגט מיט חכמה , דיך האט מען דער טרונקען , פאר וואס דיא האסט דער טרונקען עמיצין , נאר וייל דיינע דער טרינקער האבין דאס אין אמת אויך ניט געטוהן אוים יושר נאר צו טעדטען א רוצח , זייא האבין אויך נאר געהאט זייער אייגענעם אינטערעס דער ביי , דעריבער וועלין זייא אויך דער טרונקען ווערין .

אט דעם וויכטיגין געדאנק האט אפשר דער דיכטער אויך געמיינט מיט דיזען ליעד , ער שטעלט פאר פאר א קינד למשל ! וויא זיין טאטע האט געקויפט א ציגעלע פאר צווייא גילדין , איז געקומען דיא קאץ אונ האט דאס אויף געפרעסין , חלעבען א רציחה , דיא קאץ ! וים פאר א מחותן ביזט דוא צו דעם טאטענס ציגעלע ? דעם הינד האט דאס פאר דראסין אונ האט דער פאר א בים געטאהן דער שונרא , נאר וייל דער הינד איז דאך באמת ניט אזוי א שטארקער בעל מדות טובות , נאר אלעם חונף האט ער זיך געוואלט צו שמייכלען צום טאטען אונ האט זיך נוקם געוועהן אן דער שונרא , גלייך ער וואלט גאר קיין עולה ניט גיקענט צו זעהן , דער פאר איז געקומען דער שטעקין אין האט גוט געבראכין דיא ביינער דעם הינד , פאר וואס ער האט געביסען דיא שונרא , אבער דער שטעקין איז אויך ניט אזוי איין ערליכער מאן , אז ער זאל וועלין שטעלין דיא וועלט אופין אמת , געווים האט ער עפים א שנאה געהאט צום הינד , אונ האט דא געקריגין א געלעגינהייט זיך נוקם צו זיין אן דעם הינד , דעריבער איז געקומען דאס פייער אונ האט פאר ברענט דעם שטעקין , אונ אזוי האט דאס וואסער פאר לאשין דאס פייער , דער אקס אוים געטרינקען דאס וואסער , דער שוחט האט געקוילעט דעם אקס , אונ דער מלאך המות האט געקוילעט דעם שוחט (דא ליגט א טיפע קריטיק , וויא עס קאן נאך גאר זיין , אז דער מענש האט נאך אפשר גאר קיין רעכט ניט צו קוילען בעלי חיים אום זייא אויף צו פרעסין . . .) — דאס איז דער גאנצער זין פון דעם ליעד , באמת האט דער דיכטער דאס גיקאנט פאר שטעלין אין געשמאקערע פרעדמעטען , וואס פון זייא וואלט דער געדאנק העלער זיך ארוים געוויזין , נאר וייל דאס איז אבער געמאכט געווארין פאר קינדער , האט ער גענוצט אוים זיכין אזעלכע פרעדמעטען וואס דעם קינד איז דאס לייכט צו פאר שטעהן . —

,,נא ר' נחום ! גיפעהלט אייך דער פירוש ?'' ניט בעסער וויא דיא אלע פירושים וואס איהר האט שוין גיזעהן זייט איהר לעבט ? זאגט דעם אמת , אונ

ונגד

גרונד געשמיעסט, ברויכט מען גאר ניט דעם גאנצין חד גדיא, אפילו מיט אזא פירוש, גענוג פאר אונז וואס מיר דארפין זיכין פרושים אויף וואס ביא אונז איז באמת וויכטיג, ניט זוכין פרושים גאר אויף חד גדיא, חלעבען א פלאן, אז עס איז ניט דא וואס צו טאהן איז דאס אויך א געשעפט. —

נא עס איז שוין שפעט עס שלעפערט זיך שוין, אלזא ר׳ נחום, איהר קאנט זיך זאגין חד גדיא, אויב איהר זענט דערוויף אגרויסער זולל וסובא, איך וועל שוין דאס ניט זאגין כל זמן איך וועל לעבין, איך קאן זיך ניט נארישׁ מאכין וויא א קליין קינד, אדער וויא א משוגענער, ממה נפשך, בין איך א מענש, דארף איך זיין א מענש מיט שכל. —

„א גוטע נאכט ר׳ נחום!״ ר׳ נחום האט א זיפץ געטאהן און האט גאר ניט גיענטפערט, ער איז טאקי אויך אביסעל מבולבל געווארין, מיט וואס אב שלאגין דיא רייד, האט ער ניט געהאט בכח, און האט אין איין וועגם מורא געהאט מסכים זיין דער צו, אפשר איז דאס מעשה שטן א קראפט פון דער סטרא אחרא רחמנא ליצלן! —

דער עולם שלאפט זייער גישמאק, זייער רוהיג, יעדין זענין אבגעגאנגין דיא ביינער, א שפאס אז מע ווערט פטור אזוי פיל שמוטין? היינט פאר געכט ניט, אז זייא זענען שוין זיכער גיוועהן אז דיא ווייבער וועלין שוין צוויא טאג נאך אנאנדער קיין געלד ניט פאר לאנגען, זייא האבין זיך גיקענט פאר שלאפין אופין טאג, און נאך פאר זאמען דאס דאווענען, נאר איינער האט זיך אויף גיכאפט און אן גימאכט א טרעוואגע: „שטעהט אויף שכנים! עס איז שוין שפעט, מע האט שוין לאנג אין שוהל גערופין״ אלע שכנים ניט טויט ניט לעבענדיג האבין זיך אויף געכאפט, אנגעטאהן און מארש אין דיא בתי מדרשים.

דער גאנצער עולם האט אב גידאווענט יעדער אין זיין קלייזעל, אלע מיט איין מאהל האבין זיך אשיט געטאהן גלייך אין דער רויסער שוהל הערין דעם שטאדט חזן, (1 נא ב״ה דער חזן האט גיקאנטשעט דעם מוסף, און האט

שטארק

(1 איבער הויפט האבין זייא זייער חשק גיהאט צו הערין דעם נאייעם חזן זיין מן המצר אין טאטעריש, חלעבין עס איז טאקי גאר א מחיה צו הערין וויא אזא גוטער חזן בעט זיך אויף טאטעריש, פארנויטה חאטש אויף בעטלע־רעש „לא אמות איך וויל ניט שטארבין כי אחיה נאר לעבין״, און אין אמת איז דער שטאט חזן גיוועזן אין דער נגינה גאר א מזיק, דיא פסוקים: „עזי וזמרת יה ויהי לי לישועה, קול רנה וישועה באהלי צדיקים״ פלעגט ער מיט דיא קליינע זינגערליך, און מיט דעם פייפער גאר זינגען וואליבעש אזויא פריילין, אז עס האבין זיך כמעט גיהויבען ביא איטליכען דיא פיס צום

טאנצין

שטארק קונה שם געווען, דער גאנצער עולם איז ארויס פון דער שוהל העכסט צופרידן, אונזערע שכנים זענען שוין אויך ב״ה דא אין דער היים, מע האט זיך געזעצט צום טיש, און מע האט טאקי געגעסן א גוטן מיטאג, א שטיקעל פיש, א שיסעל יויך מיט מצה פארפיל, איך האב אייך מורא איבער שרעקן

מיט

---

טאנצן, ניט נאר ביי קעסט קינדער, נאר אפילו ביי בעטאגקטע בעלי בתים, אפילו ביי מערידאליקעס און יאדעשליווע, אדער דער פאר צום „לא אמות כי אחיה" האט מען געקאנט שטארבן אונטער זייגע הענד, אפילו דיא וואס האבן געהאט שטיינערנע הערצער, אשטייגער: בעזדעטניקעס, וואכערניקעס, זבארשטשיקעס, שוחטים, העקערס, בעלי טאקסעס, פלעגן אויך קלאגן אויף זייערע יאהרן וואס זייא זענען געבוירען געווארן, ער האט זיך געבעטן וויא ביי א גזלן אויף טאטעריש, געוואלד! „לא אמות, נאר כי אחיה" דער גאנצער קונסט זייגער איז געווען נאר דער מיט, אז ער פלעגט מיט זיין זינגעכץ כמעט אב טייטשען דאס ווארט, ער האט א פנים גוט כאר שטאנען פירוש המלות.

איבער הויפט זענען געווען אויף איהם דיא רעכטע מבינים, שניידער, שיסטער, און פועלים אפילו פון אנדערע מיני מלאכות, מחמת זייא זינגען שטענדיג ביי דער מלאכה, אייגער איז דארטן געווען א שניידער טאקי שוין א בעל הבית, איז ער געווען אגרויסער מבין אויף זינגען און ניט קיין גרויסער פראכבאק, ער איז געווארן א שטיקעל למדן, נאר וויל ער פלעגט שטענדיג געהן הערן מגידים, ער פלעגט שוין גאר אפט אונטער חאפן ביי דעם מגיד א פסוק, א שטיקעל אגדה, מיט איהם צו ריידען האט מען געמיינט אז ער איז א רעכטער יודע ספר, ער פלעגט זיך ניט רירען אהן א פסוק, אהן א ווערטיל פון דער גמרא, ער איז אמאהל געווען אויף א בן זכר, וויא מע האט געגעבן „ניסלעך", דער עולם קנאקט אויף וואס דיא וועלט שטייט, און ער זיצט און שווייגט, אט דא האט איהם איינער א פרעג געטאהן, „פאר וואס קנאקט איהר ניט קיין ניס ?" אויף דעם הא... ער תיכף אזאג געטאהן „אזנים לכותל" „נישטא קיין ציינער", ער האט זיך אמאהל מיט איינעם שטארק געקריגט און כמעט געשלאגן, האט ער צו איהם אזאג געטאהן מיט כעס „געה אוועק פון מיר, אז ניט, וועל איך דיך מאכן „תחת ושתי" (ער האט געמיינט „תחת חרב", אמאהל אום שבועות האט זייגער איין ארבייטאר׳ער געמאכט קידוש און האט געזאגט „זמן חרותינו" נוא האט ער איהם תיכף אב געלאזט א פאר פעטש, און האט צו איהם אזויא געזאגט: „דוא עם הארץ! מילא פסח זאגט מען „זמן חרותנו" איז דאס נאך סיאך טאק, מע עסט דאך פארט „חרוסת" אבער וואס איז היינט פאר א חרותינו אויף דיין קאפ ? —

מיט

מיט דער בשורה טובה, מע האט געמאכט קניידליך אויך פון איין איי, איין פלאמען צימעס מיט קארטאפעל איז אויך געוועהן, אט זעהט איהר דאס איז שוין

---

אט דער איינענער ליטעראט פלעגט שטענדיג זאגין מבינות אויף דעם חזן, ער האט אמאהל דער צעהלט אין א געזעלענשאפט, וויא ער האט דעם דאווינען חזן אמאהל געהערט דאווינען אים ראש השנה, האט ער פון זיין זינגעכץ פאר שטאנען דעם פשט פון יעדען ווארט, למשל: ער האט אגשריא געטאהן „עוז בידך” האט מען ממש געזעהן וויא ער האט געהאלטין א ציג אין דער האנד, ער האט געזאגט צו כל נדרי דעם „ונסלח” האט מען פשוט געזעהן וויא שלוחים פליהען ארום אין אלע ווינקעליך פון דער שוהל.

יעצט אים פסח, אז דער גאנצער עולם איז אן געקומען אין שוהל אונ מע האט פארזאמט הלל, איז אוודאי געבאך דיא בית המדרש לייט ניט גוט געווארין אופן הארצין, זייא האבין שטארק מקנא געוועזן דיא שוהל מענשין וואס זייא האבין טאקי געהאט איין עונג יום טוב צו הערין דעם הלל, האבין זייא אן געהויבען פאנאנדער פרעגין דיא בעלי מלאכות, נאר ווער וועט האבין איין העזה צו זאגין א ווארט, אז עס געפינט זיך דער גרויסער שטאט מבין? האבין זיך אלע אקעהר געטאהן צו איהם, וואס זאגט איהר צום היינטיגען הלל? איהר זעגט דאך יוא א מבין? „וואס זאל איך אייך זאגין?” האט ער געענטפערט, איך הער דאך שוין דעם אלטין חזן ב״ה מער וויא 20 יאהר, ער האט דאך שוין געזאגט הלל אויף אלע אופנים, איך האב אים שוין אמאהל געהערט זאגין מן המצר גאר פראסטע יודיש, מיינט איהר איז דאס ניט געוועזן וויא געבוירען, ער איז אויך א קינסטלער, נאר וויא דער האט היינט געזאגט איז דאס נאך ממש ניט געהערט געווארין, איך ווייס ניט צו דער בעל ההלל אליין, דער גוטער יאהר ווייסט איהם ווער ער איז געוועזן, נאר מן הסתם האט ער דאך אוודאי געקאנט גוט זינגען, וויא דען? ער האט גלאט געזאגט דיא ווערטער? וואס פאר א פנים האט דאס געקאנט האבין? איהר פיהלט עפים א טעם אים ראש חודש אז עס שטעלט זיך אנידער גלאט א יוד פון אגאנץ יאהר אונ זאגט הלל? פון דעסטוועגין קאן איך אייך זאגין אז דער בעל הלל אליין האט בעסער געוויס ניט געזאגט, וויא דער חזן היינט. —

בקיצור, וואס זאל איך אייך דא שטארק מאריך זיין, איהר וועט מיר אפשר ניט גלייבען, נאר מה לי הבא מה לי התם (ער האט געמיינט מה לי לשקר) וואס איז? עס שטעהט מיר אוודאי דער פון א בעל הבית צו ווערין? ער האט אזאג געטאהן אויף טאטעריש „כי אמילם” הערט איהר! איך זאל אזויא נחת האבין, איהר אונ אלע יודען, אז מע זאל טאקי עפים זעהן פיל ישועות אונ נחמות, מיט איין ווארט, עס זאל טאקי אין גיכען זיין תוהו ובוהו

וויא

שוין טאקי לייטין גלייך, מע האט אביסעל געשמועסט באם טיש, געזאגט מבינות מכח דעם חזן, אונ מע האט זיך אביסעל צו געלייגט שלאפין.

נאך

---

וויא מע האט טאקי ממש גיזעהן בחוש, א פערדס מיהעל, אדער א ווינדס מיהעל מיט אלע פישטשעווקים, א שאד וואס איהר האט היינטיגען הלל ניט גיהערט, איהר וואלט הנאה גיהאט וואס הנאה הייסט. —

איך האב זייער פארגעניגען גיהאט צו הערין דיא לעצטע פסוקים וואס מע זאגט זייא צווייא מאהל, ער האט גיארבייט אין טאקט, אלע משוררים זענין גיגאנגין נאכען טאק, דער באס איז גיפלויגין מיט זיין בערישען טאהגן אין מיטין, ער האט גיוויזען שרעקליכע קונצען געמישטע האלבע טאנען מיט פערטיל, אריין פון דייטש קיין וואלעכיש, אונ בחזרה גאר אין קאזאטשקע גיזאנג, דער חזן האט זיך אריין גיהאפט אלע מאהל מיט א רעכט ביסעל טרעליכליך, אונ גישמאק גיפלויגין דא ארויף דא אראפ, אמאהל זיך פארשלאגין אין איין קוויטש גאנץ טיף, אז איך האב גימיינט אז ער וועט ח״ו גאר דער שטיקט ווערין, אבער ער איז פון דעם קוויטש ארויס מיט א גאנצע חאלייאסטערע טרעלען, אז מע איז כמעט טויב גיווארין פון דעם טרעלעבייא, אלע זענין ארויס פון דיא כלים, מילא וואס זאל איך אייך מאריך זיין? בקיצור איך בין דאך שוין ב״ה ניט קיין יונגער מאן, איך האב שוין אין מיין לעבין איבער גיהערט אלע וועלט חזנים, וואס האבין גערידערט גאנץ ליטא, אשטייגער: קאשטאן, גאטס וואונדער, קאנאריק, פאסטערנאק, קלאג מיטער, שקודער, פידעלע, דראנג, דאס בעל הבעסיל, זאג איך אייך אז דיא אלע חזנים ליגען אין איהם אליין. —

בקיצור, מע האט זיך שטארק פארטיעפט אין חכמת המוזיקע מיט דעם שניידער ביז דער חזן האט אן גיפאנגען מוסף, נא אין אבות האט ער אין אמת גיוויזען קונצען איבער קונצען, ער האט שטארק גערודערט מיטין בייא קול, געניצט אביסעל דאס פידעל קול, אלע משוררים האבין נעבאך גיהארעוועט וויא אין טאטשקעס, גישוויצט, גיפייפט, געברימט, גיהאפט אין טאקט, אונ דער חזן פליהט דורך אין דעם רעש וויא א רוח, אפט אונ אפט מיט א ווארט, נא ב״ה מע האלט שוין בייא „נעריצך“ דא איז ארויס דער טעהנאר וויא איין אקטאר מיט א שטעהלע אין איטאליעניש, „כבודו מלא עולם“ האט ער גיזאגט מיט געמישטע טאהנען, אביכעל אונטער דער נאז אין קוויטש אריין, אונ פאר קראכין ניט ווייט אין בייא קול, נאר אין דעם ווארט „איה“ האט ער גילייגט דיא גאנצע כוחות, גיארבייט מיינע שונאים מיט דער גאל, א גוט פערטיל שעה איז ער ארום גיפלויגין מיטין האלז ביז ער האט זיך אליין קוים דער שלאגין צום ווארט „איה“ אונ האט איהם פליצלונג ארויס

נאך דעם שלאף איז דער גאנצער עולם געגאנגען אין גרויסן בית המדרש, הערן דעם שטאדט מגיד, וויא ער זאגט ווייטער שיר השירים, ער האט שוין געהאלטן אין דער לעצטער פרשה פסוק ח׳, דאס הייסט: „אחות לנו קטנה ושדים אין לה״ אין בית המדרש איז זעהר פיל אן געפאקט מענשן פון כל האסארטען, מע שוויצט גאר גישמאק, דער ריח איז אויך זעהר איינגעגעהסע נא מאך בעסער, מע מוז הערן דעם מגיד! —

---

גיווארפן פון דעם מויל — „ממקומו הוא יפן ברחמים״ האט ער גיזאגט גאר אין בעטלעריש אז עס איז אזש אריבער א קעלט איבערן לייב, פאר „שמע ישראל״ האט דער באס גימאכט א שטעהל אין יודיש, און דער חזן טוז נאך איהם און האט גישריגען „שמע ישראל״ אז דיא פענסטער האבן גיציטערט, דיא העגגלייכטערס האבן זיך אזש גישאקילט. —

אין שוהל איז דער וויל איין ענגשאפט אז גאט זאל זיך מרחם זיין, איינער דעם אנדערן קוועטשט ארויס דיא נשמה, דיא העמדער זענען גיוועזן אויס צו דרייען, עס איז שוין נאך איינס דער זייגער, קיינער האט נאך אינ׳ס מויל נישט גיהאט, א יוא איין עונג יום טוב? וויא גיפעלט אייך איין השגה פון אונזערע ליטוואקעס! שוויטצען און דארען אים יום טוב ביז צוויא דעם זייגער? אפילו נאך דער נעכטיגער וועטשערע קאן מען שוין אביסיל ווארטן, איך האב פיינד צו זאגן, מע האט זיך טאקי גוט אונטער גיפאקט, חלעבין אגאנץ איי, וואס לויט דער גמרא איז מען דער מיט יוצא וויא מיט א פערטיל פונט פלייש, און א שיסעל זודיגע וואסער מיט מצה פארפיל, היינט פאר געסט ניט טאקי דיא דרייא זתים מצה אליין, דיא המוציא, דער כורך און דער אפיקומן, נאר גלאט לכבוד יום טוב האט מען שוין גימעגט עפעס פאר זובען, נאר אויך דיא אייגענע מעשה, דעם אנדערן איז גוט צו זאגן, וויא ווארפט מען אוועק אין מיטן און ניט הערן דעם „ומפני חטאינו?״ מע איז טאקי פאר שוויטצט גיווארן נאך א גוטע שעה, עס איז אבער כדאי גיוועזן, דער חזן האט אשיט גיטאהן מיט טרעלען פינ׳ם האלי דעם „חטאינו״ האט זיך ממש געשיט חטאים וויא פון אזאק, דער נאך אז ער האט אגישריא גיטאהן „גלינו מארצנו״ האט מען טאקי ממש גיהערט וויא ער זאגט פינ׳ם הארצין ארויס, און עס איז געבאך אמת, דאס קול האט מען אוודאי גיקאנט הערן פון דאנען ביז אויסלאנד, דער גאנצער עולם האט זיך צו חליפעט אופן קול אזויא וויא אים יום כפור.

# 13.

## דער דרוש פון דעם קליינעם שוועסטעריל.

דער מגיד איז שוין ווייטער אויף דער בימה, און דווקא מיטין אחור צום ארון קודש, און נאך א ביכעל הבנה, פתח את פיו, האט ער געעפינט זיין מויל און האט אזוי גיזאגט, איך בעט דעם עולם, עס זאל זיין שטיל, איך וויל אייך זאגין א גאנץ טיפין דרוש, עס וועט זיין וואס צו הערין. —

שלמה המלך דער צעהלט אונז אין שיר השירים, אז מיר האבין א קליין שוועסטעריל, און זיא האט ניט קיין שדים, און דערום פרעגט ער אונז, וואס וועט מען מיט איהר מאכין אז מע וועט קומען ריידין איהר א שידוך?

נא ברידער! וויא געפעהלט אייך א שמועס פון אזוינעם וואס ער איז גיוועהן קליגער פון אלע מענשין? וואס הייסט עס? דאס שוועסטעריל איז דאך נאך א קליינס, נא בעדארף זיא דאך נאך גאר ניט האבין קיין שדים? און נאך וואס זאל מען שוין זארגין וועגין א שידוך! אז זיא וועט גרעסער ווערין, איז צו גאט איין האפענונג אז זיא וועט מן הסתם זיין מיט אלע יודעשע טעכטער גלייך? און ווידער איז א פליאה, ווער איז דאס קליינע שוועסטעריל, וואס מע דארף פאר איהר זארגין? פון וועמען רעדט מען דא! הייגט לאמיר זעהן, וואס ער זאגט ווייטער „אם חומה היא" איז דאס שוועסטעריל א מויער „נבנה עליה טירת כסף" לאמיר אויף איהר בויען א זילבערנעם פאלאץ, „ואם דלת היא" איז זיא א טיהר, „נצור עליה לוח ארז" לאמיר זיא בעלעגערין מיט א ברעט פון צעדער האלץ. — נא פרעג איך אייך, האט דאס עפעס א טעם אדער א ריח? נאך א מאהל אויב א קליין שוועסטעריל איז א מויער, וויא איז דאס א שוועסטעריל א מויער? נאר לאמיר שוין רעכינען אז דאס שוועסטעריל איז א מויער, מילא וואס זשע? זאל מען אויף איהר בויען א זילבערנעם פאלאץ? וואס זשע וועט זיין דער פון? און אויב זיא איז א טיהר, זאל מען אויף איהר אנידער לייגין א ברעט, און דווקא פון צעדער האלץ, נא אז דאס שוועסטעריל וועט שוין אים געהן מיט א ברעט, וועט שוין דאס זיין א מעלה צו איין שידוך? חאטש זיא האט ניט קיין שדים. —

דער כלל ברידער! דיא פרשה איז דיא שווייערסטע אין גאנץ שיר השירים, געניג פענעם זענין צו בראכין געווארין, געניג טינט איז פאר גאסין געווארין, אויף דיא שווייערע פסוקים, אט דא האב איך א נקמה אויף דיא פשטנים, זייא זאגין שטענדיג, אז מיט פשט אליין קאן מען דורך געהן גאנץ תנ"ך, און ברענגין דער צו א שטארקע ראיה, וואס איז? דיא גמרא זאגט „אין המקרא יוצא מידי פשוטו" דאס הייסט: דיא מענטש זיך זאגין דרשות וויא פיל דוא ווילסט, אבער דער פסוק וועט פון זיין פשט ניט ארויס בשום אופן,

לאזין

לאזין זייא אדרבה וויזין זייער קונץ בייא דעם פסוק, לאזין זייא איהם ערקלערין על פי פשט, נאר מיינט ניט אז איך האב שוין אלע קשיות אויס גיפרעגט, ניין! אט הערט נאר גיט צו דוא תשובה פון שלמה המלך, אויף דער שאלה „מה נעשה לאחותינו ביום שידבר בה?“ דאס הייסט: וואס וועלין מיר טאהן מיט אונזער שוועסטער, אז מע וועט איהר ריידין א שידוך? „אני חומה ושדי כמגדלות“ איך בין א מויער אונ מיינע שדים איז וויא טורמעס, נא וויא גיפעהלט דאס אייך? פארהער האט ער דאך גיזאגט אז זיא האט גאר ניט קיין שדים, אין צום סוף לאזט זיך אויס, אז זיא האט שוין גאר גרויסע שדים וויא טורמעס? אונ אויב עס איז יא אזוי, נא וואס זשע איז דא גיוועהן דיא שאלה, וואס מע וועט טאהן אז מע וועט איהר ריידין א שידוך? (דאכט מיר אזא כלה... מעג גאט בענשין אלע יודעשע קינדער), היינט הערט דעם סוף „אז“ דערמעלט (ווען דערמעלט?) „הייתי בעיניו“ בין איך גיוועהן אין זיינע אויגין (אין וועמעס אויגין?) „כמוצאת שלום“ אזוי וויא דיא וואס גיפינט פרידען, — איך זאג אייך דעם אמת, אז איך האב ניט אזוי פיל האר אין מיין קאפ, וויא פיל פירושים איך האב שוין גיזעהן אין מיין לעבין אויף דיא פסוקים, — וואס פארט מיינט איהר איז שוין ניט גיוועהן דאס קליינע שוועסטעריל בייא דיא מפרשים אין דיא הענד? „דער פסל מיכה, דיא עשרת השבטים, דער בית שני, דיא תורה שבעל פה, דער ריש גלותא, דיא שומרונים מיט זייער בית המקדש אויפין הר גריזים, דער בית חוניו אין אלכסנדריא של מצרים“, אנדערע זאגין אז דאס קליינע שוועסטעריל זענען גאר דיא קראימעס, וואס האבין ניט קיין שדים, דאס הייסט: זייא האבין ניט דיא תורה שבעל פה? אנדערע זאגין אז דער פסוק געהט אויף אזעליכע חכמים וואס זענען אהן תורה, מחמת עס שטעהט „אמור לחכמה אחותי את“ זאג דער חכמה: דיא ביסט מיין שוועסטער, אונ דיא חכמה אליין אהן תורה, איז זיא גלייך טאקי וויא אהן שדים.

נאר דיא אלע פירושים זענין נאך אלץ ניט גענוג רעכט צו מאכין דעם פסוק, וועט רעדט שוין פון דיא פשטנים, מיט זייא קאן מען גאר גישט מאכין, א פשטן זאגט, אז שיר השירים איז גאר פשוט, דא שמועסען א חתן מיט א כלה, ער ריהמט זיא, אונ זיא איהם, אי נאך וואס זאגט מען דאס אלע ערב שבת פאר נאכט? אונ ניט נאר יונגליך אדער איידעמס, טאקי יוסטע בעלי בתים, אונ פירושים פון טיף זאמעט אויך, וויא פאסט דאס פאר זייא נאך זינגען מיט טראפ א ליבע, אונ קומען דורך דעם צו א הרהור ח״ו? דאס ארט דעם פשטן גאר ניט, פון זיינעט וועגין איז רעכט, אז מע זאל טאקי ניט זאגין, אונ ניט לייענען שיר השירים פסח אויך, — נא הא איז ער גערעכט? אדרבה זאל ער זיין א בריה אונ מפרש זיין אין פשט דאס קליינע שוועסטעריל? —

האטש א חיץ דעם איז גאר אונמעגליך אז דער היילינער שלמה המלך זאל גלאט מאכין א שיר פון א חתן מיט א כלה? טאקי א טיפער ענין פאר אזא

חכם וויא ער ע"ה איז גיוועזין, א שפאס שלמה המלך! געוואלד גישריגין, ער וועט זיך נאריש מאכין מיט אזוינע זאכין? —

דיא פשטנים האבין נאך א העזה, אויף דעם צו ענטפערין, וואס אין פסוק שטעהט אויף שלמה'ן אז ווייבער האבין איהם אראפ גיפיהרט פינ'ם דרך הישר, בכן פאסט שוין פאר איהם מאכין א שיר פון ליבע אויך? נײן, דיא גמרא זאגט אונז אין דער מסכתא שבת „כל האומר שלמה חטא, אינו אלא טועה" דער וואס זאגט אז שלמה האט גיזינדיגט האט א טעות, זיין גאנצער חטא איז מעהר ניט גיוועהן, נאר וואס ער האט ניט גישטערט זיינע ווייבער פון עבודה זרה דינען, אבער ער אליין, האט געוויס ח"ו ניט אבגעטרעטין פון גאטעס וועג.

דער כלל איז, פשטות קאן טאקי א מענשין פאר פיהרין אינ'ם תהום אריין, ווארום נאך דעם גאנג פון פשטות וואלטין מיר געדארפט דענקין, אז דוד המלך איז דאך געוויס גיוועהן א שטארקער חוטא, (אונ דאס פאסט גאר ניט פאר איהם וואס האט שטענדיג גיזאגט תהלים), דיא קינדער פון עלי הכהן חוטאים ופושעים, אונ וויא? נאך אין משכן, דיא קינדער פון שמואל הנביא זענין גאר גיוועהן פראסטע חאבארניקעס, חלילה א גוטער תכלית פאר אונזערע קדמונים? (אזא יאהר זאל זיין מיינע שונאים, וואס פאר א חן דאס האט).

אבער דיא הייליגע גמרא פאר זאגט אונז גאנץ שטרענג, אז מיר זאלין דאס גאר ניט קלעהרין, מיר טאהרין דאס ניט לערנען פשוט, דעריבער קאן מען זיכער זיין, אז שיר השירים איז אויך ניט וויא דיא פשטנים זאגין.

— נאר אין דעם איז פאר האנדין א טיפער נמשל, אונ וויל דער נמשל ליגט טיף פאר שטעקט אין א משל פון א ליבע, דערים זענען דא אזוי פיל בעלנים צו טרעפין דעם נמשל, מע זאל וועלין אב דרוקין א שיר השירים מיט אלע מפרשים, וואלטין אפשר א פאר אקסין ניט גיקענט דאס דירין פינ'ם ארט, נאר דאס זעהט איהר איז יא ריכטיג, אז איידער מע ווייסט נאך דעם נמשל, מוז דאך דער וויל דער משל האבין א פשט, אט דעריבער זענען דיא פסוקים פון דעם שוועסטעריל זייער שוועהר זייא האבין גאר אין משל קיין שום פשט ניט, נא וויא קאנמען זיכין דעם נמשל, אז מע פאר שטעהט גאר דעם משל ניט? —

ליבע לעזער! דער מגיד איז א פנים צו דיא אלע מעלות נאך א שטיקעל שווינדלער אויך, ער האט מיט א כוונה אזוי פיל מאריך גיוועהן אין זייטיגע רייד, כדי דער וייל זאל שוין ווערין שפעט, אונ מע זאל דארפין דאווענען מנחה, ער האט טאקי זיינס אויס געפיהרט, עס איז שפעט גיווארין, אונ נאך איידער ער איז גיקומען צום פסוק, האט ער א ק"ש גיגעבין דאס פרוכת, אונ דער דרוש איז שוין גיקאנטשעט גיווארין, אז דער פירוש אויף דעם שוועס-

טעריל

טֶערִיל ? אָהְן סַכָּנָה, וִויא הָאט מֶען בִּיז יֶעצְט גִילֶעבְּט אָהְן אַ פֵּירוּשׁ ? חָלֶעבֶּען ! מֶע וֶועט אֶפְשַׁר נִיט קָאנֶען עֶסִין אַ גַאנְץ יָאהְר קְרוּפְּנִיק מִיט נִישְׁט, אַז מֶע וֶועט נִיט ווִיסִין דִיא מַעֲשֶׂה מִיט דֶעם קְלֵיינֶעם שְׁוֶועסְטֶערִיל ? דֶער עוֹלָם הָאט דָאס אֲפִילוּ אִיהְם גָאר נִיט פִּירְגֶעהַאלְטִין, פוּן אַ יְרִיד הָאט עֶר זַייא נִיט אַרָאפּ גִיפִיהְרְט, אַ דַאֲגָה, אַבִּי פַאר בְּרַאכְט אַ גַאנְצֶען טָאג אִין עֶנְגְשַׁאפְט, גוּט אִיבֶּער גִישְׁווִיצְט.

אִין אֱמֶת גִישְׁמוּעֶסְט, וֶוען נִיט דֶער מַגִיד, וָואס דֶען וָואלְט מֶען גִיטָאהְן ? אַגַאנְצֶען טָאג שַׁבָּת יוֹם טוֹב, גְלַאט זִיצִין אוּנ גֶענֶעצֶען ? אִיז נָאךְ עֶרְגֶער. קֵיין מִלְחָמוֹת הֶערְט זִיךְ שׁוֹין אוֹיךְ נִיט, נָא פוּן וָואס רֶעדְט מֶען ? אָט הָאט דֶער מַגִיד אַ בִּיסֶעל גֶעפְּלָאנְטֶעט מִיט דֶער צִינְג, דֶער כְּלַל אִיז ! מֶע לֶעבְּט אִין לִיטָא אַ גַאנְץ יָאהְר וִויא דִיא פִּירְשְׁטֶען מִיט כָּל טוֹב, אוּנ אַזוֹי אוֹיךְ אוּם יוֹם טוֹב דָאס גַאנְצֶע פַאר גֶענִיגֶען אִין דֶער לִיטָא, אִיז נָאר דֶער חַזָן מִיט זַיין טָאטֶערְשֶׁען מִן הַמֵיצַר אוּנ דֶער מַגִיד.

מֶע הָאט אָבּ גֶעדַאוְוינְט מִנְחָה, דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אוֹיף גֶענוּמֶען אִין רֶעדְלִיךְ, אוּנ מֶע הָאט גֶעשְׁמוּעֶסְט אִיבֶּער ווִיכְטִיגֶע עִנְיָנִים, אִיהְר מֶעגְט אַוַדַאי מֵיינֶען וֶועגִין חִנוּךְ נְעָרִים, אַ רֶעמֶעסְלִינֶע שׁוּהְלֶע, וֶועגִין גוּטֶע פָּארַאדְקֶעס אִין שְׁטָאדְט זַאכִין ? פֶּע חָלִילָה ! וָואס פֶּעהְלְט דֶען דִיא אַלְטֶע מִנְהָגִים אוּנ פָּארַאדְקֶעס ? יֶעדֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט שׁוֹין ב״ה אַ פְּרִישִׁין מְלַמֵד פַאר זַיינֶע קִינְדֶער נָאךְ כִּמְעַט פוּן חֲנוּכָּה אָן בֶּעשְׁטֶעלְט, דֶער מַגִיד וֶועט תֵּיכֶף נָאךְ פֶּסַח אָנְהוֹיבִּין זָאגִין „רוּת״, עֶס וֶועט זַיין מִן הַסְתָּם וָואס צוּ הֶערִין, עֶר וֶועט זִיךְ נוֹקֵם זַיין אָן דֶער מוֹאָבִית „עָרְפָּה״ מִיט אַ שְׁטַייגֶער, עֶר וֶועט פוּן אִיהְר דִיא הוֹיט אַרָאפּ צִיהֶען, פַאר וָואס זִיא הָאט זִיךְ נִיט מְגַייר גִיוֶועהְן, עֶס וָואלְט טַאקִי דֶערְמֶעלְט אַ סַאךְ פְרֵייהְלִיכֶער גִיוֶועהְן, מֶע וָואלְט טַאקִי דֶעם עֶרְשְׁטִין טָאג שָׁבוּעוֹת גֶעלֵייעֶנְט „רוּת״ אוּנ דֶעם אַנְדֶערִין טָאג „עָרְפָּה״ — אוּנ ווִידֶער וִויא וֶועט זִיךְ נִיט מַאכִין עֶפֶּעס אַ פָּאר רֶעכְטֶע הֶסְפֵּדִים חָלֶעבֶּען וֶועט מֶען זִיךְ קָאנֶען אַ בִּיסֶעל אוֹיס ווֵיינֶען דָאס הַארְץ, — דֶער חַזָן וֶועט אֶפְשַׁר מַאכִין אַ פְּרִישִׁין „מִן הַמֵיצַר״, אוּנ אַ נַאייֶע׳ם „מִפְּנֵי חֲטָאֵינוּ״ אַוַודַאי — עֶסִין וֶועט אֲפִילוּ נִיט זַיין וָואס, נָאר וָואס אִיז דָא דִיא דַאֲגָה ? זוּמֶערְלֶעבּ, אִיז גָאר נִיט אַזוֹי ווִיכְטִיג דָאס עֶסֶען, דִיא לוּפְט אַלֵיין אִיז מְחַיֶה נְפָשׁוֹת, וַוייטֶער הוֹיבְּט זִיךְ אָן אַ יוּנְג צִיבֶּעלֶקֶעלֶע אַ רֶעטִיכֶעל, אַ שְׁוַוארְצֶע יַאגֶדֶע, נִישְׁקְשָׁה, מֶע קֶען שׁוֹין ווִיא עֶס אִיז אִיבֶּער שְׁטִיפִּין דֶעם טָאג, דֶערִיבֶּער הָאט דֶער עוֹלָם פוּן דִיא זַאכִין גָאר נִיט גִיהַאט וָואס צוּ רֵיידִין, עֶס אִיז אַלֶעס אִין אָרְדֶענוּנְג, וָואס דֶען ? מֶע הָאט זִיךְ גְלַאט גֶעשְׁמוּעֶסְט אַ בִּיסֶעל אִין הוֹיכֶע עִנְיָנִים, אַנְדֶערֶע וֶועגִין דִיא חַזָנִים, גִיזָאגְט כְּבִינוֹת, גִישְׁפַּארְט זִיךְ, אַ בִּיסֶעל גֶעקְרִיגְק זִיךְ אוֹיךְ, אַנְדֶערֶע פִּינֶ׳ם מַגִיד, דִיא לוֹמְדִים כְּכֹחַ דֶער תּוֹרָה וָואס דֶער רַב הָאט גִיזָאגְט אִין דֶער פְּרִיה, דֶער פְּרָאסְטֶער עוֹלָם כְּכֹחַ דִיא ווִיבֶּערֶעס וָואס מֶע וֶועט מַאכִין אוּם חוֹל הַמוֹעֵד אִין

דיא

דיא חברות: הדלקת הנר, שומרים לבוקר, מגידי תהלים, חברה קטנה, דער כלל איז, עס האט גיקאכט אין גאנצין בית המדרש, אלע האבין גישמועסט, גילאכט, גיזידעלט זיך, גיזאגט וויצין און שטעכווערטליך, פאר וואס ניט? עס איז פארט גוט אופין הארצין, עסען און טרינקען איז ב״ה דא לרוב, מארגין וועט דער חזן ווייטער אב געבין קאנצערט, דער מגיד וועט געווים מארגין קאנטשען מיט דעם קליינעם שוועסטעריל, אין דער הים, פון דיא עופות איז מען שוין ב״ה אויך גוט פטור גיווארין, אזא יאהר אויף וועמען איך ווייס... חלעבען גאר א מחיה, נא דארף מען עפעס זארגין? —

נא ליבע לעזער! לאמיר לאזין דעם עולם פאר געניגין האבין, פון זייערע שטותים, און מיר זאלין זיך בעסער פאר קלויבין אונטערין אויווען, אפשר וועלין מיר נאך אמאהל דארטין טרעפין יענע צווייא מענשין מיט דעם אפיקורס, דארטין וועלין מיר פארט אפשר הערין עפעס א וויכטיגין שמועס, דער עולם זאגט א ווערטיל: בעסער מיט א קליגין צו פארלירין, איידער מיט א נאר צו געווינען, אט א קליגער זאגט פארט עפעס א דבר חכמה, לאמיר געהן זייא מוזין געווים דארטין זיצין, חלעבען טאקי גיטראפין, גוט! גוט! —

# 14.

## נאך א מאהל א שמועס אונטער דעם אויוועז.

דיא ערשטע צווייא, און אונזער שכן ר׳ חיים, האבין צו גיריפין דעם אפיקורס, און האבין צו איהם גיזאגט מיט דרך ארץ: זייט אזוי גיט, זעצט זיך א ביסעל לעבין אונז, אט לאמיר א ביסעל טאקי פאר ברענגין, עס איז ממילא יום טוב, מיר האבין אייך גיוואלט פרעגין מכח דיא שווערע פסוקים, וואס דער מגיד האט דא גיטאלקעווייט א גאנצע טאג, און איז גיבליבין בייא גאר גישט, איהר זייט דאך יא א בריה אין תנ״ך נאר על פי פשט, וואס קאן דא אין אמת׳ן זיין דיא מעשה מיט דער „אחות לנו קטנה ושדים אין לה?״ עס האט דאך טאקי גאר קיין פשט ניט? —

„אויב איהר ווילט וויסין און פאר שטעהן דעם ענין דער פון״, האט ער זייא גיענפערט, מוז איך אייך פאר הער געבין א בעגריף פון דעם גאנצין שיר השירים, נאר לייגט צו דעם מוח, וועט איהר דאכט מיר מודה זיין אז איך בין גערעכט, איך ווייס אפילו, אז איהר וועט זיך שטעלין דו באם, מחמת איהר האט דער פון גאר אנאנדער בעגריף פון קינדוויים אן, נאר עס מאכט ניט

אוים, יעדער מענש האט דאך שכל, מוז מען דאך פארט פאר שטעהן וואס גליך אונ אמת איז. —

איהר זאלט וויסען אז דער גאנצער ענין פון מאן אונ ווייב, וואס אין דעם בעשטייט דער גאנצער קיום המין, אונ דאס גאנצע גליק פון דעם מענשין׳ס לעבין, אונ וואס דיא היילינע תורה האט זיך אוים גידריקט „והיו לבשר אחד” דאס הייסט: מאן אונ ווייב זאלין זיין וויא איין גוף, איז דאס ביא אונז גאר פאר דארבין גיווארין, ביא אונז איז דאס דווקא ניט וויא „בשר אחד”, נאר צוויא פארשידענע נפשות, איינער פון דעם אנדערין א מרחק רב, ביא אונז האט מאן אונ ווייב גאר א פנים וויא א שותפות, צוויא מענשין אז זיא מאכין שותפות אין איין עסק, איז דאך ניט דער פאר וואס איינער האט באמת ליב גיקריגען דעם אנדערין, וואס דען? נאר וויל יעדערער בעזינדער קאן דאס גישעפט אליין ניט הויבען, דארום מוז ער צו נעמין נאך איינעם, אונ דורך דעם וועט מען קאנען דאס גישעפט מאכין, דעריבער אויב דאס גישעפט געהט ניט גוט, ווערט צווישען דיא שותפים גרויסע מחלוקת, אונ עס געהט אזויא ווייט ביז דאס שותפות ווערט צו ריסען אונ דיא שותפים ווערין איינער דעם אנדערין שונאים גמורים אופן לעבין, אט אזויא מוז זיך אוים לאזין איין אהבה וואס זיא איז תלויה בדבר, דאס הייסט: אז יעדער איז נאר אינטערעסירט מכח זיין טובה, ער מיינט ניט יענעם נאר זיך אליין.

נא ביא אונז איז דאך דער קשר פון מאן אונ ווייב, ניט וויל איינער האט געקריגען איין אהבה צום אנדערין, ווארום זייא האבין זיך גאר ניט גיקאנט פארהער, נאר וואס דען איז דא גיווארין א קשר פון א זכר מיט דער נקבה? גלאט, דער זכר קאן דאך אליין ניט עקסעסטירען אויף דער וועלט, אונ דעסטוועגליכען דיא נקבה אויך, נא האט איינער א שדכן אב גישלאכין א שידוך, (אשמייגער וויא א מעקלער שליסט אב א שותפות), ער האט אביסיל געלד אונ זיא האט אויך אביסיל, ער וועט פארדינען, זיא וועט עוסק זיין אין שטוב זאכין, זייא ביידע וועלין דאך קאנין דער לעבין קינדער, נא מהיכא תיתי ניט קיין קרים שותפות, אבער א חוץ דעם אינטערעס, האט איינער צום אנדערין גאר קיין שום ליבע גיפיהל ניט, ווען איינעם פון זייא וואלט זיך גימאכט א בעסער שותפות מיט בעסערע אופנים מיט מעהר געלד, וואלט ער אוודאי גימאכט יענס שותפות אונ נישט דיזעס, ווארום ער למשל האט דאך ניט דווקא ליב נאר דיא פרויא אונ ניט קיין אנדערע.

— דעריבער אויב דאס עסק צווישין דיא שותפים געהט ניט וויא צום בעסטין, איז דאך טאג אונ נאכט קולות אונ קללות, איינער דעם אנדערין וואלט געריין גישאכטין, אמאהל געהט דאס אזויא ווייט ביז עס ווערט גאר א פירוד, אונ דאס שותפות ווערט בטל ומבוטל.

אבער

אָבֶּער דָאס מוּזְט אִיהר דָאךְ מוֹדֶה זַיין , אַז נִיט דֶער שֵׂכֶל אוּנ נִיט דִיא תּוֹרָה זֶענֶען מַסְכִּים אוֹיף אַזַא לֶעבֶּענְסְאַרְט , נִיט אוּמְזִיסְט רֶעדְט שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אִין מִשְׁלֵי , אַזוֹיא פִיל פוּן דֶער „אִשָּׁה רָעָה" , פוּן דֶער „אֵשֶׁת מְדָנִים" , דָאס אִיז טַאקִי דָאס גְרֶעסְטֶע אוּנְגְלִיק אוֹיף דֶער וֶועלְט , שְׁלֹמֹה הַמֶּלֶךְ אַ חוּץ זַיין חָכְמָה אִיז עֶר נָאךְ זֶעהְר פְּרַאקְטִישׁ גִיוֶועזֶען , עֶר הָאט גִיקָאנְט דֶעם קַארַאקְטֶער פוּן דִיא ווַייבֶּער , אוּנ ווַייל עֶר הָאט גִיהַאט אַלֵיין טוֹיזֶענְד ווַייבֶּער , דַארוּם הָאט עֶר גִיזָאגְט „אָדָם אֶחָד מֵאֶלֶף מָצָאתִי , וְאִשָּׁה בְּכָל אֵלֶּה (עֶס הֵייסְט אִין מַיינֶע טוֹיזֶענְד) לֹא מָצָאתִי" עֶר הָאט גוּט בֶּעמֶערְקְט , אַז כִּמְעַט נִיט אֵיינֶע אִיז אִיהְם פַאר בּוּנְדֶען אוֹיס וַואהְרֶע לִיבֶּע , עֶס הֵייסְט , זִיא זָאל אִיהְם לִיבּ הָאבִּין אָהְן אַ שׁוּם אִינְטֶערֶעס , נָאר וָואס דֶען ? דִיא צוּ לִיבּ זַיין עֲשִׁירוּת , דִיא צוּ לִיבּ כָּבוֹד , זַיין אַזוֹיא אַ בֶּערִיהְמְטֶען קֶענִיג'ס פְּרוֹיא , אָבֶּער זַייא זָאלִין אִיהְם אַלֵיין לִיבּ הָאבִּין , נִיט זַיין אָבְּסְטַאנַאוֶוקֶע דָאס הָאט עֶר נִיט אַיינְגֶעזֶעהְן אֲפִילוּ בַּייא אֵיינֶער פוּן דִיא אַלֶע טוֹיזֶענְד ׃ —

אוּנ דַארוּם הָאט עֶר גִימַאכְט דֶעם שִׁיר הַשִּׁירִים , פָאר גֶעשְׁטֶעלְט אֵיינֶע אַ גְרוֹיסֶע יְפַת תֹּאַר , וָואס זִיא הָאט גִיקָאנְט צוּ לִיבּ אִיהר שֵׁוינְהֵייט אַרַיין אִין הֵיכְלֵי מְלָכִים , חָאטְשׁ זִיא אִיז גִיוֶועזֶען נָאר אַ הִירְטֶען , גִיפַּאסֶעט שָׁאף , נָאר זִיא הָאט זִיךְ פַאר לִיבְּט אוֹיךְ אִין אַ פַּאסְטוּךְ , עֶס פַאר שְׁטֶעהְט זִיךְ , אַז פִיל פִירְשְׁטֶען אוּנ גְרַאפֶען הָאבִּין גִיוָואלְט זִיא בֶּעקוּמֶען צוּ זִיךְ , נָאר זִיא , ווַייל זִיא הָאט גִיהַאט דִיא וַואהְרֶע לִיבֶּע צוּ דֶעם פַּאסְטוּךְ אָהְן אַ שׁוּם אִינְטֶערֶעסֶע , דַארוּם הָאט זִיא גִיזָאגְט ׃ „הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו" דֶער קֶענִיג הָאט מִיךְ גִיבְּרַאכְט אִין זַיינֶע צִימֶערְן , פוּן דֶעסְטְוֶועגִין „נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ" , אִיךְ הָאבּ נָאר שִׂמְחָה פוּן דִיר אַלֵיין , דִיא אַלֶע בְּנוֹת יְרוּשָׁלַיִם הָאט זִיא זַייא בֶּעשְׁוֶוארִין „אִם תָּעִירוּ וְאִם תְּעוֹרְרוּ אֶת הָאַהֲבָה עַד שֶׁתֶּחְפָּץ" מַחֲמַת דִיא אַלֶע פְרוֹיעֶן נֶעמִין זִיךְ מַאנֶען צוּ לִיבּ זַייטִיגֶע זַאכִין , אַשְׁטֵייגֶער גֶעלְד , כָּבוֹד , אוּנ זַייא עֶרְוֶועקִין זִיךְ כְּלוֹמֶערְשְׁט לִיבּ הָאבִּין אַ מַאן , דַארוּם הָאט זִיא גִיזָאגְט „זַייט נִיט מְעוֹרֵר דִיא אַהֲבָה צוּ לִיבּ אַנְדֶערֶע פְּרִיטְשִׁינֶעס , נָאר דִיא אַהֲבָה זָאל פוּן זִיךְ זֶעלְבְּסְט נִתְעוֹרֵר וֶוערִין" זִיא הָאט דָאס אִין זִיךְ זֶעלְבְּסְט גִיפִיהְלְט , מַחֲמַת קֵיין זַאךְ הָאט דָאךְ נִיט גִיקָאנְט אִיהר מְעוֹרֵר זַיין לִיבּ צוּ הָאבִּין דֶעם פַּאסְטוּךְ , קֵיין גֶעלְד , קֵיין כָּבוֹד , נָאר דִיא אַהֲבָה זֶעלְבְּסְט הָאט זִיךְ אִין אִיהר עֶרְוֶועקְט , אַט דָאס אִיז דִיא וַואהְרֶע לִיבֶּע , מִיט אַזַא פְרוֹיא קָאן מֶען שׁוֹין לֶעבִּין גְלִיקְלִיךְ בַּייא אַלֶע צוּ שְׁטֶענְדֶע , מִיט אַזַא פְרוֹיא קָאן שׁוֹין דָאס שׁוּתָּפוּת נִיט בָּטֵל וֶוערִין , וֶוען אֲפִילוּ דֶער עֵסֶק גֶעהְט ח"ו גָאר נִיט גוּט , וָוארוּם וִויא לְמָשָׁל אַ מֶענְשׁ קָאן נִיט אָבּ טְרֶעטִין פוּן זִיךְ אַלֵיין , עֶר מוּז פַאר שְׁוַוארְצְט וֶוערִין לְמָשָׁל פוּן אֵיין קְרַאנְקֶע הַאנְד , אָדֶער אֵיין פִיס , אַזוֹיא קָאן דֶער מֶענְשׁ זִיךְ נִיט שֵׁיידֶען מִיט זַיין ווַייבּ , וָואס זַייא זֶענֶען אוֹיף גִיקוּמֶען אִין אֵיינֶעם פוּן גָאלֶע לִיבֶּע , אָהְן אַ שׁוּם פְּנִיָּה , נָאר אַ סֶעקְרֶעטְנֶער כֹּחַ הָאט זַייא צוּ גֶעצְווּנְגֶען אֵיינֶעם צוּם אַנְדֶערְן ׃ —

אַט

אט אזא פרויא האט שלמה פאר געשטעלט אין שיר השירים, פאר איין בילד אונ א מוסטער וויא עס ברויכט צו זיין א פרויא, ער האט דיזע הירטען געשטעלט העכער, וויא אלע זיינע גרויסארטיגע פרינצעסענס אונ קעניגליכע טעכטער, וואס זייער ליבע צו איהם איז געוועזין נאר דורך זייטיגע סבות, וואס קאנען ניט אויף איביג זיין.

איך ווייס גאנץ גוט, אז ביא אזעלכע מענשין וויא אונזערע יודען וואס לעבין אפ דאס גאנצע לעבין אין מחלוקת אין קללות, האבין אזעלכע רייד א פנים פון גאלע שטותים, שלמה המלך א בעל רוח הקודש, וועט מאכין א שיר מכח א ליבע פון א הירטען וואס זיא האט פאר אכטעט שרים אונ מלכים, אונ האט נאר געהאט א ריינע ליבע צו א געמיינעם פאסטוך? טאקי א שארפער שמועס פאר אזא חכם? נא דעריבער קאן זיך דאס גאר לייגין אופן מוח ביא אונזער מגיד, (וואס ער פיהרט אויך געוויס א וואהרע ליבע מיט זיין מגיד'קע) אז שלמה המלך זאל גאר טאלקעווען מכח אזוינע הבלים? אבער אין אמת, פיהרט דער שיר, נאך דעם גאנג וויא איך זאג, צו איין גרעסערין צוועק, איידער נאך אלע דרושים פון דיא מגידים.

בקיצור, אט דאס איז דער פירוש פון שיר השירים נאכין גאנג פון דעם פשטן, זאגט אליין, דער מגיד האט דאך שוין 4 וואכען פאר דילט אייך דיא קעפ מיט זיין זאגין שיר השירים, נא ווייסט איהר דען שוין יעצט דעם פירוש פון דעם? מיר דאכט אז איהר ווייסט נאך גאר ניט, אקוראט וויא איידער ער האט אן געהויבען צו זאגין, פאר וואס? מחמת זיינע רייד האבין ניט קיין ממשות, והא ראיה אז דיא אייגענע רייד וואס ער האט דא געפלאנטערט אויף שיר השירים, בעט איהם וועלין זייא געהן אויף „רות" אונ אפשר אויף „מגילת אסתר", אונ פאר וואס ניט אויף „איכה"?

איהר זאלט וויסען אז גרינגער פון אלעם, איז זאגין דרוש ווארום דער דרשן קוקט גאר ניט אופן עניין, נאר אויף עטליכע ווערטער פינ'ם פסוק, דיא ווערטער וואס שטעהן פארהער אונ נאך דעם הערט ער גאר וויא דעם קאטער, נא אויף אזא אופן איז טאקי גרינג צו פלוידערין וויא עס איז, גאר אהן איין עק.

זעהט איהר! פשט צו טרעפין דאס איז יוא א קונץ, נאר אוודאי איז נישט אימעדום מעגליך צו וויסין דעם פשט אין תנ"ך, דארט ווערט גערעדט פיל מאהל וועגין ענינים וואס זענין געוועזן בעקאנט דעמאלט אונ דער שרייבער האט אין זייא מקצר געוועזין, מחמת אלע לעזער אין זיין צייט האבין זייער גוט פאר שטאנען זיין כוונה, אט למשל אזא שטייגער וויא דיא פסוקים „אחות לנו קטנה וגו'" וואס מען זעהט אז זייא זענין געוועזן אנגעוויזין אויף א געוויסער געשיכטע, וועלכע זיא איז געוועזן אלעמען בעקאנט, דעריבער איז יעצט גאר אומזיסט דיא מיהע מען זאל זוכען א פשט צו אזעלכע שטעלי', זייא בלייבען

שוין

שוין אויף תמיד אונפערשטענדליך, אונ דאס קליינע שוועסטעריל איז אויך איינס פון דיא שטעלין. —

דיזער שמועס וואלט זיך נאך אפשר גיצויגען כמה שעות, נאר מע האט אין מיטין מפסיק גיוועזן מיט מעריב דאווינען — נא דאכט זיך ב"ה פרייהליך אין בית המדרש, עס איז דאך יום טוב זמן חרותינו, נאר גאר פליצלונג האט זיך פאר צויגען א חמארע פון עצבות, אלע האבין אראפ גילאזט דיא נעז, יעדער האט זיך מכין גיוועזן אשטייגער וויא צו איין גאלאוונעס עסק, וואס איז? מע דארף דאך צעהלין ספירה! אייגענטליך קעהר דיא ספירה זיך גאר נישט אן מיט עצבות, דאכט זיך פארקעהרט, דיא ספירה צעהלין ברויכט צו געבין דעם מענשין א שמחה, ווארום דיא תורה הייסט אב צעהלין פיפציג טעג אונ מאכין שבועות, וואס זשע איז דא פאר איין אונגליק? הערט אבער מיט וואס פאר איין ביטערין קול מע מאכט דיא ברכה „על ספירת העומר", אונ דער נאך גיט מען א גשרייא מיט א זויערער שטיממע „היום יום אחד בעומר" עס זענין גאר פליצלונג גיווארין דיא ספירה טעג א סכנה צו פיל זאכין, זייא האבין גיקריגען א פנים וויא דיא טעג פון שבעה עשר בתמוז ביז תשעה באב, וויא גיפעלט אייך אזא מעשה! דיא מקובלים האבין זיך שטארק גינומען צו דעם דין פון ספירה, עס האט זייא פארדראסין וואס דא איז עפעס גאר נישטא וואס צו זאגין, נאר א ברכה מיט דער צאהל פון דעם טאג, גיין, ניט אזויא גיך טוט מען א מצוה, זייא האבין אי נגעפרעגילט דיא ספירה צעהלין מיט דיא עשר ספירות, איינגעפלאכטין איינע אין דער אנדערער: חסד אין גבורה, חסד אין תפארת, תפארת אין חסד, גבורה אין תפארת, דער כלל געוויזין קונץ שטיק, אוים גיקליבען עפעס א רעכטען מזמור פון תהלים, פארפאסט א בכבוד'דיגען יהי רצון, נא יעצט איז שוין ב"ה דא צו זאגין טאקי חאטש אויף א גאנצע האלבע שעה, מהיכא תיתי יעצט האט עס טאקי א פנים פון א מצוה.

בקיצור, מע האט מכבד גיוועהן עפעס איין איש נכבד מיט ספירה צעהלין, אין בית המדרש האט דאס עסק גענקריגין א פנים וויא יום כפור צו כל נדרי, נאר דאס גאנצע גליק איז גיוועזין, וואס עס האט לאנג נישט גידויערט, איינער דעם אנדערין האט מוסר גיוועהן דעם יסוד א ביסעל געקרימט זיך, אונ מתקן גיוועהן דיא פגימות פון דער ספירה, אונ דער נאך וויטער פרייהליך, „גוט יום טוב! גוט יום טוב!" האט איינער גיזאגט דעם אנדערין אונ מארש אהיים. —

אין שטוב איז ליכטיג, דיא ווייבער קאכין וועטשירע, גיוועהנליך אז דיא ווייבער האבין שוין עפעס אנגיהויבין זיך אלע צו דרייען ארום דעם אויוון, איז שוין גאנץ רוהיג נישט גיוועהן, עס האט זיך שוין גיהערט אין ערטער וויי ניט וויא א קללה, נאר שטעכווערטליך, נאך גיקרימט זיך איינע דער אנדערער,

נאר

נאר קורץ אונ שארף, ניט פאר בריימטערט דאס עסק, אונזערע שכנים האבין דער וויל מבין גיוועהן פרישין חריין, פאר פארטיגט דיא היסבה בעטין מיט דער קערה, דיא גרויסע פאסטרויקע! אודאי ניט אזוי שטרענג וויא נעכטין, עס האט שוין ניט גיהאט דעם גלאץ פינ'ם ערשטין סדר, נישטא דיא נעכטיגע ארדענונג, דער נעכטיגער גישמאק, מען איז שוין ניט גיוועהן אזוי פינקטליך אין יעדער זאך, דיא קינדערליך זענען גאר אלע אנשלאפין גיווארין, אונ גאר ניט גיזעסין צום סדר, נאר וויא דיא מעשה איז, אבי אבגעפראוועט ב"ה דיא סלוזשבע בשלום, אונ גילייגט זיך שלאפין. —

מע שלאפט ווייטער רוהיג, אויף גישטאנען, אונ תיכף אין דיא בתי מדרשים אריין, פון דארטין אלע אין דער גרויסער שוהל, גיהערט דעם חזן, דער חזן האט זייא גוט אן געוואליכט, געבעטלערט, א ביסעל געטרעלעלט, דער כלל עס איז גיוועהן א עונג יום טוב, מען האט ב"ה ווידער אב גיגעסין, זיך איבער גישלאפין, אין שטאדט איז שטיל רוהיג אופ'ן העכסטין גראד, דער עולם איז זאט, אפילו אויף בא נאכט איז שוין גיוועהן אנגעגרייט בייא יעדען א טייגעכץ פון מצה, אדער פון קארטאפעל, מיט איינעם ווארט, עס איז שוין במעט צו גוט, דאס עסק האט שוין געמוזט לאפנען, א יוד קאן ניט מקבל זיין רוב טובה. יעקב אבינו! אז ער האט שוין געוואלט נעבאך זיצין בשלוה, ער איז שוין פטור גיווארין דעם גיטין שווער לבן, דעם ברידער עשו, אונ ניט פאר זינדיגין ער איז שוין גיוועהן טאקי א יוסטער בעל הבית מיט אלעם גיטין, מיט קינדער, מיט איניקליך, וואלט דאך באמת שוין גאר גיט גיוועהן, א הא אבער מעשה שטן, האט זיך אויף געשפיהלט דיא גישיכטע פון יוסף, אט אזוי זענין אלע יודען אין דער בחינה פון יעקב, וויא עס ווערט עטוואס בעסער דער שטאנד, אהא עס גיבט שוין עטוואס נייעס, אונ עס איז שוין ווייטער ניט גיט, אט למשל אשטייגער אונזער שטעדטיל, חלעבען וואס זאלין מיר זיך דא נארין, ווייניג איז מען אב גיקומען 4 קאלעבדיגע וואכין, גיליטין הינגער, קעלט אונ גריזאטע איבערין האלז, גיהארעוועט טאג אונ נאכט, נא דאנקין גאט דער לעבט „פסח", מהיכא תיתי פארט יום טוב, מע עסט דאך עפעס, אין שטוב איז ריין, שטיל, נא וואלט דאך דער וויל ניט שלעכט גיוועהן, וויא זאגט מען עפעס א חיי שעה איז אויך גיט, א שפאס א פאר גענינין בייא אזא קארט מענשין, אז ער ריהט זיך אפ א פאר טעג, אונ ער בעקומט סך הכל מעהר ניט וויא איין צענדליג קללות פון זיין ווייב, עס איז דאך פארט יו"ט, שעלט זיא ניט אזוי פיל, גאר ניט שעלטין איז ניט מעגליך, מע טאהר איהם ניט שטארק נאך געבין, ער זאל ח"ו ניט פאר געסין תרבות פון גרוים ראשקאש. —

בקיצור, דעם עולם שלאפט נעבאך זייער רוהיג, אונ האבין זיך נעבאך גאר ניט גיפיהלט דעם גרויסין אונגליק וואס דא וועט זיך טרעפין, איהר וועט הערין א מעשה, איהר וועט נשתומם ווערין. —

אין

## 15.

## דער געוויסער האבער.

אין גאס האט פליצלינג אנגעפאנגען צו קאכין וויא אין א קעסיל, וואס איז? א וואסער טרעגער, מיט איין אבגעגאלטין קעפיל, נאר צוויא גאנץ לאנגע פאות טרעסלין זיך אויף ביידע זייטין, אהן א היטיל אויף דער יארמולקע, אהן א קאפטען נאר אין א לאייוענטענעם לאנגין לייבצידאק, מיט לייוענטענע פלודערין, א פאר שקראבעס אויף דיא פיס, דער קראמיסלע אופין אקסיל, לויפט שרעקליך פאר סאפעט איבערין גאס, א סאך בחורים קליינע אונ גרויסע, אין דיא פאטערס שטריימלען (אזוי איז געוועהן דיא מאדע, שבת אדער יום טוב בשעת דער פאטער איז גישלאפין, פלעגט דאס יונגעל חאפען אופין קאפ דעם פאטערס שטריימעל) בעלייטין איהם, וויא אהין לויפט ער? עס מוז עפעס זיין, גאר פשוט ער לויפט צום רב, א גישרייא א געפילדער, עס איז שלעכט, איין אונגליק האט זיך גיטראפין, וואס איז? אט דאס רבי! האב איך דער זעהן אינ'ם וואסער בשעת איך האב אנגעשעפט, הא? וואס? יוא חלעבען, טאקי א „האבער" אונ שטארק צו וויגט, „שלעכט מיט דעם שטעדיל", וויא דיא קינדער האבין דער שמעקט דיא גיטע בשורה, אלע טוו אהיים מיט א געוואלד, „א האבער! א האבער!" אלע אין שטוב האבין זיך אויף גערואפט ניט טויט גיט לעבעדיג, דאס ווארט „האבער!" האט זייא א זעץ גיטאהן אין קאפ וויא א דינער ר"ל, זייא האבין שוין ארוים גיזעהן אז דאס איז עפעס מעשה שטן, דער וויל זענען דיא יונגליך ווייטער ארוים גילאפין אופין גאס, א געשרייא א געקוויטשערייא, וויא איז ער מיטין שטריימעל? לאמיר געהן הערין וואס עס הערט זיך? „איציקיל אהער גיך!" שרייעט דיא מיטער דורכין פענסטער, דיא ווילסט אז דער טאטע זאל דיר דיא ביינער צו ברעכין? „איך וועל באלד געהן" ענטפערט איציקיל, דער וואסער טרעגער איז נאך פינ'ם רב ניט ארוים גיגאנגין, „נא וואס הארט עס דיר שארלאטאן?" שרייעט דיא מיטער, „וועסטו געהן צו גיין?" א שמחה אויף זיין קאפ, קדחות וועסטו שוין עסען, ניט קיין טייגעכץ, „קום שוין, צו דיר רעדט מען?" דער כלל איז, געניג פעטש אונ שלעק האבין ביקומען דיא קינדער, ביז מע האט מיט געוואלד בייא זייא אראפ גירסין דיא שטריימליך.

נא נא, דא איז אביסעל גיווארין איין עולם ארום דעם רב'ס שטוב, עס האט דיא זאך נוגע גיוועהן א סאך מענשין, דער וויל איז דער וואסער טרעגער ארוים מיט דער גיטער בשורה, „דיא גאנצע גאס איז חמצדיג" — גאר ניט גיקלעהרט האבין תיכף אלע בעלי בתים אוים גיגאסין דאס וואסער פון דיא פעסער אויף דער גאס, אלע טייגיכצין, אונ אפילו קניידליך אויך, האט מען

ארוים

ארויס געווארפען אין איין געוויסען גראבען, דער כלל וואס עס האט זיך נאר גיפינגען עסען ווארג וואס זענען נאר גימאכט געווארין מיט וואסער, האט מען דאס מחילה גיבעטין אונ אריין געווארפען אינם גראבען אריין, חזירים זענען באלד זיך צו נאנד גילאפין, אונ האבין זיך גענומען פאקין דיא סעודה, אלע בחורים פון שטעדטיל, קליין אונ גרויס, מקרי דרדקי יונגליך, חומשניקעס, גמרא יונגליך, עילוים, יונגע איידעמליך, פועלים פון אלע סארטין בעלי מלאכות, האבין זיך אויף גיקליבין אונ האבין געווארפין שטיינער אויף דיא חזירים, עס האט זייא פערדראסין וואס דיא טייגעכצעז קומען צו זייא אהין, אבער דיא חזירים האבין דאס מקבל באהבה גיוועזן, גידאנקט דעם רב, אונ דיא בחורים אויף להכעים האבין זייא מיט שטארק אפעטיט אויף גיפרעסין גאר אין גאנצין. —

עס האט געריסען ביים הארצען, אין אלע שטיבער איז גיוועזן חושך, אלע האבין אראפ גילאזין דיא נעז? אין אמת איז דאס טאקי אין דער ליטא א שרעקליכער אונגליק, ווארום ווער פארגינט זיך אגאנץ יאהר מאכין א טייגעכטץ? סאדען דער בעל טאקסע, דער זבארשטשיק, דער גלאסנע פון דער דומע, אדער אפאדראטשיק, אונ איין אנזעצער, אבער גלאט בעלי בתים וועלין אזוינע שארלאטאנסקע געננ ניט פיהרען, אין דער ליטא שפיעלט דאס עסין גאר קיין ראללע נישט, דער פאר אבער שפיעלט בייא זייא א ראללע זייער יחוס, א שפאס א יוד פון דער „מיר" אדער חלילה גאר א „סלוצקער?" ער וועט זיין א נאר אונ זיך גלייכין צו א וואלינער? ער זאגט: דער וואלינער איז א שוטה גלויבט אין בעש"ט, היט ניט דעם שולחן ערוך מיט אלע פישטשעווקים, אט פאר אזוינע פאסט טאקי צו זיין א זולל וסובא אויך, אבער ניט פאר א ליטוואק א חכם א למדן, ער דארף זיך נישט קימערין וועגין אזעלכע פוסטע זאכין וויא עסין אונ טרונקען, אי דוא ליטוואק וואס איז מיט דיר דיא חכמה? וואס איז? דוא ווילסט ניט גלויבין אז דער בעש"ט איז גיפלויגין אויף א וואלקין רייטענדיג, אז אלעקסע זיין גוי פלעגט זיצען מיט'ן אחור צום פערד [1], אונ ער פלעגט האבין קפיצת הדרך, אז דעם מעזעריטשער מגיד האט א טוי... פידלער געלערינט א קאזאטשקע, אונ ער האט דער מיט

געזינגען

---

1) מחמת צווייא טעמים איז ער גיזעסין מיט'ן אחור צו דיא פערד, 1) ער זאל ניט זעהן דיא קונצט, וויא דיא ערד ווערט פאר שווינדען, 2) ווייל עס איז טאקי ניט קיין דרך ארץ צו זיצען מיט'ן אחור צום בעש"ט, אי פאר וואס שטייט דער מגיד מיט'ן אחור צום ארון קודש? ער איז דאכט מיר אזא יחסין וויא דער בעש"ט? הא? נא בלייבט א קשיא, וואס קאן געבאך דאס ארון קודש טאהן? אז דער מגיד איז פארט א מענש ניט קיין ציווילזירטער, אהן דרך ארץ, אהן בושה? פאר פאלען! —

געזינגען „לכה דודי" אונ דורך דעם מציל צו זיין דעם פידלער פון גיהנם, אז דער בעלזער צדיק פאר זיין התגלות האט מחיה מתים גיוועהן, איהר מיינט אפשר א יודען א מטופל פון קינדער, אדער א בן יחיד, אדער גאר א רב א גאון פנ״ים שטעדטיל? ניין פע חלילה, נא אדרבה טרעפט צו ליב וואס האט ער גיטאהן להכעים דעם בורא, מחיה זיין וואס ער האט ממית גיוועזן? הערט איהר אז איהר וועט אפילו זיין מיט טויזינד קעפ וועט איהר אויך ניט טרעפין, דיא מעשה איז אזויא, ער זכרונו לברכה האט גיהאט א בהמה, זעהר א גוטע, זיא פלעגט געבין דרייא טעפ מילך א טאג, פון קאלב צו קאלב, דיא מילך איז גיוועזן גאלע סמעטינע, נאך א מעלה, דיא בהמה איז ניט גיוועזן א הייסע מוטער צו איהר קינדער, גאר ניט גיבענקט נאך דעם קעלביל, נא דער בעלזער צדיק פלעגט פון איהר שטארק מקבל נחת זיין, ער פלעגט זיך ממש דער קויקען מיט דעם גלעזיל צוקארייע מיט מילך, מיט א מאהל א הא! דיא בהמה האט באקומען איין עין הרע, אונ האט זיך אב גיזאגט, א געוויין א גישרייא, מיין בעלזער איז אריין שטארק אין קפידא, אונ האט זיך ארויף גיחאפט טאקי מיט כעס צום בית דין של מעלה, גיפרעגט שאלות אויף דיא מלאכים, אויס גיווארפין וואס זייא האבין גיגעסין פליישיקס מיט מילכדיגס ביי אברהם אבינו ע״ה, פאר וואס זייא האבין זיך משדך גיוועזן מיט דיא בנות האדם פארין מבול, פאר וואס האט יענער מלאך גיהויבין דעם האלז ביי אסתר המלכה, גיגעבין א שטאך ווארט גאר דעם מלאך גבריאל, פאר וואס ער האט זיך גיפארעט מיט ושתי, מאכען איהר א וויא הייסטמען'עם אופן שטערין, דער כלל איז, ער ז״ל אלעס גרויסער היסטאריקער, האט אויף יעדערין גיפינען זיין שאלה, אונ האט זייא געוויזען אז זייא זענין קעגין איהם כקליפת השום. —

בקיצור, ער האט גוזר גיוועזן מיט א שטארקין פאר זאג, אז מע זאל תיכף נעמין א פלעשעלע מיט טל של תחיה אונ דער מיט מחיה זיין דיא בהמה, דיא מלאכים האבין דאס באלד מקיים גיוועזן, זייא האבין שוין גיוואלט זיינער פטור ווערין, זייא האבין א קוק גיטאהן, אז ער איז גוט קלאהר אין דער גאנצער הימעלשער גישיכטע, האבין זייא טאקי פאר איהם מורא גיהאט, אונ נאך אלע גישעפטין האט זיך דער בעלזער ניט אין גאנצין פאר לאזט אויף דיא מלאכים אונ איז אליין אויך צו גיגאנגין צו דער בהמה, אונ מיט זיין אייגענעם שטעקין האט ער זיא א פארקע גיגעבין ביז זיא האט זיך צו טשעבעט אונ אויף גישטאנען אונ תיכף ומיד האט זיא דיא בעלזערקע אויס גימאלקין א גאנץ שעפיל מילך, אונ דער בעלזער האט תיכף גיטרונקען א גלעזיל צוקארייע פון תחית המתים של בהמה מילך. —

נא דוא ליטוואק! דוא מאכבט דער פון חוזק, דוא לאכבט אין דיא פויסטען, וואס איז? דוא ביסט א חכם, אין אמת וועל איך זיך מיט דיר ניט

שטארק

שְׁטַארְק שְׁפַּארִין , עֶס קָאן אֶפְשַׁר זַיין אַז דָאס אִיז טַאקִי אַ שְׁטִיקֶעל שֶׁקֶר , נָאר אֵיין זַאךְ וֶועל אִיךְ דִיךְ פְרֶעגִין , אַז דוּא בִּיסְט יוֹא אַ חָכָם , פַאר וָואסְזֶשֶׁע גְלֵויבְּסְטוּ אַז דֶער גָאוֹן מִיט דֶעם מהר״ל מִפְּרָאג הָאבִּין גִימַאכְט אַ גוֹלֶם ? מַאכִין אַ גוֹלֶם אִיז אַ פָּנִים גְרִינְגֶער וִויא מְחַיֶה זַיין אַ בְּהֵמָה ? מִיט וָואס בִּיסְטוּ אַזוֹיא זִיכֶער אַז ר׳ חַיִים וַואלָאזְשִׁינֶער אִיז גִיפָארֶען פוּן וַואלָאזְשֶׁען קַיין ווִילְנָא עֶרֶב ש״ק אִין בָּאד אַרַיין , אוּנ דֶער בעה״ג אִיז אוֹיךְ גִיזֶעסִין מִיט׳ן אָחוֹר צוּ דִיא פֶערְד , אוּנ הָאבִּין גִיהַאט קְפִיצַת הַדֶרֶךְ ? מִיט וָואס פַארְדִינְט דִיא מַעֲשֶׂה מֶעהְר מֶע זָאל זִיא גְלֵויבֶּען וִויא דִיא מַעֲשֶׂה מִיט אַלֶעקְסֶע פוּן דֶעם בעש״ט ? וָואס פַאר אֵיין פַאקְט הָאסְט דוּא צוּ גְלֵויבֶּען אַז דִיא בָּאמְבֶּע אִיז גֶעבְּלִיבֶּען הֶענְגִין אִין אָסְטְרֶהֶער שׁוּל אִין דֶער לוּפְטֶען , וַוייל דֶער מהרש״א הָאט אַזוֹיא גִיהֵייסֶען , אָדֶער אַז ר׳ זֶעלְמֶעלֶע אִיז אַ מָאהְל פַאר טְרַאכְטֶעְרְהֵייט אַרִיבֶּער גִיגַאנְגִין פוּן אַ גַאנִיג אִין דֶער לוּפְטֶען אוּנ דֶער נָאךְ צוּרִיק אַרוֹיף גִיגַאנְגֶען אוֹפֶן גַאנִיג בְּשָׁלוֹם אוּנ הָאט גָאר נִיט גֶעפִיהְלְט ? וָואס הָאסְטוּ אַזוֹיא הֲנָאָה פוּן דִיא סִפּוּרִים פוּן ר׳ חַיִים וִויטַאל אוּנ זַייא זֶענִין בַּייא דִיר תּוֹרַת לָאקְשִׁין ? מִיט אֵיין וָוארְט אוֹיבּ דִיא אַלֶע זַאכֶען קָאנֶען זַיין , קָאנֶען שׁוֹין זַיין אוֹיךְ דִיא גֶעשִׁיכְטֶעס פוּן דִיא חֲסִידִישֶׁע צַדִיקִים , אוּנ עֶס קָאן שׁוֹין זַיין אֶמֶת דִיא מַעֲשֶׂה פִּינֶ׳ם אַלְטֶען סַאווְרַאנֶער , אַז עֶר הָאט גִישְׁפָּאלְטֶען אַ מִילְטֶער וַואסֶער מִיט זַיין שְׁטֶעקִין , עֶר הָאט זִיךְ גִיוָאלְט לֶערְנֶען שְׁפַּאלְטֶען דֶעם יַם סוּף , אָדֶער דֶעם יַרְדֵן , הָאט עֶר גִימַאכְט אֵיין פְּרָאבֶּע אוֹיף אַ מִילְטֶער , מֶע זָאגְט פַּאק אַז דִיא סַאווְרַאנִירֶען הָאט אִיהְם דִיא עֵצָה גִיגֶעבִּין עֶר הָאט גָאר גִיוָאלְט מַאכִין אַ נְסִיעָה צוּם יַם סוּף , זֶעהְן אוֹיבּ עֶר אִיז אִין דֶער מַדְרֵגָה צוּ שְׁפַּאלְטִין אַזוֹיא וִויא דֶער גְרוֹיסֶער „מֹשֶׁה רַבֵּינוּ״ (מַחֲמַת עֶר הָאט גִיהַאט דֶעם נָאמֶען „מֹשֶׁה״) אוּנ עֶר אִיז גִיוֶוען דֶער פוּן זֶעהְר אוּנְרוּהִיג , הָאט זִיא אִיהְם פָאר גִילֵייגְט אַז עֶר זָאל אִין דֶער הֵיים אַ פְּרָאבֶּע מַאכִין מִיט דֶער מִילְטֶער , אַ שְׁפַּאס דֶער סַאווְרַאנֶער ? וֶועדְלִיג מֶע דֶער צֶעהְלְט (עֶס קָאן זַיין אַז דָאס אִיז אוֹיךְ אַ לִיגֶען) הָאט עֶר זִיךְ אַ מָאהְל בֶּערִיהְמְט , אַז עֶר וָואלְט נָאר גִיוָואלְט זִיךְ אַרוֹיף חַאפֶּען אִין פַּמַלְיָא שֶׁל מַעֲלָה , אוּנ אַבִּיסֶעל אוֹיס סַאווְרַאנִיוֶוען וֶועמֶען עֶר וֵוייסְט , וָואלְט בַּאלְד מָשִׁיחַ גִיקוּמֶען , נִשְׁמָר ? עֶס אִיז נָאךְ נִיט דִיא צַייט , דֶער גוּטֶער יָאהְר וֵוייסְט אִיהְם , צוּ עֶר אִיז גִיוֶועהְן בִּתְחִילָה אַ מְגוּזָם , אוּנ אֶפְשַׁר אַ קַשְׁיָא אוֹיף אַ מַעֲשֶׂה הַא ? דֶער כְּלָל אִיז ווִילְסְטוּ זַיין אַ חָכָם , דַארְפְסְטוּ נִיט גְלֵויבֶּען אִין קַיין פִּזְמוֹנוֹת אוֹיף קַיינֶעם , וָואס דֶען ? זַיין גְלַאט אַ סְלוּצְקֶער אוּנ אִין אֵיין זַאךְ גְלֵייבֶּען אַלֶעס וָואס אִין דֶער וֶועלְט , אוּנ אוֹיף דֶער אַנְדֶערֶער זַאךְ דַוְקָא נִיט גְלֵייבֶּען 1) ?

הערט

---

1) בֶּאֱמֶת אִיז טַאקִי גָאר אַ גִילֶעכְטֶער צוּ זֶעהְן , וִויא אֵיינִיגֶע פוּן דִיא הַיינְטִיגֶע מַשְׂכִּילִים אִין רוּסֶענְלַאנְד , אוּנ אוֹיךְ אֵיינִיגֶע אִין דַייטְשְׁלַאנְד , ווִילֶען

נאר

הערט איהר, איך בין אויך א ליטוואק, נאר וואס א אמת איז איין אמת, וויא באלד זיין א נאר, איז שוין אסאך גלייבער צו זיין א וואלינער נאר, טאקי א חסיד, דער וייל וויא דיא מעשה איז טוהט מען א גוטען טרינק בראנפען, מע האפט אלע מאהל א גוטען ביסען אויך, מע פאר טרייבט פון זיך דאס עצבות, איך פרעג אייך? וואס איז שוין דיא מעלה, אז דער ליטוואק געהט אים שטענדיג וויא א קלאג מוטער, אונ האט א פנים פון א נגזל, גריבילט טאג אונ נאכט דעם שלחן ערוך, עסט קדחות, קלויבט א גראשין צו

גראשין

---

נאר איינרייד׳ען א קינד אין בויך, וואס איז? „אז דיא ערשטע חסידישע רביים, אונ איבער הויפט דער בעש״ט, זענין נאר געוועזען רעפארמאטארען, אונ האבין נאר געוואלט אויף ברעכין א שיטה חדשה אין יודענטוהם, אונ דארום זענין דיא חסידים פיהיגער צו דער בילדונג וויא מתנגדים״ עס הייסט: מחמת מע האט זייא אביסעל אויף געמינטערט, אונ אראפ געטריבען פון דיא אלטע סידעלעס, קאן מען דאך שוין גרינגער מיט זייא א טאלק מאכין איידער מיט דיא מתנגדים וואס ווילען זיך ניט רירען פינ׳ם ארט — נאר דאס זענין זייא אויך מודה, אז דיא יעצטיגע רביים, ווייסען גאר ניט פון קיין שיטה, אונ פון א שום רעפארעם, זייא ווייסען מעהר ניט נאר צו מאכין דיא קאפיקעס, אונ לעבין וויא דיא גראפען נאך געבין זיך כל התאוות עולם הזה. —

נא ליבע לעזער! וויא שמעקין אייך אזוינע פוסטע חקירות? מילא אויף דיא איינציגע חכמי אשכנז איז נאך ניט דא אזויא פיל תמ עומות צו האבין, חלעבען פון וואנען זאלין זייא אזויא גוט קאנען דיא חסידים מיט זייערע רביים? זייא האבין פון זייא א ידיעה נאר פון דער וויטען, וואס זייא האבין געהערט אונ געלעזען פון דיא חסידישע ספרים, קומט דאס חסידות אויס ביי זייא אזויא וויא א מין סיסטעם, וואס מיינט עפעס א צוועק צו פאר בעסערין דעם כלל ישראל, אבער איהר רוסישע משכילים, איהר קאנט דאך יוא גוט דאס גאנצע חסידות, איהר האט דאך יוא געזעהן דיא גאנצע חסידישע ליטעראטור, נאך וואסזשע מאכט איהר זיך נאריש, אונ מאכט בלבולים אויף זייא, אז זייא מיינען עפעס, זייא דענקין עפעס, איהר האט שוין א פנים דאס גאנצע יודענ־טוהם אויס געפיצט, אונ עס פעהלט אייך מעהר ניט נאר דיא סעקטע חסידים אויספיינען, אונ מאכין זייא גאר פאר אויפגיקלעהרטע, וואס איז? זייא זענען אטוואזשניקעס דאווענען שפעטיר אביסעל, ניט וויא דער שלחן ערוך הייסט, נא ניט א שארפער רעפארעם? ניט א גרויסע נפקא מינה, צו מען דאווענט פריהער אדער אביסעל שפעטיר? אדרבה וואס נאך זעהט מען פון זייא חכמות? וואס איז? זייא לערנען וויינינער, אונ קאנען טאקי כמעט גאר ניט, נא וואס איז דאס פאר א מעלה? אט דעריבער זענין זייא טאקי גרעסערע אבער־

גלויבער

גראשין, וואס איז? מאכען א תכלית, ער וויל שוין לעבין פון פראצענט, ער וויל אלעס איבער שטיפען דיא יאהרין, אפשר מיינט איהר לעבין? פע! צו וואס? מע דארף נאר איבער קומען דיא נארישע וועלט, אט דעריבער וויל ער ניט זעהן עפעס א תכלית מאכין פון זיינע קינדר, זייא זאלין קאנען לעבין וויא מענשין, וואס הארט דאס איהם, אז זייא וועלין אויך עסען קרופניק דאס גאנצע לעבין, אבי זייא זאלין זיין ערליכע יודען, אי זייא וועלין לעבין פון ווינד, זייא וועלין דאך געוויס זיין קבצנים, פאלשע מענשין, אונ דעסטגלייכען, נא וואס קאן מען העלפין, אבער קדיש וועלין זייא פארט זאגין, הא? אונ אפשר נאך לערנען א פרק משניות אויך, אונ וייטער אויך מיין באבעס דאגה, מיין טאטע האט מיך אויך ניט פאר זארגט, פון דעסטוועגין שלאגט מען זיך דורך דיא יאהרין, אמאהל אזויא אונ אמאהל אזויא.

איהר

---

גלויבער, מחמת זייא ווייסען גאר ניט פון זייער חיות צו זאגין, זייא קוקען ניט אן קיין רעכט ספר, למשל, א מתנגדישער יונגער מאן, חאטש ער איז א שטארקער ארטאדאקס, על כל זה קוקט ער פארט אמאהל אן א שטיקעל אבן עזרא, א שטיקעל רלב"ג, דיא הקדמה פי"ם רמב"ם צום סדר זרעים, זיין פירוש אופן פרק חלק אין סנהדרין, זיינע שמונה פרקים, א שטיקעל עקרים, נא פון דיא אלע ענינים קאן ער דאך פארט ניט בלייבען אזא שוטה אונ גלויבין אלע נארישקייטען, ער הויבט פארט אן צו פאר שטעהן, אז ניט אזויא וויא זיין מוטער דענקט אונ קלעהרט, אזויא איז טאקי דער אמת, דיא זאך איז עפעס אידעלער אונ פיינער — דארום בייא דיא מתנגדים געפינען זיך אפט אונ אפט מענשין משכילים, מענשין מיט וויסענשאפט, מענשין וואס זענין טאקי נוטה צו רעפארעם אין פיל פרעדמעטען, ניט אזויא זענין דיא חסידים, זייא קוקען גאר ניט, אונ קאנען טאקי גאר ניט קוקען אין אזעלכע ספרים, זייא זענין מענשין וואס עס איז כמעט נישטא קיין רפואה צו זייא, נאך זייער שיטה וואלטין יודען גיהאלטין אין רוסלאנד נאך מיט הינדערט מדרגות נידעריגער וויא יעצט, דיא ממשלה וואלט אונז גאר גיהאלטין פאר פראים, דאך פון מתנגדים וואקסין ארויס מענשין, דאקטורים, אדוואקאטען, וויכטיגע בוכ־האלטערס, גלאט גרויסע ליטעראטען, דורך זייא זעהן פארט אויס יודען עטוואס פאר מענשין, ווער שמועסט שוין פון דיא וויכטיגע מענשין וואס געפינען זיך אין אויסלאנד, האט דאס אויך ניט מיט גיבראכט דאס חסידיזמוס, אונ דער רעפארעם פי"ם בעש"ט, נאר ליטודיות אונ ידיעות, קאנען ארויף ברענגין דעם מענשין צו איין גרויסע מדרגה, אבער ניט רעפארמעם מכח זמן קריאת שמע.

---

## 16.

# אין דער מיט א שמועס פון איין עדעלען בעל הבית.

איהר פאר שטעהט ליבע לעזער ! די חכמה פון די ליטוואקעס ? אזויגע חכמות אויף אלע מיינע שונאים גיזאגט געווארין, נאך מעהר פארדרוס איז, אז מען מאכט גאר מיט זייא א שמועס, דאכט זיך זייא זענין קלוג אונ פרום, אונ גלויבען אין דער גמרא וויא אין תורת משה, נא אז עס איז יוא אזויא, פאר וואסזשע פאלגט איהר ניט אונזערע חכמים (וואס זייא זענין באמת גיוועזן קלוג אונ פרום) האבין גיזאגט ? ערשטענס, האבין זייא גיהייסען עסין אונ טרינקען, ניט שטיפען די יאהרין, איינער פון זייא האט זיך גאר גרויסארטיק אויס געדריקט מיט די ווערטער „האי עלמא כבי הילולא דמי, חטוף ואכול חטוף ושתה, ואם תאמר אניח לבני אחרי ? בשאול מי יגיד לך ? בני אדם דומים לעשבי השדה, הללו נוצצים והללו נובלים" עס הייסט : די וועלט איז אקורט וויא א חתונה, חאפ אונ עס, חאפ אונ טרינק, אפשר וועסטו וועלין זאגין, איך וועל בעסער איבער לאזין מיינע קינדער ? ווער אבער וועט דיר אין גריב דער צעהלין וויא מיט זייא וועט זיך פאסירען ? מענשין זענין גלייך צו גראז אין פעלד, די שפראצין אונ די וויאלען" (עירובין נ"ד), נאך איינער פון זייא האט זיך סאטירעש אויס געדריקט „באתרא דליעול ירקא, ליעול בשרא ובורא" איידער אריין ברענגין אין זיך קרויט אונ קארטאפעל, איז אסאך בעסער פלייש אונ פיש, איינער א געוויסער תלמודיסט, האט גיוואלט אלעם עקאנאם, מאכין א סדר אינ'ם עסען פאר אלע מענשין, דער וואס פאר מאגט למשל צוויא הינדערט גילדען זאל עסין צווייא מאהל אין טאג פלייש, דער אזויא פיל, אונ דער אזויא פיל, דערויף האט גיזאגט איינער א וויכטיגער אמורא, אז דאס איז אלעם גישמועסט גיוועזן בייא די פאריגע דורות, ווען די מענשין זענין גיוועזן שטארק אונ גיזונד, אבער היינט, זאגט ער : „כל מי שיש לו אפילו פרוטה אחת בכיסו יריצנה תיכף לחנוני" ווער עס האט אפילו ניט מעהר וויא איין גראשין אין קעשענע, זאל ער איהם באלד אויס געבין אויף עפעס איין עסין, נאך איינער האט נאך מעהר גיזאגט : יעצט אין מיין צייט דארף מען אפילו בארגין אונ עסין, נא וואס זאגט איהר ליטוואקעס אויף דעם ? זייא האבין א פנים נישט גיוואלט אבי גאר וויא איבער קומען די נארישע וועלט ? איהר ווייסט וואס נאך האט איינער פון זייא גיזאגט אין ירושלמי : אז א מענש וועט דארפין געבין דין וחשבון, פאר וואס ער האט עפעס גיזעהן זאכין אויף דער וועלט, אונ האט פון זייא קיין הנאה נישט גיהאט, ווארום דאס וואס גאט האט נאר בעשאפין אויף דער וועלט, האט ער עס גימאכט אז זיינע ברואים זאלין דער פון פארגעניגען האבין. —

צוויטענס

צווייטענס: האבּען זייא גיהייסען לערנען א מְלָאכָה, כְּדֵי יעדערער זאָל זיין פאַר זיכערט מיט פַּרְנָסָה, ניט וויא דיא שוטים זאָגען „מאן דְיָהֵיב חַיֵי יָהֵיב מְזוֹנֵי״ ווער עס גיט לעבּען וועט געבּען עסין, יוא אֱמֶת! אָבּער פון הימעל וועט ער אונז נישט אַראָפּ וואַרפען גיבּאַקענע בּילקעס, מע מוז דאָך אין זיך האָבּען א קונסט דורך וועלכין מע זאָל קאָנען בּעקומען אַלע בּאַדערפניסע? דיא גְמָרָא בּרענגט אַ גוט ווערטיל „שֶׁבַע שְׁנֵי הֲוָה כַּפְנָא, וְאַבָּבָא דְאוּמְנָא לָא חָלִיף״ עס הייסט: זיבּען יאָהר איז גיוועזען אַ הונגער, אָבּער אויף דער טיהר פון אַ בַּעַל מְלָאכָה איז ער ניט פאַר בּייא גיגאַנגען, ווער ליידעט בּאֱמֶת נויט און דְחָקוֹת? נאָר אַ פוסטער מענש, אָהן אַ פּראָפעסיאָן, וואס לעבּט פון ווינד, אָבּער אַ בַּעַל מְלָאכָה, וויא דיא מַעֲשֶׂה איז, קריקט ער פּאָרט דעם גילדען. —

הערט ליבּע לעזער! „נאָר לייגט צו דעם כּוֹחַ״ איין וואָרט פון אַ מִדְרָשׁ וואס צו איהם איז ניט דאָ קיין גלייכין אין דער גאַנצער יודישער ליטעראַטור.

אין מִדְרָשׁ תְּהִלִּים (מזמור ק״ג) אויף דעם פָּסוּק „לְשׁוֹמְרֵי בְרִיתוֹ וּלְזוֹכְרֵי פִּקּוּדָיו״ (תהלים ק״ג י״ח) זאָגט ר׳ תַּנְחוּמָא מיט דיא ווערטער „מָשָׁל לְאַלְמָנָה אַחַת שֶׁהָיָה לָהּ בֵּן״ בּייא איין אַלְמָנָה איז גיוועזען איין זוהן „כָּל זְמַן שֶׁלֹּא נָשָׂא אִשָּׁה״ אַז ער האָט נאָך קיין ווייבּ ניט גינומען, „הָיָה נִזְקָק לָהּ״ האָט ער אַלעס גיפאָלגט דיא מוטער „כֵּיוָן שֶׁנָּשָׂא אִשָּׁה״ וויא בּאַלד ער האָט נאָר אַ ווייבּ גינומען, „אָמְרָה לֵיהּ אִימֵּיהּ״ האָט דיא מוטער צו איהם גיזאָגט „יָדְעָנָא אֲנָא לֵית אַתְּ מִזְדַּקֵּק לִי כְּמָה דַהֲוֵית״ איך וויים אַז יעצט וועסטו שוין ניט זיין צו מיר אַזויא שטאַרק צו גיבּינדען וויא פאַרהער, „אֶלָּא הֱוֵה דָכִיר לִי״ דאַרום בּעט איך דיר, האַטש ניט פאַר געס אָן מיר, „כָּךְ כָּל הַשָּׁנִים שֶׁהָיוּ יִשְׂרָאֵל בַּמִּדְבָּר״ אַלע יאָהרען וואס דיא יודען זענען גיוועזען אין דער מִדְבָּר, „הָיָה הַמָּן יוֹרֵד לָהֶם״ פלעגט דער מָן געהן צו זייא, „וְהַבְּאֵר עוֹלָה לָהֶם״ און דער בּרונען איז זייא אַנקעגין גיגאַנגען, איז „לְשׁוֹמְרֵי בְרִיתוֹ״ „שֶׁהָיוּ זוֹקְקִין לָהֶם וְהָיוּ יְכוֹלִין לִהְיוֹת שׁוֹמְרִין אֶת הַתּוֹרָה וִיגֵעִים בָּהּ״ עס הייסט: ווייל דיא יודען אין דער מִדְבָּר זענען גיזעסין רוהיג מיט גרייטען מָן, און מיט פאַרטיגען וואַסער, האָבּען זייא בּאֱמֶת גיקאָנט היטען דיא מִצְוֹת און לערנען שטענדיג דיא תּוֹרָה, „אֲבָל עַכְשָׁיו שֶׁאָדָם מִזְדַּקֵּק לְפַרְנָסָתוֹ״ וויא בּאַלד יעצט אַז דער יוד גיבּאַך איז צו גיבּינדען צו זיין פַּרְנָסָה, איז נאָר „וּלְזוֹכְרֵי פִּקּוּדָיו״ עס הייסט: מע זאָל האַטש גידענקין אָן זיינע מִצְוֹת, וואָרום היטען איז שוין ניט מעגליך. —

איהר פאַר שטעהט ליבּע לעזער! דעם מַאֲמָר, וויא פיין און קלוג ער איז גיזאָגט גיוואָרין, וויא ריכטיג דאָס איז דער מָשָׁל פון דער אַלְמָנָה? אַז זיא האָט געבּאַך שוין גאָר ניט פאַר לאַנגט פון איהר זוהן נאָך דעם אַז ער האָט חֲתוּנָה גיהאַט, אַז ער זאָל זיין צו גיבּינדען צו איהר וויא פאַרהער, וואָרום איידער ער האָט חֲתוּנָה גיהאַט איז ער גיוועזען בּייא דער מוטער אויף קעסט,

ניט

ניט גיהאט קיין שום דאגה , איז ער גיוועזן מחויב צו פאלגין זיא , אלעס וואס זיא האט איהם פארבאטען , אבער נאך זיין חתונה , אז ער איז שוין אליין א מענש פאר זיך , א בעל הבית , פיהרט אליין א הוצאה , בעדארף שוין זיכען פרנסה , קאן מען ניט פארלאנגין אז ער זאל אין זיננען האבין טאג אונ נאכט דיא מוטער ? דארום האט זיא געבעטין ביא איהם גיבעטין : „מיין קינד ! יעצט ביסט דוא שוין ניט מחויב זיין צו מיר צו גיבינדען וויא פאר'הער , נאר לכל הפחות גידענק חאטש שטענדיג פון מיר , פאר געס ניט דיין מוטער וואס זיא האט דיר אזויא פיל טובות גיטאהן אזויא פיל צרות גיהאט פון דיר . —

אונ דאס איז פינקט דער נמשל מיט אונז יודען , דיא תורה איז אונז גיגעבין גיווארין אז מיר זענין גיוועזן ביא גאט אויף קעסט , גרייטען מן , פלייש וואסער , נא מהיכא תיתי , פאר וואס זאלין ניט קעסט קינדער זיצען אונ לערנען אונ היטען אלע מצות ? דעריבער זאגין אפט אונזערע חכמים „לא ניתנה התורה אלא לאוכלי המן" דאס הייסט : דיא תורה איז נאר גיגעבין גיווארין דעם דור המדבר , וואס האט קיינע גישעפטין ניט גיהאט , גיגעסין מן אהן דאגות , דאס דור האבין גיקאנט טאקי מקיים זיין דיא תורה קרוגאם וויא מע בעדארף , אבער אז מיר יודען זענין שוין ב"ה גאנץ לאנג אראפ פון קעסט , מיר האבין זיך געמוזט וואלגערין ב"ה אין פרעמדע דירות , מע האט גענוג צרות פון דיא בעלי בתים גיהאט , עס איז ענג , קאלט , רויכיג , סיראפט , פיל מיט וואנצין אונ פריישען , וואס האבין אונז נישט גיגעבין קיין מנוחה , געביסען אונ גיגעבין א שלעכטין גערוך אויך , גענוג געלד ברויכט מען צו צאהלין פאר אזויגע שלעכטע אונ ענגע דירות , דא לייג נישט , דא שטעל ניט , אונ דאס טוה ניט , אונ דאס איז נאך א טובה אונ א גליק גיוועזין אז מע האט גיקריגען חאטש וויא דעם קאפ אנידער צו לייגין , וויא פיל מאהל האט מען שוין אונז גאר פון דער דירה אויך ארויס געיאגט , אונ מיר האבין זיך נעבאך געוואלגערט אויף דיא פעלדער אונ אין דיא וועלדער , וויא פיל מענשין זענין צו פרוירען גיווארין , פון הינגער אויס גיגאנגין , ביז מע האט גיקריגען איין אנדער שטיקעל דירה , וויא זיך דיא נשמה צו דער האלטין , נישטא דיא דירה ביא דעם טאטען אין שטוב מיט אלע וויגארעס , ריין , ציכטיג , טריקען , ווארעם , אונ אהן געלד אויך — אט דאס האט ר' יוסי גיהערט א ביטערע שטיממע וויינט אונ קלאגט פון דיא חורבות „אוי לי שהחרבתי את ביתי והגליתי את בני" וויא איז מיר , אז איך האב מיין דירה חרוב גימאכט אונ מיינע קינדער ארויס גיטריבען , אזויא וויא עס וואלט דעם פאטער אליין פארדראסין וואס ער האט דיא קינדר אראפ גילאזט פון קעסט , אונ ארויס געיאגט פון זיין שטוב , זייא זאלין זיין נעוונד , נעבאך מגולגל ווערין אלע מאהל אין איין פרישער דירה , קוים קוים וואס מע זעצט זיך איין מיט צרות , מע ווערט שוין געוואהנט מיטן בעל הבית , מע קאן שוין זיין נאטור , אהא ! מע דארף

שוין

שוין איין אנדערע דירה , א הויז וואס עס איז נישטא פון וואנען צו לעבין , עס קומט אלעם אהן מיט קאפ דרעהניש , מיט גרויס יגיעה , אונ כמעט מיט סכנות נפשות , נא פון אזויגע מענשין פאר לאנגט שוין גאט נאר „ולזוכרי פקודיו״ מע זאל אן איהם האטש ניט פאר געסין , אבער ניט וויא פארהער , אין דער מדבר האט גאט פאר לאנגט „ולשומרי מצותיו לעשותם״ מע זאל טאקי טאהן אונ היטען דיא מצות וויא ער וויל . —

נא ברידער ! פאר שטעהט איהר א מעשה ? גאט וואס ער איז א זן ומפרנס , האלט אונז ניט פאר קעסט קינדער , אונ וויל גאר ניט אז מיר זאלין זיין פון דיא „שומרי מצותיו״ נאר פון דיא „זוכרי פקודיו״ אונ דיא רבנים מיט דיא גאונים לעגין אויף אונז ארויף גאר פרישע מצות אונ חומרות , אזוי וויא מיר וואלטין גיוועהן בייא זייא אויף קעסט , וואס אין אמת איז דאך גאר דער היפך , זייא זענען דאך בייא אונז אויף קעסט , אונ דאס איז פאק דיא גאנצע צרה , זייא ווייסין גאר ניט פון דאגות פרנסה , פאר שטעהן ניט דיא צייט , האבין אויף אונז ניט קיין רחמנות , וויא דיא אלמנה נעבאך אויף איהר קינד . —

אונ אז ר׳ תנחומא , האט גיקאנט געבין אזא משל נאך אין זיינע צייטין , וואס וואלט ער שוין למשל גיזאגט בייא דיא יעצטיגע יאהרין , בייא אזא שרעקליכין יקרות , בא אזא דוחק אין פרנסה , אזויגע קעסט קינדער וויא מיר זענען יעצט , וואלט אוודאי גענויג גיוועהן , אז מיר זאלין נאר זיין פון דיא „זוכרי פקודיו״ אונ א פשיטא שוין מע זאל אויף אונז ניט מחמיר זיין טאג אונ נאכט , חומרות אונ גזירות , אונ אפילו אז דער פוסק אליין זעהט אז דיא חומרא האט גאר קיין ממשות ניט , עס איז זיך גאר נישטא אויף וואס סומך צו זיין , שרייבט ער זיך גאר „והמחמיר תבוא עליו ברכה״ עס הייסט : וויא איינער רעדט , האטש על פי דין מעג מען , נאר עס איז גלייכער מחמיר צו זיין , אונ ער זאגט דער פאר צו א ברכה , הגם דער פוסק לעגט אויף דער ברכה קיין זאלאג ניט , קיין וועקסלין אויך ניט , נאר דער ליטוואק מחמת ער האט גרויס חשק צו ברכות , אט גלייבט ער דעם פוסק אויך , מע קאן טאקי לעבין אין פריידין פון דער הבטחה פון דיא פוסקים , מע זעהט שוין ב״ה דיא דאזיגע ברכות , א שפאס דאס גליק פון זייא ! . . .

אונ דאס איז נאך אלעם ווייניג פאר אונז , עס איז נאך צו גוט , קומען נאך דיא מגידים דיא שוטים שיטין זאלץ אויף דיא וואונדין , שרעקין דעם עולם , אז דיא אלע צרות וואס מע האט דא אויף דער וועלט , איז ערשט א טיפה מן הים , אנקעגין דיא צרות אונ דיא יסורים , וואס מע וועט נאך האבין אין דער הימעלשער ליטא אויף יענער וועלט , פרעג פאר וואס ? פאר דיא פאר פלוכטע קרופניקעס וואס דער ליטוואק האט זיך נעבאך איבער זייא געמיטשעט אונ געשוויצט זיין גאנץ לעבין ? פאר דיא קללות וואס ער פלעגט זיך אנהערין אלע טאג פון דער ליטוועטשקע דיא יפת תואר ? איהר פאר שטעהט וואס פאר איין

גליך ער האט דא געהאט אויף דער וועלט, אז עס איז נאך כדאי דער פאר פארשווארצט ווערן נאכין טויט אויך? האבין חבוט הקבר, אוים געריסין ווערין פינ'ם מלאך דומה, געווארפין ווערין אין כף הקלע, מגולגל ווערין אין כמה גלגולים, אין חיות, אין עופות, אין פארשיידענע מענשין, אים געהן אביסעל אין עולם התוהו, טאקי אין דיא תכריכים, אונ אויף זייא א קאפטען, אונ זיך אימדרעהן אויף אלע ירידים, דער נאך ליגין אין גיהנם 12 חדשים אין גרויסע יסורים וואס עס איז ניט צו בעשרייבין, הלעבען טאקי א יושר, ניט קיין קרומע זאך בעשאפען צו ווערדען א ליטוואק, זיך מארדעווען זיבעציג יאהר, זיין א גרוש, איין אלמן, א מחוסר פרנסה, א שטיקעל חלוש, א רעכטער מטופל מיט קינדער פון עטליכע ווייבער, עסין אלע וויטאקען, ניט האבין קיין מנוחה, טאג אונ נאכט, אונ זיין גערדריקט פון אלע זייטין, נא דאכט זיך א גיט געשעפט געמאכט? הא? ניין, דעם מגיד דעם נארישין גזלן איז דאס נאך ווייניג, ער שלעפט נאך דעם ליטוואק דארטין אויך צו דער פמליא של מעלה, ער הייסט איהם אן טאהן יסורים גאר אהן רחמנות, איי דער ליטוואק האט דאך זיך גוט באווארענט? געשלאגין אלע יאהר כפרות, געמאכט וועקסענע ליכט, גיגאנגען צו תשליך, נא דאכט זיך יעדער יאהר גיט ארום געריינגט זיך פון עבירות? דיא מיתה איז אויך מכפר, הא? א קדיש אויך גילאזט, אונ אפט טאקי עטליכע, אונ מע שוואגט ניט אין דעם, מע זאגט קדשים אופין פיד, מע האקט פרקים משניות וויא אין קרויט, מע שטעלט תפלה ליכט, מע מאכט „אל מלא רחמים'ס אלע מאנטאג אונ דאנערשטאג", נא וואס נאך זאל מען טאהן? ניין דער מגיד איז נאך דער פון ניט צו פרידין ער איז נאך גיט אין כעס, ער וויל גאר מכבד זיין דעם בידנע ליטוואק טאקי מיט אזעליכע יסורים ער זאל איהם האבין צו גידענקין, למשל גאר א קליינקייט, ער הייסט עפענען דאס מויל ביא איין ליטוואק א יוסטען בעל הבית, אונ אן שיטין אין איהם (גחלי רתמים) הייסע קוילין, פאר וואס? ער האט פאק זיך פאר געסין א מאהל, אונ האט גיגעסין פלייש פון בשר חוץ, אדער גיזאגט א גלייך ווערטיל, נא האט איהר געהערט אזא רציחה? ער הייסט אונטער לעגען א אויער אונטער א זאוויעסע, אונ דיא טיהר זאל זיך דארטין דרייהען סך הכל זיבין יאהר, פאר וואס? דער ליטוואק האט א מאהל פאר הערט א ברכה אין ניט געזאגט אמן, אן טשעפען א שלאנג מיט זיבין קעפ אן דעם... פאר איין עבירה וואס איז ניט דערמאנט ניט אין דער תורה ניט אין דער גמרא. — נא וואלט ניט גיוועהן א יושר, אז ביא אזא מגיד זאל ארוים דיא צינג פינ'ם האלז נאך אויף דער וועלט? דארטין בין איך בטוח אז ער וועט האבין זיין פסק, ער וועט דארטין שטעהן נא אטשנאיא סטאוקע מיט אלמען, וואס ער האט אויף זייא בלבולים גימאכט.

— פון אונזער פעטער עשו וועט ער זיך אויך ניט נארין, דער פאר וואס ער האט אויף איהם אויס געטראכט אז אין דעם טאג וואס ער האט פאר קויפט

דיא בכורה, האט ער געהארגיט א מענשין, אונ גיגעסין אהן נטילת ידים, ניט גיבענשט, ניט געקישט דיא מזוזה, אונ דערשטיגליכין, נא למשל, אז ער וועט דאס איהם אלעס אויס ווייזין, אז דאס איז דורך גאלע שקרים, וויא פיל פעטש וועט ער קריגין פון איהם, ער וועט איהם געבין טאקי וויא עשו קאן געבין. — איהר מיינט, אז סיכרא איז שוין גאר איין אב געשלאגענע הושענא, חלעבען, ער איז דאך פארט גיוועהן א פעלד מארשאל, נא וואס איז דאס פאר א פנים צו זאגין אויף איהם איין גאנצע געשיכטע מיט דער פרויא יעל, הייגט טאקי פאר איהר איז עס אויך ניט אזוי פאסיג, אונ נאך מיט דער גיטער צאהל „זיבין". — דער כלל איז, ער וועט האבין געניג אויף זיין חלק, דיא אטשענע סטאווקעס וועלין זיך ציהען יאהרין לאנג, א שפאס וויא פיל מענשין ער האט בעליידיגט? מע קאן מאכין דער פון א גאנצין ביך, מיזאל אויס רעכענין אלע פערזאנען פון תנ"ך, וואס אויף יעדערין האט ער אויס געטראכט פשוט א ממזר בלבול.

— איך האב נאר הנאה, אז איך שטעל מיר פאר, וואס פאר א פסק ער וועט האבין פון דעם גיטין המן, פאר וואס ער האט אויס געקלעהרט, אז בשעת ער איז געגאנגין פאר מרדכי היהודי אונ גישריגין „ככה" האט זיין טאכטער אויף איהם ארויף געווארפען א דיישקע מיט... אין אמת, וואס איז דאס פאר א שכל גלאט דער צעהלין זאבאבאנים? פאר וואס דער צעהלט אונז ניט דיא מגילה אזויגע נארישקייטין?

נאר וואס איז אבער דיא פעולה וואס שפעטער וועט זיין, דער וויל שרעקט ער דעם עולם מיט זיינע שטותים, אונ דער יוד איז נעבאך צו בראכין פון דחקות, פון דאגות, פון פארשיידענע צרות, אונ פון דעם מגיד'ס שקרים.

— אונ ווער איז אין דעם אלעמען שילדיג? נאר דער גאון, דער שטאדט רב, ער דארף קוקען אויף אלע פאראדקעס, ניט לאזין זאגין אזעליכע מגידים, וואס מאכין משוגע דעם עולם מיט אזעליכע דומהייטין. —

וואס זאגט איהר צו דעם ליבע לעזער! אפשר ווייסט איהר פון וואס פאר איין ענין זענען מיר פאר קראכין אין דעם שמועס? א הא? איך האב מיך שוין דער מאנט, פון דעם האבער! אין אמת האט מיר דאס געשעפט אזוי פיל צו רידערט דעם מוח, אז איך בין גאר צו מישט, איך האב שוין באלד פאר געסין וויא מיר האלטין, דיזער אונגליק האט דאמאלס מיך אויך געטראפען, נאך עד היום שטעהט מיר דאס טייגעכץ פאר דיא אויגין, אונ איבער אלעמען, איז עס עפעס גיוועהן אזוי געראטען (נאר אויף קורצע יאהר) אז עס טרעפט בייא א ליטוואק מעהר ניט, אפשר וויא צווייא מאהל אויף זיין גאנצין לעבין, מיר האט דאס הארץ דערמעלט געזאגט, אז עס וועט גלאט ניט אב געהן, דאס זעליגע טייגעכץ, איז גיוועהן טאקי צו פיל געראטין, מחמת איך האב טאקי געהאט כמעט א גאנצע קווארט שמאלץ, איך האב דאמאלס זייער גליקליך געשפיהלט

מיט

מיט דער הינדיטשקע, זיא (מיינע רייד זאל איהר ניט צו שווער זיין) איז טאקי גיוועהן א מפורסמת אין דער הענדיטשקנער וועלט, קארג איז מיין ווייב פון איהר פאר פינסטערט גיווארין, קארג האט זיא אין איהר גישטאפט? איך האב פיינד צו זאגין, מיין ווייב איז א גוטע קליפה, איך האב פון איהר קאלט'ס אונ ווארעמ'ס, נאר אין דיא זאכין איז זיא א בריה נפלאה, אלע שכנים האבין אונז טאקי מקנא גיוועהן, אט אזויא איז טאקי אויס גיגאנגין א שלעכטער סוף, גיהאריוועט פאר דיא חזירים, איך נאך אלעס מאנספערזאן, האב זיך פארט וויא עס איז ארויס גישלאגען א ביסעל פינ'ם קאפ, חלעבין מע קומט צווישען מענשין, אט פאר רעדט מען זיך אביסעל אונ מע פאר געסט, אין מיטין איז מען דאך א שטיקעל יוד, ניט קיין עם הארץ, קלעהרט מען אמאהל, אז עס דארף אפשר אזויא זיין, אבער מיין ווייב, בעשירמט זאל מען ווערין, זיא האט ניט גיקאנט איבער טראגין דעם אונגליק, וויא מע האט נאר דאס טייגעכץ ארויס גיטראגין פון דער שטוב, האט זיא זיך גלייך אריין גיקליבען אין בעט אריין, אונ האט גיקרעכצט, אז עס האט גערימען ביים הארצין, ווערליג זיא זאגט, האט זיא אריין גיהאקט אינ'ם טייגעכץ גוטע צוויא לעפיל שמאלץ, נא פון קלעמעניש אונ הארץ וויטאק, האט זיא מיך אויך מכבד גיוועהן מיט עטליכע גוטע קללות, חאטש איך בין געבאך גאר ניט שולדיג, אפשר האב איך בעדארפט שטעהן אגאנץ יום טוב אונ היטען דיא ברינגען? מיינט איהר אפשר אז מיין קליפה איז קראנק אופן שכל, אונ האט ניט גיוויסט אז איך בין אין דעם גאר ניט שולדיג? ניין, זיא האט דאס זייער גוט גיוויסט, נאר צו וועמען דען וועט זיא אויס לאזין איהר שווער הארץ? וואס איז גיוועהן איהר טענה, צו וואס האב איך גידארפט גראדע דינגען א דירה נאר אין דער גאס? זעהט מען דאך וויא אזויא דאס אונגליק שלעפט זיך נאך מיר — מילא פון דעם טייגעכץ איז דאך שוין גאר קיין ריידע ניט, עס ווילט זיך אבער עסין, אונ דא חאטש לאפט מיינע שונאים, עס איז נישטא ממש וואס אינ'ם מויל צו נעמען, נאר א שטיקעל טריקענע מצה. —

דיא פיר טעג חול המועד, איז מען גאר אויס גיגאנגין כמעט פאר הינגער, מע איז אים גיגאנגין פאר עממאכט, מע האט נאר גיזעהן חאטש דיא נשמה צו דער האלטין, מיט א קארטאפעל, אונ מיט א שטיקעל מצה צוברידהטע אין זודיגע וואסער. —

בקיצור, עס איז שוין ב"ה וויטער ערב יום טוב, אלע ווייבער אין דער יאטקע אריין, גיהאפט צו דרייא פונט סטערווע, גאלע ביינער, אונ ניט טייהער, נישט מעהר וויא 20 ק' פיקעס א פונט, פיש האט מען גאר ניט גיקויפט, ווארום קריסטען האבין שוין אן גיהויבען צו קויפען אויף זייערע חגאות, פלאמען אויף ציטעס האט מען אויך נישט גיקויפט, וואס איז? איבער א מעשה! איין יודענע איז גיקומען צום קרעמער קויפען פלאמען, האט זיא

דער

דער זעהן אז אין פעסעל צווישן די פלאמען, איז פאר שיט גיווארן הירז,
און רייז, האט זיא אן גימאכט אגרויס געפילדער, חמצדיגע פלאמען פאר קויפט
איהר? און איז גילאפין תיכף צום רב מיט דער שאלה, הט דר רב גזאגט עס
איז אפילו על פי דין נישקשה, נאר ווייל דער קרעמער איז פון דעם אפיקורוס
לייט, ער איז שוין אויך אביסעל גיחאפט גיווארן, האב איך מורא אז דער
קל האט דאס גיטאהן בכוונה, לכן פון א גדר וועגין איז בעסער מחמיר צו
זיין, באגעהט זיך אן פלאמען צימעס. —

נא עס איז שוין לייכט צו פאר שטעהן, וואס דא איז גיוועז צו עסען,
די אנדערע טעג יום טוב „שביעי של פסח" האט דעם עולם גוט געהינגערט,
ביז צווייא דעם זייגער נאך האלבין טאג, פארהער יעדערער אין זיין שולכען,
און דער נאך אין דער גרויסער שוהל הערין דעם חזן, קוים זיך פאר שלעפט
אהיים, גימאכט קידוש איבער מצה, גיגעסין דאס ערשטע געריכט איין איי
מיט ציבעלע, און די גוטע יויך מיט מצה פארפיל, גיבענטשט, און צו
גיליינט זיך אביסעל שלאפין, איבער געדרימעלט אביסעל, גיטרונקען נאכען
שלאף א גלעזיל וויין, טפוא, וואס זאג איך? איך בין גאר משוגע, איך מיין א
גלאז לאקריץ, איינם און טאקי דאס צווייטע, נישט געזשאליוועט פארט יום
טוב! אויף אלעמען א צייט, מע האט זיך אן גיטרינקען, און העכדאם פענדאם,
אין גרויסין בית המדרש אריין, הערין דעם מגיד, חלעבין מע האט שוין לאנג
ניט גיהערט, נא מן היכא תיתי, עס ווילט זיך פארט וויסען פאדראבנע די
מעשה מיט קריעת ים סוף. —

דער בית המדרש איז געפאקט, אז עס איז נישטא א שפילקע קעפיל
וויא אריין צו שטעקין, דער מגיד פארליהרט ניט זיין מוטה, ער שטאלצירט
טאג טעגליך, אין זיינע דרשות, מיט דעם געלד וואס יודען האבין זיך אנגע־
זאמילט אין מצרים און אופן ים, אי, פון יענעם געלד איז דאך שוין נישטא
אפילו א פערטיל קאפיקע? נבוכדנצר און טיטוס האבין שוין ביא אונז אפילו
אונזערע איינענע בעביכעס אויך צו גינומען? ניין, דער מגיד ווייזט גאר א
פלאן אז דאס איז גאר אונזער טובה, און דער צו האט ער געפיהרט אגאנץ
לאנגין משל מיט א בן יחיד וואס איז ארויס לתרבות רעה, און האט דאס
אריין געריקט מיט גרויס מאטערניש אין די פסוקים „אחות לנו קטנה ושדים
אין לה" עס הייסט: מיר זענין יעצט בבחינת קליין שוועסטעריל, און מיר
האבין ניט קיין שדים, מיר האבין ניט קיין יניקה פון פרנסה, נאר אין אמת,
איז דאס אונזער גליק, דורך דעם דחקות לערנען מיר די תורה מעהר, און
דאס איז דער פשט „אני חומה ושדי כמגדלות" איך האב ניט קיין שדים פון
פרנסה, אבער פון תורה און פון הלכה, בין איך וויא איין מויער — אזויא
האט זיך דער מגיד געשוויצט און גיווארפין מיט אלע אברים, ביז ער איז דורך
גיקראכין די איבעריגע פסוקים, און אלעם נאר אויס ווייזען, אז דאס גרויסע
ענוות

ענוות און דאס שפלות, איז גאר דאס גרעסטע גליק פאר אונז, (אזא יאהר
זאל ער האבין).

דער נאך האט ער אן גיהויבען זיך גוקם זיין אן די מצריים, גאר אויף
אנאנדערין אופן, ער האט דער צעהלט געשיכטען פון די עשר מכות, אז עס
איז גיוועזין א פחד צו הערין, מע האט טאקי אביסעל גילאכט אויך, ווארום
דער מגיד איז גיוועזין אגב אורחא אשטיקעל לץ אויך, ער האט למשל פאר־
גישטעלט, וויא די צפרדעים האבין שפאצירט ביי די מצריים אונטער די
הויזען, און דערסטגלייכען.

דער כלל, ער האט דער צעהלט וואונדערליכע מעשיות, וואס דער
עולם האט פון זייא שטארק הנאה גיהאט, אין אמת, האט דר מגיד פיל מעהר
גיטאהן די מצריים וויא משה רבינו, איבער אלעמען איז ער עפעס אווילדער
בעל עצה, ער האט גיגעבין די יודען איין עצה, אז אין די דרייא טעג וואס
עס איז גיוועזין פינסטער זאלין זייא געהן אין די הייזער פון די מצריים, און
אוים קוקען וויא עס שטעהן זייערע זילבערנע און גאלדענע כלים, כדי אז דער
נאך בשעת ארויס גאנג פון מצרים, אז זייא האבין גיבעטין עפעס לאייען כלים
און תכשיטים אופן וועג, און די מצריים האבין זיך געפריוווט פאר לייקענין
אז זייא האבין גאר נישט, האט מען זייא אוים גישטאבין די אויגען, און מע
האט זייא פאר גיזאגט וויא יעדע זאך שטעהט — איך זאג אייך דעם אמת,
איך וואלט זייא אפשר נאך בעסערע עצות גיגעבין, נאר וואס ווערט דער פון,
אבי יעצט האבין מיר נישט א קאפיקע ביי דער נשמה, גלאט קוויקען זיך
מיט קאלטען בארשט? איין אמת מעג מען זאגין, ווערליג דאס דור המדבר
האט דער צעהלט, אז זייא זענין דארטין אין מצרים גיזעסין „על סיר הבשר״
פיש גיגעסין בחנם, א חוץ קאוואנעס, ציבאלים, קנאביל, איז דארט נאך
אפשר בעסער גיוועזין וויא אין דער ליטא, דער וייל וויא די מעשה איז גיוועזין
האבין זייא דאך גיהאט וואס צו עסין, דא הארעוועט מען אויך טאג און
נאכט וויא אין לעהם, און לבסוף עסט מען קדחות, קנעכט איז מען אויך
ב״ה, און אז ניט ביי פרעה׳ן, איז שוין גוט? וואס פעהלט אונז, דער
זבארשטשיק? דער [illegible]? דער רב מיט די דיינים? די גבאים פון
די שוהלען? — פון דעסטוועגין נאך די אלע זאכין, איז דער מגיד ביי זיך
שטארק פארריסען, ער קוויקט זיך אלעם מיט דער מפלה פון די מצריים,
ער איז שטארק אין כעס, פאר וואס האט בעדארפט זיינער איין עלטער זיידע
(האטש עס קאן זיין, אז ער האט גאר א טעות, זיין זיידע איז דארטין אפשר
גאר ניט גיוועזין, ווארום ער קומט גאר ארויס אפשר פון א גר) זיין א פעטשניק
אין מצרים? מילא דער נאך אז ער האט זיך שוין גוט נוקם גיוועזין אן זייא מיט
די מכות, האט ער אן גיהויבען פירען א שטועס מכח קריעת ים סוף, ער
איז ניט יוצא מיט דעם נס וואס שטייט אין דער תורה, דאס איז ביי איהם

נאר

גאר איין קליינינקייט, ער האט גאר גימאכט א פלאן, אז דער ים סוף האט זיך גישפאלטין אויף 12 חלקים, אונ יעדער שבט איז גיגאנגין דורך אנאנדער טייהל, דיא וועגט וואסער זענין גיווארין וויא ברילליאנטען, צווישין זייא האט גיוואקסין אללערלייא פרוכטין, אונ דיא יודען דורך גייענדיג האבין זיך געקוויקט מיט זייא, עס איז מיר א פלא, פאר וואס האט ער ניט גיזאגט, אז צווישען דיא וועגט זענען גישטאנען שיסלען קרופניק, געדיכט מיט קארטאפעל? —

בקיצור, אט אויף אזא אופן האט ער גיטומעלט א קאפ ביז מנחה, נא עס איז שוין נאך מנחה, דער עולם האט זיך אביסעל פאנאנדער גישמועסט פון פארשידענע ענינים, אונ איך בין פאר קראכין אונטערין אויוען, אפשר וועל איך טרעפין ווייטער אונזערע מענשין, אונ וועל הערין עפעס ווייטער א גוט ווארט, חלעבין יוא גיטראפין, עס טוהט מיר הנאה, אט וועל איך עפעס הערין. —

---

## 17.

## דער לעצטער געשפרעך.

דיא אייגענע צווייא מענשין, אונזער ר׳ חיים אונ דער אפיקורוס אויך, זיצען צו זאמען אונ שמועסין, זייער רוהיג, טאקי איבער וואס וויכטיג איז, „הערט איהר ברודער!" האט זיך דער אפיקורוס אן גירופען, איהר ווייסט אז עס איז שוין נאך יום טוב, מיט דיא דרשות פון דעם מגיד, אונ מיט דעם „לא לנו" פון דעם חזן, קאן מען קיין וועלט ניט פירען, דאס איז אלעס פוסטע גישעפטין, אט וואס איך וועל אייך זאגין, איך קלעהר גאר מיינע קינדער שוין מעהר ניט לאזין לערנען בייא דיא היזיגע מלמדים, מע זעהט ב״ה דעם גרויסין תכלית וואס עס ווערט פון דיא אלע קינדער וואס פארברענגין זייערע יונגע יאהרין אין דיא חדרים, אונ געהן אים דער נאך אין צרות, זוכין פרנסה אפט דורך פארברעכין, אונ אויך ניט אלע מאהל גילט דער שווינדעל, אזעלכע מענשין זענין גלאט אביונים, בטלנים, שנארערס, מיינט איהר אפשר אז זייא קאנען האטש אביסעל לערנען? ניין, דאס רוב זענין גאר פראסטאקים, דיא דאגות האבין זייא אזויא פיל פאר שלאגין דיא קעפ, אז זייא האבין גאר פאר־געסין דאס ביסעל גמרא, אויף וואס זייא האבין פארבראכט זייער לעבין ביז 20 יאהר, תנ״ך האבין זייא גאר אין דיא אויגען ניט גיזעהן, זייא זענין ניט אומשטאנד אפילו איין רעכטען בריף צו שרייבין. —

את דער פון זעהט מען וויא ריכטיג איז, דער מאמר פון אונזערע חכמים „כל תורה שאין עמה מלאכה סופה בטלה" קוקט גוט, אונ בעטראכט דיא ווערטער, זייא זאגין ניט „אז דיא תורה וואס מיט איהר איז נישטא קיין מסחר, וועט דיא תורה בטל ווערין", ווארום אין אמת, איז מסחר אזאך וואס שטערט אין גאנצין דאס לערנען, דער מסחר איז מבלבל דעם מוח, אונ שטערט, אי פון תורה, אי פון מצות, גוט האט גיזאגט איינער א חכם „המסחר הוא אבי השקר" דאס הייסט דער האנדעל איז דער פאטער פון בעטריגעריא, דער פסוק זאגט אויך דאס אייגענע, „כנען בידו מאזני מרמה לעשוק אהב", זעהט א דבר פלא, ער זאגט ניט, אז דער סוחר מוז זיין א גראביטעל, נאר נאך ערגיר, דער סוחר האט גאר ליב גראבעזש, אפילו בשעת ער האט גאר קיין נויט ניט צו דעם, ער קאן לעבין ארינדליך פון זיין גישעפט, ניין, ער ליבט דעם שווינדעל, ער קריקט שוין גאר איין נאטירליכע תשוקה צו רויבען, אונ דארום זאגט דער פסוק „לעשוק אהב" ער ליבט צו רויבען, דארום האבין דיא תלמודיסטען גיזאגט, אז דער וואס לערינט ניט זיין קינד א מלאכה, איז אקוראט וויא ער וואלט איהם גילערינט זיין א גזלן, ווארום אז ער וועט ניט האבין אין זיך איין זיכערען פראפעסיאן, פון וואס צו פארדינען, אונ וועט נאר זוכען פרנסה פון דעם מסחר, איז ער דאך א גזלן, אין יעדער גראשין ליגט פרעמדע בלוט, פרעמדע מיהע, אונ דאס איז נאך אלעס גישמועסט, אז ער קריקט חאטש דאס קערביל, אוי וויא גישריגען! וויא פיל מענשין וואלטין גערען גיוועזין עפעס מאכען א שווינדעל, איין אנזעץ, אבער עס געהט ניט. —

איך האב הנאה צו הערין א שמועס פון משוגעים „עט! מע דארף גאר ניט קאנען, וועמען עס איז בעשערט צו זיין א נגיד, העלפען מעג ער אפילו זיין חתימה אויך ניט קאנען מאכען, פון דעסטוועגין פיהרט ער גישעפטין, אט למשל וואס פעהלט „דעם, אונ דעם", א שארפער פיסמעניק? קאן ניט מאכין א צלם פאר איין אלף, פון דעסטוועגין איז ער גאר א קארגער עושר? אונ וויא פיל שרייבערס, האב איך גיזעהין אום געהן אהן שטיוועל?" —

אט דאס איז דער שמועס פון בלינדע מענשין, זייא קוקען נאר אויף דעם וואס דאס מזל האט אים גראדע גיטראפין אונ איז פינ'ם מסחר איין עושר גיווארין, געוואלד! פאר וואס זאל מען אבער ניט קוקין אויף דיא 95 פראצענט וואס שטארבין ממש פון הינגער, זייא האבין ניט פון וואנען א טאג איבער צו קומען? אונ ווידער האבין דיא נארישע מענשין מעהר ניט קיין בעגריף, נאר אדער פון א שוסטער, אדער פון א שרייבער, זייא האבין קיין שום ידיעה ניט, וואס הייסט „מלאכה", אדער וואס הייסט „וויסענשאפט" איין שוסטער אדער א שניידער, הייסט ביא דעם אונגעבילדעטען יודען א בעל מלאכה, א שרייבער איז ביא איהם איין גילערינטער, איהר ווייסט ליבע ברידער

איהר

איהר זענט ניט געווען אין דער גרויסער וועלט, איהר לעזט קיין ביכער ניט, איהר ווייסט ניט וויא הויך געשעצט איז דיא מלאכה יעצט אין דער וועלט, איהר וואלט נאר געזעהן בעלי מלאכות, קינצלער, מאשעניסטען, וואס דיא מלאכה האט זייא רייך געמאכט, אונ וואס פעהלט מאקי א גוטען בעל מלאכה פון דעם סארט מלאכות? אגוטער שוסטער האט דען קיין ברויט ניט? ארעכטער שניידער ווערט דען ניט בא וואקסין? זייא ווערין דען ניט קיין עשירים מיט אייגענע הייזער? זעהט נאר אין דיא גרויסע שטעט. —

ווייטער ברידער וואלט איהר זיך ערקינדיגט, אז א שרייבער וויא איהר מיינט איז גאר ניט קיין געלערנטער, איין געלערנטער מענש ווערט אן גירופין וואס בעזיצט וויסענשאפטען, מאטעמאטיק, פיזיק, מעכאניק, כעמיא, מעדעציען, אונ נאך אזעלכע פיל פרעדמעטען וואס מאכין גליקליך דעם מענשין, איהר ווייסט אז דיא אלע ענינים, הן פון מלאכה, הן פון וויסענשאפט קאן א מענש ביז 20 אונ העכסטענס ביז 25 יאהר, דער געהן ביז אין גרונד. —

נא זאגט אליין, זענין מיר ניט רוצחים? וואס פיהרען מיר איבער אונזערע קינדער גאר בחנם? איך וויים גאנץ גוט דעם תירוץ פון די שוטים: „נישקשה! מע האט גילעבט אהן דיא אלע קונצען, אונ מע וועט ווייטער אויך לעבין, אט לאמיר זיך ניט נארען, פון וואנען לעבין מיר? מיר זענין ב״ה ניט קיין בעלי מלאכות, אונ ניט קיין אוים גילאקסירטע, ניט גיגאנגין אין דיא חאלאסען, אונ פון דעסטוועגין לעבט מען וויא עס איז, הלעבין פון הינגער איז נאך קיינער ניט גישטארבין", אט אזויא זענין דיא טענות פון דיא בהמות, איהר פאר שטעהט ברידער, אז בייא איין ליטוואק ווערט דאס גירופען „געלעבט" זיצען אין א דירה פון פיער איילען אויף פיער איילען, אין עפוש, אונ סיראכט, עסין קדחות, טאג אונ נאכט קריגען אונ שעלטין זיך מיט'ן ווייב, זיין א עבד לעבדים, א שפל ונבזה צו ליב איין גילדען, נא איז דאס אלעבין? אין אמת זענין כמעט אלע ליטוואקעס אזויא וויא טויטע.

איהר האט שוין אפשר גיהערט דער פון, אז אונזער גוטער קיסר האט מיט אונז גיטאהן חסד, אונ האט אונז גיגעבין אין [illegible]קאז, אז געבילדעטע, אונ בעלי מלאכות מעגין זיצען אין גאנץ רוסלאנד? נא צו וואס זאלין מיר זיך צו נאנד קוועטשין אלע אין איינעם, אין דיא טריקענע אונ דארע שטעדט? אפשר איז א שארע זפ צו לאזין דעם מגיד, מיט דעם חזן, וואס דאס איז דער גאנצער נחת פון דער ליטא? מעהר דארפט מיר איז נישטא נאך וואס צו בענקען, א וואהרער געבילדעטער מענש, אונ איין גוטער בעל מלאכה קאן זיא אמאהל עסען א שטיקעל ברויט, וואס איז ניט געקנייטען אויף פרעמדען שווייס, וואס קיינער זיפצט ניט אונ קרעכצט ניט אויף זייא „אט אזא מענש לעבט מאקי, ער האט הנאה פון זיין וועלט, אויף איהם קאן מען זאגין אז ער

איז

איז זיבער מיט זיין פרנסה" , ער קאן זיבער געמען א ווייב , אונ זיא זאל איהם זיין טאקי א הילף , ניט וויא דיא ליטוואטשקעס געבאך , וואס קאנען זיך ניט פארלאזין אויף זייערע באנק קוועטשערס , אונ מוזען נאך אליין אויף האריוועז , מבזה זיין זיך מיט גאס פרנסות , זיין טענדלערענס , סעדעכעס , פאר ברענגין גאנצע טעג אין קללות , אונ אין פאלשע שבועות , אים געהן שווארץ , אונ חושך , פאר שלומפערט , פאר שמאכט , איבער געגריזעטע , ציקאכטע אונ צו בראטענע , פון קנאה , אונ פון שנאה , וואס עס מאכט טאקי איין איינדרוק אופן מאן אויך . —

איז דען מעגליך אז בא אזא מאן אונ ווייב , זאלין זיך אויס האדיוועז ארינדליכע קינדער ? קארג קללות הערין זייא זיך אן שטענדיג ? קארג הערין זייא טאג וויא נאכט , וויא איינער דעם אנדערין רופט אויס וואס אין דער קארט ? נא וואס פאר א פנים קענען שוין האבין דיא עלטערין ביא דיא קינדער ? וויא קאנען זייא שוין דרך ארץ האבין פאר אזוינע שמוציגע עלטערין ? ווייניג שווינדלערייא אונ שקרים , זעהן זייא טאג טעגליך , אין דעם געשעפט פון זייערע עלטערין ? אונ וואס מאכט דאס אלעס ? נאר דער דוחק פון דער פרנסה , היינדערט יודען אין איין שטעדטעל האבין איין געשעפט , מוז מען דאך טאהן כל הפסלנות , אונ ערשט איז נישטא פון וואנען צו לעבין , נא קריגט מען זיך , שעלט מען זיך , גריזעט איינער דעם אנדערין אב דיא הויט פון דיא דארע ביינער . —

דיא גמרא ברענגט א גיט ווערטיל „כד מישלם שערא מכדא , נקיט ואתא תיגרא בביתא" עס הייסט : „אז עס קאנטשין זיך שוין דיא גערשטין פינ'ם פאס , הויבט זיך אן א מחלוקת אין שטוב" עס איז טאקי ריכטיג , ביא אונז ליטוואקעס איז ב"ה דאס פאס שטענדיג פוסטע , אונ דער פאר איז דיא שטוב פיל געפאקט מיט קללות אונ יללות , ניט צום אויס האלטין . —

על כן , איז ביא מיר געבליבין בהסכם , אז איך מוז מיין עלטערין זוהן אב געבין תיכף נאך יום טוב פאר א בעל מלאכה , אונ דעם יונגערין לאזען שטודירין , דא וועל איך געווינען אין צווייען , ערשטענס ! וועל איך זייא מאכין פאר מענשין , פאר זייא וועט שוין זיין דיא וועלט אפען אונ פרייא צו זיצען וויא בעקוועמער עס וועט זיין צו דער פרנסה , זייא וועלין פאר שפארין זיך בעשעפטיגין מיט דיא פוסטע עסקים , א שטייגער : „שדכנות , מלמדות , מעקלערייא , א קרעמער אונ א פינף אדער זעקס מאהל אנזעצין , ער אונ דאס ווייב בעזינדער , א שענקער ארויס קוקען אויף שיכורים , אונ צו נעמען א גנבה'עלע אויף דער וויל , אים פארין מיט א כתב פון א נשרף , קלויבען חתימות אויף איין עלטער זיידענס א ספר , אונ דער נאך ניט דריקין , אדער גלאט א שנארער . דאס זענען אלעס אזוינע פרנסות וואס בעשטעהן נאר פון בעטרוג אונ שווינדעל , אונ העכער וויא 50 פראצענט גילטען אפילו דיא דאזיגע

פרנסות

פרנסות אויך נישט, בלייבען זייא גלאט בעטלער'ס, בטלנים, תהלים זאגער: מקבלים, שנארער, — צווייטענס, אז מע מאכט קינדער פאר מענשין, קאן מען חאטש האפען, אז מע זאל פון זייא ווען עס איז לויז ווערין, ניט טראגין זייא אויף דיא דארע פלייצעס, ביז אין טויט, א קינד מיט א טאלאנט דארף ניט קאסטין קיין נדן, קיין קליידער, קיין קעסט, ער קיקט שוין ניט ארויס אופן טאטענס געלד, ער פיהרט שוין אליין א הוצאה פון כמה יאהר נאך פאר דער חתונה. —

געוואלד געשריגין! מיר זענען דאך באמת משוגעים אונ מטורפים, מיר ציטערין דאך פאר איין מאמר פון דער גמרא, וואס נאר איינער האט זיך ארויס געריעדט איז דאס באלד גיבליבין א דין, אונ גלייך דאס אריין געצויגען אין שלחן ערוך אריין אונ כן יקום. — נא פאר וואס זשע ווילין מיר זייא ניט פאלגין מכח קינדער ערציעהונג? „דיא חכמי הגמרא קלעהרין עפעס, וויא לאנג איז דער פאטער מחויב אוים האלטין זיינע קינדער, וואס ער דארף זייא לערנען" זעהט מען דאך דיא גרויסע שטותים פון אונז, אז מע לאזט אים געהן ליידיג גרויסע קינדער אונ מע גיט זייא עסען, אונ מע מאכט זייא נאך חתונה, אונ דער נאך גיט מען זייא ווייטער קעסט, נא איז א חידוש אז מע דארף טאהן אלע פסלנות אין דער וועלט? א שפאס א פעסטער מענש, אהן א שום טאלאנט, אהן א שום זיכערער פרנסה, זאל גאר ווערין זיין א פאדראטשיק מפרנס זיין א גאנצע פאמעליע, קינדער מיט איניקליך, גרושות מיט חליצות, אין וואס איז מיט איהם דאס תקיפות? אדרבה פרעגט איהם? —

אט פרעגט למשל אונזער ר' שמערלין וואס איז זיין תקיפות? ער איז א קרעמער, ער האט ערשט בסך הכל צווייא מאהל באנקראטירט, ער אליין פארט שוין ניט נאך סחורה, ער שיקט שוין דאס ווייב, ער מאטערט זיך ביז ער זאל חתונה מאכין דעם מוזיניק, אונ אבגעבין איהם דיא קעסט, דאמאלס וועט ער שוין מאכין דעם לעצטען אנזעץ, פאר קויפען זיין שטוב (וואס זיא איז שוין פון כמה יאהר איין איין פרעמדען נאמען) אונ ארויס פאהרין קיין ארץ ישראל, שוין אראפ ווארפען פון זיך דיא נארישע וועלט, וויא פיל איז דער שעור צו הארעווען? חלעבען דיא קינדער זענען שוין ב"ה לייטען גלייך, דעם עלטערין האט ער איבערגעגעבין דיא קלייט, מיט דעם נשאר אונ דיא חובות, זיין ביסעל געלד וועט ער אויך צו לייגען, וועט ער קאנען פירין דיא קלייט, ווייטער וועט ער דאך אויך שכל האבין אלע מאהל באנקראטירען, ביי איהם וועט שוין דאס זיין א אב מלאכה. — דער אנדערער זוהן איז אויך ב"ה פאר זארגט, ער איז א שטיקעל מעקליר, מישט זיך אריין אפט מאהל אין איין שידוך, א גבאי אין צווייא חברות, אונ דער צו זיצט זיין ווייב מיט א טישל אויך. — דיא איידעמס אויך זייער לייטעשע, פיינע בעלי קריאות, קאנען גיט שרייבין כופרעש, איינער איז גאר א יודע נגן, אונ א רעכטער בעל תפלה, דער כלל,

זייא זענען מושלמים בכל המעלות, מוהלים, שופר בלאזער, פלעכטין ביטאליך צו הדסים, אב שרייבין דאס קדחות, חלעבען זייא וועלין שוין פון הינגער ניט שטארבין, זייא וועלין זיך שוין דורכשלאגין וויא עס איז דיא נארישע וועלט, אונ ווייטער קאן מען עפעס אלעס פאר זארגין? מע איז מעהר ניט מחויב נאר געבין א וויב א יודען, אין דער נאך וויא דאס גליק טראגט אויס. —

נא אזא יוד וואס האט שוין כמעט זיין וועלט אויס געפיהרט שיין אונ פיין, חלעבען וויל טאקי ניט שטארבין אין חוץ לארץ, נאך וואס טויג איהם, אז ווערים זאלין איהם עסען? ער האט טאקי חשק ליגען וויא א פירשט קרוגאם אין ארץ ישראל ערד, וואס דען? עס איז אין אמת א תכלית ליגען אין דער ליטא נאר בעטרעסעט מיטן נארישען ביסעל ערד פון צפת? ערשטענס, איז דאס ביסעל ערד גלאט קאיי אונ שפאיי, צווייטענס, זאל מיר גאט ניט שטראפין פאר דיא רייד, איך בין גאר א קנאפער מאמין אין דעם ביסעל ערד וואס דיא ארץ ישראל משולחים ברענגען פון דארטין, ווער ווייסט? אפשר איז דאס גאר סטאמבלער ערד? קליינע שווינדלער זענען זייא? נא פאר לאז דיך אויף דעם, אונ חוץ דעם איז דען (גלגול מחילות) קאטשען זיך דורך דיא היילין, עפעס א גוט עסק? — ערשטענס, דאס קאטשען זיך אליין איז גאר ניט געשמאק, קאטשע זיך אזא מרחק, אזש פון סלוצק קיין חברון? א שפאס וויא פיל געזינד דאס דארף ארויס נעמען? אין אז מע גיט שוין אפילו דיא ווילקעליך, אז מע זאל זיך אויף זייא אנשפארען בשעת מע וועט זיך קאטשען, איז דאס עפעס א שארפע הילף? איהר פאר שטעהט דאס תקיפות פון אזוינע ווילקעליך? גלאט ריטליך פון א בעזים! ניחייא וואלט מען חאטש געגעבין שטאלענע, אדער טשיגונענע.

צווייטענס: איז עפעס א חילוק, דער וואס איז שוין אופן ארט, אט ווערט ער לעבעדיג, חאפט ער זיך שוין צו, צו איין שטיקעל געשעפט, א שענקיל, א קלייטיל, דער שלאגט זיך צו אשטיקעל אייגענער דירה, איידער עס וועלין אן קומען אלע כלאנימער, טינקעוויצער, מירער, ארשער, לידער, וואלאזיניער, סלוצקער, א שפאס דאמאלס א דירה אין ירושלים? חלעבען מע פיהרט איין א שטיקעל אכסניה, אט פאר בלאנזיט א מאהל א סוטה פון א שטעדטיל, א יולדת, א סאך אנדערע וואס דארפען ברענגען קרבנות, א פרעמדער מענש וויים טאקי ניט וויא אונ וואס, אט ווערט א קאפיקע, צו איין אורח דער לייגט מען נישט, אבער דער וואס וועט זיך קאטשען, ביז ער וועט דער קריכין, ביז וואס ווען, אט ווערט צו קראבין דיא עטליכע גילדין. —

איי וועט איהר פרעגין? זאל שוין זיין אז ער איז גערעכט, אבער ווער איז מחויב איהם געבין געלד? מע זאל איהם שיקין מעמדות צהין? פאר וואס זאל איהם בעסער זיין ווי אלעמען? וואס פאר איין זליק וועט מען דא האבין, אז ער וועט זיך תיכף צו שלאגין צו איין שענק, אדער א קלייטעל, אונ אפשר

גאר

גָאר צוּ אֵיין אַכְסַנְיָה, אוּנ מַאכִי אַרוּם דֶעם הַר הַבַּיִת? אִיךְ קָאן אַייךְ מַבְטִיחַ זַיין, אַז עֶר װֶעט דֶער נָאךְ קֵיין לִיטְוַואק אֲפִילוּ אוֹפֶן שֶׁוֶועל נִיט אַרוֹיף לָאזֶען, מֵחֲמַת עֶר װַייסְט דָאךְ װָאס פַאר קַארְגֶע לַייט זַייא זֶענֶען, אוּנ אַז מֶע קָאן פוּן זַייא גָאר נִישְׁט דֶער לֶעבִּין. —

בְּקִיצוּר, נָאךְ מַיין שֵׂכֶל װָאלְט אִיךְ זַייא מַאכִי אַ גְרָאשִׁין אוֹיךְ נִיט גִיגֶעבִּין, װָאס אַרְט דָאס מִיךְ? װָאס בִּיסְטוּ דָא פַאר אַ יַחְסָן? װָאס בִּיכְטוּ אַזַא זוֹלֵל וְסוֹבֵא אוֹיף אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל עֶרְד? נִישְׁקָשָׁה! דִיא מֶעגֶסְט אוֹיךְ גְלַייךְ מִיט אַלֶע לִיטְוַואקֶעס אִים גֶעהֶן נַעוָונָד, נָאךְ דִיא גִלְגוּל מְחִילוֹת אִין יְרוּשָׁלַיִם, אוּנ זִיכִין פַּרְנָסָה, אִיהְר פַאר שְׁטֶעהְט אַ שֵׂכֶל? עֶר הָאט זִיךְ אִין דֶער הַיִים בְּסַךְ הַכֹּל נָאר דְרַייא מָאהְל בַּאנְקְרָאטִירְט, גֶעטָאהְן כָּל הַפַּסְלָנוּת שֶׁבָּעוֹלָם, אוּנ לְסוֹף װִיל עֶר זִיךְ נָאךְ פַאר זָארְגִין, אִי אוֹיף נָאכֶען טוֹיט, אִי אוֹיף נָאךְ תְּחִיַּת הַמֵּתִים? אַ קְרֶענְק אִין דִיא בַּיינֶער! פַאר װָאס קוּמְט דָאס דִיר? —

הֶערְט נָאר! עֶר הָאט מִיר גֶעטוּהְן אַ גְרוֹיסֶע טוֹבָה, עֶר הָאט חֲתוּנָה גִימַאכְט אַלֶע קִינְדֶער? בּוּרְטָא עֶס פֶעהְלְט ח"ו אֵיינֶער צוּם מִנְיָן, אוּנ קֵיין גוֹלֶם אִיז אוֹיךְ נִישְׁטָא צוּ בַּאקוּמֶען, הָאט עֶר אוּנְז אַ טוֹבָה גִיטָאהְן אִין אַ מֶענְשִׁין, אִין אֱמֶת קָאן אַ מָאהְל אִין דֶער לִיטָא מַאכִי זַיין אַ דוֹחֵק אִין מֶענְשִׁין, אַ שְׁפַּאס אַז אִין דֶעם קְלֶענְסְטֶען שְׁטֶעדְטִיל גֶעפִינְט זִיךְ אַ עֶרֶךְ פוּן 20 בָּתֵּי תְּפִלּוֹת, אַ גְרוֹיסֶע שׁוּהְל, בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, קְלַייזְלִיךְ, שׁוּלְכְלִיךְ, שְׁטִיבְּלִיךְ, גְלַאט מִנְיָנִים, װָאס אִיז? יֶעדֶער װִיל מַאכִי גֶעבַּאךְ פָּארְט הָאבִּין אֵיין עֲלִיָּה אַלֶע שַׁבָּת, אוּנ מַאכִי אַ רֶעכְטֶע, לְכֹל הַפָּחוֹת אַחֲרוֹן, חָלֶעבֶען נִימֶער עֶרְגֶער, עֶסֶען עֶסְט מֶען אַלֶע װַייטִיגִין מַיינֶע שׂוֹנְאִים, דַאֲגוֹת אִיז עֶרִין קָאפּ, נָא אַז מֶע זָאל נָאךְ נִיט הָאבִּין אַלֶע שַׁבָּת חָאטְשׁ אֵיין עֲלִיָּה אִין מַאכִי אַ פֶּעטֶע, װָאלְט מֶען שׁוֹין גָאר אוֹיס גֶעגַאנְגֶען פוּן דִיא כֹּחוֹת, דֶערִיבֶּער מוּז מֶען מַאכִין אַ סַאךְ מִנְיָנִים, אִיז מַאכִי דָא דֶערִיבֶּער אַ שְׁטִיקֶעל דוֹחַק אִין מֶענְשִׁין, אוּנ דוּרְךְ דֶעם, הָאט מַאכִי דֶער קְרֶעמֶער פַאר דִינְט בַּייא דֶער שְׁטָאדְט דֶער מִיט װָאס עֶר הָאט גִיזֶעהְן קוֹדֶם כָּל הַתּוּנָה מַאכִין אַלֶע קִינְדֶער, אָט קוּמְט צוּ אֵיין אֵיידֶעם, פַאר װָאס נִיט? דֶער װַייל קִינְדֶעלְט מֶען אִינְטֶער אֲפִילוּ גָאר גֶעשְׁמַאק, אָט אַ יָאהְר פַאר אַ יָאהְר, װֶערִין שׁוֹין דִיא זְכָרִים בַּעַל מִצְוָה, נָא טוֹיגִין זַייא שׁוֹין אוֹיךְ צוּם מִנְיָן. —

לַאבִּין מֶעג מֶען, אָבֶּער אִין אֱמֶת אִיז דָאס אַ הַארְץ װַייטוּהְג, אִיהְר מֶעגְט מִיךְ אֲפִילוּ הַאלְטִין פַאר אֵיין אַפִּיקוֹרֶס, אִיךְ זָאג אַייךְ אִיךְ בִּין גָאר נִיט צוּ פְרִידִין פוּן דִיא פִיל בָּתֵּי תְּפִלּוֹת, עֶס װָאלְט אַ סַאךְ גְלַייבֶּער גִיוֶועהְן, אַז עֶס זָאל מֶעהְר נִיט זַיין נָאר אֵיינִיגֶע הִיפְּשֶׁע בָּתֵּי תְּפִלּוֹת, פַיין אוֹיף גֶעפִּיצְטֶע, מִיט אֵיין אָרֶענְדְלִיכִין חַזָּן, װָאס טוֹיג צוּ זַיין זַאךְ, אַ רֶעכְטֶער קוֹרֵא בַּתּוֹרָה, מִיט אֵיין אָרֶענְדְלִיכִין מַגִּיד, אֵיין גֶעבִּילְדֶעטֶער מֶענְשׁ, אוּנ מַאכִי גֶעבִּין זַייא רֶעכְטֶע שְׂכִירוּת, װָארוּם דִיא אַלֶע הַכְנָסוֹת פוּן דִיא קְלֵיינֶע שׁוּלְכְלִיךְ װָאלְט דָאךְ זִיךְ אַרַיין גֶעקְלִיבִּין אִין דִיא אֵיינִיגֶע בָּתֵּי תְּפִלּוֹת, װָאלְט דָאךְ מַאכִי דִיא זַאךְ אַ פָּנִים

געהאט

10 געהאט, איי איין עליה ? נישקשה ! על פי דין קאן מען יוצא זיין אפילו אין וואכין א מאהל מיט איין עליה, עסט גאר א רעכט שטיקעל פלייש, און זייט זיך א ביסעל מרחיק גאר פון דעם קרופניק ימח שמו, וועט איהר זעהן וואס פאר א פנים איהר וועט האבין, איך זאג מיינס, א עליה איז איין עליה, וואס מאכט עס אויס ? דאס שטיקעל תורה, אדער יענץ שטיקעל תורה ? איך וואלט גאר מבטל געוועזין דעם גאנצען יחוס פון שלישי, ששי, אחרון, מפטיר, איך וואלט גימאכט אז אין דער תורה זאל גאר קיין חילוק ניט זיין, אלע עליות זאל זיין גלייך אין דער מדרגה, אט דא וואלט מען פטור געווארין דיא קלייזליך מיט דיא צעהאוואיע שולעכער, מע וואלט זיך פאר שפארט פאטשין פאר עליות 1) פראסטע און גראבע מענשין וואלטין ניט געוועהן אזוינע שטארקע קריגער

צום

---

1) איבער הויפט אין דיא צעהאוואיע שוהלען, און אין דיא מנינים טרעפט זיך אפט און אפט אזעליכע סצענעס, וואס עס איז גאר איין חרפה פארין מויל צו ברענגין, וויא פיל מאהל האט זיך גיטראפין, אז איינער א שניידער וואס האט שטארק גירעכינט אויף זיינע תקיפות, אז איהם געהער גאר ששי, און אנאנדערע עליה וויל ער ממש אין האנט ניט נעמען, האט עס גוט בעמערקט אז דער גבאי א דאמסקע שניידער, וואס ער איז מיט איהם אין מחלוקת, האט גאר ניט אין דער מחשבה איהם אויף רופען ששי, און איהם האט דאס אבער גוט צו געשפארט חאטש לאפנע, ער מוז זיין ששי, טרעפט וואס ער האט גיטאהן ? ארויף געהן אויף דער בימה ניט קיין גערופענער, האט ער מורא גיהאט, אז עס וועט תיכף ווערין א גיפאטשעריא, און ער וועט ניט אויס פירין, איז ער גיפאלין אויף איין המצאה, א שכל וואס א שכל הייסט, ער איז ארויף גיקראכין אויפן באנק וואס שטעהט לעבין דער בימה צו דער זייט פינ'ם ארון קודש, מיטין פנים צו דער טיהר, און האט גיעפינט דיא תורה פון דער לינקער זייט, און האט שוין גימאכט דיא ברכה, איהר פאר שטעהט ליבע לעזער ! דאס איז גיוועהן דווקא מיט חן, שטעהלט אייך פאר א גראבער שניידער און איין הויכער, האלב מבושם (נאך פון נעכטין) שטעהט אויף א באנק מיטין אחור צום ארון קודש, וויא א מגיד, און מאכט א ברכה גאר פון דער לינקער זייט, און דער וויל איז ארויף אויף דער בימה טאקי דער דאזיגער וואס דער גבאי האט איהם מזכה גיוועהן מיטין ששי, נא וואס טוהט מען ? דער מאכט פון דער זייט, און דער פון דער זייט ? פיל יונגע שניידערליך האבין גיוואלט פון הינטין ארום אראפ שלעפען דעם שכור פינ'ם באנק, ער איז אבער אויך קיין נאר ניט, ער האלט זיך שטארק אהן אין דיא עץ חיים'ס, און שלעפט מיט זיך דיא תורה, אט דא האבין אנגעהויבין פליהען פעטש פון אלע זייטין, ער האט אויך גיהאט א שטארקין צר, מען איז פאר פארין דעם גבאי אונטערין

אויער

צום עמוד, הלוואי זאל זייא גאט העלפין האטש פאר זיך וויא עס איז דורך קריכין דאס דאוועגען, מילא א וואכידיג דאוועגען איז נאך סיאק טאק, פארט באקענטע ווערטער, שטארק איינגעדאווינט, אט געהט ער א גאנג, אבער א שטייגער אים יום טוב, דאס גרויסע שטיק מחזיר פאר דער קדושה, וואס דארטין האט זיך דער פייטן אין אמת פאנאנדער גילאזין גאר אהן בחמנות, דארטין פערלירט א פראסטער יוד טאקי דיא כחות, אז עס איז טאקי א צער בעלי חיים, עס פליהען טאקי ממש דיא צעהן פינ'ם מויל, מע ווערט געבאך אב גיגאסין מיט שווייס, עס איז נישטא איין רעכט ווארט, מע פליהט איבער שכם אונ איבער יוסף, די פיענע לויפט פינ'ם מויל, אונ דא איז נאך א מרחק רב צו קדושה, דער גראם געהט שוין אפילו אלע מאהל שטארקער (דאס איז א סימן, אז דער פייטן אליין וויל זיך שוין אויך צו שלאגין צו דער קדושה) וואס איז אבער דיא פעולה? דער פיוט קעלבט זיך! אהא! דער חזן קאכט שוין, אט אט טשוט לעבין משלשלים, אונ זייא געבאך מוזען אין מיטין דער ארבייט מפסיק זיין אונ זאגין קדושה, נא אשטייגער אז אזויגע מאבערם פאפאדען זיך גאר צום עמוד, איז עפעס א חן הא?

אט דעריבער, איז בא מיר דער קרעמער גאר קיין יחסן ניט, וואס ער האט חתונה גימאכט אלע קינדער, פון מיינעט וועגין האבין נאך גיקענט א פאר בחורים זיצען נאך עטליכע יאהר, אונ ער זאל טאקי זיין אין דער ליטא, זאלין איהם טאקי עסען דיא ווערים גאבעי טויט, זאל ער זיך טאקי קאטשען, האבין גלגול מחילות, איהר מיינט אפשר, אז א סאך פון די לייט שטארבין ניט אין חוץ לארץ? זייא קאנען דען א פנים איין זיצען דארטין? מע האפט זיך אפט אונ אפט ארויס מאכין א גראשין, וואס איז? וואס ביסטו געקומען? א היישעריג איז אן געפאלין, עס געהט ניט קיין רעגין דארטין, עס איז ערד ציטערניש, איי ווער האט דיך גיבעטין צו פארין אהין? דער טערק קאן זיך אהן דיר ניט קראצין? גיין! עס איז אבער דארטין וואלוועל באקסערען, שמן זית

---

אויער, א סאך חיימים פון דיא אלטע, האבין בעלעגערט דיא תורה, אז זייא זאל ח"ו ניט אראב פאלין אויף דער ערד, אונ אין שולכען איז א רעש אונ א מהומה, עס פליהעט קולות אונ זידלערייא פון אלע זייטין, אלע טליתים זענען צו פליקט גיווארין אויף שטיקער, סטענדערם צו בראכין, מיט דיא העסעם פון דיא הענגלאכטערם האט מען מלחמה גיהאלטין. — בקיצור, עס איז גיוועהן פיין אונ ארינדליך, אוהן שענסטין גראד.

נאך שבת, האבין דיא ביידע צדדים פאר פיהרט א פראצעס, גישטעלט פאלשע עדות, אויס געבבראכט א סאך געלד, פאר זעצט אלע כלי קודש, אונ עס איז גיוועהן צו זינגין אונ צו זאגין. —

זית, טייטלין מיהלגראמען, נא ביסטו גלאט א נאשער? וואסזשע ווילסטו פון אונז האבין? זיץ אין דער ליטא, קיין היישעריג איז ב"ה גישטא, וואסער איז דא לרוב, דיא ערד ציטערט גיט, אונ עס מאכי ווייטער קרופניק, קויך זיך מיט עפיל קוואס, אדער גאר מיט דייזשע קוואס, איי וואס? דיא ווילסט אפשר גאר איין ריידין, אז דיא מיינסט גאר טאהן א טובה דעם כלל ישראל, דיא וועסט זיך פיעסטען פארין כותל מערבי, זיך מיהען אז מען זאל דעם טערק ארויס ווארפין פון ירושלים, אט דאס קאן איך טאכי דיר גלויבין, מע זעהט ברוך השם, אונ מע הערט, אין אלע ציימונגען דיא גוטע פאבראדקעס פון ירושלים, עס איז פשוט א חרפה צו הערין, עס איז דארטין גאר פשוט גראבעזש, יעדער קלעהרט אויס אנאנדער שקר אבי אויס מאנטען דיא עטליכע גילדין פון חוץ לארץ 1) . —

אפשר דארף מען העלפען דעם אנזעצער צו פאהרין קיין ארץ ישראל, כדי ער זאל היטין דארטין דאס ביסעל אימושעסטווא, וואס האט זיך אונז אפגעשטעלט פון דיא אלטע צייטין' דאס איז דער כותל מערבי, אויף אונזערע שונאים גיזאגט גיווארין אזא ירושה! דריבער הערט איהר ברידער וואס איך וועל אייך זאגין, השי"ת זאל אונז היטין פון אזעלכע תכלתים, פון אזויגע פלאנען צום לעבין, נאר אזעלכע פוסטע מענשין וויא מיר זעגען, זעגען מיר נאך גיט בעווארענט, פון זיין ארץ ישראל יודען אויף דער עלטער.

דערום וויל איך מיט גאטעס הילף, האטש מיינע קינדער מציל זיין פון אזויגע פאסקודנע גישעפטין, פון אזא ברודנע לעבין, איך בין גיט מקנא אפילו דעם רייכען וואס לעבט פון גאלע שווינדעל, ער ווייסט אויך גיט פון קיין טאג אונ קיין נאכט, אונ בפרט דיא פוסטע שווינדלער, דיא אביונים, דיא קבצנים, פליהען אים וויא דיא רוחות מיט פארדרעהטע קעפ, עסין גיט, אונ האבין טאכי גיט וואס צו עסין, טאג אונ נאכט איז הא הא, מע קריגט זיך

1) ווער שמיעסט פון דער וואלינער חברה, דיא חסידישע ארץ ישראל יודען, דארט איז גאר א צרה, גאר רציחות, דיא גבאים דיא גוטע יודען מיט זייערע פאמאטשניקעס וואס נעמען צו נויף דאס געלד אין חוץ לארץ, זייא גנבענען אראפ דער פון 90 פראצענט, דיא 10 פראצענט וואס בלייבט פון זייא, שיקט מען דאס ערשט צו, צו דעם גבאי הכולל דער געוויסער גרויסער סאדיגערער חסיד אין ירושלים, ער האט ב"ה אויך שכל, ער נעמט זיך אליין אראפ פון דיא 10 פראצענט 9 אונ המותר ווערט פאר טייהלט דעם גאנצען עולם, נא וויא פאר שטעהט איהר, וואס דארט ווערט פאר אטין געוואלד, פאר א גראבעזש? פשוט אייגער וויל פון דעם אנדערענס מויל אויס רייסען, וואס דען זאל ער טאהן? הלעבען עס איז טאכי כדאי צו פארין קיין א"י! —

זיך, מע שעלט זיך, מע שווינדעלט, מע אבמאנעוועט, מע רייסט פון טויט און פון לעבעדיג, יעדער גראשין פאר לויפט מיט בלוט, נא דאס ווערט אויך אן גירופען גילעבט? פון אזא פיהרונג האט מען ניט דיא וועלט, אי יענע וועלט, נאר כפרה, פון אונז קאן שוין קיין בעסערער תכלית ניט זיין. —

אבער לאזין אונזערע קינדער אויף הפקר, איז געוויס א גרויסע רציחה, און וואס האב איך מורא? וואס קאן מען מיר טאהן? אפשר ניט אויפריהפען צו דער תורה? אדער אריין ריקען מיר איין הוספה, איינס פאר אחרון? הא טאקי גאנץ שלעכט! עס איז טאקי כדאי הלעבין צו ליב אזוינע פוסטע שמאכטעס איבער פיהרען קינדער פון ביידע וועלטין, איי איי ברידער! זעהנין מיר דאס אביסעל רודפי כבוד? און נאך אזא נארישען כבוד, וואס איז, זוכען דווקא ששי אדער אחרון, וויא גיפעלין אייך אזוינע שטותים? מע זעהט דאך טאקי וויא ריכטיג און פיין עס ווערט אב גיקלעהרט אויף דער בימה, וועמען מע האט דא מכבד גיוועזן מיט דעם ששי? א קאטאוועס איין איש יקר? א גנב, א גזלן, א רוצח, א בלוט זויגער, אט דאס איז דער ששי! —

באמת איז נאר א הארץ וויטיג צו קוקען דיא פאראדקעס פון דיא בתי תפלות, עס איז נאך ווייניג דער שווינדעל און דער שקר אין גאס און אין שטוב, ווערט דאס נאך פראקטיקירט אין שוהל, אין בית המדרש אויך, דער כלל עס איז נישטא וויא זיך צו בעהאלטין, אז מע זאל זיך קאנען פאר געסין דיא נידער טרעכטיגער גענג, וויא אהין מע קומט איז דער ווינד אין פנים, מע ווערט טאקי אזויא פאר דארבין, אז מע פיהלט שוין גאר ניט קיין פונק פון יושר, פון אמת, נאר הוילע חניפה, בעטריג און שקר. —

דיא גרעסטע שנאה און קנאה און אונרוהיגקייט, איז נאר אין דיא בתי תפלות, דארטין זעהט יעדער גאנץ קלאהר, אז נאר דער רובל שפיהלט דיא ראלע, דער אביון ליגט אין דער ערד אפילו אין היכל הקודש, איהם גיבט מען איין הוספה, און איין מאהל אין 10 וואכין, מע ריקט איהם אריין אמאהל גאר דיא תוכחה, ווער רעדט פון א הוצאה אדער א הגבהה, איז ער נעבאך גאר זשענדע, אז ער ווייסט גאר ניט דעם טעם דער פון, היינט וויא איז זיין ארט? געבען דער טיהר, אונטערין אויווען, אט דארטין פאר שטעהט ער ערשט וואס פאר איין אונגליקליכער מענש ער איז, איי! טראכט ער זיך וויא אזויא קריגט מען דאס ביסעל מינץ? אט יענער און יענער, ווער קאן נאך איהם אזויא גוט וויא איך, איין עם הארץ, א גראבער ברודער, א מערדער, האט גיקריגען אביסעל מזומן דורך אבמאן, דורך גנבות, שטעהט ער שוין אין מזרח, חאפט דיא בעסטע עליות, א הוצאה א הגבהה, נא למשל אז דיזען אביון זאל זיך מאכין א סלוטשאי בעקומען עפיס איין אפותיקא וויא מיינט איהר? וואלט ער ניט אב גיטאהן כל הפכלנות שבעולם? יעדער מענש

וויל

וויל דָאךְ נִיט זַיין אַזאַ נִרְדָף, נִיט בֶּעקוּמֶען קֵיין טְרֵייסְט אֲפִילוּ אִין גָאטֶעס הוֹיזֶע. —

אוּנ וָואס אִיז דִיא וַואהְרֶע סִבָּה דֶער פוּן? נָאר דִיא פִיל שׂוּלִיבְלִיךְ, מֶע מוּז דָאךְ הָאבִּין הַכְנָסָה, הָאט מֶען גִימַאכְט פוּן אַלֶע הֵיילִיגֶע שׂוּהל מִנְהָגִים פַאר כִּבּוּדִים, אוּנ מֶע פַאר קוֹיפְט דָאס אַלֶעס וִויא לִינְג אוּנ לֶעבֶּער, אַבִּי אַרוֹיס קְרִיגֶען דָאס קֶערְבִּיל בַּייא דֶעם גְרָאבִּין יוּנְג דֶעם גְבִיר, אָבֶּער אַז עֶס וָואלְט נָאר גִיוֶועְן לְמָשָׁל אִין אַ שְׁטָאט צְוֵוייא גְרוֹיס אַרְטִיקֶע בָּתֵּי תְּפִלוֹת, דִיא הוֹצָאָה זָאל זַיין נִיט פוּן יְחִידִים, נָאר עֶפִּים פוּן אַ קוּפַּת הַקָהָל, נָא וָואלְט מֶען שׁוֹין פַאר שְׁפָּארְט שְׁמֵייכְלֶען אַזוֹינֶע פָאדְלֶע מֶענְשִׁין, דָארְטִין הָאט מֶען שׁוֹין גִיקָאנְט גָאר מְבַטֵל זַיין אַלֶע כִּבּוּדִים, אַלֶע עֲלִיוֹת זָאלִין הָאבִּין אֵיין וֶוערְט, הוֹצָאָה, הַכְנָסָה. הַגְבָּהָה, דַארְף מֶען גָאר נִיט מְכַבֵּד זַיין אַ פְּרִיוַואט מֶענְשִׁין, דָאס אַלֶעס דַארְף טָאהְן דֶער חַזָן, דֶער קוֹרֵא, אִין אַזוֹינֶע בָּתֵּי תְּפִלוֹת וָואלְט מְקוּיָם גִיוָוארִין דֶער פָּסוּק „קָטָן וְגָדוֹל שָׁם הוּא, וְעֶבֶד חָפְשִׁי מֵאֲדוֹנָיו“ דָאס הֵייסְט: קְלֵיין אוּנ גְרוֹיס זֶענִין גְלַייךְ, מַחְמַת אִין אַ מָקוֹם קָדוֹשׁ בְּרוֹיכְט צוּ זַיין אֵיין אֶמֶתֶע וֶועלְט, אַקֶענִין גָאט זֶענִין אַלֶע גְלַייךְ, אוּנ אִין גָאטֶעס הוֹיז גִיבְּט נִיט קֵיין יִחוּס, גֶעלְד, קֵיין תַּקִיפוּת, קֵיין חָכְמוֹת, דָארְט דַארְף חָאטְשׁ אוֹיף אַ קְלֵיינֶער צַייט דֶער שֶׁקֶר נֶעמִין אֵיין עֶק...

לֵיידֶער אָבֶּער בַּייא אוּנְז אִיז נִיט אַזוֹיא, מֶע דַארְף שׁוֹין נִיט הֵיילִיגֶער אוּנ כְּטְרָאגֶער, וִויא בַּייא אוּנְז יוּדֶען אִיז רֹאשׁ הַשָׁנָה אוּנ יוֹם כִּפּוּר, מֶע שְׁטֵייט דָאךְ אִין אֵיין מוֹרָא אוּנ אִין אֵיין צִיטֶערְנִישׁ, נִיתְיא וָואלְט שׁוֹין דַאמָאלְס חָאטְשׁ דֶער אֶבְיוֹן הָאבִּין אַ גוּטֶע שָׁעָה, פַאר גֶעסִין אָן זַיין עֲנִיוּת, שִׁפְלוּת, דַחְקוּת, נִיתְייא וָואלְט הָאטְשׁ אִין דִיא טֶעג נִיט רֶעגִירְט דֶער שֶׁקֶר דִיא חֲנוּפָה, דָאס עֲזוּת, דֶער פַאלְשֶׁער כָּבוֹד, נְקִימָה, נְטִירָה, אוּנ נָאךְ אַזֶעלִיכֶע מִדוֹת רָעוֹת, וָואס זֶענִין דֶער מָאנְט אִין דֶעם „אָשַׁמְנוּ“ אוּנ אִין „עַל חֵטְא“ נֵיין! עֶר זֶעהְט גֶעבֶּאךְ וָואס פַאר אַ פָּנִים עֶר הָאט דָא, עֶר שְׁטֵייט אַגַאנְצִין טָאג גֶעבֶּאךְ אִין גִיהַאקְטֶע וואוּנְדֶען, עֶר זֶעהְט דִיא כִּבּוּדִים וָואס מֶען אִיז מְכַבֵּד, טָא דֶעם טָא יֶענֶעם, צוּ יֶעדֶער תְּפִלָּה טְרַאנְסְפָּארְטִירְט דֶער שַׁמָשׁ בִּידִיעַת הַגַבַּאי, טָא יֶענֶעם, וָואס הָאט בֶּעקוּמִין אַבִּיסֶעל גֶעלְד, חָאטְשׁ מֶע הָאט אִיהְם גִיחַאפְּט פִיל מָאהְל בַּייא גְנֵיבוֹת אוּנ אַפְּמַאן, טָא יֶענֶעם, וָואס הָאט שׁוֹין דְרַייא מָאהְל בַּאנְקְרָאטִירְט, אוּנ וֶועט טַאקִי תֵּיכֶף נָאךְ יָמִים טוֹבִים וַוייטֶער אָן זֶעצִין, נָא וִויא קְרֶענְקְט דָאס צוּ קוּקֶען אוֹיף אַזאַ פַארַארָאק אִין אַזוֹינֶע טֶעג, אוּנ נָאךְ אִין אַ מָקוֹם קָדוֹשׁ, דֶער גַבַּאי שְׁרֵייעְט אוּנ שְׁלָאגְט זִיךְ אִין הַארְצִין „בָּגַדְנוּ, זַדְנוּ, טָפַלְנוּ שֶׁקֶר, יָעַצְנוּ רָע, כִּזַבְנוּ“ נָא אַדְרַבָּה דוּא הָאסְט חֲרָטָה! זֶעה טַאקִי אָט הַיינְט גוּפָא, וִויא דוּא טוּסְט דִיא אַלֶע עֲבֵירוֹת אוֹיף וֶועלְכֶע דוּא זָאגְסְט וִידוּי דָאס אַלֶעס זֶעהְט מֶען קְלָאהְר פוּן דַיין פַארַארָאק מִכֹּחַ דִיא כִּבּוּדִים.

הַיינְט וָואס פַאר אַ צוּקַאבְּענִישׁ עֶס מוּהְט זִיךְ צְווִישִׁין דִיא מְכוּבָּדִים,

מִכֹּחַ דִיא פְּתִיחָה'ס פוּן „לְאֵל עוֹרֵךְ דִין" אוּנ דִיא אַנְדֶערֶע, וָואס פַאר אַ קְנָאָר־שְׂנְאָה אוּנ הֲנוּפָה עֶס וֶוערְט דָארְטִין, נָא וָואס זָאגְט אִיהְר צוּ אַזוֹינֶע לִיבֶּע מִנְהָגִים? מַאקִי אַ פַארְגֶעניגֶען צוּ גֶעהְן אִין אַזַא מָקוֹם קָדוֹשׁ, אוּנ זֶעהְן אַזֶעלְכֶע פַארַאדֶקְעס, אוּנ נָאךְ אִינֶ'ם הֵיילִיגֶען יוֹם הַדִין, אִין אֱמֶת, קָאן נָאר זַיין צוּזַאמֶען מִיט זֵייא, אָדֶער אַ צָבוּעַ, אַ פָּאדְלֶער קַארַאקְטֶער, אָדֶער גָאר אַ שׁוֹטֶה וָואס הָאט גָאר קֵיין שׁוּם הַרְגָשָׁה נִיט פוּן דֶער גְרוֹיסֶער וֶועלְט, וֶועלְכֶער וָואלְט גָאר כִּמְעַט נִיט גִירֶעכִינְט אַז עֶס זֶענִין דָא נָאךְ שְׁטֶעט אַ חוּץ זַיין פַארְשִׁימֶעלְט שְׁטֶעטִיל, וֶוען עֶר וָואלְט נִיט גִיהֶערְט אָפְּטֶע הֶסְפֵּדִים אוֹיף רַבָּנִים פוּן אַנְדֶערֶע שְׁטֶעט, בַּייא אַזַא טִפֵּשׁ אִיז גָאר קֵיין שׁוּם סָפֵק נִיט, אַז נָאךְ אִין דֶער מִדְבָּר הָאט זִיךְ אַזוֹיא גִיפִיהְרְט, אַזוֹיא וִויא אִין זַיין שְׁטֶעטִיל, אוּנ גֶעוִויס הָאט מֶען אוֹיךְ מֹשֶׁה רַבֵּינוּ מְכַבֵּד גִיוֶועזֶען מִיט דֶער פְּתִיחָה פוּן „לְאֵל עוֹרֵךְ דִין" (הָאטְשׁ דֶער פִּיוּט אִיז נָאךְ דַאמַאלְס גָאר נִיט בֶּעשַׁאפִין גִיוָוארִין) אוּנ קֹרַח דֶעם נָגִיד מִיט דֶער פְּתִיחָה פוּן „וְכֹל מַאֲמִינִים שֶׁהוּא" וָואס אִיז אוֹיךְ נִיט קֵיין שְׁלֶעכְטֶע פְּתִיחָה, אִיךְ הָאבּ פַיינְד צוּ זָאגִין עֶס זָאל נָאר זַיין פְרֵייהְלִיךְ אוֹפֶן הַארְצִין, קָאן מֶען שׁוֹין מִיט אַזַא פְּתִיחָה אוֹיךְ אַבִּיסֶעל שְׁטָאלְצִירֶען. —

בְּקִיצוּר, עֶס אִיז נָאךְ דָא פִיל וָואס צוּ רֵיידֶען, נָאר עֶס אִיז שׁוֹין צַייט בַּאלְד מַעֲרִיב דַאוֶוענֶען, נָאר דָאס זָאלְט אִיהְר וִויסֶען, אַז מַיין פְלַאן וֶועגִין מַיינֶע קִינְדֶער אִיז שׁוֹין בַּייא מִיר פֶעסְט בֶּעשְׁלָאסִין, עֶס מֶעג שׁוֹין זַיין וָואס עֶס אִיז, עֶס וֶועט שׁוֹין אַנְדֶערְשׁ נִיט זַיין, בֶּעטְרַאכְט נָאר דָאס גוּט לִיבֶּע בְּרִידֶער! אִיהְר הָאט אוֹיךְ קִינְדֶער, זֶעהְט עֶפִּים מַאכִין פוּן זֵייא אַ תַּכְלִית, וֶועלִין זֵייא אַייךְ דַאנְקִין, אוּנ אִיהְר וֶועט פַאר שְׁפָּארִין פַאר שְׁוַוארְצְט צוּ וֶוערִין פוּן זֵייא. —

אִין דֶעם וִויא זֵייא הָאבִּין גֶעשְׁמוּעֶסְט, הָאט אַ יוּנְגֶער מַאן אַ בְּלֵייכֶער בְּלִיט אוּנ מִילְךְ, אַ פְרִישֶׁער אַ גֶעזוּנְדֶער, אַזָאג גִיטָאהְן „בָּרְכוּ אֶת ה' הַמְבוֹרָךְ" מִיט אַזַא זִים קוֹל, אַז מֶע הָאט אִיהְם פָּשׁוּט גִימֶעגְט דִיא בֵּיינֶער צוּ בְּרֶעכִין, נָאךְ מַעֲרִיב אַלֶע בַּעֲלֵי בָתִּים אוּנ שְׁכֵנִים אַהֵיים, אִין שְׁטוּב אִיז לִיכְטִיג, דִיא ווַייבֶּער קָאכִין וֶועמְשֶׁערֶע, עֶס אִיז דָאךְ פָארְט יוֹם טוֹב, קֵיין גְרוֹיסֶען פַארַאד מַאכְט מֶען נִיט, מַחֲמַת מֶען הָאט דָאךְ גִיגֶעסִין אַ גוּטֶען ווַארֶעמֶעס, נָאר לְכָבוֹד יוֹם טוֹב מוּז מֶען דָאךְ קָאכִין, דֶער עוֹלָם הָאט זִיךְ אַבִּיסֶעל אוּנְטֶער גִיפַּאקְט, אוּנ גִילֵייגְט זִיךְ שְׁלָאפִין. —

---

## 18.

## אַחֲרוֹן שֶׁל פֶּסַח.

גַאנְץ פְרִיא זֶענִין אַלֶע ווַייבֶּער אוֹיף גִישְׁטַאנֶען, גִינוּמֶען זִיךְ תֵּיכֶף צוּם קָאכִין

קָאכְן, צוּ גִישְׁטֶעלְט דִיא יוֹיךְ, דָאס צִימֶעס, גִימַאכְט אַ טֵייגֶעכְץ, חְרֶעמְזְלִיךְ אוֹיף כָּבוֹד, גִישְׁאלְטְן גֶעזִידֶעלְט אֵיינֶע דִיא אַנְדֶערֶע, ווִיא גִיהֶערִיג אִיז, ח״ו נִיט פַאר שְׁווִיגֶען אֲפִילוּ אוֹיף אַ הָאר, גִיעֶנְטְפֶערְט אַ פָּסוּק אוּם אַ פָּסוּק, מֶע בַּארְף דָאךְ הַיינְט מַזְכִּיר נְשָׁמוֹת זַיין. —

אַלֶע אַוֶועק אִין דִיא בָּתֵּי מִדְרָשִׁים, נָאכֶען דַאווֶענֶען, אִיז דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם פוּן אַלֶע בָּתֵּי תְּפִלּוֹת גִיגַאנְגֶען אִין דֶער גְרוֹיסֶער שׁוּהְל הֶערְן דֶעם חַזָן, דֶער חַזָן הָאט דַאמָאלְס גִיאַרְבֵּייט מַעֲשִׂים, אַרוֹיס גִיגֶעבְּן אַלֶע זַיינֶע קוּנְסְטֶען, עֶר הָאט דֶעם עוֹלָם שְׁטַארְק צוּ פְלָאכְטְן, עֶר הָאט דֶעם עוֹלָם גֶעמִיטְשֶׁעט בִּיז דְרַייא אַ זֵייגֶער, דֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין גִיוֶועֶן טוֹיט הִינְגֶעריק, זַייא הָאבְּן זִיךְ קוֹים אַהֵיים גִישְׁלֶעפְּט, גִיגֶעסְן ווִיא נָאךְ אַ קְרֶענְק, גוּט אָן גִיפַּאקְט זִיךְ, אוּנ צוּ גִילֵייגְט זִיךְ אַבִּיסֶעל אָבּ רוּהֶען, מֶע הָאט זִיךְ אִיבֶּער גֶעדְרִימֶעלְט, דֶער גַאנְצֶער עוֹלָם אִיז שׁוֹין אוֹיף גִישְׁטַאנֶען, אִין דִיא גַאסְן עֶס שְׁווִיבִּילְט אוּנ גְרִיבֶּעלְט, מֶע גֶעהְט אֵיינֶער צוּם אַנְדֶערְן צוּ גַאסְט, יֶעדֶער מַאן אוּנ ווַייבּ מִיט דִיא קִינְדֶערְלִיךְ שְׁלֶעפְּן זִיךְ אַרוּם, דֶער, צוּ אַ מְחוּתָּן, דֶער, צוּ אַ שְׁווָאגֶער, דֶער, צוּ אַ גְלִיעֶד גֶעשְׁווֶעסְטֶער קִינְד, מֶע עֶסְט חְרֶעמְזְלִיךְ, מֶע טְרִינְקְט מֶעד, (פוּן אַ הַאלְבְּן גִילְדֶען אַ קְווָארְט), נִיט אַסַאךְ גִיזַאמְט זִיךְ אוֹיף אֵיין אָרְט, מֶע מוּז נָאךְ צוּ דֶער אַלְטֶער מוּמֶע אוֹיךְ אַרַיין גֶעהְן, חָלֶעבְּן מֶע בַּארְף יוֹצֵא זַיין, זִיא אִיז דָאךְ אֵיין אַלְט מֶענְשׁ, עֶס אִיז נִיט כְּדַאי זַאמְשֶׁעפֶּען מִיט אִיהְר, זִיא אִיז אוֹיף דֶעם אַגְרוֹיסֶער מַקְפִּיד, מֶע זָאל ח״ו בַּייא אִיהְר נִיט זַיין, קָאן מֶען זִיךְ שׁוֹין פוּן אִיהְר נִיט אָבּ ווַאשְׁן מִיט 10 ווַאסֶערְן, הֶערְט אִיהְר, נִיט גִישְׁטְרָאפְט זָאל מֶען ווֶערְן פַאר דִיא רֵייד, דִיא אַלְטֶע מֶענְשִׁין זֶענֶען גָאר עוֹבֵר בָּטֵל. —

דֶער כְּלַל אִיז, מֶע אִיז גִיפְלוֹיגֶען גִישְׁווִינְד פוּן שְׁטוּבּ צוּ שְׁטוּבּ, אַקוּרַאט ווִיא דִיא פּוּרִים שְׁפִּיהְלֶער, אַלֶע זֶענֶען גִיגַאנְגֶען שְׁטַארְק פַאר חְרֶעמְזִילְט גָאר אוֹיף אַנַאנְדֶער אוֹפֶן, אַבִּיסֶעל מְבוּשָׂם פוּן דֶעם מֶעד, מִיט גְרוֹיס קָארַאוּשׁ זֶענֶען אַלֶע גִיקוּמֶען אַהֵיים, יֶעדֶער שְׁטַארְק אוֹיף גִירַאמְט בַּייא זִיךְ, אַ שְׁפַּאס! זִיךְ גוּט אָן גִיטְרִינְקֶען, אַ טֵייגֶעכְץ אִיז נָאךְ אוֹיךְ דָא, דִיא ווַייבֶּער הָאבְּן אוֹיךְ גֶעווִיזְן דַאמָאלְס אַ גוּטֶע מִינֶע, אִיז מֶען זִיךְ גִיזֶעסְן אִין אֵיינֶעם, אוּנ אַבִּיסֶעל אַרוּם גִירֶעדְט אַרוּם דִיא כִּבּוּדִים פוּן יֶעדֶערְן. —

„עֶפֶּעס אַזוֹיא אַ קַארְגֶע צוֹיג ווִיא דִיא כָאסְיֶע אִיז, הָאבּ אִיךְ נָאךְ אִין מַיין לֶעבְּן נִיט גִיזֶעהְן” הָאט אַזַאג גִיטָאהְן אוּנְזֶער זָאגֶערְן, אִיךְ בִּין דָאךְ אוֹיךְ נִיט פוּן דִיא שְׁטַארְקֶע פַאר שְׁווֶענְדֶערִינְס, חָלֶעבְּן, ווָאס זָאל אִיךְ דָא מִיךְ נַארֶען, אִיךְ ווֵייס אַז מֶע הַאלְט מִיךְ פַאר אַ קַארְגֶע, נָאר מֶע בַּארְף דָאךְ ווִיסֶען ווִיא אַיין ווִיא אוֹיס, פַאר זִיךְ, ווִיא עֶס ווִיל זִיךְ, אָבֶּער אַקְעגֶען לַייט מוּז מֶען זִיךְ טַאקִי שְׁטֶעלִין ווִיא אַ מֶענְשׁ, קָאסְט דֶער פֶּסַח אַזוֹיא פִיל, קָאסְט נָאךְ אַ הַאלְבֶּע קְווָארְט מֶעד, פַאר 7 גְרָאשְׁין, מֶע טְרִינְקְט דֶען? מֶע בַּארְף דָאךְ מֶעהְר

נִיט

נִיט וְויא דֶעם אָנְשְׁטֶעל, יֶעדֶער נֶעמְט דָאךְ מֶעהְר נִיט וְויא צוּ דִיא לִיפֶּען, אָט פוּן מַיין הַאלְבֶּע קְוָוארְט מֶעד אִיז נָאךְ דָא כִּמְעַט מֶעהְר וְויא הֶעלְפְט, עֶס וֶועט נָאךְ זַיין אוֹיף הַבְדָלָה אוֹיךְ, אוּנ דָאס אִיז עֶפֶּעס אַ פְּרָאסְטֶע חַזִיר, זִיא הָאט אֲפִילוּ גָאר מוֹרָא גִיהַאט אוֹפֶן טִישׁ אַנִידֶער שְׁטֶעלִין, זִיא מֵיינְט אַז מֶע הָאט זִיךְ שְׁטַארְק אוֹיס גִיקְרַאצְט אוֹיף אִיהְר מֶעד, אַזוֹיא לַאנְג זָאלִין שׁוֹין מַיינֶע שׂוֹנְאִים קְרֶענְקֶען, וְויא לַאנְג אִיךְ וֶועל שׁוֹין צוּ דֶעם דָבָר אַחֵר נִיט גֶעהְן צוּ גַאסְט, עֶס גֶעהְט דָאךְ מִיר נִיט אוֹם דֶעם מֶעד, אִיךְ טְרִינְק דֶען מֶעד ! זָאל שׁוֹין אַזוֹיא נִיט זַיין קֵיין סַם אִין מַיין מוֹיל, וְויא אִיךְ וֵויס נִיט דֶעם טַעַם פוּן מֶעד, עֶס אִיז מִיר ב"ה גֶעשְׁמַאק אָהְן מֶעד, נָאר דָא גֶעהְט דָאךְ אוֹם כָּבוֹד, וָואס מַאכְסְט דוּא חוֹזֵק פוּן מֶענְשִׁין ? —

„אוּנ וָואס זָאגְט אִיהְר צוּ דֶער גִימְפֶּלִיכֶען" הָאט זִיךְ אָן גִירוּפֶען דִיא אַנְדֶערֶע שְׁכֵנָה, וְויא גִיפֶעהְלְט אַייךְ דֶער אוֹיפְצִיג ? מֶעד, וֵוויינְשֶׁעל, אוּנ עֶפִּיל קְוָואס, דָאס אִיז אַבִּיסֶעל אַ בַּעְלָן אָן צוּ גְרֵייטִין גָאר אַזֶעלְכֶע זַאכִין אוֹיף פֶּסַח ? דֶער צוּ דַארְף מֶען דָאךְ עֶפִּים הָאבִּין אַ קְרָאהְרִין קָאפּ אוּנ אַ שַׁארְפֶע קֶעשֶׁענֶע, בַּייא לַייטֶען אִיז טַאקִי עֶפִּים מַזָל אוּנ בְּרָכָה, טַאקִי אֵלִיָהוּ הַנָבִיא אִיז צוּ אִיהְר אַריין גִיקְרָאכִין אִין בַּייטֶעלֶע, אַלֶעס פוּן דִיא 10 גְרִילֶען (גִילְדֶען) אַ וָואךְ וָואס דֶער מַאן נֶעמְט אִין דֶער טַאקְסֶע ? מִילָא דִיא חְרֶעמְזְלִיךְ, אִיז גְרַאדֶע קֵיין קַשְׁיָא נִיט, שְׁמַאלְץ קָאסְט אִיהְר נִיט, אַ יַאטֶעקֶע הִינְד, יֶעדֶער קַצָב מוּז אִיהְר אַרוֹיס וַוארְפִין אַ פֶעטִין בֵּיין, אָבֶּער דֶער מֶעד ? אִיהְר וֵוייסְט אַז עֶס אִיז גִיוֶוען אֶפְשַׁר אַגַאנְצֶע קְוָוארְט מֶעד, אוּנ וְויא אִיךְ בִּין נִיט גָאר אַ שְׁטַארְקֶער מֵבִין, אִיז דָאס גֶעוִוים פוּן 10 קָאפִּיקֶעס אַ קְוָוארְט, אִיךְ וֵויס נִיט, מִיט וָואס קָאן מֶען שׁוֹין מֶעהְר מְכַבֵּד זַיין אֲפִילוּ בַּייא דִיא גְרוֹיסֶע גְבִירִים ? אִיהְר מֵיינְט אֶפְשַׁר אַז אִיךְ בִּין זִיא שְׁטַארְק מְקַנֵא, אָסוּר חַזִיר ! חָלֶעבֶען, פוּן וֵוערְנֶע פְּרַאצֶע קָאן מֶען זִיךְ אַזוֹיא נִיט פִירֶען, אִיהְר הָאט פַארְדְרָאס אוֹיף „סָאסְקֶען" פַאר אִיהְר קַארְגְשַׁאפְט, מֶע קָאן נִיט וִויסֶען וֶועמֶען דֶער שִׁיךְ קְוֶועטְשְׁט, אַ קַאטָאוֶועס אִיהְר הוֹצָאָה ? מֶע הַאלְט דָאךְ צְוֵוייא אֵיידֶעמְס אוֹיף קֶעסְט ! וֵוייניג קָאסְט דָאס אָב ? אֱמֶת, עֶס אִיז אָן גִילֵייגְט דִיא פְּרַאצֶע, אַלֶע יוּדִישֶׁע טֶעכְטֶער מֶעגֶען זִיךְ וִוינְשֶׁען הָאבִּין אַזוֹיגֶע מַאנֶען וְויא אִיהְרֶע אֵיידֶעמְס, דֶער עֶלְטֶערֶער אִיז גָאר אַ תַּכְשִׁיט, אַ בַּעַל קוֹרֵא, וָואס עֶס אִיז נִישְׁטָא מַמָשׁ זַיין גְלַייכִין אַרוּם אוּנ אַרוּם, עֶר הָאט דָא הַיינְטִיגֶען פּוּרִים גָאבֶען תַּעֲנִית אָב גִילֵייעֶנְט דִיא מְגִילָה אִין 25 מִינוּט אוֹפֶּן זֵייגֶער, אוּנ וָואס פַאר אֵיין קוּנְסְט שְׁטִיק עֶס שְׁטֶעקְט אִין זַיין זָאגִין דִיא עֲשֶׂרֶת בְּנֵי הָמָן אִין אֵיין אָטְהֶעם ? עֶר פַארְדִינְט שׁוֹין אוֹיךְ, לֶערִינְט נָאר מִיט צְוֵוייא קִינְדֶער, אוּנ חַאפְּט דֶער פַאר 20 רוּבֶּל מְזוּמָן אַ זְמַן, זִיא בֶּעדַארְף שׁוֹין מִיט אִיהְם נִיט זָארְגִין, דִיא קַצָבִים וֶוילֶען אִיהְם גֶעבִּין פַאר דֶעם עֶר זָאל בַּייא זִייא לֵייעֶנִין אַ רוּבֶּל אַ חוֹדֶשׁ, חוּץ הַאלְבּ מְגִילָה גֶעלְד, אוּנ אַ קְעָרָה עֶרֶב יוֹם כִּפּוּר .

דער אנדערער אידעם, איז אויך א מושלם, א שרייבער איך זאג אייך חדושים, ער שרייבט אייך תנאים, שטרי חובות, שיר המעלותין, היינט זיין זאגין גראמען? איהר האט איהם בעדארפט זעהן היינטיגן פורים אין אחשורוש שפיהל פאר שטעלט וויא המן, איז דאך גאר ניט גיוועהן צו דער קאנען, אקוראט המן מיט דיא ביינער (א כפרה זאל ער ווערין פאר זיין מינדסטין נאגיל), זעהט איהר אט אזוינער וועט שוין געוויס ניט פאר פאלין ווערין, פרים איז ער אפילו ניט אזוי שטארק, ניט וויא דער עלטערער, קודא? גאר ברויט וועט ער געבין דעם ווייב מיטין פילין מויל, מע זאגט אפילו, אז סוף כל סוף וועט ער זיך צו שלאגין צו דיא כלי זמרים, זיין בעזעצין א כלה איז דאך אין דער אמת קיין שפאס, דאס מויל פערילט, איך האב פון איהם מעהר הנאה וויא פון דעם אלטין מגיד, ער זאגט אויך אלעם פון פסוקים, אונ פון ספרים, ער צו נעמט מיך אזוי שטארק, אז איך וואלט זיך ניט שעמען פאר מענשין, וואלט איך איהם צו קישט יעדעם גליד, יעדעם אבר, היינט זיין משמח זיין חתן וכלה? ער קאן מאכין, אז איין האלבער פנים זאל לאכין, אונ דער אנדערער זאל וויינען, ער קאן ציהען סטעגעם פון דער נאז, שלח מנות פון דער פאטיליצע, ער קאן נאך מאכין דיא קולות פון אלע חיות אונ עופות, וויא א קאטץ, וויא א האהן, אונ גאר וויא א חזיר, וויא א הינד, ער קאן זיך פאר שטעלין פאר א חסידישען רבי, ער מאכט איהם נאך אקוראט, זאגט נאך זיינע נארישע תורה, מאכט נאך זיינע שטוטשקעס ביים שלש סעודות, אונ ביים נעמען פדיונות וויא אזוי ער לייגט טאקי ארויף ביידע הענד אויף דיא יונגע עקרות אונ בענשט זייא, ער האט א בארד מיט איין הארב, אונ א שבר, אונ ער ווערט אלעם וואס ער וויל. —

מע זאגט אפילו, עס איז ניט כדאי איבער צו רעדין, נאר צו ווישען אונז זאל דאס בלייבין, אז ער קאן גאר דיא שווארצע קונסט, נאר איך גלויב דאס ניט, שונאים רעדין דאס אוים קנאה, איך האב פיינד צו לייקענען, איך האב עס גיהערט פון א זיכערין מענשין, וואס ער איז סאסקען דווקא קיין שונא ניט, וואס איז? אז ער האט פאק גאר פאר קויפט זיין נשמה צו דיא ניט גוטע, אונ דורך דעם איז בייא איהם דאס מויל אביסעל קרימליך, עס איז טאקי אזוי, נאר סאסקע זאגט, אז עס איז איהם גיקומען פון א לופט, אוודאי אויב עס איז ח"ו אמת, בין איך זיא געוויס ניט מקנא, איהר ווייסט אזעליכער וועט מיט זיין טויט ניט שטארבין, קיין קינדער וועט ער אויך ניט האבין, א חוץ וואס ער וועט נאך אוים גירישין ווערין נאכין טויט, איך וויים ניט, נאר ווערליג מע זאגט, מן הסתם איז דאך איין אמת, איז דער עונש פון אזוינע מענשין גאר שרעקליך, מע זאגט פאק אז זייא האבין גאר קיין תקומה ניט. —

איך האב אפילו ניט איין מאהל גיזאגט סאסקען זיא זאל איהם ניט לאזין זיין א מחותן מיט דיא כלי זמרים, אונ איבער הויפט מיט דעם פויקער, זעהט איהר

איהר, אופֿן פויקער װעל איך אייך שװערן, אַז ער איז אַ פּראַדאַנע שקורע, ער גיפֿעהלט מיר ניט, ער איז דאָך גאָר אַ קאַסױ, איהר מיינט אַז ער איז אַזױ גיבוירין גיװאָרין, ניין, דאָס האָבין איהם גימאַכט דיא װאָס ניט אין שטוב גידאַכט, דיא אַלע װאָס האַנדלין מיט דיא לייט, מוזען בלייבין קאַליקעס, װאָס דען? װיא אַרום מאַכט ער אין אֶמת זיינע קונסטען? —

אין אֶמת, איז אַ רחמנות אויף דער סאַסיע, װיינִיג האָט ער זיא גיקאַסט? איך האָב אַפילו פיינד צו זאָגין, אַ בריה איז ער, טויג צו אַלעם װאָס אין דער װעלט, נאָר ער איז שלעכט פאַר קראָבין, פֿע! דער פויקער האָט איהם מיאוס פאַר פֿיהרט אין אַלדע רוחות, אַ גוטען סוף זאָל ער האָבין, אין גרונד איז דאָס װייב זיינע אויך ניט בעסער, גאָט איז טאַקי אַ מזוג זיװוגים, סאַסיע איז דאָך פּאָרט פון שיינע עלטערין, פּאַסט עפּעס פאַר איהר אַ איידעם אַ בדחן? נאָר כפּרה! װיא זאָגט מען עפּעס, אַז מע האָט קינדער אין דיא װיגען, דאַרפען לאָזין לייטין צו פֿרידין, נאָר אַז מע רעדט, איז מען דאָך מעהר ניט װיא אַ זינדיגער מענש, איך האָב טאַקי שטענדיג הרטה אויף דעם געהן, מע קומט דער פון צו רכילות און לשון הרע, נאָר פון איין יום טוב ביז דעם אַנדערין פאַר געסטמען. —

אין אַזעליכע שמוציגע שמועסין האָט מען פאַר בראַכט איינִיגע שעות, אַרום גערעדט דיא גאַנצע שטאָדט פון עק ביז עק, יעדען בעליידיגט, מבזה גימאַכט, דער צעהלט װילדע מעשיות פון מכשפים און מכשפות, פון זגאַבאַרעס, בעלי שמות, פון שדים און לצים, מכּח פאַר שאַלטענע, שטראַשידלעס, זמיען, בייזע װינטען, פאַר האַפּענעש, פון דרייעהן אַ קאַלטענע, קליפות און דבוקים, פון גוטע יודען, פון טאַטערין און ציגאַנער, קאָרטין װאַרפֿערינס, מכּח עלוים, בעזרעמוניצים פאַר שאַלטענע אוצרות, פון מלאך דומה, חיבוט הקבר, ארץ ישׂראל משולחים, מכּח אַ גולם, קפיצת הדרך, פון גלגולים, פּינ״ם עולם התוהו, גיהנם און גן עדן, ביז עס איז גיװאָרין גאַנץ שפּעט אין דער נאַכט. —

דיא מענער האָבין אָב גידאַװונט מעריב, און גימאַכט הבדלה, איבער דעם רעשטע מעד, און מע האָט זיך תיכף גינומען צו דעם טייגעכץ, געניג סבות און צרות איז מען איבער גיקומען ביז מע האָט זיך קאַם דער שלאָגען עסען דאָס שטיקעל טייגעכץ, אַז מע לעבט דער לעבט מען פּאָרט, ער איז אַפילו ניט גיװעהן װיא דאָס ערשטע טייגעכץ, זאָל עס זיין אַ גוטער מליץ, קודא! יענס איז נאָך גימאַכט גיװאָרין פון דער פולער האַנד, עס איז נאָך גיװעהן בייא יעדען אַ רעכט ביסעל שמאַלץ פון דער האַלבער הינדיטשקע עליה השלום, אָט האָט מען גיהוליעט, חלעבין אַז עס איז דאָ אין שטוב, לעבט מען טאַקי פּאָרט אַביסעל ראַשקאַשנער, אָט מע געהט צום טעפּיל שמאַלץ און מע נעמט, אָבער עס נעמט זיך אױס ביסלעכװייס, נישטאַ היינט דיא פאַר צייטיגע נסים, װאָס מע פלעגט שיינקין פון אַ קליינעם פּעסעלע מעד אַ גאַנץ יאָהר, עס

איז

איז געוועהן מזל און ברכה, היינט ב"ה אז מע גיסט ניט צו קיין פרישען געהט עס טאקי אוים, נא איז טאקי אהן בושה דאס אנדערע טייגעכץ געוועהן במחילה גימאכט טאנדעט, נאר כלומערשט אונטער געשמירט מיט פעטס, מחמת מע האט שטארק מורא גיהאט, אז עס וועט פון גרוים עקשנות ניט וועלין זיך ריין פינים טעפיל, אבער דאך קאן מען מיט דער האנד דאס ניט אוועק מאכען, פארט א פנים פון א טייגעכץ!

אין דער ליטא קוקט מען אופן פנים, מעהר וויא אופן גרונד פון דער זאך, זייא נארין זיך אליין אב, האטשי זייא עסין געבאך קרחות, און האבין טאקי קיין כח ניט דיא פיס נאך צו שלעפען, דיא גמרא ברענגט אויך א גלייך ווערטעל „דוק בכרי ותשכח בנגרי" (שבת קנ"ב) עס הייסט: ראייב גוט מיט דיא צייהן וועסטו געפינען כח אין דיא פיס, איהר מיינט, אז נאר אין עסין האט ליטא א נאטור זיך אב צו נארין? ניין אין אלע געשעפטין איז אזוי, — אין דער ליטא אז מע זאגט אויף איינעם „ער איז א שרייבער" איז ניט דער פשט ער קאן דיא שפראך, וואס דען? ער האט א פיינע האנד שריפט, ער קאן מאכין זיין חתימה מיט א צייק, אז מע זאל ניט קאנען איבער לעזען, א רוסישער שרייבער, ווערט גערופען, דער וואס קאן שרייבין אדרעסען (האטשט מיט 50 גרייזין אבי רוסישע אותיות), א שיסטער הייסט דער וואס מאכט פון פעל אזא זאך וואס מען קאן אין דעם אריין שטעקין דיא פיס, און אזוי איז דער שניידער, דער זייגער מאכער, דער שמיד, דער סטאליער, דער מליאר, דער כלל קיינער פאר שטעהט ניט זיין זאך אין גראד, נאר לפנים אב גינארט, כלומערשט א בעל מלאכה, אזוי האט ער שוין חתונה, אזוי ווערט ער א מטופל, הערט שוין אויך מגידים, זאגט מבינות אויף חזנים, שלאגט זיך פאר עליות, און עסט אויף אלע וויטאקין, מחמת ער קאן גאר דיא מלאכה ניט, א רעכטער מענש וויל גאר בייא איהם קיין ארבייט ניט לאזין מאכין, ער וועט בעסער זיך פאר שאפין זיינע געטהיגע זאכין פון דיא גרויסע אייראפייעשע שטעדט, וואס דארטין איז יעדער בעל מלאכה איין קונסלער אין זיין זאך. — דערום זענען בעלי מלאכות בייא אונז שפל ונבזה, דערום וויל א יוד ניט מאכין זיין קינד פאר א בעל מלאכה, מחמת ער זעהט ניט אז א בעל מלאכה זאל האבין שיינע פרנסה, נאר וואס ווערד פון דיא רייד? עס איז נאר א הארץ וויטאק אז מע נעמט דאס גיט אופן מוח. —

איך בין אויך א ליטוואק, איך האב זייא באמת ליב וויא מיין לעבען, זייא זענען פארט דאס רוב איידעלע מענשין, זייא זענען פארט ניט אזוינע עקשנים, און פאר גרעבטע קעפ וויא דיא פוילישע, א ליטוואק קאן מעהרער אדער וועניגער לערנען, מע קענן איהם אויף ווייזין פון דער גמרא, וואס זיא איז בייא איהם זעהר חשוב, אז דיא חכמים פון דער גמרא זענען געוועזין בעלי מלאכות, און האבין גיקענט א סאך שפראכין, און אז דיא גמרא אליין הייסט

לערנען

לערנען א מלאכה אונ שפראכין, עס איז פארט גרינגער איהם אויף קלעהרין אז ער זאל פארט זעהן מאכין א תכלית מיט זיינע קינדער, אונ אליין אויך אויף הערין זיין א שטארקער שוטה, אבער צו דיא פוילישע איז כמעט גאר קיין רפואה נישטא, אז זייא ווייסין גאר ניט פון דאנען אהין, זייא זענען זייער גראב, אונ דערום איז גיוועהן זייער גרינג דיא פאלשע צדיקים אריין פירען אזעליכע פראסטאקעס אין דעם פינסטערין חסידיזמוס, דער ווייטערין זייא פון חכמה, פון מלאכה, גימאכט זייא פאר שוטים, אונ טפשים, פאר בטלנים שכורים, עזי פנים הפקר מענשין, אזעליכע לייט העלפט גאר קיין רייד, א פסוק א גמרא איז פאר איהם גאר קיין עסק ניט, ער וויל גאר דער פון ניט וויסען, ער ווייסט מעהר ניט נאר זיין צדיק, ער קיקט איהם אין דיא ציינער, אונ וואס ער זאגט איז קודש קדשים, דער רבי איז דיא תורה, דיא גמרא, אונ טאקי שוין גאט אליין, שמועסט איהר נאר מיט אפוילישען חסיד, אונ פרעגט איהם, היתכן פון וועמען האלסטו דא? אונ וועמען גלייבסטו? אונ מע ווייזט איהם זייערע באטרינגערייא, זייערע שווינדלין, מענשין וואס קיקין ניט אן קיין ספר, אונ קאנען טאקי ניט, זייער גאנצי תורה איז נאר הימלישע תורה, נאך וואס דער מלאך האט מיט זייא גילערינט אין דער מיטערם בויך, אונ דער מלאך האט מורא זיך צו צירירין צו אזעליכע הייליגע נפשות, גיט ער זייא קיין שנעל ניט בשעת ארויס גאנג אויף דער וועלט, אט דיא פינסטערע תורה בלייבט בייא זייא אבער מעהר ניט, זייא געבין זיך אב טאג אונ נאכט נאר אויס נארין געלד, פרעסין, זויפין, אונ פלארען זיך וויא דיא צפרדע אין מצרים, טייהלין זיך צו אין איינעם מיט זייערע ווייבער, כל תענוגי עולם הזה, שייעהן געהן, שייעהן אויס פארין, שייעהן באזיצין, נאר אזוי וויא דיא פירשטין, פאר דעם כלל ישראל זארגין זייא קיין מאהל ניט? זייא האבין דאס גאר נישט אין זין, אבי זייא איז גיט, אבי זייא זאלין קאנען וואהנען וויא זייא ווילין, ווייזט מיר וועליכער פון זייא, האט נאך גיזארגט פאר דיא ארימע קינדער, יעדער חאטש פון זיין שטעדטיל אליין, ער זאל דארט מאכין א תלמוד תורה? אדער וועליכעס אב געבין צו א בעל מלאכה? דאס ארימע קינד געבאך, זאל זיך קאנען פאר דינען זיין שטיקעל ברויט, וועליכער גיטער יוד! האט נאך גימאכט אין זיין שטעדטיל א „בית החולים" „איין הקדש" וויא זייא רופען עס, פיר ארימע שלאפע וועגין? זייא סטרויען פאר זיך שטענדיג געניגליכע פאלאסטען, אונ אלעם פאר פרעמד בליט, פרעמדע הארעוואניע, אונ דעם ארום מאן ווילין זייא גאר ניט אפילו אן קיקין, בייא דער טיהר שטעלט מען אנידער א „גתזיי" א מערדער, בייא וועמען ער קאן גראבעווען נעמען אגוטע מטבע לאזט ער איהם אריין צום צדיק, אונ דער ארימען לאזט ער גאר ניט צו צו זייא. —

נא אז דער חסיד שוטה הערט אויס דיא אלע שאלות, אונ בלייבט שטעהן, ער האט טאקי גאר ניט וואס צו ענטפערין, האט ער גאר אנאנדערין

תירוץ

תירוץ, אונ זאגט דיא ביסט טאקי גערעכט, עס איז אלעס אמת, נאר אזוי וויא מע טאהר אויף גאט קיין שאלות ניט פרעגין, אזוי טאהר מען אויף דיא רביים אויך ניט פרעגין, מסתמא ווייסין זייא וואס זייא טיהן, (איך ווייס אויך, וואס זייא טיהן ?!) נא איז דאס נישט א תירוץ מספיק אויף אלעמען? היינט פאר שטעהט איהר שוין מיט וועמען מע האט דא וואס צו טאהן, מיט חמורים, מיט פערד, אזוי וויא איינער פון דיא צדיקים האט זיך אליין אויס גערעדט אין א גלייך ווערטיל, אונ האט געזאגט: „מיין טאטע האט מיר איבער גילאזט א סאך אבעסערע ירושה, וויא גינזבערג וועט לאזין זיינע קינדער" מיין טאטע האט מיר געלאזט הינדערט טויזענד פערד וואס וועלין זיך ניט אויס לאזין, אונ וועלין שטענדיג האריווען אויף מיר, דיא צדיקים אליין לאכין פון דיא חסידים, זייא ווייסין מיט וועמען זייא האבין צו טאהן . . .

דעריבער ליבע לעזער! וואלט איך מיטין גאנצין הארצין גערין גיוועזין, טוהן א טובה מיינע ברידער, דערום בין איך אזוי פיל מאריך איז יעדין היני זיכט, וויא איך בעקום א גילעגענהייט, ארום ריידין א פעהלער, א חסרון, א שטות, אבער עס איז פארט פאר מיר קיין תכלית ניט, איך מוז דאך פארט ענדיגין מיין ספור, הא? נאך א מאהל וויא האלט איך? יא, יא, איך ווייס שוין, איך האלט שוין אחרון של פסח ביים נאכט, אונ מע עסט שוין דעם טייגעכץ.

בקיצור, מע האט דעם פאלשין טייגעכץ וויא עס איז אריין גיריבין, אלע ווייבער זענין גיגאנגען שלאפין, דיא מענער האבין פאר רויכערט דיא לולקעס, אונ האבין פאר בריטערט א שמועס, ביז מע איז אריין אין הויכע דרכים. —

---

## 19.

## א מחלוקת לשם שמים.

אונזער שכן ר' חיים! נאך דעם אז ער האט זיך אביסעל פאנאנדער גירויכערט, אונ האט אביסעל מוטה געקומען, האט ער אזויא גיזאגט: „הערט איהר ר' נחום!" דא באלד נאך יום טוב וועלין מיר האבין נייעס אין שטעטיל, אונזער אפיקורוס גיט שוין אב זיין עלטערין יונגיל שטודירען אין דיא קלאסען, „וואס דען?" האט זיך אן גירופין ר' נחום, גוטע וועט עפיס ארויס קומען פון אזוינע חקירות? דאכט זיך אין פליק האט ער גאר אן גיהויבין מכח ארבעס, מכח כפרות שלאגין, מאכין חוזק פון חד גדיא, אונ צום סוף איז דער בלאטער גאר אויס גישפרינגען גיווארען, אט דאס זעהט מען טאקי דעם דרך פון יצר הרע, ער פיהרט דעם מענשין ביסליך וויים אין הדר אריין, דער רב זאל לעבין איז גירעכט גיוועזין אז ער האט גיזאגט, אז מע איז אויף איהם קיין מבינים ניט, גישקשה, ער איז א גוטער סם פאר דער שטאט, הלוואי זאל איך ליגען זאגין,

דאס

דאס איז שוין איין אן שטעקינדע קראנקהייט. —

„שא! וואס פאר א שטארקע סכנה זעהט איהר דא אין דעם? ר' נחום!" האט א זאג געטאהן ר' חיים, וואס מיינט איהר לערינט מען דען אין די שקולעס? אז די שקאלעס וואלטין ניט געוועזען, פון וואנען וואלטין מיר געהאט דאקטורים? פון בית המדרש קאנען קיין דאקטורים ניט ארויס בשום אופן, די הייליגע גמרא זאגט דאך, אז א מענש טאהר ניט זיצען אין א שטאט וויא קיין דאקטאר איז נישטא, אזוי פון די גרויסע תלמודיסטען זענין אויך געוועזען דאקטורים, ר' חנינא, אבא אומנא, שמואל ירחינאה, און נאך פון דעם שמואל ווייסין מיר יודען מעהר ניט, נאר וואס עס ווערט געבראכט אין דער גמרא, אי אין מדרשים, זעהט אבער וואס מע שרייבט וועגין איהם אין פרעמדע שפראכין, איינער א געוויסער שרייבער איין אמעריקאנער מיט'ן נאמען „דרעפער" וואס זיין בוך איז שוין יעצט איבער געזעצט אין רוסיש, רעדט ער פון אונזער שמואל ירחינאה, און דער צעהלט, אז נאך היינט געפינט זיך א וואסעריל צו אויגען, וואס עס ווערט אן גערופין מיט'ן נאמען „סאמועל" ער שרייבט פיל פון דעם אבא אומנא, וואס וועדליג רש"י מאכט אין (תענית דף כ"א) איז ער געוועזען א בראסטער צירולניק, ער אבער ברענגט פון איהם פיל ביכער אין דער מעדיצין אויף אזיאטישע שפראכין, ער דער צעהלט פון איהם, אז ער איז געוועזען דער ערשטער וואס האט איינגעפיהרט אז דאקטורים זאלין איינינע שעות אין טאג אומזיסט געבין ריצעפטען פאר קראנקע פיר ארימע מענשין, און דורך דעם פאר שטעהט מען גוט פאר וואס די גמרא דער צעהלט דארטין, אז ער האט געהאט א גרעסערין זכות אופן הימעל, וויא דער גרויסער תלמודיסט אביי, זעהט מען שוין קלאהר וויא א דאקטאר איז גרויס געוועזען ביי אונזערע חכמים, און מן הכתב האט דאך דער מלאך גבריאל ניט אויס געלערינט זייא די חכמה פון דער מעדעצין אין איין נאכט, נאר וואס דען? זייא האבין טאקי אין דעם געשטודירט, און אלע ביכער פון דער מעדעצין געלערינט, ביז זייא זענען דאקטורים געווארין, ווארום „לא יגעתי ומצאתי אל תאמן" זאגט אונז דער תנא, דאס הייסט: אז איינער בערימט זיך אז ער האט זיך גאר ניט געמאטערט אויף עפיס א חכמה און קאן זיא פארט, זאלסטו איהם ניט גלויבין, דער רמב"ם וואס ער איז אויך געוועזען א בעריהמטער דאקטאר ביים קעניג פון מצרים, איז קלאהר געוועזען (וויא מען זעהט פון זיין ספר „פרקי משה") און אין אלע ביכער פון דעם גרויסען דאקטאר גאלינוס, נאך פיל גאונים אין די פאר היגע צייטען וואס זענין געוועזען גרויסע דאקטורים, האבין אויך די חכמה געשטודירט פון פרעמדע שפראכין, זעהט אין „שבילי אמונה" פון ר' מאיר אלדבאי דעם רא"ש איניקעל, וויא פיל רפואות ער ברענגט, נאר פון פרעמדע ביכער.

„נא ר' נחום!" פאר וואס זעהט דאס אויס אזויא קרים און שלעכט אין אייערע אויגען? וואס ער וויל געבין שטודירען זיין קינד, ער זאל אויך ארויס

קומען

קומען א דאקטאר? מהיכא תיתי ער וועט אליין לעבין בכבוד, און ער וועט בוודאי אויך העלפין אזעלכע קראנקע וואס פארמאגין ניט זיך צו קורירען פאר געלד — און דאס וואס ער וויל דעם אנדערין זוהן אב געבין צו איין בעל מלאכה, איז אפשר אויך איין עולה? פאר וואס גיפינט מען פיל פון אונזערע חכמי הגמרא וואס זענין גיוועזן בעלי מלאכות, איינער א שוסטער, דער אנדערער א שמיד, וואס דען? דאס איז א תכלית, פאר לאזין זיך אויף הפקר! לעבין אין צרות און אין דחקות? —

„הערט איהר ר' חיים!" האט ר' נחום זיך אן גירופין, דיא נארישע וועלט איז גאר ניט ווערטה אז מען זאל זיך אזוי שטארק זארגין פאר איהר, מיר זענין דאך אין דער וועלט מעהר ניט וויא גרים, בירגער זענין מיר גאר אין יענער וועלט, דיא וועלט אבער, איז דאך טאקי מעהר ניט וויא א פארהויז פארען זאלל, דארפען מיר גאר ניט אזויא פיל זיך בעווארענין מיט פרנסה, אט מע וועט וויא עס איז איבערשטיפען דיא נארישע וועלט.

„אט דער פון זעה איך בחוש" האט ר' חיים גיזאגט מיט א שמייכעל „אז איהר זענט גאר ניט פראקטיש" זאל שוין זיין אז דיא וועלט איז מעהר ניט נאר וויא איין אכסניא, מע דארף דא נאר אביסעל פאר ברענגין, ביז מע וועט ווייטער פארען, נא אין איין אכסניא וואס דער אורח דארף שטעהן איינינע וואכין, זעהט ער אויך ער זאל האבין זיין בעטיל, זיין עסין און טרינקען, און בפרט איין אכסניא פון 70 יאהר, עס איז טאקי שווער איבער קומין אין צרות אפילו איין יאהר.

און ווער וועט בעצאהלין שכר פאר דעם ליידען? פון וואנען ווייסין מיר, אז גאט וויל אז מע זאל פאר שווארצט ווערין אויף דער וועלט? מיר דאכט אז מע זעהט פון דער תורה אז גאט וויל אז מע זאל הנאה האבין פון זיין וועלט, והא ראיה וואס זאגט ער אונז צו, אויב מיר וועלין זיין גוט און פרום? וועלין מיר האבין ברכה און הצלחה, א גוט לאנד מיט גוטע פרוכטין, מיט פיל גאלד און זילבער, אלעס וואס דער מענש האט דער פון פארגעניגען, זעהט מען דאך, אז דיא וועלט האט דאך אויך עפיס א ווערטה, גאט מאכט פון איהר אויך עפיס איין עסק, ווארום אין אמת, האט דאך גאט דיא וועלט אויך אזויא בעשאפין אקוראט וויא יענע וועלט, נא פון וואנען ווייסין מיר צו מאכין א חילוף פון דער ביז יענע וועלט? דער כלל וויא מע איז, דארף מען דער ווייל זעהן מע זאל קאנען עקזעסטירען וויא עס גיהער צו זיין.

דערום דארף יעדער מענש נאך זיין שטאנד, זעהן פאר זארגין זיינע קינדער, זייא זאלין האבין פון וואנען צו לעבין אין נחת, און ניט אין צער חלילה, א גביר קאן זיך טראכטין, אז ער וועט געבין זיין קינד איינינע טויזענד רובל גבן, וועט ער זיין א סוחר מהיכא תיתי איך א שטיקעל פלאן, אבער א יוד א קבצן, וואס טראכט ער זיך? ער זעהט דאך וויא ער לעבט אין צרות, צו וואס

זאל

זאָל ער וועלין אַז זיין קינד זאָל אויך כָּל יָמָיו זיין אַ ביטערער אֶביון, אומגעהן הינגעריג און אָבגעריסין? איהר מיינט אַז פון דעם שטודירין קאָן מען גאָר אַרויס דאָקטאָר? עס זענין נאָך דאָ פיל גיגענשטענדע וואָס מע קאָן פון זייא לעבין בכבוד, אַ שטייגער, איינער איז פייהיג צו מאַטעמאַטיק, און מעכאַניקא קאָן ער ערפינדען נייע מאַשינען, איינער איז גאָר פייהיג צו דער חכמה פון יוֹרֵי, קאָן ער אַרויס אַ בעריהמטער אַדוואָקאַט, אַ חוץ וואָס דאָס קענטעניס אַליין איז אַ פאַר גענוגין פאַר דעם מענשין, מע זעהט דאָך, אַז דער ווילנער גאון ז״ל, וואָס ער האָט געוויס גיט גיוואָלט מאַכין פון זיין חכמה קיין פּרנסה, האָט אויך גיהאַט אַ ידיעה אין דיא אַלע זאַכין, ער האָט נאָך גיבעטין דעם ר׳ ברוך שקלאָווער ז״ל 1), וואָס ער איז גיוועהן אַ גרויסער גילערנטער, ער זאָל איבער זעצין, אין לשון קודש חכמה ספרים, דעם ספר „אַקלידוס" אין דער נאָך האָט דער גאון ז״ל אַליין גימאַכט זיין ספר „אַיל משולש" אויף געאָמעטריע, ער האָט גאָר גיזאָגט: אַז וויא פיל עס פעהלט דעם מענשין קענטעניס אין דיא זייטיגע חכמות: אַזוי פיל פעהלט איהם קענטעניס אין דער תורה, איהר פאַר שטעהט ר׳ נחום וואָס דאָס בעדייטעט? —

אַי איהר וועט אפשר זאָגין: אַז דיא חכמות זענין אָבער אָפט מאָהל אַ סבּה אַראָב צו פירין דעם מענשין פינ׳ם דרך הישר, נאָ פרעג איך אייך, אין וואָס זענין דיא מענשין וואָס ווייסין גאָר ניט פון קיין שום חכמה, זענין זייא אַ פּנים פרים? ווער רעדט ערליך? געוויס ניט „דלות מאַכט פּסלנות" זאָגט דער עולם, עס איז אָבער גאַנץ ריכטיג, וועגין פרימקייט קאָנען מיר גאָר ניט פאַר זאָרגין, דאָס הענגט אָב פינ׳ם קאַראַקטער, אַ חוץ דעם דאַרף מען נאָך וויסין, וואָס הייסט אין אֱמֶת פרים? און וואָס הייסט ניט פרים? —

איך האָב שוין דעם ענין גיט אַרום געקלעהרט, דיא היילינע משנה זאָגט אַז אַ מענש דאַרף זיין אַ „רוֹאֶה אֶת הַנּוֹלָד" בעטראַכטין פאַר אויס דעם סוף פון יעדער זאַך, מען זאָל נאָך דעם קיין חרטה ניט האָבין אויף דעם וואָס מען האָט גיטאָהן, שלמה המלך זאָגט אויך „עוֹבֵד אַדְמָתוֹ יִשְׂבַּע לָחֶם, וּמְרַדֵּף רֵיקִים יִשְׂבַּע רִישׁ" דאָס הייסט: איין אַרבייטער איז זאַט מיט ברויט, און אַ פוסטע פאַסניק איז זאַט מיט אָרימקייט, נאָ ר׳ נחום! שלמה המלך איז דאָך געוויס גיווען פרים וויא איהר, האָט אויך מאַמין גיוועהן אין השגחה, אַז עס וועט זיך אַלעס נאָר אָן

דעם

---

1) ער איז גיוועהן אַ ענגלישער דאָקטאָר, אין מיט דיא געלד וואָס ער האָט פאַרדינט פון זיין פּראַקטיק, האָט ער אונז אויס גיקאַרמעט צוויא שיינע איינִקלאַך: ר׳ יעקב בעל מחבר ספר משכנות יעקב וקהלת יעקב, אין זיין ברידער ר׳ יצחק מחבר ספר קרן אורה, ביידע גאונים און רבנים אין קאַרלי איינער נאָך דעם אַנדערין, אַט איך ליבע ברידער אַ בעוויז וויא אֱמֶת חכמה שאַט דער תורה.

דעם ווילן פון גאט, פון דעסט וועגן האט ער מבטיח געווען, אז דער וואס פאר לאזט זיך אויפן ווינד, וועט געוויס זיין א קבצן, אבער דער מענש וואס ארבייט, וועט געוויס זיין פארזארגט מיט לעבענסמיטעל, נא שלמה המלך האט אפשר אויך געהאלטן די וועלט פאר א פארהויז, פון דעסטוועגן האט ער אנגעזאגט אלע מענשן, אז מע זאל זיך ניט פאר לאזן אויף פוסטע נסים. —

דערום וועל איך איך ר' נחום, מגלה זיין א סוד, אז איך וועל מיין איציקלן אויך אב געבן אין גימנאזיעם, איך האב אין איהם געפונען גרויס פייהיגקייטן צום רעכנען, איך האב מיט איהם א מאהל געלערענט די „ערוגה" בין איך נשתומם געווארן צו זעהן ווי גיך און געשווינד ער האט פער שטאנען אזעלכע ענינים, איך בין כמעט זיכער, אז פון איהם וועט זיין גאר א גרויסער און א וויכטיגער מענש, איך ווייס אפילו, אז עס וועט מיט מיר זיין די שטאדט אויף, נאר וואס האב איך מורא? מע וועט מיך פון מיין קבצנות ארויס זעצן? איך בין א קבצן יעצט, און ערגער ווי שלעכט קאן שוין ניט זיין, אפילו דאס שטיקעל פרנסה וואס מע האט, ווערט אויך ערגער פון טאג צו טאג, איך זעה באלד ניט פון וואנען מע קאן שוין א גראשן פאר דינען, נא דענק איך, אפשר וועל איך מצליח זיין מיט מיין זוהן, וועט ער מיר קאנען העלפין אין די עלטערע יאהרין. —

איך בין זיך שטארק מכין צו איין מלחמה מיט מיין ארורה, זיא איז דאך אויך א גוטע זאגערין, זיא שלעפט תמיד מאמרים פון דעם „צאינה וראינה", פינ'ם „נחלת צבי" אויך פינ'ם מנורת המאור, זיא איז כמעט א מגיד, נא נא, דא וועט זיך אביסעל טאהן, אז זיא וועט דער זעהן איציקלין געהן אין א סורדיט מיט מעשענע קנעפליך, נאר עס מעג שוין זיין וואס עס וויל זיך, צו קללות זענין מיר ב"ה דאך שוין געוואונט, געשקשה, זיא וועט זיך ביסלעכווייס אויך צו געוויינען און עס וועט מוזען זיין רעכט, נא עס בלייבט אזוי, עס וועט שוין אנדערש ניט זיין. —

„הערט איהר ר' חיים?" האט ר' נחום געזאגט מיט א טיפען זיפץ, מילא צו געבין א זוהן שטודירן בין איך ניט אזוי שטארק מסכים, נאר וועגן מלאכה זענט איהר זייער גערעכט, איך געפין אין מיין קינד א גרויס פייהיגקייט צו קריי־צערייא און שניצערייא, איהר מיינט אפשר ווי בעריל דער חתימה קריצער, וואס נעמט 20 קאפיקעס פאר א חתימה, דאס קאן מיין זוהן שוין לאנג פון זיך אליין, אז ער זאל זיך לערנען די ארבייט בייא איין רעכטין בעל מלאכה, קאן ער ארויס קומען גאר א קינסלער, איהר קאנט דא דעם קריסט דעם קריצער? ער איז דאך מאסף ממון, ער איז א רעכטער נגיד, איהר זאלט זעהן וואס פאר אין ארבייט ער מאכט? וואס פאר הערבען, וואס פאר רעסונקעס, ער גיט אין דער טיפאגראפיע? וואס ווייסט איהר, וואס פאר א געפיהל איך האב געהאט צו דעם אין מיינע יונגע יאהרין, איך וואלט היינט געלעבט גליקליך, נאר עס

איז שוין פאר פאלין, נאר גיט וואס איהר האט מיך יעצט אויף מערקזאם גימאכט, איך גיב אב מיין קינד צו דעם קריסט, ער וועט איהם צו חאפין אהן א גראשין געלד, איך בין אויף איהם א כבין, מחמת איך פאר שטעה דיא קונכט. —

„נא ר' נחום!" האט ר' חיים גיזאגט שטארק צו פרידין, איך רעד אייך גאר ניט אן דווקא צום שטודיום, בייא מיר האט א מלאכה איין ווערט מיט וויססענשאפט, נאר אבי ניט זיין א פוסטער מענש, זעהט עס זאל ניט פאר זשאווערט ווערין אין אייער קינד, דער גלאנץ פון זיין נאטירליכין פייהיגקייט, אזוי וויא עס איז גישטאזשעט גיווארין אין אייך, איהר קענט געוויס אייער קינד גליקליך מאכין, און דיא זאך העננגט אב נאר אין אייער רצון. —

„וואס גיט איהר אונז פאר איין עצה?" האבין א זאג גיטאהן צווייא שכנים, מיט א בימערין טאן, מיר זעהן אייערע רייד זענין גאנץ ריכטיג און פראקטעש.

„אויב איהר ווילט צו הערין מיין עצה" האט גיזאגט ר' חיים, איז גאר קורץ און שארף, איינער פון אייך האט א קינד מיט גיטע ספאסאבנאכטען, זאל מען איהם אב געבין תיכף שטודירין, און דער אנדערער האט א קינד וואס איז נישט צום שטודיום, זאל מען איהם אוועק געבין צו א רעכטין בעל מלאכה, פיל גלייכער צו א קריכט, געניג שוין אים געהן אין חלומות, עס זענין שוין דא געניג קרעמער און הלפנים, מעקלערס און מלמדים, שדכנים און נאמנים, געניג מענשין וואלגערין זיך כעני בפתח, בייא דעם גביר אום וויינען א שטיקעל שלוזשבע פאר 10 גילדין א וואך.

ליבע ברידער! איהר וואלט אביסעל גירעדט, מיט דעם וואס די שטאדט ריפט איהם „אפיקורס" וואלט ער אייך אביסעל קלאהר גימאכט, וואס עס טוהט זיך שוין אין דיא גרויסע שטעדט, וויא פיל מענשין האבין שוין זייערע קינדער גליקליך גימאכט, און זייא אליין האבין אויך יעצט א רעכטע שטיצונג פון זייערע קינדער, טוהט א קוק אויף אונזער שטאדט אהן עין הרע, א צאהל פון איניגע טויזינד מענשין, וויא פיל לעבין דא כלומערשט וויא מענשין? זייער ווייניג, איך וויים ניט אויב 10 פראצענט, און דיא איבעריגע זענין געבאך ביטערע קבצנים, דער טויט איז פאר זייא בעסער וויא דאס לעבין „עני חשוב כמת" ארום הייסט גישטארבין, האבין אונזערע חכמים גיזאגט, זייא האבין אזוי גיט גישפירט דעם צער פון דעם ארימאן, אז זייא האבין איהם פרייא גימאכט פינ'ם גיהנם, מיט דאכט, אז גאנץ ליטא וועט ניט זוכה זיין אן צו קוקען דעם גיהנם, נאך דיא רייד פון דער גמרא, א חוץ וואס זייא האבין דעם גיהנם אויף דער וועלט פון זייערע ווייבער, ווארום אזוי וויא דיא מענער אליין זענין ניט אום שטאנד אליין צו פאר דינען, העלפין זייא זייערע ווייבער האריוועז, און דער פאר, פיהרין זייא זייערע מענער בייא דער נאז, און טוהען זייא אן צרות. —

לאמיר ארויס געהן וויא גבורים, מלחמה האלטין מיט אונזערע ארורות, און מיט דיא שטאדט שוטים, גיעקשה! אין א קורצער צייט, וועלין זייא אונז

מקנא

ISIDOR HU…
LIBRA…
OF TH…

מקנא זיין, זייא וועלין אונז נאך טאהן, עס געהט דער צו. „הלוואי זאל גאט זיין צו הילף" האבין, א זאג גיטאהן מיט א צו בראכענעם הארץ דיא צווייא שכנים, „געווים אן גאט טוהט זיך קיין זאך ניט" האט זיך אנגירופין ר' נחום, „א גיטע נאכט ליבע ברידער !" האט גיזאגט ר' חיים. —

אלע זענין גיגאנגין שלאפין מיט צו רידערטע קעפליך, פון דעם פרישין פלאן, וואס זייא פאר שטעהן אז דאס וועט ניט אזוי לייכט דורכגיזעצט ווערין, עס וועט זיין גענוג צו זינגין אונ צו זאגין . . . —

## 20.

### אסרו חג.

נאר טאג, איז דער גאנצער עולם אויף גישטאנין אב דאווענען דעם ערשטין מנין, וואס איז ? מע דארף ארויס טראנספאטירען דעם פסח פון דער שטוב, אונ אריין ברענגין דעם חמץ, טרעפט אדרבה וואס פאר א חמץ ? איהר מיינט אפשר עפים עסין ווארג ? פע חלילה ! פון וואנען וועט מען עס אזויא גיך נעמין ? מע האט א פנים עפים ארויס גיטראגין ? וואס דען ? מע דארף נאר אריין נעמין דיא חמצדיגע כלים. —

דער באד גוי איז א פנים אויך שטארק גיענגט אין מזומן, נא ער זאל דעקין מיט זיינע פאפירען ? וויא וועט מען זיי אב זעצין ? אפשר אין דיא בענק פון באד ? נישקשה, דיא בענק שוויטצען אויך גאנץ גוט, מילא ער האט קיין מיטלען ניט, האט ער דיא שטאט ארויס גילאזט פינ'ם קאנטראקט, אין אמת, האט איהם דער ב"ד שמש (זיין רעכטער בעל עצה אין גישעפט) גיגעבין צו פאר שטעהן, אז עס טויג פאר איהם גאר ניט אזויא פיל חמצדיגע כלים, עס זענין אפילו גיוועז אזוינע כלים וואס זענין טייערער גיוועז פון גאלד, אשטייגער, טשאלענט טעפליך, אונ קוגעל טעפליך אנטיקווארנע, נאך א ירושה פון עלטער עלטער באבעס, נאר פארען באד גוי זענין זייא א קנאפע סחורה, ער וועט זיך דער מיט בעבארפין טענדלין א לאנגע צייט, ווארום קיין יוד וועט שוין זייא ניט קויפען פון זיין האנד, אונ א גוי האט דאך טאקי פיינד איין אונריינע כלי א פאר סמאלציוועטע, זייא זענין מקפיד אויף נקיות. —

בקיצור, דער עולם איז גיבליבין בייא זיין סחורה, אונ פון דעם מסחור האט זיך גאר נישט מיט נישט אויס גילאזט, ביז האלבין טאג איז שוין אין שטוב פינ'ם פסח ניט גיבליבין קיין זכר, אלע ווייבער האבין אויס גיצעהלט דאס ביסעל מצה וואס האט זיך אב גישטעלט, איבער גימאסטין דיא מצה פארפיל אונ דאס מצה מעהל, גרויס קנאה איז גיוועז צווישין דיא ווייבער אויף דער וואס בייא איהר האט זיך מעהר אב גישטעלט, עס איז דאך טאקי א חשבון, ביז שבועות וועט מען שוין פארשפארין מעהל אויף פארפיל אונ אויף קוגעל, כמה

שבתים

שבתים וועט מען שוין גאר קיין חלה באקין , דאס איז שוין פאר איין ארימען מאן אגאנצער עסק , עס געהט טאקי אראפ אהאלבע הוצאה – דער כלל איז , דיא ערשטע עטליכע טעג נאך פסח , האט דער גאנצער עולם כמעט וויא גיפאסט , עס פאר שטעהט זיך , קיין גראשין איז נישטא בייא דער נשמה , אין שטוב איז פוסט , ניט דא קיין גרויפ , קיין קארטאפעל , קיין שמאלץ , קיין פוטער , עס איז נישטא ממש וואס צו נעמין אין מויל אריין , עס איז גיקומען חאטש נעם ארויס דיא ציין אונ צו לייג זיי אויף דער פאליצע , מע האט זיך קוים קוים צו גישלאגין צום שבת וויא עס איז מיט גרויסע צרות , פאריקט אשטיקעל טשאלענט , אונ עס איז שוין ב"ה שבת קודש , בייא נאכט האט מען גימאכט קידוש איבער מצות , געזופט יויך מיט מצה פארפיל , אונ חאטש מע איז גיוועזן נאך שטארק הינגעריג , פון דעסטוועגין האט מען גיבענטשט אונ גיזאגט „ואכלת ושבעת וברכת" ווארום לויט דעם דין איז מען מיט א כזית אויך יוצא אונ אפשר טאקי זאט . . .

שבת פריא אין דיא שולעליך נאכען לייענין , האט דער חזן גיבענטשט „בה"ב" טרעפט וואס דאס איז ? עס הייסט : דער עולם זאל פאסטין „שני וחמישי ושני" „מאנטיג" אונ „דאנערשטיג" אונ ווייטער „מאנטיג" פאר וואס ? וואס האט מען נעבאך צום עולם ? וואס האט מען דא גיטאהן אזעלכעם פאר א פארברעך ? אונ ווידער וויא שטייט דאס , אין דער תורה ? דאכט זיך אז ניין , וואס דען ? דיא גמרא אפשר האט דאס אויף גיטאן ? אויך נישט , נא נישטער , גלאט פריש אונ גיזונד אונ משוגע , דארין דרייא טעג אונ מע ווייסט ניט וואס אונ ווען .

וואס זאגין זייא ? עס איז א „מנהג ותיקין" בא דיר נאייע מנהגים , ווידער פרעג איך אייך , ווער איז דאס דער „ותיקין" ? גלאט אן ווערטער „ותיקין" איך וויל אבער וויסען , ווער ? ווען ? וויא גיפעהלט אייך אזא גישיכטע ? נאר לאמיר זעהן עס מוז דאך פארט עפים זיין ? דער ותיקין האט דאך פארט גימוזט האבין עפים א פלאן , אהא ! עס איז דא , אונ חלעבין ניט קרים , (נאר וויא א קאטשערע) וואס איז ? עס שטייט אין איוב (א' ד' ה') „והלכו בניו ועשו משתה בית איש יומו , ושלחו וקראו לשלשת אחיותיהם לאכול ולשתות עמהם : ויהי כי הקיפו ימי המשתה וישלח איוב ויקדשם והשכים בבוקר והעלה עולות מספר כלם , כי אמר איוב אולי חטאו בני וברכו אלהים בלבבם , ככה יעשה איוב כל הימים" דאס הייסט : איוב האט מורא גיהאט אז אין דיא זיבען טאג וואס זיינע קינדער האבין פאר בראכט אין עסין אונ טרינקין , האבין זיי אפשר חוטא גיוועזן קעגין גאט , דעריבער האט ער מקריב גיוועזן קרבנות , דעריבער האט מען מתקן גיוועזן יעצט אויך דרייא תעניתים צו מכפר זיין , פיליכט האט מען אפשר אין דיא 8 טאג יו"ט פון גרויס דאשקאש גיטאהן עטוואס וואס ניט רעכט איז ? נא מהיכא תיתי גוט באווארינט , איך האב פיינד צו זאגין , מע זעהט דער פון

וויא

וויא ווייזט דער ותיקין איז גילעגין אין טובת הכלל 1) פון דעסטוועגין ברויכט מען

---

1) עוד הפעם לא אוכל להתאפק, נאך א מאהל קאן איך מיך ניט אויף האלטין פון צו זאגין צו אזעלכע בעלי טובות „השפעתם עלינו רוב טובה, אבל אין אנחנו יכולים לקבל" עם הייסט: איהר ווילט משפיע זיין אויף אונז אסאך טובות, נאר מיר האבין שוין אבער ניט קיין כח זייא מקבל צו זיין, באמת פרעג איך דיא בעלי טובות, פאר וואס ווילט איר זיין קליגער פון דער הייליגער תורה? פאר וואס האט זיא אליין ניעשט גיהייסען פאסטין, פאר שרעק, אפשר וועט מען פון גרויס שמחת יו"ט עפיס טאהן איין עבירה, מע זעהט דאך וויא אונזער תורה האט פיינד גיהאט תעניתים, אז זיא האט מעהר ניט פארבאטין נאר איין תענית אין יאהר, אונ וויטער ווערט ניט דער מאנט פון פאסטין אונ פון סיגופים, מיר זעהן א וואונדערליכע זאך: אז יודען אין דיא פארהיגע צייטין האבין גאר ניט גיהאט קיין בעגריף, אז מיט א תענית זאל מען גיפעלין גאט, דארום שטייט ניט אין פסוק אז יודען אין מצרים האבין גוזר תענית גיוועז, עם שטייט נאר „ויאנחו בני ישראל מן העבודה ויזעקו, ותעל שועתם אל האלהים מן העבודה (שמות ב' כ"ג)" דאס הייסט: זיי האבין תפלה גיטאן צו גאט. בשעת עמלק איז דאס ערשטע מאהל אן גיפאלען, האט משה אויך ניט גיהייסין גוזר תענית זיין, נאר ער האט גיהייסין האלטין מלחמה מיט איהם (שמות י"ז) – בייא דער מגפה אין דער מדבר, האט אהרן אויך ניט גוזר תענית גיוועז, ער האט גיזוכט אנדערע תחבולות (במדבר י"ז).

בקיצור, אין דער גאנצער צייט פון משה אונ פון יהושע בן נון, זעהט מען ניט אונ מע הערט ניט קיין תעניתים, אויך אין דער צייט פון דיא שופטים, וואס עס זענין גיוועז צרות אופן פוד, הערט מען ניט אז מע האט געזוכט סגולות פון תעניתים, נאר ערשט בייא דער מעשה פון פלגש בגבעה שטייט: „ויבאו בית אל ויבכו וישבו שם לפני ה' ויצומו ביום ההוא עד הערב (שופטים ב' כ"ו)" אונ אויף דעם קאן מען שוין זאגין „ויתערבו בגוים וילמדו מעשיהם" דאס הייסט: זיי האבין זיך אפ גילערינט פון דיא גוים, ווארום תעניתים זענין א גוישע המצאה (איהר ווייסט אז דיא זאך פון תעניתים אונ סיגופים וואקסט ארויס נאר פון דיא געצין דינער, ווער עס האט גילעזין פון זייערע כהנים, וואס פאר א סיגופים זיי פלעגין זיך אן טאהן גרוילט אזש דאס לייב צו הערין, זייערע כהנים זענין על פי רוב גיוועז בעלי מומים, צו ביילטע, צו קיילטע, וואס פלעגין זיך אליין מאכין פאר קאליקעס, דארום זאגט דיא תורה אין ויקרא: „לא יקרחו קרחה בראשם, ופאת זקנם לא יגלחו, ובבשרם לא ישרטו שרטת" אז כהנים טאהרין זיך ניט מאכין פליחעוואטע, אונ זייא טאהרין ניט צו קראצין זייער פלייש, אונ צו ליב אויס רייסין זייער פלאן וואס דענקין אז גאט האט הנאה אז זיינע דינער טוען

מען דאך גוט בעטראכטין דיא טובה, פילייכט מעגין מיר זאגין, דאס גלייך ווערטיל פון דער גמרא: „שקול טובתך ושדיא אחיזרא" (שבת ס"ג) דאס הייסט: „נעם זיך דיין טובה אונ ווארף זיא אויף דערנער". —

לאמיר נאר גוט בעקוקין צו מיר יודען זענין גלייך אין דעם פאך צו איוב'ס קינדער, מע קאן זיך גוט פאר שטעלין אז ווערליג איוב איז גיוועזן א גרויסער גוטבעזיצער, גיהאט כל טוב, בהמות אונ אקסין, גיטריידע אונ פארשידענע פרוכטין, נא אז מע האט גימאכט א שמחה זיבען טאג דורך אנאנד, האט מען

געווים

---

זיך אן יסורים, האט דיא תורה גאר פארבאטין אז א כהן א בעל מום טאהר ניט מקריב זיין קיין קרבנות), מע זעהט א פאקט, אז אין „נינוה" בשעת יונה הנביא האט זיי גיזאגט אז עס איז שלעכט מיט זיי, אונ זיי זענין דאך גיוועזן געצין דינער, האבין זייא דיא ערשטע זאך גוזר תענית גיוועזן, ניט נאר אויף מענשין, אפילו אויף בהמות אויך, איהר פאר שטעהט, וואס א פאנאטיקער קאן טאהן? אמת, זיי האבין איינער דעם אנדערין גזלות אויך אב גיגעבין, אזוי ווי עס שטייט „ומן החמס אשר בכפיהם" נאר צו וואס האט מען נאך בעדארפט די תעניתים? וואס שטייט דער נאך: „וירא האלהים את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה" האט דיא גמרא גוט בעמערקט אונ זאגט: „את שקם ואת תעניתם לא נאמר, רק את מעשיהם כי שבו מדרכם הרעה" עס הייסט: גאט האט נאר אויף זייא רחמנות גיהאט, פאר דעם וואס יעדער האט אב גיגעבין דעם גאנצין גראבעזש וואס עס האט זיך ביי איהם גיפינען, אבער ניט דער פאר וואס זיי האבין זיך אן גיטאן אין זעק אונ גיפאסט, דאס האט גאר קיין ווערטה ביי גאט, איהר פאר שטעהט א טייערע באמערקונג פון דער הייליגער גמרא? —

זכריה הנביא האט גוט גיזאגט פון גאט'ס וועגין: „כי צמתם וספוד בחמישי ובשביעי וזה שבעים שנה, הצום צמתני אני? וכי תאכלו וכי תשתו הלא אתם האכלים ואתם השתים (זכריה ז')" איהר הערט א שמועס וויא איינער רעדט! וואס אינטערעסירט מיך אייער עסין אדער אייער פאסטין? מיר געהט נאר אין דעם: „משפט אמת שפוטו, וחסד ורחמים עשו איש את אחיו, ואלמנה ויתום גר ועני אל תעשקו ורעת איש אחיו אל תחשבו בלבבכם" דאס הייסט. זייט נאר ערליכע לייט אונ טוהט קיינעם קיין בייז ניט, אט דאס פאר לאנגט גאט פון אייך, דער פון זעהט מען אז דער גאנצער ענין פון תעניתים וואקסט נאר פון דיא געצין דינער, אונ ביסליך ווייס האט זיך דאס אריין גערוקט צו יודען. —

„ישעיה אונ ירמיה", האבין שוין שטארק געקריטיקירט דעם ענין פון דיא תעניתים, זייא האבין גיזעהן וויא דיא וועלט איז פאר נארישט, אונ רעדט זיך איין אז תעניתים זענין מכפר אויף אלע זינד, אונ דער מיט שמייכלט מען זיך צו צו גאט, אזוי א שטייגער וויא זייא האבין גימיינט מיט דיא קרבנות, דערום

האט

געוויס ניט גיגעסין קיין הייסע וואסער מיט מצה פארפיל, מע האט ניט גיקויפט אין יאטקע 3 פונט פלייש סטערווא גאלע בייגער 20 קאפ׳ א פונט, אויב איז ניט גיגאנגין צו זאנוויל שענקער געמין א קווארט יין צמוקים פאר 15 קאפ׳, נאר וואס דען? מע האט טאקי גיגעסין גוט פלייש, גוטע בראטין אהן א שעור און אהן א ערך, גיטרינקין דעם בעסטין גיטין ויין, וויא פיל דאס הארץ האט גיגליסט, נא בייא אזא הוליאנקע קאן אפשר זיין, אז מע זאל עפיס טאהן וואס ניט רעכט איז. —

און

---

האט ירמיה ביידע צו זאמען גינימען, און האט גישריגין אויף דיא ביידע (ישעיה נ״ח ירמיה י״ד).

„אחאב״ מלך ישראל וואס ער איז גיוועזן א רעכטער געצענדינער, האט אויך שטארק גיהאלטין פון תעניתים, און בפרט זיין וייב „איזבל״ וויא מען זעהט בייא דער נבלה פון דעם כרם נבות היזרעאלי, דיא רשעה עצה מיט וואס נעמט מען דעם עולם, מיט א תענית׳ל, „קראו צום״ (מלכים א׳ כ״א) אז דיא וועסט נאר אב פאסטין, ביסטו שוין גידעקט, וועסט שוין מעגין הארגענען א מענשין. —

בקיצור, פון דיא אלע רייד, זעהן דא מיר: אז די תורה, און דיא נביאים אליין האבין מרחיק גיוועהן אלע תעניתים, אלע סיגופים, וואס אנדערע נאציאנען האבין אין דעם עוסק גיוועהן, און בעזאנדערס זייערע כהנים, אזוי וויא מע זעהט גאר דייטליך בייא דיא כהנים פון אחאב, אז זייא האבין גיוואלט פועל זיין בא דעם בעל, אז עס זאל אראפ איין פייער, שטעהט: „ויתגודדו במשפטם בחרבות וברמחים עד־שפך־דם עליהם״ (מלכים א׳ י״ח) און פון דעסטוועגין האבין זיך דיא אלע זאכין איינגיווארצילט בייא אונז יודען. —

דיא ספרי מוסר, און נאך מעהר דיא מקובלים האבין אויף גיגעבין דיא גיטע פלאנען פון תעניתים, גאר לרוב, פון שרעקליכע סיגופים, קאטשין זיך אויף שנע, שטעהן אויף רעטשקע, שלאפין אויף שטיינער, חלעבין ניט קרים, זיך גיט ארוף גישלאגין! גיטע טובות האבין אונז גיטאהן אזוינע נארישע מחברים, אקוראט וויא דיא שלעכטע מנהגים פון דיא געצעדינערייא, גימאכט תעניתים מיט פאר שידענע נעמען, „10 טעג, ערב ראש חודש, מאנטיג און דאנערשטיק, א מאהל אין הפסקה״ היינט תעניתים מכח עבירות, וואס האבין גאר קיין צאהל, מספרים יקנה״ז פון תר״ם, אזוינע ספרים קאנען מאכין משוגע מענשין.

אט אזוי איז דאס אז מע געהט אראפ פינ׳ם דרך התורה, און מע וויל אויף טאהן חדשות און טוהן טובות מענשין, כדי זייא זאלין זיין פאר זארגט מיט עוה״ב? נאר דער אמת איז, שומר נפשו ירחק מהם! —

און ווידער ער האט דאך ניט גיהייסן פאסטן און דארין, ער האט גיבראכט קרבנות, רינדער האט ער גיהאט גיניג, און וואס פאר א ווערטה האבין דעמאלט גיהאט עטליכע בהמות? און ווער ווייסט ניט אז דאס איז גיוועהן א גיסט פון א פרומען געצענדינגער? (און צווייטענס איז דאך עפים גאר א סברא אז דיא גאנצע גישיכטע מיט איוב'ן איז גאר ניט גיוועהן נאטירליך, דאס איז גאר נאר אפארשטעל פון א שרייבער, עס גיפינט זיך דאך גאר איינער טאקי אין דער גמרא, וואס זאגט: איוב לא היה ולא נברא אלא משל היה).

אבער וואס רעדט מען כּכה אונז יודען? וואס האבין מיר דא גיגעסן? איך וויים ניט צו יעדער האט אויף גיגעסן איבערין גאנצין פסח א פינט פלייש? היינט דאס גרויסע שכרות וואס יעדער האט אריין גיהאפט בוודאי אגאנצע קווארט זאנווילס וויין דורכין גאנצין פסח? נא דורך דעם קאן מען אויך טאהן עבירות חלילה? אפשר פון דעם מעד מיט דיא חרעמזליך פון אחרון של פסח? זעהט איהר דאס איז שוין אשטיקעל סברא. —

קארג איז מען פאר שווארצט גיווארין פיר וואכין פאר פסח, אים פסח אליין, ב"ה אויך גיגעסן קדחות מיינע שונאים, היינט נא דיר א צובייסינג תיכף נאך יום טוב, דאר נאך דרייא טעג אין תענית, עס האט פאק אשיינעם נאמען „בה"ב" וויא גיפעהלט אייך אזא רציחה פון דעם ותיקין? אז דאס בית המקדש איז חרוב גיווארין, האבין אונזערע חכמים מעהר ניט מתקן גיוועהן וויא איין תענית, אז דאס זאגט דיא גמרא אין מגלה, „בקש רבי לעקור תשעה באב" רבי האט גיוואלט דעם תשעה באב אויך מבטל זיין, און פאר א פינט פלייש מיט א קווארט ראזשינקע וויין אין אכט טעג זאל מען סאחנען? זייער א קליגער מנהג? און נאך דרייא טעג! איינער איז נאך ווייניג? דיא המצאה גיפעהלט מיר, אז מע האט שוין גאר ניט וואס צו זאגין, זאגט מען גלאט, אז דאס איז א מנהג ותיקין? וואס ותיקין? ווען ותיקין? איך וועל זיך גאר ניט שעמען, איך וויים אפילו גאר דיא טייטש ניט פון דעם ווארט „ותיקין„ אז אסור! — מילא וואס העלפט דא דיא רייד, רייד יוא, רייד ניט, דער עולם פאסט „בה"ב", מע זאגט סליחות, אסאך זענין צו פרידען אז עס מאכט זיך זייא עפים נאר א תענית, עס איז בלא זה ניט דא וואס צו עסין, איז דאך שוין גלייכער אז מע רעדט זיך איין אז מע הונגערט פון גאט'ס וועגין, דער ווייל הייסט מען טאקי א פרימער יוד אויך ....

א, ארימער און שמוציגער זומפף ליטא! ווען וועלין שוין דיינע אומגליקליכע שטיפקינדער, דיא יודען, פטור ווערין דיינע בלאטעס, בעזעצין זיך אין אנדערע ערטער פון דעם גרויסן רוסלאנד, און זיין מענשין וויא מענשין דארפין זיין.

ענדע

# דָאס בְּלוּמֶעל*).

„כְּשׁוֹשַׁנָּה בֵּין הַחוֹחִים כֵּן רַעְיָתִי בֵּין הַבָּנוֹת"

(שיר השירים ב׳ ב׳).

1.

אונטער דעם הימעל,
אין רויש אין געטומעל,
געפינט זיך א בלומעל,
איהר קענט עס חלעבען גוט;
פארוואָרפען שוין פון יאָהרען,
פון עמק השרון,
א הפקר זאַך געוואָרען,
במעט אויף יעדער טריט;
גאָר אָן שום ווערטה,
פון רעגען געשטערט,
וואקסען אויף דער ערד,
לאָזט מען עס ניט...

2.

מען זאָגט אז א מאָל,
האָטטו בלומעל אָהן צאָהל,
אויף בּאָרג אונ אויף טאָהל,
פערלויבטען שאָן דיא וועלט;
געוואַקסען הויך געזונד,
אויסרייסען ניט געקענט,
קיין האָגעל אונ קיין ווינד,
אויך דער שטאַרקסטער העלד;
פיעל גליק אונד זעגען,
אויף אַללע פיער וועגען,
קיין ראָרגער אַנטקעגען,
האָבען זיך ניט געשטעלט.

3.

היינט איז גאָט׳ס צאָרן,
אויף דיר געוואָרן,
א שטאָלענדיגער דאָרן,
פערדאַרבט דיך גאָר א שראָק;
דיין קאָפף אראָפּ געבויגען,
דיין קראַפט אויסגעזויגען,
דיין מזל איז פערפלויגען,
וואַלגערסט דיך אין וועג;
צוקוויטשט אונד צעריססען,
פון בייזע געביססען,
אין בלאָטע געשמיססען,
וואו דיא וועלט האָט א=ג=עק.

4.

איך געדענק נאָך פאַרצייטען,
ווען דיך האָבען לייטען,
אין אַללע פיער זייטען,
האָבּסט מקנא געווען;
דיא גאַנצע נאַטור,
געליעבט דיך אָהן שיעור,
מען האָט זיך אין דיר,
געשפיעגעלט זעהר שאָן;
ניט געוויאַלעט אימער,
סיי ווינטער סיי זומער,
אפילו גאָר אין שלימער,
האָסטו דיין רוהם געזעהן.

5.

היינט ביזטו פערשמאַכט,
פערהאַסט אונד פעראַכט,
דיין וואָרצעל געשלאַכט,
פון היטץ אונ פון קאָלט;
דיין גלאַנץ אָנגעוואָרען,
פיעל בלאָטעליך פערלוירען,
וואַלגערסט דיך פון יאָהרען,
אין דער ברייטער וועלט;
זעהסט פאַר דיר קיין רעגען,
נאָר זאַמדיגע שטעגען,
דייגע אַללע וועגען,
זיינען דיר פאַרשטעלט.

6.

דיין שאָנקייט איז פון דיר,
פערשוואונדען אָהן א שיעור,
פערוויאַלעט דיין קאָליר,
דיין גלאַנץ דיין הערליבקייט;
אויסגעזויגען דיין זאַפט,
דיין מאַרך אונ קראַפט,
דיך אָפגעשלאַפט,
אין דיין לעבענס שטרייט;
דאָך, וועללען נאָך דיא צייטען,
זיך איבער בייטען,
אונד צווישען קווייטען,
וועסטו וואַקסען ברייט.

7.

יאָה דוא וועסט נאָך גלאַנצען,
צווישען אללע פפלאַנצען,
מיט דיין פאַרב אין גאַנצען,
אין פאָללען פראַכט;
דער הימעל וועט דיר שיקען,
טהוי צו דערקוויקען,
וועסט אָנהייבען גליקען,
אונד ווערען צוריק ערוואַכט;
פערשווינדען וועט דער ווינטער,
דער פראָסט דער געזונדטער,
ווערען וועסט דוא מונטער,
געשאָצט אונד געאַכט.

8.

דער פריהלינג דער שאָנער,
דער פרישער דער פיינער,
דער ליעבער דער ריינער,
וועט פייכטען דיין ערד;
ער וועט דיך בעקראָנען,
מיט טהוי דיך בעשאָנען,
אונ וועט דיר פאָרלייענען,
דיין טהייער׳ן ווערטה;
פיעל דאָרגער אָהן א שיעור,
וועללען שאָטצען דיין קאָליר,
אונ בוקען זיך פאַר דיר...
גאָר אומגעשטערט.

9.

זאָרג ניט טהייער בלומעל,
ניט שראָק פאַר געטומעל,
דען דיר האָט דער הימעל,
פערזיכערט שוין דיין גליק;
אונ דוא וועסט נאָך אַמאָל,
אויף בערג אונ טאָהל,
אויפשיינען גאָר אָהן צאָהל,
מיט דעם גאַנצען שיקק;
שוין נאָהנט איז דיין שטערען,
דוא זאָלסט בעלייבטעט ווערען,
דיין מזל דיר אומקעהרען,
וויא מיט יאָהרען צוריק.

ב. בעקערמאַנן.

*) מיט דער מעלאָדיע פון „דיא סאָבע" פון א. צונזער.

## וועלטליכע נייעס.

מען זאגט: אז ר' דלות איז איינגעקוממען אין געריכט, אז ער האט ניט צו עססען בייא דיא קבצנים, מען זאלל איהם ערלויבען אביסל אריין צו טרעטען צו דיא הארטע פארשטיינערטע גבירים... אויף דעם האט דאס געריכט געאנטווערט: אז מיט דער צייט וועט ער בעקוממען דיא ערלויבנים...

מען זאגט: אז דער „אמת" האט איינגעגעבען דעם „שקר", אז פיעל מענטשען בענוטצען זיך מיט איהם, אונ אן איהם (אן דעם אמת) פערגעסט מען גאר אז ער עקזעסטירט אויך אויף דער וועלט. אויף דעם האט דער סוד געאנטווערט, אז מיט דער דיעלא דארף מען אנקוממען אין הויכען סענאט, ווייל דאס איז קיין נייעס ניט בייא אייערע יודעליך.

מען זאגט: אז דער קראצמאכאפקער צדיק האט זיך שטארק געזשאלעוועט, אז זיינע חסידים האבען אויפגעהערט צו האלטען פון איהם; אונ פאר דער העזה האט מען זיינעם פון זיינע חסידים אפפענטליך אנגעזידעלט וועלכער האט זיך פעראנטווערט: אז ער האט ערשט דעם פרייטאג געהאלטען פון איהם דאס שטריימעל אין מקוה...

מען זאגט: אז זיידיל דיא גבאיטע וויל אבגעבען דעם מלאך המות אין סוד, ווייל דיא אפיקורסטע נ. איז געבליעבען לעבען פון איהר לאנגע קראנק; דאס, זאגט זיא, איז נישט אנדערש נאר זיא האט איהם זיכער געמוזט איבערקויפען...

מען זאגט: אז די חברה צער-בעלי-חיים, וועללען דעם ערב יום כפור ניט לאזען שלאגען קיין מלקות אין שוהל. אויף דעם האט זיך פייטיל בטלן בעצייטענס ארויסגעשטעלט: אז דאס איז שוין אנ'אלטער מנהג בייא יודען, נאר אויב מען ווילל דאס פערגרינגערין, גיט ער אנ'עצה מען זאלל פיר יעדען אראפנעמען איין מלכה אויף פסח.

מען זאגט: אז דער דאקטאר קראנקמאן האט ערפונדען אנייא מיטעל לעבענדיג צו מאכען טוידטע. אויף דעם האבען דיא חברה קדושה שטארק פראטעסטירט אונ אויפגעוויזען מיט ראיות, אז דער „אקציז" וועט דאדורך היזק האבען א סך געלד פיר בראנפען...

מען זאגט: אז פון דעם חלאפעלאפקער צדיק זענען דאס יאהר געהאלפען געווארען האבער פיער טויזענד עקרות; אונ ער בעט מען זאלל זיך ניט וואונדער'ן וואס ער אלליין האט קיין קינדער ניט, ער גיט צו פערשטעהן אז א דאקטאר קענן זיך אלליין ניט היילען...

מען זאגט אויף דעמזעלבען: אז מען

## פעליעטאן.

### דער מיסט-קארב.

ווען איהר לעזער זאלט וועללען מיט אפפענע אויגען בעטראכטען מיין לאגע, וואלט איהר מוזען מודה זיין: אז איך האב דאזעלבע מזל וואס דער יוד. געוויס איז דאך אייך בעקאנט ר' יודיל'ס לאגע וואס ער איז שוין אויסגעשטאנען זייט ער האט דיא וועלט דערקענט! וויא מען האט איהם אמאל מיט געוואלד אבגעריסען פון זיין היים, פון זיין גוט'ס, אונ איהם אוועקגעפיהרט געבונדען, געקאוועט אין קייטען; געברענט וויא שטרויא זיינע דארע טרוקענע ביינער, געבראכען זיינע האנד זיינע פיס זיין אלץ מיט אנ'אנדער; מיט איין ווארט, מען האט איהם צוגעהלען, צוריבען אונ צוריק לעבעריג געמאכט.

אט, דערזעלבער בין איך אויך ארמער מיסטקארב; ווער געדענקט ניט מיינע גוטע פריהלינגס צייטען דעמאלט ווען איך האב מיט מיינע ברידער געוואכסען בייא מיין מאמען אויפ'ן בוים; דעמאלט ווען דיא שטראהלענדע זונן האט אונז אללע געווארמט מיט איהרע ליעבע ליכטיגע גלאנצענדע שטראהלען; דעמאלט ווען דער רעגען האט אונז אנגעטרונקען מיט זיין זיססען קראפט; דעמאלט ווען דיא שאנע פאגעליך זענען געקוממען אללע טאג צו מיר אפשפיעלען זייערע שאנע זיססע ליעדער; דעמאלט ווען...

האט איהם צווייטען געטהון פון הימעל, או אין דיא פעטע אינדיקעס האבען זיך אריין געכאפט אללע דבוקים... אלוא עצה'ט ער דעם עולם אז מען זאלל רחמנות האבען אויף דיא זינדיגע נשמות, אונ מען זאלל אללע פעטע אינדיקעס גלייך ברענגען צו איהם אויף הילף... אונ ער פערלאנגט חלילה ניט אומזיסט, ער צאהלט ח"י גדולים פיר יעדען אינדיק, מיט א האלבער מצוה פון דער אויסגעלייטערטע נשמה...

מען זאגט: יאה, מען זאגט אונ מען זאגט, נאר גענוג לעזער, איך האב מורא פאר דער מורא... איבערהויפט פאר דיא פעטע אינדיקעס... אדיע! צום ווידער-זעהן.

## דאס בלומעל.

## משוגע אוים ליעבע.

(זכרונות).

איך זיטץ יעצט נעבען מיין פענסטער, וועלכעס געהט ארוים אין דער פרייער גאסס, אונ בעטראכט יעדער מענש וועלכער געהט פיר מיר פערבייא; אדער גלייכער געזאגט איך וויל לעזען אויף זייערע געזיכטער ארטיקלען וועלכע זאללען אהנליך זיין צו מיין לאגע. אבער ניין! איך געפין קיין איינעם ניט. אונ פיללייכט איז דא, נאר פיר מיר איז אללעס פערשטעלט וויא אונטער א שווארצען טומאן. קוקענדיג אויף מיר קען מען מיינען אז איך געהער צו דיא רוהיגע מענשען וואס האבען נאך קיין זייער לעבען קיין שמערצען געפיהלט. אך! פינסטער טרויעריג איז אבער מיין פערגאנגענהייט. איך בין אייך מקנא איהר קליינע יונגע קינדערליך וועלכע איהר שטעהט יעצט פאר מיין פענסטער אונ שפיעלט אייך לוסטיג פרעהליך, איהר זייט נאך גאר ריין אונשולדיג ליעבע קינדערליך, קלאהר קינדיש זענען אייערע געדאנקען, אונבעפלעקט זענען אייערע רייגע הארצעליך. שפרינגט, טאנצט ליעבע קינדערליך! קיינער וועט אייך אייערע קינדערישע געדאנקען ניט שטערען; זינגט מיר זינגט אט דאס לידעלע, דאס אלטע טהייערע לידעלע, וועלכעס ליגט נאך פערבאקען אין מיינעם הערץ; דאס לידעלע, אין וועלכען איך זעה אבערמאלס מיין יוגענד מיט איהרע פערגאנגענע פארבען! פון טיעפען הארצען זייט מיר ווילקאממען איהר טהייערע ליעבע קינדערליך, זינגט מיר זינגט אט דאס לידעלע:

— וואס ביסט דוא מיט מיר ברוגז,  
איך וויים דאך ניט פאר וואס,  
געהסט א גאנצע טאג ארום  
אראפ געלאזט דיא נאז.

---

נאר גענוג לעזער! מיין מזל איז וויסט, גלייך מיט דיר...

איך געדענק עפעס וויא איינער א מארדער מיט א שארף מעססער, איז אמאל געקוממען צו מיין מאמען, אונ האט אנגעהויבען אפשניידען אללע קינדער וואס מיין מוטטער האט פערמאגט, אונ נאכהער האט ער אונז אללע צוזאממען געבונדען מיט שטריק, אונ אונז אוועק געשלעפט צו זיך אהיים; באלד האבען מיר אנגעהויבען פיהלען אז מיר זענען אבגעריססען געווארען פון אונזער טרייע מוטטער... באלד האבען מיר אנגעהויבען פיהלען דיא קנעכטשאפט. דער שלעכטער פריץ האט אונז גענוממען שינדען דיא הויט, אונ נאכהער קנייטשען בראכען אונ בייגען, ביז מען האט פון אונז אללע געמאכט א קארב (קויש) אונ פון דעם רבים איז געווארען א יחיד.

איך האב אנגעהויבען צוקוקען דאס גרייטע וואס פון מיר וועט דא ווערען. א קשיא אויף א מעשה, אפשר וועל איך גאר גליקליכער זיין וויא פריהער; דער פריץ וועט מיך אפשר הייסען אריינשטעללען אין אגרויסען הויף, אונ וועל נאך שפיעלען א גאנץ גרויסע ראליע; איך האב געווארט אונ געהאפט, געהאפט אונ געווארט, ביז איך האב מיך ענדליך דערווארט, דאס מען האט מיך א געהם געטוהן שלעפען איבער דער וועלט צום פערקויפען.

דער שלעפער האט מיך אריין געשלעפט צו א רייכען פריץ אונ פארגעשטעלט מיין שטאם; דער פריץ האט מיך גענוממען בעטראכטען פון אללע זייטען, אונ האט דערקענט אז איך בין קינצליך צונויף געשטעלט, אונ קען איהם נוטצבאר זיין; נאר דיא דיענער זיינע, דיא שלעכטע מענשען,

ווילסט דוא מיר ניט גלויבען
אז איך האב דיך ליעב,
לאמיר ביידע פאהרען
צו א גוטען יוד א. ז. וו. א. ז. וו.

וויא זיסס וויא טהייער דאס לידעלע האט זיך אמאל צוגאסטען אין מיינעם הערצען; מיט דעם לידעלע פלעג איך זיך לייגען אונ אויפשטעהן, דאס לידעלע איז געווען מיין איינציגער בעגלייטער אין אללע מיינע וועגען, מיט דעם לידעלע פלעג איך געהן אין חדר אונ צוריק. ניט איינמאל פלעג איך אויסשטעהן דיא גרעסטע ניע-פריאטנאסט פון דעם דאזיגען לידעלע. אם מיינסטען פלעג איך האבען צרות בייא דיא ווינטערדיגע סדרות וויא צום ביישפיעל: „ואני בבאי מפדן ארם" אין ויחי, אדער בייא „הקבצו בני יעקב" א. ז. וו... אלס דער רבי פלעגט מיט אונז תלמידים באזינגען דיא ווארטער מיט דיא געוואהנליכע טלמדישע נגונים אונ מיינע אללע איבריגע חברים פלעגען בלייבען אהן קראפטען שרייענדיג אונ זינגענדיג, האב איך איינער ניט געקאנט גלייך מיטשטיממען מיט מיינע חברים; בעוויל דער קינדערשער זמר פלעגט מיר אזוי צומישען מיינע געדאנקען אז איך פלעג א מאל אין מיט פסוק: ואני בבאי מפדן ארם, אדער הקבצו בני יעקב, אויס-שרייען מיין טהייער לידעלע: וואס ביסט דוא מיט מיר ברוגז, איך וויים דאך ניט פאר וואס, א. ז. וו. א. ז. וו...

פון מיינע אללע חברים פלעגט ארויס-שיססען א געלאכטער, אונ איך בין גע-בליעבען זיצען וויא א פערברעכער וואס איז דיא גראסטע זינד בעגאנגען; זעלבסטפער-שטאנדליך, אז מיין רבי האט מיר פאר אזא העזה ניט געשוויגען נאר מיך האט דאס געאארט וויא דיא וואנד, וויל איך פלעג זיך דערמאהנען אז זיא, מיין פייגעלע, זינגט אויך דאסזעלבע לידעלע, אונ פון איהר טאקי האב איך עס מיך אויסגעלעהרנט אונ זעהר פיעל געליטען דערפון, וויא דער לעזער וועט ווייטער זעהן.

פייגעלע איז געוועזען ר' זלמן שוחט'ס א מיידעל פון 8 יאהר וועלכער האט גע-וואהנט אין אגרויסען פערצוימטען הויף. מיינע עלטערן האבען אויך געוואהנט אויף דעמ-זעלבען הויף פלעגען מיר ביידע שטיפענדיג ארומלויפען אונ שעפען פערגעניגען פון יעדער קלייניגקייט. איבערהויפט פלעג איך אנקוועללען פון איהרע שאנע לידעליך וועלכע זיא פלעגט פיר מיר זינגען מיט אזא זיסקייט אז מיר איז קיינמאל ניט נמאס גע-ווארען זיא הארענדיג. נאר פון אללע איהרע לידעליך איז מיר נאר געפאללע דאס זמר'ל: וואס ביסטו מיט מיר ברוגן איך וויים דאך ניט פאר וואס א. ז. וו...

---

וויא האט דאס עפעס פירדראססען וואס דער פריץ פערשטעהט מיין ווערטה; זייא האבען גלייך גענומען בונבעווען אויף מיר, מאבען פון מיר כל האטארעס אז מען פיהלט גאר פון מיר... אז איך בין וואר שאדליך אין אזא רייכע שטוב צו זיין... אונ מען דארף זעהן דעם קארב ארוים צו ווארפען אדער גאר פשוט פארבראנען עס זאלל פון איהם קיין שריד ופליט ניט בלייבען...

דער פריץ האט געזעהן וויא אללע זענגען אויפגעהעצט געגען מיר, האט ער אלליין אויך געמוזט מיטשטיממען אז מען דארף מיך גאר פשוט פארבראנען. באלד האט מען אנגעלייגט פאר מיר א גרוים שרעקליך פייער, אונ אהן א שום טענה ומענה, מיך א שליידער געטהון אין דעם פלאקקער פייער; נאר דער אלטער גאטט וואס האט אמאל צוגעזאגט צו שיטצען זיין פאלק ישראל, האט אן מיר אויך ניט פערגעססען אונ מיך בעשירמט דאס איך זאלל אין גאנצען ניט פארברענט ווערען; אונ אזוי איז טאקי געוועזען, דאס פייער האט מיר נאר אבגעשמאליעט מיין פנים, מיר שווארץ געמאכט דיא ריטליך, אבער דאך בין איך נאך פול מיט האפפנונג אז איך וועל אמאל צוריק ווערען וויא איך בין געוועזען...

קורץ מען האט מיך ווייטער גענוממען ארומשלעפען אונ אנגעוויזען אויף מיר מיט דיא פינגער אז איך בין א שאדליכער קארב, אז איך בין עפעס געמאכט פון כישוף ר"ל, אז מיך נעהמט גאר ניט קיין פייער, קיין וואססער, אונ מען דארף זוכען א-עצה וויא אזויא פון מיר פטור צו ווערען.

אַך! זיא פֿלעגט דאָס זינגען מיט אַזוי פֿיעל געשמאַק אַז מיין יונג האַרצעלע פֿלעגט אָנהויבען אינגערליך וויינען, דען מיר פֿלעגט זיך שטענדיג אויסווייזען אַז מיין פֿייגעלע דענקט אַז איך בין מיט איהר ברוגז, און דערפֿאַר זינגט זיא מיר אָט דאָס לידעלע.

איך געדענק, אַמאָל ווען מיר האָבען זיך ביידע צוקריגט איבער אַ צוקערקע, און איך האָב מיך פֿון איהר אַוועקגעקעהרט ביין, איז זיא דאַן אונטערגעקוממען שטיללערהייט און האָט מיר אָנגעהויבען זינגען דאָס טהייערע לידעלע:

וואָס ביסטו מיט מיר ברוגז איך וויים דאָך ניט פֿאַר וואָס! דוא געהסט אַגאַנצע טאָג אַרום אַראָפּ געלאָזט דיא נאָז, א. ז. וו....

איך האָב דעמאָלט געמוזט אָנהייבען ביסען מיט טרעהרען, און זיך באַלד מיט איהר איבערבעטען. אַך! וויא שטאַרק זיא האָט מיך דעמאָלט בעצויבערט מיט איהרע קלינגענדע טרעללען; איהר חנ'עווידיג מויל'כל מיט איהרע שאָנע שוואַרצע אייגעליך האָבען מיך דעמאָלט אַזוי שטאַרק דורך גענוממען, אַז איך האָב אָנגעהויבען פֿיהלען אין דיא קינדער-יאָהרען דעם טעם פֿון ליעבע... יאָה אמת, אַקליין ליעבעפֿייער'ל האָט אָנגעהויבען פֿלאַקערן אין מיין ריין קינדיש הערצעל, איך בין דעמאָלט צו איהר צוגעבונדען געוואָרען מיט לייב און זעעלע, איך האָב עפּעס געפֿיהלט אַז אין מיין האַרץ האָט זיך געעפֿענט אַ גרויסער קוואַל פֿון ליעבע אונד טריישאַפֿט צו איהר; איך בין פֿון טאָג צו טאָג נאָהנטער געוואָרען צו איהר, אַזוי, אַז איך האָב פֿערלאָזט אַללע מיינע חברים און איבערגעגעבען זיך צו מיין טהייערע שאָנע פֿייגעלע; אַך טהייערע גליקליכע פֿערגאַנגענהייט! ביזט ווערט איך זאָלל דיך יעצט מיט אַללע פֿאַרבען דערמאָהנען.

שפּעטער, ד. ה. אין אַ פּאָר יאָהר אַרום, פֿלעגט מיר מיין פֿייגעלע שוין אַנדערע לידעליך זינגען, וויא צום ביישפּיעל: „דעם גאָרטען געגען דער וועלט"; „משיח'ס צייטען" אָדער „דער באַלל אין היממעל". און דאָס פֿלעגט זיא זינגען מיט אַזא געפֿיהל, מיט אַזא זיסקייט, מיט אַזוי פֿיעל טאַלאַנט, אַז מיר וואָלט אייביג גאָר אָהן אויפֿהער ניט נמאס געוואָרען הערענדיג. נאָר מערקווירדיג, דאָס ערשטע קינדערישע לידעלע (פֿאַר וואָס ביזט דוא מיט מיר ברוגז), איז בייא מיר פֿערבליבען שטאַרק בזכרון ביז מיר האָבען אָנגעהויבען פֿערשטעהן אַז אונזער פֿריינדשאַפֿט איז אַ שטאַרקע פֿערבינדונג... דיעזען קוים האָב איך אַמאָל ניט געוואָלט מיטשטיממען גלייך מיט איהרע מיינונגען און זיך געמאַכט אויף שפּאַס עטוואָס ברוגז'ליך, דאַנן פֿלעגט זיא זיך ווענדען צו מיר מיט

---

נאָר באַלד האָבען זיך געפֿונען עטליכע פערשוינען, און דערקלעהרט אַז מען דאַרף אויס מיר מאַכען אַ מיסט-קאָרב... וואָס אַהין זאָלל מען אַריין וואַרפֿען אַללע בלאָטעס, אַללע שלעכטע מיסטען... שלעכט ביטטער — האָב איך אַ קוק געטהון, — איך בין פֿערהאַסט און נמאס געוואָרען בייא דער גאַנצער וועלט; אַזוי נמאס, אַז אַללע שלעק אַללע צרות אַללע אומגליקקען וואַרפֿט מען גלייך אַריין צו מיר... מיט איין וואָרט, איך בין געוואָרען אַ הפקר כלי וואָס מען דאַרף מיר וואַרפֿען פֿון איין אָרט צום אַנדערן...

איך האָב שטאַרק אָנגעהויבען וויינען און בעטראַכטען מיין ביטטערע לאַגע וואָס אויף מיר איז געקוממען. איך האָב מיך אָנגעהויבען דערזאָגען מיין גליק פֿון דער פֿערגאַנגענהייט; איך האָב אָנגעהויבען טראַכטען פאַר וועלכען מיר קומט פֿיעל צרות אויסצושטעהן. נאָר לוידער בין איך געבליעבען בייא דער מיינונג: אַז עס דאַרף אַזוי זיין. מיט איין וואָרט איך דאַרף אַזוי ליידען, ליידען און וויינען, וויינען און האָפֿען, האָפֿען און וואַרטען; און אַזוי האָף איך טאַקי און לייד דיא פֿיעלע צרות, אַז מיר דאַכט אַז עס קאָן שוין גאָר אַנדערש ניט זיין...

נו זאָגט אדרבה ליעבע לעזער! האָב איך ניט דאָסזעלבע מזל וואָס דער יוד? אַך אָרמער עלענדער געפּלאָגטער מיסטקאָרב!

* * *

דיא לעצטע צייטען בין איך געוואָרען אַ מחבר (איך וויל זאָגען אַ מיסטקאָרב בייא אַ מחבר) און דאַן האָב איך געמיינט אַז מען וועט

איהרע מילדע שוואַרצע אויגעליך, אונ מיט אַליעב חנ'עוודיג שמייכעלע מיר גענוממען זינגען דאָס פריהער דערמאָהנטע לידעלע.

איך האָב אין דער מינוט גערדאַרפט אָנהייבען וויינען, פשוט גיסען מיט טרעהרען אַזוי זיסס אַזוי טרויעריג האָט זיא מיר געזונגען דאָס לידעלע. נאָר פון בושה דאָס זיא זאָל ניט דערקענען אָן מיר אַ שוואַכען חאַראַקטער, האָב איך ניט וויללענדיג געמוזט אַ לאַך טהון אונ נאָך געבען איהר וויללען אונ אונזערע ביידע שמייכעליך האָבען זיך נאָכדעם באַגעגענט אַזוי ליעבליך, אַזוי פריינדליך, אַז מיר האָבען גאָר פאַרגעסען אונ ניט געפיהלט אַז מיר טאָרען שוין ניט שטעהן בייזאַממען אונ לאַכען. דען איינמאָל אַלס מיר זענען געגאַנגען אונטער דער שטאָדט שפאַציערען, וויא אונזער מאָדע איז געוועזן, האָט זיך פלוצים געיאַוועט שאָשע דיא קצב'טע, אונ אַלס זיא האָט אונז דערזעהן, האָט זיא זיך אָבגעשטעלט פאַרבראָכענדיג דיא האַנד אונ איז אַרויס מיט איהר פיסקעלע מיט דיא וואָרטער:

— דוא שייגאַץ איינער! דוא וועסט דאָס פאַרפיהרען אַ יודיש מיידעל? דוא וועסט דיך בעהאַלטען מיט איהר אונטער דער שטאָדט? דוא מיינסט אַז מען וויסט גאָר נישט? האָב קיין מורא ניט דוא דראַב איינער! דיא תורה האָט אונז אָנגעשריבען: ראָצנאָים בקוישעל (אָזנים בכותל) דיא וואַנד האָבען אויגען... נאָר וואַרט דוא שקאָץ איינער! וועסט זעהן וואָס פאַר אַ שוואַרצען סוף דוא וועסט האָבען, דוא זאָלסט אפילו דיא כפרה ווערן וועט מען דיך מוזען אָבגעבען פאַר אַ סאָלדאַט.

צוא מיין פייגעלען האָט זיא זיך געווענדעט מיט אַנדערע וואָרטער: — דוא חצופה! דוא וועסט זיך דאָס אין מיטען העללען טאָג אַרום שלעפען מיט יונגען? וועניג איז נאָך אונזער שטאָדט'ל זינדיג, דאַרפען מיר נאָך דיינע זינד אויף זיך צו טראָגען? אַללע שויבען וועל איך דאָ באַלד ביי דיין טאַטען אויסהאַקען! איך וועל איהם ווייזען וויא ער וועט דאָס לאָזען וואַקסען אַזאַ טאָכטער'ל! איך וועל אייך ביידע אָנמאַכען אַ שוואַרץ ביטטער מזל, אַז איהר וועט זיין דיא כפרה פאַר כל ישראל.

---

דאָס ערשטע מאָל אין אונזער לעבען האָבען מיר ביידע געהערט אַזעלכע זלזולים. מיר האָבען זיך ביידע אָנגעהויבען אָנקוקען גלייך יעמאַנד פון אונז וואָלט דאָ עפעס שולדיג געוועזן; מיר האָבען זיך דעמאָלט טרויעריג צושיידט, אָבער אַזוי טרויעריג, גלייך מיר וואָלטען דאָ חלילה דיא גראָסטע זינד בעגאַנגען. צו מאָרגענס האָב איך ערהאַלטען אַ ביטערע ידיעה: אַז מיין פייגעלע

---

מיך שוין אַביסל עדלער האַלטען, ד. ה. מען וועט שוין אין מיר ניט אַריינשיטטען אַזוי פיעל מיסט מיט בלאָטע... מען וועט פערשטעהן אַז איך קאָנן אין מיר האַלטען ניטצליכע פאַפירען פון דער וועלט־פראַגע, אונ איך וועל מיט דער צייט פטור ווערען אָט דיא אַללע צרות; איז אָבער גאָר לא מיט אַ אלף. מיין בעל הבית (דער מחבר) וואַרפט גאָר אין מיר אַריין גאַנצע פאַק מיט קליינע מחברים'ליך, איהר האָרט אַ מעשה? אונ דיא לייט שלאָגען זיך דאָרט ביי מיר אין קאָרב אָהן אויפהער, ניט צוגלייבען וויא אַ שטייג מיט היהנער, באשר וואָס איז? יעדער איינציגער וויל אַ־זים שפרינגען אונ ווייזען, אַז נאָר ער קען גליקליך מאַכען דיא יודישע ליטעראַטור מיט זיין איינגעשיקטען אַרטיקעל; נאָר איהר לעזער קאָנט דאָך דערווייל מיינען אַז מיין בעל הבית וואַרפט טאַקי אַריין לעבעדיגע מחברים'ליך צו מיר אין קאָרב, דערום בין איך אייך טאַקי מודיע אַז דאָס קען ניט מאָגליך זיין, נאָר פשוט איינפאַך: ער וואַרפט אַריין צו מיר זייערע כתבים וועלכע פערדיענען ניט מעהר וויא צו ליגען ביי מיר...

אָט גיב איך אַרויס פון מיר. אַ וו—ר משכיל מיט דעם נאָממען ל. וו—ן שענקט דרשה געשאַנק אַ שיר „דער יאָטעם" (יתום) מיט דעם צושריפט:

ליעבער האַרלעב רעדאַקטאָר! זייט וויסען אַז איך בין פון דער גרויסער שטאָדט וואַרשאָ, אונ איך עס נאָך קעסט ביי מיין שווער אונ שוויגער, אונ אַ חוץ דעם בין איך אַ שטיקל שרייבער מיט גאָר אַ פיינעם טאַלאַנט... איך זאָג אייך אַז פשוט גאַנץ וואַרשאָ איז מיך מקנא מיט מיין שרייבען, אונ מיין ווייב אַלליין וועט אייך אויך מודה זיין אַז זיא האָט נאָך קיינמאָל ניט

האט שטארק געליטען פון איהרע פאנאטישע עלטערן, אונ דאס גאנצע שטאדט'ל האט געקאכט מיט דעם נייעס; אונ דערפאר האט מען שוין פייגעלען געהיט דיא גאנצע וואך זיא זאלל דיא ליכטיגע שיין נים זעהן. נאר פארט, ווענען מיר זיך שבת פארנאכט צונאנד געקוממען וויט וויט פון דער שטאדט, דאס קיינער האט אונז שוין נים געקענט באמערקען; מיר האבען זיך ביידע אויסגערעדט אונזערע ביטטערע הארצער. מיין פייגעלע האט מיר דערצאהלט וויא אזוי שאשע דיא קצב'טע איז צוא זייא אריינגעפאללען מיט א גע-וואלד אונ האט איהר געוואלט מכבד זיין מיט אפאר פאטש; אונ ווי אזוי דאס גאנצע שטאדט'ל איז זיך צונויף געלאפען פון איהרע קולות... שטעהענדיג אזוי פער-קלעהרט אין אייגענע צרות וואס מיין פייגעלע האט געליטען, איז פלוצים, וויא פון דער ערד, ארויס געוואקסען ר' זלמן שוחט, אונ מיר מכבד געווען מיט צווייא פלאמענדע פאטש, אז איך האב מעהר נים געזעהן וויא גרויסע פייעריגע ראדער פאר מיינע אויגען; מיין פייגעלען האט ער אנגעחאפט בייא דער האנד, אונ נאכדעם זיך ווייטער געווענדעט צו מיר מיט דיא ווארטער:

— דוא שייגאץ איינער! וויא קוםסט דוא עפעס צו מיין טאכטער? איך וועל דיר דעם קאפ אויף שטיקער צושפאלטען! פרעמד זאלסט דוא זיין פון איהר, דוא שארלא-טאן איינער! נאר איך וועל דיר דערפאר נים שווייגען, פאר א זעלנער וועל איך דיך אפ-געבען! איך וועל דיר ווייזען ווער עלטער איז, איך וועל דיך אנלערנען וויא צו חבר'ן זיך מיט מיין מיידעל; נו, אוא שייגאץ איינער! א ווא! א ווא! א ווא!

— אונ מיט דיר טאכטער'ל וועל איך מיך שוין אין דערהיים אפרעכנען, קום דוא חצופה איינע! אונ בייא דיא ווארטער האט ער זיא גענוממען שלעפען, וויא עפעס א מיידעלע פון פיער יאהר. מיין הארץ האט געוויינט קוקענדיג אויף איהר, זיא האט ביי איהם געצאפעלט אין דיא האנד וויא א שאפפעלע וואס פאלט אריין צו א וואלף אין דיא לאפעס, זיא האט א פנים געפיהלט וואס פאר אברוך הבא זיא וועט אין דער-היים ערווארטען. איך בין געשטאנען פון וויטען קוקענדיג וויא ער פיהרט מיין ליעבענדע אונ אין מיין הארץ האט געבראנט אש־אקליך פייער, איך בין גרייט געווען אין דער מינוט אויף איהם ארויף צו פאללען אונ איהם וויא א הערינג צו צערייסען, נאר ליידער האב איך מיך נים געפיהלט אין כח, בעוויל ער איז געגען מיר געוועזען וויא א ווילדער טיגער געגען אקליין שוואך חיה'לה; מיר איז אין דער מינוט איינגעפאללען א

געלעזען אזעלכע שאנע ליעדער וויא איך שרייב אויף. אונ מיין ווייב מעגט איהר גלויבען, דען זיא איז חאלילע (חלילה) קיין ליגנערן נישט, נאר וואס דארף איך דען אגראסער'ן בייוועזן (מבין) וויא איהר אלליין וועט זיין, אט שיק איך אייך טאקי דעם שיהער (שיר) „דער יאסעם", אונ שרייבט מיר באלד וואס אייערע מעווינעם (מבינים) וועללען דארט זאגען אויף איהם.

## דער יאסעם (יתום).

איך בין דאך א יאסעם, איך האב נים
קיין געלד
ביטטער אונ וויער איז מיר אויף
דער וועלט,
מיינע צארעם (צרות) זעגנען דאך וויא
א ביטטערער לעק
מיינע אגמים נעפיש (עגמת נפש) האבען
נישט קיין עק;
רעבוינע שעל אוילאם הערר פון
דער וועלט,
דוא קאנסט דאך דעם יאסעם בעווארפען
מיט געלד,
דער גאנצער קויעך (כח) שטעקט דאך
בייא דיר
מאך איהם אויס יאסעם אזוי
וויא פריהר, א. ז. וו...

נו וואס זאגט איהר לעזער צו דעם טאלאנטפאללען נייעם פאעט? חלעבען עס וואלט א יושר גדול געווען איהר זאלט איהם עטוואס פרעזענטירען, האטש מיט דעם אייגענעם וואס דיא בעריהמטע זאנגעריין „סארא-בערנארד" איז

נעראַנק וויא אַזוי איך קען בעפֿרייען מיין פֿייגעלען פֿון איהר פֿאָטערס קלאָפּ, איך האָב באַלד גענומען לויפֿען דורך אַוויטינגען וועג אין שטאָדט אַריין, כדי זיך זעהן מיט קאָפּעל מלמד וועלכער איז בייא ר׳ זלמן׳ען אַ גאַנצער חשוב, אונ איהם צו געזאָגט אויף אַפּוסה, אַז ער זאָל זיין אין דער מינוט בייא איהר פֿאָטער אין שטוב אַלס ער וועט איהר אַהיים ברענגען צו זיך, אום זיא צו פֿערהיטען פֿון איהר פֿאָטערס האַנד. כך הוה, אַזוי איז געוועזן. קאָפּיל מלמד איז מיר דערנאָך געקוממען דערצאָהלען אַז מען האָט אפילו אויף איהר קיין פֿינגער ניט אַרויף געלייגט, אונ דאָס האָט מיך זעהר געפֿריידט פֿון איין זייט, נאָר לײדער פֿון דער אַנדערער זייט האָט מיך זעהר געשמערצט ווען איך האָב מיך אַרומגעזעהן אַז צווישען אונז ביידע שטעהט אַ הויכע אייזערנע וואַנד, וועלכע וועט קיינמאָל ניט דערלאָזען מיר זאָללען זיך קענען אמאָל פֿעראייניגען. איך האָב זעלבסט פֿערשטאַנען אַז ר׳ זלמן שוחט איז ניט גלייך צו הערשקע דעם שניידער, אונ דעריבער קעננען מיר ביידע קיין פּאַרטייא ניט זיין; איך האָב מיר גענומען בעקלעהרען אַז מען דאַרף ניט לעבען מיט דער פֿאַלשער האָפֿנונג, אונ איינמאָל פֿאַר אַללע מאָל פֿערגעססען וואָס ס׳איז געוועזן.

נאָר אָבער אומזיסט איז געוועזן מיין בעמיהען, וואָס מעהר איך האָב זיא געוואָלט פֿערגעססען, אַז זיא איז מיר אַלץ שטאַרקער אין דיא געדאַנקען אַריין געקוממען, אונ קוים האָב איך זיך געמאַכט איין מינוט פֿערגעססענדיג אָן איהר, האָט זיך מיר אויסגעוויזען אַז מיין פֿייגעלע שטעהט אונטער מיר אונ זינגט מיר דאָס לידעלע:

וואָס ביזט דוא מיט מיר ברוגז איך וויים דאָך ניט פֿאַר וואָס, געהסט אַ גאַנצע טאָג אַרום אַראָב געלאָזט דיא נאָז. א. ז. וו. . א. ז. וו. . . .

ביטטער איז מיר געוואָרען מיין לעבען, איך האָב איין מינוט ניט געקענט אָן איהר פֿערגעססען; אונ דאָס זעלבע האָב איך געוואוסט לײדעט מיין פֿייגעלע אויך; דען זיא האָט דאָך מיר אָפֿטען געזאָגט: אַז קוים וועט זיא מיין פֿרויא ניט זיין, וועט זיא זיכער דיא וועהטיג ניט קענען איבערהאַלטען; זיא פֿלעגט מיר אפילו דורך איהר דינסטמיידעל אַללע מאָל אונטערשיקען אַ בריוועלע וויא מען האַלט זיא פֿערשפּאַרט וויא איין אַרעסטאַנט, אונ אַללע מאָל קוממט איין אַנדערער שרכן, אונ אויף איין שידוך איז שוין דער פֿאָטער איינגעווילינגט טאַקי מיט דעם קראַצמאַכאָפּקער רב׳ס אַנ׳ אייניקעל, אַ גרויסער מיוחס, נאָר אַנ׳אַלמן

---

אַמאָל פּרעזענטירט געוואָרן פֿון פּראָסטע מוזשיקעס אין אָדעסס......

הנגיד החכם המשלם בכל המעלות ה׳ קרעפּעלמאַן! שענקט דרשה געשאַנק אַלייטענט אַרטיקעל, אונטער דעם נאָמען: „דער נאַררישער-ספּאָדיק”... ער רעדט אַרום מייסטערהאַפֿט דיא גאַטור מיט אַזאַ לשון:

דער הימּמעל איז רויט געוואָרן וויא אַ-ג-אָבגעשאָבענער בוראַק, אונ דיא שטערען האָבען געפֿינקעלט וויא אַ פּאָר קאַטצענע אויגען, אונ דיא לבנה האָט אַראָפּגעקוקט וויא אַ גרויסער ראָגאַל, אונ דיא ליכטיגע זאָנגע האָט זיך אין גאַנצען בעהאַלטען, אונ אַ קליין רעגענדיל האָט אָנגעהויבען צו לויפֿען אַזוי וויא אַ מבול א. ז. וו. (אונ ספּאָדיק בלייבט ספּאָדיק!) אונ פֿאַר דעם הונדערט ביכליך, אונ שרייבט מיר צו פֿאָלגענדע וואָרטער:

איך זאָג אייך ליעבער רעדאַקטער! אַז מיין ווייב האָט אָנגעקוואָללען לייענענדיג דיעזעס אַרטיקעל, זיא זאָגט טאַקי אַז צוויא הונדערט ביכלעך איז ווייניג; נאָר איהר אַלליין וועט דאָך געוויס פֿערשטעהן עפּיס יושר זאָלט איהר טאַקי וויססען וואָס איהר האָט צו טהון... מיט אַכטונג, ברוך מאָריטץ קרעפּעלמאַן...

כבוד הנגיד המפורסם מו״ה א. פּ. אַ ל—ר משכיל שענקט דרשה געשאַנק אַ חידה! אָבער אַ חידה פֿון חידה-לאַנד, דער מחבר שרייבט צו פֿאָלגענדע וואָרטער:

ה׳ פּערפֿאָסער! איך שיק אייך אַ חידה בייא וועלכע איך האָב גענוג אַרבייט פֿער-

פֿון אַכט קינדער. זעה ראַטעווע מיך מיין טהייערער! — פֿלעגט זיא מיך בעטען — האָב רחמנות אויף מיינע אַכטצעהן יאָהר אונ לאָז מיך ניט דערטרונקען ווערן אין דעם ים פֿון צרות; קיממער דיך ליעבער דוד וועגען מיין שלעכטען צושטאַנד אונ ראַטעווע דיין אומגליקליכעס פֿערשפּאַרט פֿייגעלע.

איך האָב אָנגעהויבען זוכען פֿערשידענע מיטלען אום צו ראַטעווען מיין ליעבענדע פֿון דיא שלעכטע האָנד; יעדער טאָג האָב איך ערוואַרטעט אַנדערע נייעס פֿון איהר דינסטמידעל צו ערפֿאַהרען. נור עס איז שוין איבערגעלאָפֿען אַכט טאָג אונ האָב נאָך פֿון איהר קיין שום ידיעה ניט געהאַט; איך בין אויסער זיך געוואָרען פֿון צרות ק'עהרענדיג, אונ וואַרטענדיג אויף אַ בריוועלע; איך האָב שוין געהאַלטען בייא צעהן טאָג, אונ דאַן האָט זיך צו מיר בעוויזען דאָס דינסט-מיידעל אונ מיר איבערגעגעבען בסוד דיעזעס בריוועלע:

טהייערער דוד! היינטע אבענד רייז איך אָב פֿון היער, וואו איך וועל רייזען איזט מיר נאָך ניט בעוואוסט; נאָר דאָס ווייס איך אז איך פֿאָהר יעצט מיט מיינע עלטערן פֿערקנס'ת ווערען... איך האָב ביז היינטע געוואַרט אויף דיין הילף... נאָר... אַדיע מיין לעבען! איך קען דיר יעצט מעהרער ניט שרייבען ווייל מיין האַנד ציטערט פֿון שראָק, אונ מיינע געדאַנקען מישען זיך וויא איינע וואָס דאַרף משוגע ווערען... דוא קענסט מיך נאָך יעצט ראַטעווען בעפֿאָר איך שטרעק אויס מיין האַלז צו דער שחיטה; אונ אויב עס איז פֿאַר דיר שווער, בעט איך דיך דוא זאָלסט אין גאַנצען גאָר פֿערגעססען דיין אומגליקליכע פֿייגעלע...

איך האָב אָנגעהויבען זיך קלאַפּען אין קאָפּף, זיך רייסען דיא האָאָר, אונ גלייך געוואָלט לויפֿען אַרויסגנבה'נען זיא דורך דעם פֿענסטער אונ מיט איהר אַנטלויפֿען אין עק וועלט. נאָר שטעלט אייך פֿאָר דעם צווייטען קלאַפּף וואָס איך האָב בע-קוממען אַלס איך בין ערפֿאַהרען אז מיין פֿייגעלע איז מיט איהרע עלטערן שוין צעהן טאָג אין דערהיים נישט דאָ. איך האָב אין איין ציטערניש נאָך אַמאָל גענומען דורך לייענען דאָס בריוועלע אונ דאַן האָב איך ערשט באַמערקט אויף דער דאַטע, אז דאָס בריוועלע איז ווירקליך געשריבען געוואָרן מיט צעהן טאָג פֿריהער, נאָר דאָס נאַרישע דינסטמיידעל האָט דאָס אַוועקגעלייגט פֿון זיך אונ גאָר פֿערגעססען. אַך! שראָקליך אומעדיג טרויעריג איז געוואָרן מיין לאַגע, איך האָב ווייטער גענומען זיך רייסען דיא האָאָר, ווייטער זיך קלאַפּען אין קאָפּף,

---

שטעלט, נאָר דאָס ווייס איך אויף געווים אַז קיינער וועט דיא חידה ניט טרעפֿפען, ווייל איך אַלליין האָב מיך געמוטשעט אַ לאַנגע צייט איידער איך האָב זיא געטראָפֿפען... ה"ה חידה:

אַפּאָססעלע פֿאַלט אַראָפּ פֿון דאַך,
אונ עס לויפֿען צו אָרעם אונ רייך,
קיינער קאָנן עס ניט אויסגלייכען,
מען זאָלל עס צוריק צורעכט מאַכען...

א. פּאָפּלעניק.

דער מחבר האָט ניט געוואָלט באַלד מיט שיקען דעם פּתרון, נאָר ער האָט מיר געגעבען אָנצוהערען אויפ'ן ווינק, אַז דאָס איז אַזעלכעס וואָס מען קלאַפּט אַריין אין לאָקשען... אונ ער האָט נאָך אַזעלכע חידות נאָר ער ווילל ניט שיקען ביז מען וועט טרעפֿפען דיא ערשטע.

*

ביאַליסטאָק! דאָס האָבען דאַמען אָנגעהויבען אַרויסווייזען זייערע פֿאָהיגקייטען צו שרייבען.

כבוד המשכלת מרת ב. ד., שענקט דרשה געשאַנק אַנייא געבוירענעם יתום מיט דעם צושריפֿט:

ה' בעקערמאַנן! איך האָב געלעזען אייער מודעה פֿון יודישען שפּיגעל, אַז איהר וועט בעלאָהנען פֿיר גוטע אונד נוטצליכע אַרטיקלען; אַלזאָ שיק איך אייך אַ שטיקל פֿון מיין נייעם שיר דער יתום, ווייל דעם גאַנצען שיר זאָג איך אייך דעם אמת האָב איך מורא צו שיקען, דאָס איהר זאָלט איהם דערוויל ניט לאָזען דרוקען אונ מיר דערנאָך אָנפּייפֿען... אונ אויב איהר ווילט מיט מיר משוה ווערען, פֿיער רובעל פֿאַר יעדער וואָרט (ניט וועניגער?), וועל איך אייך אַיינשיקען דעם רעשט שיר, אונ איהר זאָלט אייך ניט

גאָר וואָס העלפֿט דאָס? איך בין מיעד
געוואָרן. איך האָב אָנגעהויבען זוכען
פלאַנער, פֿילייכט וועל איך זיא פֿאָרט
נאָך קאָנגען אַרויס ראַטעווען; איך האָב
מיך גרייט געמאַכט אין וועג אַריין, גלייך
פֿליהען אין דערועלבער שטאָדט אַריין
וואו מיין פֿייגעלע איז געפֿאָהרען; נור
קוים האָב איך שוין געוואָלט אָפּפֿענען דיא
טיהר אונ זיך נעהמען אין וועג אַריין, איז
וויא אַ שטורם-ווינד אַריינגעפֿאַללען צו מיר
דיא חברה „חאַפּער'ס"*) אונ מיר פֿער-
שטעלט דעם וועג מיט דיא וואָרטער:

— ביזט דאָ דוא פֿויגעל דוא?! מיר
דאַרפֿען דיך טאַקי האָבען צום מנין — האָבען
דיא גאַנצע חברה זיך צו מיר געווענדעט —
נעהמט איהם חברה אונ לאָמיר געהן.

איך האָב אָנגעהויבען צאַפּלען אין
זייערע האַנד, זיך בעטען רחמים, מיין
מוטטער האָט אָנגעהויבען חלישען, מיין
טאַטע זיך בראַכען דיא האַנד אונ גע-
שריגען: געוואַלד! ער איז דאָך איינ-איינ-
ציגער! װאַר וועלכען קומט דאָס מיר?
נאָר דיא חברה האָבען גאָר ניט געוואָלט
האָרען, אונ מיך אַ נעהם געטהון שלעפען
גאָר אָהן רחמנות, אונ זייט דרייא טאָג

*) דיא חברה חאַפּער'ס זענען געווען אַ באַנדע אויסגעוועהלטע שטאַדט-
לייט וועלכע האָבען כח געהאַט איבער צו געבען אין מיליטער דינסט וועמען
זיא האָבען געוואָלט. איבערהויפּט איז וועמען מען האָט אחשד געווען אַז
ער האָט אונד בגנאַנגען.

האָט מען מיך טאַקי אַוועקגעשיקט דיענען.
וואָס פֿאַר אַ סומאַטאָכע אין מיין האַרץ
איז דעמאָלט געוואָרן, איז שווער אויסצודריק-
קען מיט דער פֿעדער; איך האָב אָנגעהויבען
פֿיהלען אַז איך וועל דיא שמערצען ניט קענ-
נען איבערטראָגען. סטייטש? — האָב איך מיך
אַלליין געפֿראָגט — מיט וואָס פֿאַר אַ רעכט
איז מיר געקוממען אָב צו געבען פֿאַר אַנ-
אַנדער'ן צו דיענען? נאָר נאָך מעהר האָט
מיך געקימערט מיין פֿייגעלעס שמערצען,
וואָס מען האָט זיא מיט געוואַלד אַוועק
געפֿיהרט אַכלה ווערען, אָדער חתונה
האָבען... אַ סוף פֿון אַללע מיינע האָפֿ-
נונגען, מען דאַרף ליידען.

קורץ איך האָב אָנגעהויבען צאָהלען
דיא טאָג, חדשים, אונ יאָהרען; מיין
פֿאָטער האָט זיך דערווייל געסטאַרעט מיר
אַרויס צו שאַפֿפֿען דאָקומענטען אַז איך בין
ווירקליך איינ-איינציגער, אַז מען האָט מיך
ניעפראַווילנע אָבגעגעבען פֿאַר אַנ-אַנדער'ן;
אונ נאָך צווייא יאָהר דינסט בין איך צוריק
אָנגעקוממען אַהיים. — אַך! דיא אונגעהייערע
פֿריידע וואָס איך האָב געפֿיהלט אַלס איך
וועל באַלד אויף ריכטיג ערפֿאַהרען וואָס
מיט מיין פֿייגעלע איז איבער דיא צווייא
יאָהר צייט דאָ געוואָרן; מיינע עלטערן
האָבען מיך אָפּגעוואַרט אונטער די שטאָדט,
אונ מיט גרוים ליעבשאַפֿט האָבען זייא מיך

---

וואונדערן וואָס איך נעהם אַזוי טהייער, פֿאַר-
קעהרט, מיר דאַכט זיך אַז דאָס איז נאָך גענוג
ביללינג? אַט וועל איך אייך דערצאָהלען אַ מעשה
וועט איהר פֿערשטעהן וויא אַזוי מחברים פֿער-
דיענען געלד: דאָ ניט לאַנג האָט אַ רוססישע
צייטונג געשריבען צו אַ מחבר (גראַף טאָלסטאָי),
אַז ער וויל בייא איהם אָבקויפֿען זיין נייע ווערק
אַלס ביילאַגע פֿאַר זיין צייטונג, אונ ער וויל
איהם צאָהלען פֿינף רובל פֿיר יעדער וואָרט,
אַלזאָ איז דאָך גענוג אָרדענטליך פֿון מיין זייט אַז
איך לאָז אייך אָב אַ רובל פֿון יעדער וואָרט...
שרייבט-זשע מיר טאַקי באַלד אָנטפֿער איך זאָלל
דערווייל קיין חרטה נישט האָבען, אָט דאָס איז
דער ערשטער סטראָף פֿון מיין נייעם שיר:

## דער יתום.

אומגליקליך בין איך — אָהן הויזען אָהן שיך,
אַ יתום בין איך נעביך געוואָרן,
דאַרר וויא אַ רוך — שוואַרץ וויא אַ טוך,
בין איך שוין פֿון לאַנגע יאָהרען,
איך לעב אין דער גיך — אַזוי וויא אַ רוך,
אַ דאָס איז מיין גאַנצער חסרון. א. ז. וו.

נו וואָס זאָגט איהר לעזער צו דעם דאַמסקי-
שיר? אונ וויא געפֿאַללען אייך דיא רווחות? אונ
דער עיקר שרייבט מיר צו איך מאָג צאָהלען 4 רובל
פֿאַר יעדער וואָרט? אונ פֿילייכט וואָלט נישט
שאַדטען איהר אָבענטוואָרן דאָס זיא זאָלל אַהין
פֿאָהרען צום קראַצמאַכאָפֿקער צדיק ער זאָלל פֿון
איהר אַרויסטרייבען דיא רווחות? געוואַלד! וואָס

אריינגעבראכט צו זייא אין שטוב; מיין ערשטע פראגע וואר, וואו איז מיין פייגעלע? נאר אלס ענטפער האב איך געהארט פון מיין מוטטער אביטטערן זיפץ... איך האב שוין מעהר ניט געוואלט פראגען, ווייל מיין מוטטער'ס זיפץ האט מיר געגעבען צוא פער־שטעהן אז דא איז עפעס שראקליכעס פאר־געקוממען... דעריבער האב איך געשראקען אז מיין מוטטער זאלל מיר חלילה ניט אנ־זאגען אבשורה אז זיא איז געשטארבען אונ דאנן וואלט מיר זיכער הארענדיג די נשמה אויסגעגאנגען.

איך האב מיך גענוממען אברוהען איינער אלליין אין א בעזונדערן צימטער, אונ פערשיעדענע רעיונות האבען זיך גע־נוממען מישען אין מיין מח; נאר איבער געשלאגען האט מיר זעהר אטרויעריג קענטליך געזאנג אונטער מיין פענסטער, וויא אויך א געשרייא פון ווייסע חברה־ניקעס; אונ צווישען זייא האט זיך געהארט איין עלטערער: לאז זיין שטילל, וועללען מיר הארען דיא משוגענע פייגעלע זינגען...

איך בין צוגעלאפפען אונ געאפפענט דאס פענסטער. נאר שטעלט אייך פאר וויא אזוי מיין נשמה האט זיך געקענט אין מיר דערהאלטען, אלס איך האב א קוק געטהון: וויא א באנדע קליינע חברה'ניקעס שטעהען ארומגעצטעלט איבער מיין פייגעלע, איבער מיין טהייערע עלענדע אומגליקליכע פייגעלע, אונ זיא זינגט דאס אלטע בעקאנטע לידעלע: וואס ביזט דוא מיט מיר ברוגז, איך וויים דאך ניט פאר וואס א. ז. וו... א. ז. וו... זיא זינגט דאס אזוי טרויעריג, אזוי וויינענדיג, אז מיר ווערט פון יעדער ווארט א לאך אין הארצען. איך האב שוין אנגעהויבען פערשטעהן מיין מוטטערס זיפצען. דערנאך האט מיר שוין מיין מוטטער דערצאהלט וויא פייגעלע איז געבליך פיהרענדיג צו דער חופה אראב פון דיא רייגע געדאנקען, ד. ה. משוגע געווארן אוים ליעבע צו מיר. אך גאטט אין הימטעל! זיא קומט יעצט אללע טאג פאר מיין פענסטער, א פנים זיא ווייסט שוין אז איך בין געקוממען, זיא וויל עפעס רעדען צו מיר, זיא קוקט מיר אפט אין דיא אויגען, דורך וועלכע עס שיינט ארוים א שראקליכע מרה שחורה, זיא נעהמט פלוצים לאכען אונ באלד וויינען, אונ דערבייא זינגט זיא דאס לידעלע, דאס אלטע בעקאנטע לידעלע, וועלכעס רייסט מיר ארוים שטיקער פלייש פונ'ם הארצען, דיא ווייסע חברה'ניקעס זינגען איהר נאך אונ מאכען פון איהר די גראסטע געלעכטער, אונ דאס פערקירצט מיר מיין לעבען פון טאג צו טאג, פון שעה צו שעה. ארבונו של עולם! ראטעווע מיין עלענד ארעם פייגעלע! א! מיר איז ניט

---

מהוזט מען? גיט מיר טאקי עפעס א'נ־עצה!

א נייער פאעט פון דער שטאדט ל. מיט זיין בשר'ן נאמען: בענדעט בזיכוויטיג... שענקט דרשה געשאנק א שיר „דער יוד אין גלות", מים פאלגענדען צושריפט:

ידידי ר' רעדאקטאר! וויא איהר קוקט מיך אן בין איך ניט פון דיא מחברים וואס פערלאנגען געלד פאר זייערע שרייבעכצען; פארקעהרט, איך שיק אייך אין איינעם מיט דעם שיר א דריי־רובל'־דיגען, אז איהר זאלט זעהן צו געבען מיין שיר עפעס א שאהנע דירה. אונ איך פערזיכער אייך אז אייערע לעזער וועללען דערפיהלען דעם געשמאק פון דעם שיר, וועט איהר מיר ר' רעדאקטאר מוזען אבגעבען מיין דרייעריל מיט נאך צוואנציג (אונ אפשר מעהר) אז איך זאלל אייך וויטער אריינשיקען אזעלכע שיינע לידער. אט קוקט איתם זייט מוחל דורך דאס איז ער אין גאנצען.

דער יוד אין גלות.

א סוף וועט ווערען פון דיין גלות,  
ארעם עלענד קליין יודעלע,  
מען וועט אויפהערען שלאגען כפרות,  
וועסט שפיעלען צוריק אויף דיין פידעלע;  
אוי דער גלות, דיא בהלות,  
שטעלט זיך מיר דיא האר אויף,  
אוי דוא פאטער, הייל דעם בלאטער,  
אונ הייב מיך שוין הויך ארויף א. ז. וו.

נו וואס קלעהרט איהר לעזער! הייבט איהם אינטער, ער וויל געביך ארויף אין הימטעל אריין ער זאלל נאך אויף שבת קודש גלייך קוממען אין גן עדן אריין...

אונ איך ארמער מיסט־קארב נעהם אזוי אריין

גוט, עס נעמט מיך אַ חלשות, אַביסל<br>וואַסער! אָ! אָ! אָ!.. איך שטאַרב!!!..

מ. קריוואַנאַגי (אוים טשעכאַנאַוצי).

# דער אַלטער בוים.

איך קען אַ פערוואַקסענעם בוים אַ'נ-אַלטען,<br>וואָס טראָגט איבער דיא שווערסטע בראָך,<br>פיעל האָט מען שוין אויף האָלץ צושפּאַלטען,<br>און דער אַלטער דווקא לעבט נאָך.

ניט איינמאָל האָט מען אָהן שום שאלה,<br>איהם געוואָלט אויסוואָרצלען פון דער ערד;<br>און מיעד געמאַכט האָט ער אַללע,<br>וייל נסים ווערט איהם אָפט באַשערט.

גאָר אָהן רחמנות מיט שאַרפע האַק,<br>האָט מען שוין געבראָכען זיינע צווייגען,<br>און ער טראָגט גערולדיג איבער דיא שלאָק,<br>און שפּראָצט דאַגעגען תמיד מיט פייגען...

ב. ב.

# אַ בילד אויס דעם לעבען.

מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק האָט ר' שלמה גרינצווייג געהאַט אַ שם אין דעם שטאָדט'ל נ... פאר דעם גראָסטען גביר. זיינע עלטערן האָבען איהם צו דער חתונה פערזאָרגט מיט צעהן טויזענד רובל נדן און פון זיין זייט האָט ער אויך געהאַט ביז פינף טויזענד רובל; און דאָס איז דאַכט זיך פאַר דער האַנד ניט שלעכט געוועזען. און באמת איז ער טאַקי געוועזען האַלבסט גליקליך און צופריעדען פון זיין לאַגע, נאָר איין זאַך האָט איהם עטוואָס געשמערצט, וואָס מען האָט איהם גערופען: שלמה'לע דער „בלעכען-מאַכער"; וייל נאָך אין דיא יונגע יאָהרען איידער זיינע עלטערן האָבען זיך דערשלאָגען צו אַזאַ שטופּע זיי זאָללען בח האָבען צו געבען זייער שלמה'לע פינף טויזענד רובל נדן, איז שלמה'לע אין יענער צייט געוועזען אויף דער לעהרן ביא אַ בלעכען-מאַכער, ביא וועלכען ער האָט גרונדליך איבערגענומען דיא מלאכה. נאָר פלוצים עפּעס גאָר אומגעריכט, האָבען איהם זיינע עלטערן אָבגענומען פונ'ם מייסטער, און איהם איינגערוימט אַ סוד: אז איהם פּאַסט שוין ניט צו זיין אַ בלעכען-מאַכער. דער פאָטער האָט איהם דערצאָהלט, וויא ער האָט געפונען חן ביי דעם נ-ר פריץ, און ער האָט איהם איבערגעגעבען אויף פיער יאָהר דיא מיהל; און דאָס ערשטע יאָהר פערלאַנגט ער אפילו פון איהם ניט איין גראָשען. ער האָט איהם אויך דערצאָהלט: וויא ער האָט שוין אין דיא עטליכע מאָנאַט ערווערבט

---

אין מיר אָט די אַלע שלאָק און צרות. חלעבען איהר דאַרפט מיך בעדויערן, אָבער טאַקי גאָר שטאַרק בעדויערן, וייל מיין אָרעמע עלענדע אומגליקליכע לאַגע איז גלייך צו אייערע...

אלזאָ בלייבט געזונד טהייערע ליעבסטע לעזער! און איהר מחברים'ליך שרייבט, שרייבט, עס איז נאָך דאָ גענוג פּלאַץ ביא מיר אויף אייערע נאַרישע אַרטיקלען... בלייבט געזונד פריינד און שונאים. פון מיר אייער עלענדער בידערגעשלאָגענער מיסטקאַרב...

# מאָטקע גנב

## אָדער

## דאָס קברות פערד'ל

(נאָוועללע).

מאָטקע ר' הערשעלעס, איז געוועזען בעקאַנט אין דער גרויסער יודישער שטאָדט ב"ד פיר דעם גראָסטען גנב, און אַפעריסט; זיין פאָטער ר' הערשעל וועלכער האָט געהערט צו דער חסידישער קלאַססע מענשען, האָט געלעבט מיט בטחון אַז פון זיין זוהן וועט מיט דער צייט אַרויסוואַקסען אַ רב, און זיין יחוס וועט ווערען אַזוי גרויס כמעט ביז'ן הימעל...

און אַביוואָהל זיין ווייב פלעגט איהם אָבהאַלטען פון דעם רעיון: געוואַלד גזלן — פלעגט

שאַנע עטליכע הונדערט רובל, אונ ער האָט אַז מיט דער צייט ווערט איהם דיא מיהל אָבמאָהלען גאַנץ שאַנע טויזענדטער קערבלעך... אונ אַזוי איז טאַקי געוועזען, שלמה׳לעס פאָטער איז פֿון טאָג אויף טאָג רייכער געוואָרן, ביז ער האָט זיך דער־שלאָגען ער זאָל קענען צאָהלען פֿינף טויזענד רובל נדן, אונ איז געוואָרן דער גראָסטער גביר אין דעם שטאָדט׳ל.

נאָר דיא צייט שטעהט ניט אויף איין אָרט. „דור הולך ודור בא" זאָגט שלמה המלך ע"ה, שלמה׳לעס עלטערן זענען מיט דער צייט געשטאָרבען, אונ איהם נאָך איבערגעלאָזט אַ ירושה פֿון צוואַנציג טויזענד רובל; אונ דעמאָלט האָט זיך אונזער ר׳ שלמה שטאַרק אָנגעהויבען שעהמען ווען ער האָט געהערט אַז מען דערמאָהנט זיין אַלטען צונאָמען, ד. ה. שלמה בלעכען-מאַכער. ער האָט געזוכט פלאַנער וויא אַזוי דער נאָמען בלעכען-מאַכער זאָל אריין אין פֿערגעססענהייט, ביז ער האָט ענדליך געפֿונען. איינמאָל זענען דיא שטאָדט־גבאים אַריינגעקומען צו איהם נאָך אַ נדבה אויף צו רעפּערירען דיא אַלטע שוהל, אונ האָבען פֿערלאַנגט פֿון איהם 25 רובל. דאָ האָט ר׳ שלמה געפֿונען דאָס אָרט וואו מען זאָל איהם פֿערשטעהן אונ האָט צוא דיא גבאים אַ זאָג געטהון: פֿון אַ בעל מלאכה אַ בלעכען-מאַכער ווילט איהר אַזאַ גרויסע נדבה?...

— בייא אונז זענט איהר דער שאָנסטער בעל הבית אינ׳ם שטאָדט׳ל — האָט זיך איינער פֿון דיא גבאים אָנגערופֿען וועלכער האָט גוט פֿערשטאַנען זיין מיין.

— האָרט זשע ליעבע יודען וואָס איך וועל אייך בעטען — האָט זיך ר׳ שלמה צו זייא געווענדעט. — אמת איז, אַז מיט קיין מלאכה דאַרף מען זיך ניט שעהמען, דען אונזערע פֿערצייטישע חכמים זענען אויך בעלי מלאכות געוועזען; „מלאכה מלוכה" זאָגט מען אַ וואָרט׳ל, נאָר, ווען וואָלט איך מיך ניט בעדאַרפֿט שעהמען? ווען איך זאָלל טאַקי אַרבייטען דיא מלאכה. עס קען זעהר זיין אַז דאָס איז אפילו אַ גרויסער שטות פֿון מיין זייט, דען וואָס קען דאָס מיר שאָדען אַז מען זאָגט „בלעכען-מאַכער", נאָר פֿאָרט, פֿער־שטעהט איהר מיך, געגען שידוכים מיט קינדער פּאַסט עפּעס ניט אין מיין שטייגער מען זאָלל מיך דערמאָהנען מיט דעם נאָמען. אַלזאָ איז בייא מיר געבליבען בהסכם, אַז איך אַלליין זאָלל אויף מיין חשבון פֿער־ריכטען דיא גאַנצע שוהל, באופן, — מען זאָלל ניט וויססען אַז איך אַלליין פֿערלאַנג דאָס — אַז דער נאָמען זאָל ניט געדאַכט ווערען, אונ דורך אייך זעלבסט זאָלל דאָס געמאַכט ווערען אין דער שטילל.

---

זיא שרייען — בארעכען דיך נאָר וואָס דוא טהוסט! פֿאַר וואָס גיבסט דוא איהם ניט אַוועק צו אַ בעל מלאכה? פֿערשטעה אַז דוא ביזט אַ אָרעם מעקלער׳ל מיט אַווינדטיגע פרנסה; ניט מיט דיין אָרמער קעשענע ווערסט דוא איהם מאַכען פֿאַר אַ רב. פֿאָלג מיך הערשעל! אונ לאָז ניט אַרומדרעהען אַ יונג פֿון פֿונפֿצעהן יאָהר אָהן אַ מלאכה.

— ניין פּעשע! — פֿלעגט הערשעל זיין דאַגעגען — דוא ווערסט דאָס בשום אופן ניט פּועל׳ן בייא מיר, דען צווישען מיין גאַנצער משפחה איז קיין בעל מלאכה נישט דאָ, אונ מיין מרדכי׳לע וועל איך אוודאי פֿיר קיין בעל מלאכה ניט מאַכען.

— באַרעכען אָבער הערשעל! — פֿלעגט איהם פּעשע בעטען אונ געבען צו פֿערשטעהן — אַז אַרויף פֿיהרען אַקינד אויף אַזאַ דרך וויא דוא שטעלסט דיר פֿאָהר, איז ניט אין אונזער שטייגער וואו מען דאַרף אַליין דעם גילדען פֿערדינגסט אויף ברויט; פֿאָלג דיין ווייב הערשעל, אונ זאַיי ניט איינגע־בילדעט אין דעם פּוסטען יחוס, אונ גיב איהם אַוועק צו אַ בעל מלאכה דאָס מיר זאָללען ניט חלילה בעדויערן אַ מאָל דיין נאַרישקייט...

— כטייטש וואָס רעדסט דוא פּעשע? — האָט הערשעל פֿערבראָכען מיט דיא האַנד — וואָס פֿאַר אַ פּנים וועל איך האָבען ווען איך וועל קומען אין מיין שטיבל אַריין אונ מען ווערט מיר פֿאָר־וואַרפֿען אַז מיין זוהן איז אַבעל מלאכה?... איך וועל דאָך דאַכט זיך אין דערזעלבער מינוט איינ־זינקען אין דער ערד פֿון בושה. ניין פּעשע! מיין זוהן ווערט ניט זיין קיין בעל מלאכה.

אין דער צייט פֿון אונזער געשיכטע, איז שוין מאָטקע (מרדכי) אַלט געוועזען 25 יאָהר, זיינע עלטערן זענען איהם נאָך מיט אַכט יאָהר צוריק גע־

—איהר האָט פֿאָלקאָם רעכֿט ר׳ שלמה! — האָבען איהם דיא גבאים נאָכגעגעבען — אונ מיר קענען אייך צוזאָגען אַז אייער פֿערלאַנג וועט אויסגעפֿיהרט ווערען.

דיא גבאים האָבען זיין ביטטע גלייך איבערגעגעבען צום רב, אונ דער רב האָט אָנגעזאָגט אַללע בעלי בתים פֿון דעם שטאָדט׳ל, אַז דער נאָמען בלעכֿען-מאַכֿער זאָל מעהר ניט דערמאָהנט ווערען. — ר׳ שלמה גרינצווייג האָט געהערט צו דער חסידישער קלאַססע; אָבוואָהל אַלליין האָט ער זיך געטראָגען אָראָפּעאיש געקליידעט, נאָר פֿון אַ רבי׳ן האָט ער זעהר שטאַרק געהאַלטען. איבערהויפּט פֿלעגט ער ליעב האָבען צו פֿאָהרען צו דעם חלאַפּעלאָפּקער זאָל לעבען, וואו מען פֿלעגט איהם דאָרט גרויס כבוד אָבגעבען, אונ איהם פֿאָרשטעללען פֿיר זייגע חסידים וואָס פֿיר אַ גוטהאָרציגע נשמה ער איז; אונ דערפֿאַר טאַקי פֿלעגט ר׳ שלמה אָפֿט איבערלאָזען אַ גאַנצען פֿינף אונ צוואַנציגער, אונ אַמאָל אויף ימים נוראים, פֿלעגט ר׳ שלמה ניט זשאַלעווען צו בעצאָהלען דרייא הונדערט רובל פֿיר אַ׳ג-עליה פֿון רבי׳ס וועגען. מיט איין וואָרט עס איז ניט פֿאָראיבער דיא וואָך, ר׳ שלמה זאָל ניט שיקען עפּעס אַ מתנה דעם רבי׳ן: דאָ אויף אַ גוטע אַטלעסענע קאַפּאָטע, דאָ אַשטריימעל פֿאַר 50 אָדער 60 רובל, אָדער אַ צעהנדלינג קאַטשקעס גאָנז, היהנער, קאָנפֿעקטען, ווייגען אַ ד. ג. נאָר קוים איז ר׳ שלמה אָנגעקוממען צום רבי׳ן איז טאַקי שאָן געווען צו זעהן וויא טרייטעל דער גבאי איז איהם אַקעגען געלאָפֿען מיט איין אויסגעשטרעקטע יד דעם ערשטען שלום עליכם צו געבען, אונ איהם כמעט אויף דיא האָנד גלייך אַרייגגעטראָגען צום רבי׳ן וואו ער האָט שוין ערוואַרטעט דעם שאָנעם „ברוך הבא ר׳ שלמה“! מיט דעםברייטען שלום עליכם. אויך פֿלעגט איהם דיא רבצין וויא שעהמענדיג אַ זאָג טהון: פֿאַר וואָס זיין ווייב קוממט נישט אַביסל? זיא בענקט שוין שטאַרק זיך מיט איהר צו זעהן... אונ ער פֿלעגט מיט אַ שמייכיל אָבאָנטווערן: אַז ער וועט זיא נאָך זיין אַהיים פֿאָהרען באַלד אַהער שיקען. מיט איין וואָרט ר׳ שלמה׳ן האָט מען דאָרט דעם גראָסטען כבוד צוגעטהיילט.

נאָר ווידער דיא אייגענע מעשה. דיא צייט מיט איהרע גרייסע ראָדער שטעהען ניט, „גלגל החוזר בעולם“. מיט דער צייט האָט ר׳ שלמה אָנגעהויבען אַראָב צוּפֿאַללען, קלענער אונ קלענער, ביז דיא פדיונות מיט דיא מתנות צום רבי׳ן האָבען זיך אויסגעלאָזט... אונ אַז ר׳ שלמה איז אַמאָל געקומען צום רבי׳ן פֿרעגען אַ׳נ-עצה האָט שוין דער גבאי זיך געמאַכֿט ניט-

---

שטאַרבען. מאָטקע איז איבערגעבליעבען אין דער ברייטער וועלט אָהן תורה אונ אָהן סחורה, אונ עס איז פֿון איהם מיט דער צייט געוואָרען גאָר דער בעריהמטער גנב וואָס אַלע געגענדען האָבען פֿון איהם געקלונגען, אַזוי, אַז קוים האָט מען איהם דערזעהן אין אַשטאָדט׳ל, האָט מען שוין דיא נאַכֿט ניט געקענט רוהיג איבערשלאָפֿען, ווייל מען האָט געוואוסט אַז ער קען צו חלום קוממען אונ איבערלאָזען וויא מען זאָגט: אין איין העמד.

דיא אַרטיסטישע קונסט, פֿלעגט מאָטקע נאָר בעוויזען פֿאָהרענדיג אויפ׳ן באַהן, צום בייזשפּיעל: ער האָט אַמאָל דערשנאַפּט אויפ׳ן באַהן אַ סוחר׳ל מיט אַ גראָבען בייטעל געלד, דאָ האָט זיך שוין מאָטקע אָנגעטהון רייך געקליידעט אונ זיך געזעצט קעגענאיבער, אונ ריידענדיג מיט דעם סוחר׳ל פֿון פֿערשיעדענע נייעסען, האָט מאָטקע אַרויסגענוממען זיין זילבערנעם טאָרטאַבאַק, אונ מכבד געווען מיט אַפּאַפּיראָס... נאָר קוים האָט דער סוחר אָבגערויכערט דיא האָלפּט פֿון דעם פּאַפּיראָס האָט איהם אָנגעהויבען שווינדלען פֿאַר דיא אויגען אונ געמוזט אַנטשלאָפֿען ווערען*), אונ דאַן פֿלעגט שוין מאָטקע פֿרייא צוגעהן צו דעם סוחר׳ס קעשענע, אונ אַרויס נעהמען וויפֿיעל ער האָט נאָר פֿערמאָגט, אונ אויף דער ערשטער סטאַציע באַלד פֿערשוואונדען ווערען. דיא אַרבייט פֿלעגט איהם אָבער שווער אָנקוממען, דורך דיא פֿיעלע מענשען וואָס פֿלעגען גאַנץ אָפֿט צו זיצען אין וואַגאָן, אונ דעריבער פֿלעגט ער זוכֿען נאָר וואָס גרינגערע וויא צום ביישפּיעל: אויפֿזיצען אויף אַ געשפּאַנטען

*) דער פּאַפּיראָס פֿלעגט זיין מיט חלאָראָפֿאָרם (שלאָף געטראַנק), וואָס דיא ערצטע בענוצען ווען זייא שווערע אָפּעראַציאָנען מאַכֿען.

וועהענדיג... און דער רבי פלעגט איהם שוין שטעקען א קאלטען שלום עליכם... וויא אויך דיא רביצין האט שוין גאר פערגעסען אז ער האט א ווייב... און אויף ר' שלמה'ס ווארטער: רבי ס'איז שלעכט, נישטא קיין פרנסה, האט איהם דער רבי געטרייסט מיט דעם בעוואוסטען רבישען ווארט'ל: גאטט וועט העלפען... עס איז היינט א ביטטערע צייט פיר יעדען.

געקוממען איז אבער אזוי א צייט וואס ר' שלמה האט שוין ניט געהאט אויף דיא הוצאות צום רבי'ן. נוא מילא, וואס'זשע טהוט מען אז מען האט נישט? מען האפט דאך אבער פארט עפעס א ברכה'לע פון רבי'ן, נוא געהט מען טאקי צו פוסס. און אזוי איז טאקי געוועזען מיט אונזער ר' שלמה'ן; ער האט זיך איינמאל אין א קיהלען זוממער טאג גלייך געלאזט געהן צום רבי'ן אכט מייל וועג'ס, און קוים קוים זיך דערשלעפט אויפ'ן דריטען טאג צום רבי'נ'ס הויז. דער גבאי האט איהם אפילו דאס מאל קיין שלום אויך ניט געגעבען, און דער רבי האט איהם צו וויססען געטהון אז דער קאפף טהוט איהם וועה, דעריבער קען ער איהם צו זיך ניט אריינלאזען... און דיא רביצין האט איהם באלד ביים ערשטען הערייגקום צוגעטראגען א גראשען... זיא האט זיך אפילו דערנאך פאראנטווערט, אז זיא האט איהם לחלוטין טאקי גאר נישט דערקענט...

ר' שלמה האט אנגעהויבען וויינען און שלינגען דיא טרעהרען; ער האט איינגעזעהן אז ער האט שוין ביים רבי'ן גאר נישט וואס צו טהון. דיא גוטע בעהאנדלונגען האבען איהם אויסגעריססען שטיקער פלייש פונ'ם הארץ, ער האט פון גרויסע צרות אויסגעדרעהט דעם דישעל (דיא פיסס) און גענומען געהן אהיים מיט דעם וואס ער איז געקוממען.

---

אין דערהיים האבען זיין פאמיליע, וועלכע זיינען בעשטאנען פון א ווייב מיט אכט קינדער געשמאכטעט פון הונגער, און אויסגעקוקט דעם פערזארגער ער זאלל עפיס אהיים ברענגען אלס נדבה פונ'ם רבי'ן פאר זיינע אמאליגע פדיונות... און א חוץ אלעמען וועט ער זיכער קוממען מיט עפעס א'נ-עצה פון דארט, און געוואהנליך מיט א ברכה אז זייער ארעמע לאגע וועט זיך אנהייבען צו פערבעסערן...

נאר שטעלט אייך פאהר אלס ר' שלמה האט געאפענט דיא טהיר, און דיא הונגעריגע פאמיליע זענען איהם אקעגען געלאפען. וויא הונגעריגע וואלפליך האבען זיך דיא קליינע קינדער איבער איהם געשטעלט מיט דעם האפנונג זייער הונגער יעצט איינצושטיללען. נאר ליידער איז

---

פערד און וואגען און גלייך אוועקפאהרען אין איין אנדערע שטאט אריין און דארט פערקויפען א. ד. ג... און ווער וויסט וואס פאר א געשעפטען מאטקע וואלט נאך געוועזן ביז'ן היינטיגען טאג אנגעארבייט ווען ניט דעם קברות יוד'ס אוויים פערד'ל... הארט א מעשה:

אין דער שטאדט ב"ד איז א מנהג אז א קינד שטארבט ר"ל, קוממט צו פאהרען גאדיל דער קברות יוד מיט ז"ו, אלט ווייס פערד'ל מיט א קליין וואגעל, און פערנעהמט דאס קליינע מת'ל אויפ'ן בית עולם. דאס ווייסע פערד'ל איז יעדען בעקענט געוועזן, אז מען האט עס נור דערזעהן האט מען שוין געוואוסט אז וואו דאס פערד'ל וועט זיך אבשטעללען איז דא אין דעם הויז א מת'ל; דאס פערד'ל האט קיין אנדערן וועג ניט געוואוסט וויא נאר צום בית-עולם, ווייל צו קיין אנדערע ארבייט האט מען עס קיינמאל ניט גענוצט, און אט דאס ווייסע קברות פערד'ל האט מאטקען דעם בעריהמטען גנב וואס ער איז נאך אין זיין לעבען אפילו איין טאג ניט געזעססען — פערשפארט אין אסטראג. דיא מעשה איז אזוי געוועזן:

אין א פינסטערע נאכט ווען דער הימעל איז געוועזן באדעקט מיט א שווארצע חמארע, איז מאטקע מיט זיינעם א קאמעראד געגאנגען זוכען עפיס א פערדינסטל... אויפ'ן גאסס איז ניט געוועזן צו זעהן קיין לעבענדיגען נפש, אויסער נעבען א טויער איז זיך געשטאנען דאס ווייסע פערד און וואגעל און געווארט אויפ'ן קברות יוד'ס שטיקל באנאזש... מאטקע האט זיך אבגעשטעלט פון ווייטען און גענומען קוקען.

— וואס קלערסט דוא מאטקע? — האט

אָבער זייער גאַנצע האָפנונג מיט איין מאָל פערשוואונדען געוואָרן; זייא האָבען פלוצים פון זייער פאָטער דערהערט, אַז ער אַליין האָט נאָך היינט אין זיין מויל ניט געהאַט; זיין פרויא האָט זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקעל גוט אויסוויינען, און דיא קינדער האָבען זיך גענוממען אויפ׳ן הויכען קול צו צוחליפען. שלעכט ביטטער איז נעביך געוואָרן דעם אומגליקליכען פאָטער אויף זיין האַרצען, ער האָט פון גרויסע צרות זיך אַריינגעלייגט אין בעט און איז אָפּגעלעגען פיער וואָכען אויף אַ שווערען טיפוס.

אין שטוב איז שוין ניט געוועזען וואָס צו פערקויפען, דאָס טהייערע מעבל האָט מען שוין לאַנג אויסגעביטען אויף אַלטע צובראָכענע ווירטשאַפט; דער ווירטה פון דעם הויז שרייעט, אַז מען וועט איהם ניט אַריינברענגען קיין דירה-געלד, וועט ער הייסען אַרויסנעהמען דיא טיהר און דיא פענסטער; און ווען ניט קיין געלד, שענקט ער איהם פאַר דעם גאַנצען יאָהר דירה-געלד אַבי ער זאָלל אַרויס פון דער דירה.

און וואו זעננען אונזערע בני רחמנים? אָה ברידער! פרעגט גאָר נישט אויף זייא, זייערע האַרצער זעננען אין דער צייט פערשטיינערט געוואָרן; דיא פרומערע קלאַססע וועלכע האָבען פריהער פון ר׳ שלמה׳ן גע-האַלטען עולם ומלואו, האָבען זיך יעצט אין גאַנצען ערווייטערט פון איהם; זייא האָבען נאָכגעזוכט דיא ריכטיגע אורזאַכע פון זיין דלות, און איינער האָט ווירקליך געפונען: אַז ר׳ שלמה האָט אַמאָל אין דיא גוטע יאָהרען געלאַכט פון אַ רבי׳ן... און דערפאַר האָט ער ווירקליך פערדיענט אַזאַ סוף... באַלד איז דיא פוסטע לעגענדע פערשפרייט געוואָרן אין דעם גאַנצען שטאָדט׳ל: אַז ר׳ שלמה איז אַ גרויססר חוטא, און פון אַזאַ מענש דארף מען זיך ערווייטערן, און קיין שום מיטלייד מיט איהם ניט האָבען.

קורץ, פאַר דער עלענדער אומגליק-ליכער פאַמיליע, איז געבליעבען צוויא וועגען: אָדער זיך וואַרפען אין וואַססער, אָדער געהן איבער דיא הייזער...

— וואָס טהוט מען שלמה? — האָט זיין פרויא ביטטער געפראָגט פעבראָכענדיג דיא האַנד און מיט טרעהרען אין דיא אויגען — וואו נעמט מען פאָרט ברויט פאַר דיא קליינע שוואַלבען?

שלמה האָט געאָנטווערט מיט אביטטערן זיפץ, און האָט זיך שטאַרק פערקלעהרט.

— איך זאָג דיר שלמה! אַז ס׳איז גלייכער וויא איך זאָג — האָט דיא פרויא ווייטער גערעדט — גלייכער אַ שאַנד אין פנים, וויא אַ ווייטיג אין האַרץ. מיר וועללען נעהמען דיא פאָקליך אויף דיא פלייצעס און

---

דער קאַמעראַד אַ זאָג געטהון — מען דארף נעהמען דאָס פערד׳ל...

— איך קלעהר — האָט מאָטקע געאָנטווערט אויב איך זאָלל מיטנעהמען דאָס וואָגעל אויך.

— ניט דערוועגען זאָלסט דוא מאָטקע! וואָס טוצט דיר דאָס וואָגעל וועלכעס איז ווערט נאָר אויף האָלץ? אויפ׳ן פערד׳ל זיטץ אויף און גלייך אין וו—ר דאַרף אַריין, און דאָרטען וועסטו געווים האָפען אַ פינף-און-צוואַנציגער, וועט זיין חלעבען אויפ׳ן מאָרגענדיגען טאָג צו לעבען...

מאָטקע האָט ניט לאַנג געטראַכט און זייט פינף מינוט איז ער געזעסען אויף דעם אָבגע-טשעפעטען פערד׳ל, און וויא אַ פייל פון בויגען האָט ער גענומען פליהען.

באַלד האָט אָנגעהויבען גיעסען אַ שלאַגס רעגען, און דאָס פערד׳ל וועלכעס האָט אַ צייט פון פונפצעהן יאָהר אויף זיך קיין מענש ניט גע-טראָגען, האָט שטאַרק גענוממען בריקען, און גלייך זיך געלאָזט צום בית-עולם. מאָטקע האָט זיך שטארק גענוממען ציהאַלטען ער זאָלל ניט אַראָבפאַללען און צושטעטערט ווערען, און דאָס פערד׳ל וועלכעס האָט ניט געוואוסט קיין אַנדערן וועג האָט געהאַלטען אין איין לויפען גלייך אין זיין תיים. אומזיסט האָט זיך מאָטקע געראַנגעלט און געוואָלט צוריקדרעהען דאָס פערד׳ל, עס האָט איהם געוואָרפען וויא אין אַ קדחת, ער האָט אין דער מינוט דיא לעצטע כחות פערלוירען; און נאָך מעהר איז אויף איהם אָנגעפאַללען אַ פחד אַלס ער האָט בעמערקט וויא דאָס פערד׳ל איז גלייך צו צום טויער פון בית-עולם און מיט׳ן קאָפף האָט עס אַ שטאַרקען קלאַפּף געטהון אינ׳ם טיהר׳ל וועלכעס האָט זיך גלייך געאָפּפענט און

די קינדער בייא דער זייט און זיך לאָזען אין דער וועלט אַריין...

—ניין, מיין טהייערע פרויא! — האָט שלמה פּלוצים אויסגעבראָכען מיט אַהערצ־רייסענדע שטיממע און פון זיינע אויגען האָבען געגאָסען קוואַללען טרעהרען — אונזער האָפנונג איז נאָך ניט פערלוירען, איך האָב נאָך דאַנקען גאָטט אַ מיטעל וויא אַרום אונזער ביטטערע לאַגע צו פערריכטען.

— געלויבט איז דער וואָס עוויג לעבט!

— האָט די פרויא מיט שטראַהלענדע בליקען אַ זאָג געטהון — אדרבא מיין מאַנן, לאָמיך האָרען וואָס דוא האָסט אַזעלבעס בעקלעהרט?

— איך האָב בעקלעהרט — האָט שלמה אַ זאָג געטהון — אַז מיין אַלטער צונאָמען זאָלל צוריק דערמאָהנט ווערען... ד. ה. איך וועל מיך צוריק נעהמען צו מיין אַלטע אַרבייט...

וואָס רעדסט דוא מיין טהייערער מאַן!

— האָט די פרויא מיט פרייד אַ זאָג געטהון — און דוא ווערסט נאָך געדענקען דיין אַלטע בלעבּאַרסקע אַרבייט?

— איך דאַרף, און מוז געדענקען, — האָט שלמה ערנסט געזאָגט — אַ מענש מיט געפיהל טאָר ניט פערגעסען, מיין גרעסטע זאָרג איז נאָר וואו מען נאָהמט אויף עטליכע טאָולען בלעך, און די נאָטהיגע כלים וועלכע איך געברויך צו מיין אַרבייט.

— זאָלל דיך גאָט פיהרען צום גוטען. האָט די פרויא געהויבען די האַנד צו הימעל — איך האָב דאָצו אַ מיטעל מיין טהייערער מאַן! נאָר איך ווייס נישט אויב דוא ווערסט מיך וועללען פאָלגען.

— זאָג רבקה! — האָט שלמה געבעטען

— די צייט שטעהט נישט, אויב נאָר וואָס גלייך איז, וועל איך דיך געוויס געהאָרזאַם זיין.

— מיין עצה — האָט רבקה געזאָגט — אַ מיר זאָללען פערקויפען דאָס לעצטע קישען און מיט דעם געלד ווערסטו זיך אין אַ מזל־דיגע שעה נעהמען צו טהון.

שלמה האָט צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּף, און מיט טרעהרען האָט ער מודה געווען אַז די עצה איז ניט שלעכט.

* *
*

די איינענע וואָך האָט מען שטאַרק גערעדט אין דעם שטאָדט׳ל פון דעם אַלט־נייעם בלעכען־מאַכער, אַז זיין אַרבייט מאָג מען טראָגען נאָך פּאַריז אויף דער וויסטאַווע, אַז נאָר טאַקי פערצייטענס זענען געווען גוטע בלעכען־מאַכערס... און דאָס האָבען זייא אַנגעזעהן אין זיין קונסטליכער אַרבייט און ר׳ שלמה האָט צוריק גערופען זיין אַלטען פערגעסענעם נאָמען וועלכער

---

דאָס פערד׳ל איז אַריין און גענומען לויפען גלייך אין שטאַלל אַריין. דאָ האָט שוין מאַטקע געזעהן אַז מיט איהם איז ביטטער, און האָט פלוצים אַ געשרייא געטהון: געוואַלד ראַטעוועט!!!

אויף זיין געשרייא איז אַרויסגעלאָפען דער קברות גוי אינ׳ם שלאָף־קאָסטיאָם... און האָט דערזעהן די סצענע וויא מאַטקע שטאַרבט פון שראַק; און קוים האָט מאַטקע דערזעהן עפּים לויפענדיג אַ ווייסען מענש, איז ער פון שראַק אַראָבגעפאַללען פונ׳ם פערד׳ל און איז געבליעבען ליגען אָהן קראַפטען... ער האָט גערעכענט אַז אַ טוידטער איז איהם געקוממען דערוואָרגען דער־פאַר וואָס ער האָט דאָס קברות פערד׳ל אוועק־געגנבה׳ט...

איבער דער צייט איז דערווייל אָנגעפאָהרען גאַדיל דער קברות יוד איינגעשפּאַנט אַלס פערד׳ל אין זיין וואָגעל. נאָר שטעלט אייך פאַר דאָס איבעררעשונג, אַלס ער איז אַריינגעפאָהרען און האָט פלוצים דערזעהן וויא „פּראַנעק" דער קברות גוי שטעהט איבער אַ ליגענדיגען מענש און פראָגט איהם פון וואַנען ער האָט זיך גענוממען אויף דעם פערד׳ל אַרויף, און קוים האָט גאַדיל אָנגעצונדען אַ שוועבעלע און אַ קוק געטהון דעם האַלב טוידטען פערשוין אין די אויגען, האָט ער פלוצים אַ געשרייא געטהון: געוואַלד דאָס איז דאָך מאַטקע גנב!! לאָמיר איהם בינדען! — האָט גאַדיל בעפוילען — און זיך אָברעכענען מיט איהם וויא איהם קומט...

* *
*

צו מאָרגענס האָט מען געבראַכט מאַטקען געבונדערהייט אין שטאָדט אַריין, און איהם

האָט איהם געבראַכט מזל און ברכה...

ב. בעקערמאַנן.

# אַנעקדאָטען.

## גיט קיין שלעכטע עצה.

— הערר דאָקטאָר! אָט איז אַהאַז — האָט אַ געשריא געטהון זיין דינער וועלכען ער האָט מיט גענומען אויף דער יאַגד.

דער דאָקטאָר האָט גלייך אָנגעשטעלט זיין פיסטאָליעט און האָט אויסגעשאָססען; נאָר לײדער האָט ער שוין צום פינפטען מאָל ניט געטראָפפען און איז דערום האָבסט צאָרניג געוואָרן און זיך גענוממען אַהיים געהן.

— הערר דאָקטאָר! — האָט זיין דינער איהם אַ גוּטע עצה געגעבען — חלעבען אַז איהר וועט נאָך אַמאָל געהן אויף פּאָליעוואַניע, זאָלט איהר בעססער מיטנעהמען פון אייערע מעדיציניש מיטלען... און מיט דערמיט וועט איהר מעהרער הרגה'נען וויא מיט אייער רעוואָלווער...

## אין געריכט.

ריכטער: וואַרום האָט איהר געשלאָגען דיזען מענשען מיט אַ שטאָקען?

שולדיגער: איהר האָרט דאָך הערר ריכטער! איך האָב גראַדע ניט געהאַט מיט קיין אַנדערע זאַך...

ריכטער צאָרניג: אָבער מיט וואָס פיר אַ רעכט האָסט דוא איהם געשלאָגען?!

שולדיגער: ערבאַרמט אייך הערר ריכטער! איך האָב איהם חלילה ניט געשלאָגען מיט קיין שום רעכט; איהר זאָלט איהם ניט גלויבען הערר ריכטער, איך האָב איהם געשלאָגען מיט אַ שטאָקען...

## בעריעלע און שמערעלע.

בערעלע: דוא ביזט דאָך עפּעס אַ שטיקעל פילאָזאָף שמערעלע! גיב מיר צו פערשטעהן צו איז דער הימעל האָבער, צו דיא ערד איז טיעפער?

שמערעלע: אַוודאי איז דיא ערד טיעפער.

בערעלע: פון וואַנען איז דאָס געדרונגען?

שמערעלע: פון וואַנען פראַגסטו? אָט נעם אָן למשל: אַטווידטען אַז מען לייגט אין דער ערד אַריין, דויערט טויזענדטער יאָהרען און מען זעהט איהם ניט צוריק; און קוים ווערט אַ חמאַרע זעהט מען באַלד אַ רעגען און ער פאַלט שוין אויף דער ערד; נו איז דאָך אַ סימן אַז פון הינטען אַרויף איז טיעפער וויא פון אויבען אַראָב...

---

אַוועק געפיהרט אין דעם אָרט וואו איהם קומט.

אָט דאָס איז דער סוף פון אונזערע מיוחסים וועלכע שאָהמען זיך דאָס זייער נאָמען זאָלל ניט פערפלעקט בלייבען מיט דעם וואָרט: „בעל מלאכה".

א. לאַקאַצקי (אויס חארקאוו).

## דער קאָפּף אויפ'ן פענסטער.

דער דובנער מגיד איז אַמאָל אַריין געקוממע צו אַ גרויסען קמצן נאָך אַ נדבה, וועלכען ער פלעגט קיינמאָל אין שטוב ניט טראָפפען; איינמאָל דערזעהט ער דעם קמצן אַראָבקוקען פון פענסטער, דאָ טראַכט ער דאַרף מען צו איהם אַרויפגעהן.

דער קמצן האָט דאָס דערווייל בעמערקט און זיך וויא זיין שטייגער איז בעהאַלטען, און געזאָגט זיין ווייב אַז דער מגיד געהט...

באַלד האָט זיך לאַנגזאַם געאָפענט דיא טיהר, און דער מגיד האָט געפראָגט: וואו איז דער בעל הבית זאָל לעבען?

— דער בעל הבית איז נישטאָ — האָט דאָס ווייב געענטפערט — ער איז יעצט נישט לאַנג אַוועקגעגאַנגען אין גאַסס...

— אין גאַסס... — האָט דער מגיד געשמייכעל'ט — הערט זשע וואָס איך וועל אייך בעטען: איהר זאָלט זאָגען דעם בעל הבית פון מיינעט וועגען, אַז ער וועט נאָך אַמאָל אַוועקגעהן אין גאַסס, זאָלל ער ניט פערגעססען דעם קאָפּף אויפ'ן פענסטער, דען ער קען נאָך חלילה אַראָב פאַללען און געשאָדיגט ווערען...

ש. אַדלער אויס קעשענאוו.

## איינינע וואָרטער צו דיא לעזער.

מיט בעדויערונג מוזען מיר מודיע זיין אונזערע געעהרטע לעזער אַז מיר האָבען דאָס ערשטע מאָל ניט געקענט ערפיללען דיא פינקטליכקייט מיט אונזערן צווייטען העפט: „דער וועלט יתום"; מיר האָבען אַוודאי געוואָלט דיא העפטען הערויסגעבען רעגעלמעסיג אין פערלויף פון זעכס מאָנאַט פון איינעם צום אַנדער'ן, זאָ וויא מיר האָבען זיך פאָהרגענוממען; נאָר לײדער איז אָבער נישט וויא דער מענש וויל, וויא דער עולם זאָגט: דער מענש טראַכט אין דער שטיל, און גאָטט מאַכט וויא ער וויל. דיא אורזאַכע דערפון איז גאָר איינפאַך: וואָס מיר זענען ניט בכח צו פיהרען פון דער ווייטענס קאָרעספאָדענץ מיט דרוקק אונד מיט מוכרי ספרים...

מיט אכטונג דער הערויסגעבער.